STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06132

BARIKHT FUN DER VELT KONFERENTS FAR YIDISH UN YIDISHER KULTUR

World Conference for Yiddish and

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועלט-קאָנפערענץ פאַר ייִדיש
און ייִדישער קולטור

באַריכט פון דער

וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור

פאַרגעקומען אין ירושלים דעם

23סטן — 26סטן אויגוסט 1976

אַרויסגעגעבן דורך דער וועלט־ביוראָ פאַר יידיש און יידישער קולטור

תל־אביב, תשל״ז — 1977

WORLD CONFERENCE FOR YIDDISH AND JEWISH CULTURE

which was held in Jerusalem on 23 — 26.8.1976

Issued by

THE WORLD BUREAU FOR YIDDISH AND JEWISH CULTURE

228, Bnei-Efraim str. Maoz-Aviv, Tel-Aviv, Telephone 470111

Tel-Aviv, 1977

כנס הועידה העולמית למען יידיש ותרבות יהודית

שהתקיים בירושלים בימים 26.8.1976 — 23

בהוצאת

הלשכה העולמית למען יידיש ותרבות יהודית

רח' בני אפרים 228, מעוז־אביב תל־אביב — טלפון 470111

תל־אביב, תשל"ז — 1977

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 36564

אַרײַנפיר

מיר ברענגען דאָ פאַרן יידישן לייענער דעם באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור וואָס איז פאָרגע־קומען אין ירושלים. נישט לייכט איז געווען צונויפצוזאַמלען אַלע מאַטעריאַלן און אַרויסצוגעבן דעם באַריכט. און כאָטש ער איז נישט קיין פולקומער מחמת ס׳פעלן אין אים אַ טייל פון די פלענום־דע־באַטעס און באַזונדערס — די דעבאַטעס אין די פאַרשידענע קאָמי־סיעס, גיט אָבער דאָס בוך אַ גענוג בולט בילד וועגן די גרויסע און ערנסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור אין אונדזער דור, ווי אויך וועגן די מיטלען ווי אַזוי צו שטאַרקן יידיש.

אויך ווען מען וויל בלייבן ביי אַ ניכטערער אָפּשאַצונג פון דער יידיש־קאָנפערענץ און נישט נוצן קיין איבערגעטריבענע ווערטער, מוז מען דאָך אָנערקענען דעם פאַקט, אַז די יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים איז געווען אַ היסטאָרישער צוזאַמענטרעף צווישן יידיש און עברית. די טרעפונג אין ירושלים, דער אייביקער שטאָט פון יידישן פאָלק, האָט אָן ספק אַרויסגערופן ביי זייער פיל די צופרידנקייט וואָס דער־מיט ווערט געמאַכט אַן ערנסטער שריט צו פאַרענדיקן דעם ביטערן שפּראַכן־קאַמף ביי יידן און צו ברענגען צו אַן אויפריכטיקער פאַר־שטענדיקונג צווישן די צוויי קוזשניעס פון דער יידישער קולטור: דער העברעישער און דער יידישער, אַ זאַך וואָס איז פאַר אונדז אַזוי לעבנסוויכטיק.

די יידישע שפּראַך איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און אַ גרויסער נאַ־ציאָנאַלער קנין. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען באַהאַנדלט מיטלען און מעטאָדן צו שטאַרקן די וויטאַליטעט פון דער שפּראַך און זיך נישט צופרידנשטעלן בלויז מיט לינגוויסטישע פאָרשונגען. די הונ־דערטער דעלעגאַטן, געקומענע פון פופצן לענדער, פון פאַרשידענע שאַ־טירונגען און אויפפאַסונגען, האָבן אַלע אָן אויסנאַם אַרויסגעוויזן ווי ווייט טייער זיי האַלטן זייער פאָלקסשפּראַך און וואָסער לעבנס־קראַפט זיי געפינען אין איר.

אויף דער קאָנפערענץ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די רייכע פאַר־גאַנגענהייט און די וויכטיקע דערגרייכונגען פון יידיש לשון. אָבער די גרויסע פראַגע וועלכע איז געהאַנגען איבער די קעפּ פון די דעלעגאַטן איז געווען, וואָס זאָל מען טאָן, כדי יידיש זאָל ווייטער אויספילן אַ צענטראַלע ראָל אין אונדזער קולטור־לעבן.

די קאָנפערענץ האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידיש־מחנה אַ פליכט נישט צו קומען מיט טענות בלויז צו יענעם, נאָר בעיקר צו זיך אַליין; די פליכט זיך איינשפּאַנען אין אַ ווירקזאַמער אַרבעט כדי צו

שטאַרקן אונדזער יידיש־קולטור. די שטרענגע מאָנונג צו זיך אַליין איז דער שליסל צו דער פראַגע: „וואָס וועט געשען נאָך דער וועלט־קאָנ־פערענץ?״ אין דער קורצער צייט זינט די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען (אויגוסט 1976) איז בולט באַוויזן געוואָרן, אַז דאָרט וווּ די אַקטיווע עסקנים האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן יידיש ווי אַ מצוות עשה, דאָרט פילט מען אַז עפּעס האָט זיך גערירט, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַר־בעסערונג. ווער עס האַלט אין זיינע הענט דעם פאַקל פון דער יידי־שער קולטור, פאַרטרייבט מיט אים אַ ביסל פינצטערקייט אין די יידישע געסלעך. די וועלט־קאָנפערענץ האָט אויך געזאָגט, אַז מען קען נישט און מען דאַרף נישט אָפּקומען מיט קרעכצן, נאָר מ׳דאַרף, טאָג איין — טאָג אויס, טאָן אויף דעם געביט. די בעסטע אַרבעטס־פּלענער וועלן נישט העלפן אויפהייבן דעם מעמד פון יידיש אין די תפוצות און אין ישראל, אויב מיר וועלן פאַרבלייבן פּאַסיוו, אויב מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט די געציילטע טרייע אָנהענגער, וואָס טראָגן אין זיך די נאָסטאַלגיע צו דער שיינקייט פון נעכטן. מיר מוזן זיך פאַרמעסטן און אַריינדרינגען מיט יידיש אין נייע קרייזן, אין וועלטלעכע און אין טראַדיציאָנעלע, צווישן פּאָלקס־מענטשן און צווישן אינטעלעקטועלע, דער עיקר צווישן יוגנטלעכע וועלכע זענען לעצטנס מער אויפמערקזאַם כלפי דעם יידישן וואָרט און קלאַנג.

אין דער מחנה פון יידיש האָט די וועלט־קאָנפערענץ אין ירוש־לים געלאָזט הערן אַ טרעוואָגע, אַ וואָרענונג, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטע האָפענונג, אַז מען קען פאַרבעסערן די לאַגע פון יידיש אויף דער וועלט.

זאָל דער באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים, וואָס דערשיינט איצט אין בוך־פאָרם, דינען ווי אַ סטימול צו שטאַרקן די יידישע קולטור אומעטום. דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון די אַלע וועלכע האָבן זיך באַמיט אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

די יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים איז געווען אַ גרויסע יידישע קולטור־געשעעניש און טראַכטנדיק וועגן איר, דערמאָנט זיך דאָס ליד פון רחל קאָרן:

אפשר וועט אייך באַשערט זיין
דערגיין צו דעם אָרט,
וווּ עס דעמערט אַ שמייכל אַ פאַרבלאָסטער
און וווּ ס׳וואָרט
דאָס נישט־דערזאָגטע וואָרט.

יצחק קאָרן

אויגוסט, 1977.

דערעפענונגס־סעסיע

די דערעפענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, איז פאָרגעקומען דעם 23סטן אויגוסט 1977, 8.30 אין אָוונט. דער גרויסער זאַל פון ירושלימער שטאַטישן טעאַטער אויף דער מאַרקוס־גאַס איז געווען פול איבער די ברעגעס. דער עולם איז געזעסן אויף די טרעפ און אין די דורכגענג. ס׳איז געווען אַן אימפּאָזאַנט בילד: אַ ריזיקע מענטשן־מאַסע מיט צעשיינטע פּנימער און אַ דערהויבענעם געמיט, האָט בולט געמאַכט דעם יום־טוב־כאַראַקטער פון מאָמענט, דעם יום־טוב פון יידיש אין ירושלים הבירה.

נאָכן זינגען די ״התקווה״ גיט **יצחק קאָרן** דריי האַמער־קלעפּ, אַ סימן אַז די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן און אין אַ פּייערלעכער שטילקייט זאָגט ער:

דערעפענונגס־רעדע פון **יצחק קאָרן**

כבוד יו״ר ההנהלה הציונית, שר החינוך והתרבות, שרי הממשלה, חברי הנהלת הסוכנות היהודית וההנהלה הציונית, סופרים נכבדים, אנשי ציבור, צירי הועידה, קהל נכבד — לכולכם שלוחה ברכה לבבית לפתיחת הכנס העולמי למען יידיש ותרבות יהודית.

איך וועל בעטן צו באַערן דעם אָנדענק פון מלך ראַוויטש וועלכער איז אָקאָרשט נפטר געוואָרן. עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז אַ יידישע שמחה זאָל זיין געמישט מיט אַ טרויעריקן מאָמענט. ליידער קומט אונדז אויס אָנצוהויבן אונדזער וועלט־קאָנפערענץ מיט ברענגען צום אויסדרוק אונדזער טיפן טרויער איבער דער פּטירה פון דעם גרויסן יידישן דיכטער און וווּנדערלעכן עטישן מאַן, מלך ראַוויטש ז״ל. איבער 60 יאָר האָט ער געבויט און געשאַפן דעם מאָנומענטאַלן בנין פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און ער איז אָן ספק געווען איינער פון די וואָס פאַרקערפּערן איר אויפשטייג און אירע גרויסע דערגרייכונגען. מיר וועלן כסדר זיך דאַרפן אומקערן צו זיין שאַפונג און געניסן פון דער ווערטפולער ירושה וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט.

חשובע דעלעגאַטן און פריינד, מיט פרייד דערעפן איך די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור און נעם אויף יעדן איינעם פון אייך מיט אַ וואַרעמען, ברידערלעכן ברוך הבא. די וועלט־קאָנפערענץ וואָס קומט איצט פאָר איז

ירושלים, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער יידישער שטאָטלעכקייט, סימבאָליזירט אַ שריט פאָרויס אויפן וועג פון פאַרשטענדיקונג און דערנענטערונג צווישן אַלע צדדים אין אונדזער יידישן קולטור־שאַפן.

אונדזער איצטיקע קאָנפערענץ איז אַן אויסדרוק פון אַן אויפריכטיקן ווילן צו פאַרענדיקן דעם ברוגז צווישן עברית און יידיש און צו דערגרייכן אַ פרוכטבאַרע קאָאָפּעראַציע צווישן זיי.

לאָמיר באַגריסן די דאָזיקע דערפרייענדיקע געשעעניש מיטן גאַנצן האַרצן. יידיש האָט הינטער זיך אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט, גרויס איז געווען איר צושטייערביים צעמענטירן דאָס יידישע לעבן. אין די שווערע טעג אין גלות האָט יידיש אויסגעפילט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות. אין משך פון דורות זענען אין יידיש געשאַפן געוואָרן גרויסע קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן. יידיש האָט צוגעטראָגן צו אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור אַן ערשט־ראַנגיקע ליטעראַרישע שאַפונג. די גאָלדענע קייט פון יידישן שאַפן אין אייראָפּע איז איבערגעריסן געוואָרן אין די פינצטערע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיליאָנען יידן פון מזרח־אייראָפּע — דאָס וויגעלע פון דער יידיש־קולטור.

אַ קורצע צייט שפּעטער זענען געקומען די אַכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען פון יידיש אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען עס זענען ברוטאַל אויסגעראָטן געוואָרן די דאָרטיקע שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור. צוליב די דאָזיקע אומגליקן זענען געקומען יאָרן פון טיפער אַסימילאַציע ביי די יידישע מאַסן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דעם אייגענעם וואָרט, פון דעם אייגענעם לעבנס־נוסח, און די עצם־עקזיסטענץ און המשך פון דער יידישער קולטור איז געשטעלט געוואָרן אין אַ געפאַר.

אויב יידיש זאָל חלילה אונטערגיין, וועט עס זיין אַ גוואַלדיקער פאַרלוסט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, פאַר אונדזער קולטור־אוצר. אויך מדינת ישראל וועט ליידן דערפון, ווייל מיט אירע קולטור־ווערטן האָט יידיש אויסגעפילט די ראָלע פון אַ ווירקזאַמען פאַקטאָר קעגן דער צעשפּליטערונג און אָפּפרעמדונג.

יידיש איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קנין און מיר אַלע דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט צו זוכן מיטלען ווי אַזוי אים אָפּהיטן און שטאַרקן.

מיר ווילן טאָקע באַטאָנען ביי דער דערעפענונג פון דער דאָזיקער וועלט־קאָנפערענץ, אַז אונדזער אויפגאַבע איז נישט אָפּצוקומען בלויז מיט לויב־געזאַנגען פאַרן נעכטן, פאַר דעם וואָס ס'איז אַמאָל דערגרייכט געוואָרן. מיר שטרעבן צו דעם אַז די קאָנפערענץ זאָל ווערן אַ ווענד־פּונקט אויפן וועג צו פּראַקטישע מעשים, וואָס זאָלן פאַרפעסטיקן די יידישע קולטור. אונדזער צוזאַמענטרעף דאַרף זיין באַפליגלט דורך אַ וויזיע פון גרויסע און וויכטיקע אויפטוען.

איינע פון די אויפגאַבן פון דער וועלט־קאָנפערענץ איז אָן ספק צו דערגרייכן פאַר יידיש און פאַר דער יידישער קולטור דעם געהעריקן פּרעסטיזש אין דעם יידישן לעבן, מער אַנערקענונג מצד דאָמינירנדיקע פאַקטאָרן אין ישראל און די תפוצות. ווייל יידיש איז נישט קיין פרעמדע שפּראַך. גלייכצייטיק מוזן מיר אַנ־

ווענדן אונדזערע אָנשטרענגונגען אויף רעאַליזירן קאָנקרעטע מעשים און נישט נאָר קומען מיט טענות צו אַנדערע. מיר אַליין מוזן זיך קודם כל מאָביליזירן.

יידישע דערציאונג דאַרף ווערן איינע פון אונדזערע הויפּט־דאגות. עס דאַרף פאַרזיכערט ווערן די פאַרשפּרייטונג פון דעם יידישן בוך. ס׳דאַרף געשטאַרקט ווערן די יידישע פּרעסע. עס דאַרף געלייגט ווערן דער יסוד פאַר אַן ערנסט יידישן קונסט־טעאַטער און מ׳דאַרף אַלץ טאָן כדי אָפּצוהיטן דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, וואָס יידישע קולטור איז איר בעסטער אויסדרוק.

די דאָפּלטע אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ — וויזיע און פּראַקטישקייט, קען דערגרייכט ווערן, ווען מיר אַלע דאָ פאַרזאַמלטע — טראָץ אונדזערע פאַרשידענע פּאָליטיש־אידעישע ניואַנסן און שאַטירונגען — וועלן זיין געאייניקט און אַלע צוזאַמען מאַכן די געהעריקע באַמיאונגען צו דערגרייכן די וויכטיקע צילן וואָס שטייען פאַר אונדז. זאָל די קאָלעקטיווע אחריות פאַרן גורל פון דער יידיש־קולטור שטיין פאַר אונדזערע אויגן.

מיט אַ געפיל פון טיפער אחריות וואָס ליגט אויף יעדן איינעם פון אונדז, דער־קלער איך די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור פאַר געעפנט.

*

מיינע פריינד, מיר האָבן באַקומען אַ רייע באַגריסונגען, זייער וואַרעמע, וויכ־טיקע. איך וועל אָבער פאַר אייך נאָר פאַרלייענען איין באַגריסונג פון דעם פּרע־זידענט פון דער מדינה.

„למשתתפי הועידה העולמית ליידיש ולתרבות יהודית שלוחה בזה ברכתי החמה. התכנסות הועידה בישראל הינה עדות חיה לכבוד ההדדי השורר במחנות העברית והיידיש בימינו. יתר על כן מן הראוי לציין שבישראל, יותר מאשר בכל מקום אחר בעולם, משגשגת כעת ביידיש יצירה וספרות גדולה ובלשון זו מופיעים כתבי־עת מצויינים וספרים במספר מרשים. התרבות עתיקת־היומין של העם היהודי לא תתואר ללא היצירה היידית, הנמנית עם מיטב היצירה האמנותית והספרותית של עם ישראל. תבואו איפו על הברכה על שאתם מתכנסים בירושלים, בירת ישראל, לדיון על הדרכים לשימור היצירה היהודית ביידיש ועל הדרכים להפצת המעמד שלה שמורה בלב רבים מאתנו פינה חמה ויקרה.

אפרים קציר״.

מיר וועלן אויך שיקן ביי דער געלעגנהייט דעם פּרעזידענט אַ ברכה און אַ רפואה שלימה.

מיינע פריינד, מיר האָבן אייניקע זייער וויכטיקע ברכות און באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ, אָבער צום אַלעם ערשטן גיב איך דאָ אַ וואָרט אונדזער גאַסט־געבער — דעם ראש העיר פון ירושלים — טעדי קאָלעק.

דאָס פּרעזידיום און די ערן־טריבונע בעת דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ

דאָס וואָרט פון ירושלימער ראש העיר **טעדי קאָלעק**

חשובער פּאָרזיצער, חשובער פּרעזידיום און פריינד,

דאָס איז מיין ערשטע יידישע רעדע אין די 40 יאָר וואָס איך בין אין ארץ ישראל. און איר דאַרפט מיר אַנטשולדיקן פאַר דעם שלעכטן יידיש וואָס איך רייד.

פאַר מיר אַליין, און פאַר אונדז אין ירושלים, איז זייער וויכטיק וואָס איר זענט אַהער געקומען — צוליב אַ סך סיבות. דער אמת איז אַז יידיש איז נישט קיין זייער פאַרשפּרייטע שפּראַך אין ירושלים. 70 פּראָצענט פון די יידן וואָס וווינען דאָ, זענען איינוואַנדערער פון די אַראַבישע און איסלאַמישע לענדער. זיי זענען געקומען פון 1948 ביז היינט. דער עלטערער ישוב, פון פאַר 1948, איז אויך געווען על פּי זיין רוב, אַ ספרדישער און נאָר אַ קליינער טייל פון ישוב איז באַשטאַנען פון געקומענע פון איירָאָפּע, אָדער פון לענדער ווו מען האָט גערעדט יידיש.

איך גלייב, אַז ס'איז וויכטיק וואָס מען הערט יידיש אין ירושלים צוליב די אַלע סיבות וואָס דער חבר קאָרן האָט געזאָגט מיט צוויי מינוט צוריק.

ווי איר ווייסט זענען פון צען מאָסן שיינקייט, ניין טיילן געגעבן געוואָרן צו ירושלים. אָבער אויך פון צען טיילן צרות, זענען ניין געקומען קיין ירושלים. איינע פון די צרות, נישט פון די וויכטיקסטע, אָבער איינע פון די צרות איז, אַז מיר זענען נישט אָנערקענט פון דער גאַנצער וועלט. מיר זענען זיכער נישט אָנערקענט פון דער אַראַבישער וועלט; מיר זענען נישט אָנערקענט פון אַ סך רעגירונגען און אַ סך מאָל גלייב איך אַז אויך די ישראלדיקע רעגירונג אָנערקענט נישט ירושלים ווי די בירה פון דעם לאַנד.

דאָס וואָס איר זייט געקומען מיט דער יידיש־קאָנפערענץ און האָט אָנערקענט ירושלים, פאַר דעם דאַנק איך אייך.

באַגריסונגס־רעדע פון **יוסף אַלמוגי**

אדוני יו״ר, שר החינוך, רבותי השרים, סופרים, משוררים, אורחים נכבדים, טייערע פריינד, איידער איך וועל אָנהייבן מיין באַגריסונג, וויל איך מאַכן אַ קליינעם וידוי אין צוויי זאַכן: ערשטנס, מיר, ישראלדיקע, האָבן נישט קיין צו לייכט לעבן. מיר, די וועטעראַנען פון ישראל, געדענקען שלעכטע צייטן. מיר ווייסן אויך פון גוטע צייטן, אָבער ס'זענען דאָ מאָמענטן אין אונדזער לעבן ווען מיר וואַקסן אַ ביסל פון נחת, מיר ווערן אַ ביסעלע שטאָלצער, מיר ווערן אַ ביסעלע העכער. ווי צום ביישפּיל אין די לעצטע פאַר וואָכן ווען אונדזער מיליטער האָט באַפרייט צענדליקער יידן פון אוגאַנדע, וועלכע ווערט רעגירט פון אַ משוגענעם. ווען איך בין געקומען מיט 47 יאָר צוריק קיין פּאַלעסטינע, האָב איך געטרוימט וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער איך האָב נישט געגלייבט אַז דאָס וואָס איך טרוים וועט אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן. וואָלטן היינט צו טאָג אין אַמעריקע געווען נישט 5 מיליאָן אָדער 6 מיליאָן יידן,

נאָר עס וואָלטן דאָרט געווען אַפילו 30 מיליאָן יידן און דאָס זעלביקע אין ענג־לאַנד, אין פראַנקרייך און אַזוי ווייטער און ווייטער, וואָלטן זיי בשום אופן נישט געקענט באַווייזן דאָס וואָס אונדזערע פליער האָבן באַוויזן אין ענטעבע. דאָס איז דערפאַר ווייל דאָרט זענען מיר אין גלות און אין ישראל זענען מיר ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער מדינה.

מיליאָנען יידן זענען פאַראַן אין דער וועלט און קיינער האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן צו ראַטעווען די פאַרכאַפּטע דורך די טעראָריסטן. אָבער דאָ, אַ קליין מדינהלע פון 3 מיליאָן יידן — נישט מער ווי 3 מיליאָן יידן — אָבער אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, אַ מדינה מיט אַ מיליטער, מיט אַ געזעלשאַפט, מיט אַלעס וואָס אַ מדינה האָט — מיר האָבן עס געקענט מאַכן.

מיר האָבן דערמיט באַוויזן אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט, אַז מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן דעם טעראָר. מיר האָבן באַוויזן דער וועלט נאָך איין זאַך: ווו עס זאָל נישט זיין, אין וועלכן לאַנד עס זאָל נישט פּאַסירן, ווען מ׳הייבט אָן צו דריקן יידן, ווען מען הייבט אָן נאָך אַ מאָל צו ווירקן קעגן אונדזערע ברידער ,איז דאָ אַ יידישע מדינה וואָס וועט רעאַגירן.

האָבן מיר געהאַט נחת. זענען מיר אַ ביסעלע העכער געוואָרן. איך גלייב אַז עס איז נישטאָ קיין ייד אין דער וועלט, וועלכער איז נישט געוואַקסן נאָך דעם ווי ער האָט געהערט די ידיעה פון אוגאַנדע — וועלכער איז נישט שטאָלצער געוואָרן.

האָבן מיר נחת פון צייט צו צייט. לאָמיר נעמען אַן אַנדערע זאַך: איך געדענק יידיש. איך בין דערצויגן געוואָרן אויף יידיש. איך געדענק ווען איך בין געווען אין אַרגענטינע און אין בראַזיל און אין אורוגוואַי און אין די שטאַטן, זענען דאָרט גע־ווען מיליאָנען יידן וואָס האָבן גערעדט יידיש. און איצט האָבן מיר אַ וועלט־קאָנ־פערענץ אין דער פעסטונג פון יידיש — ישראל. און עס איז נישט קיין צופאַל. ווייל מיר קענען רעדן העברעיש, דענקען אין העברעיש, לערנען העברעיש, אָבער מיר זענען פאַר יידיש, ווייל מיר זענען יידן.

דאָס איז ערשטנס. צווייטנס — וועל איך אייך זאָגן דעם אמת אַז אין אַלגע־מיין לייען איך נישט קיין באַגריסונגען. איך לייען נישט אַפילו מיינע רעדעס. אָבער היינט אָוונט ,אין אַ פייערלעכן אָוונט, האָב איך אָנגעשריבן מיין באַגריסונג און עס קאָן גאָר זיין אַז אין אין שריפט וועט מיין יידיש זיין אויף אַ מדרגה.

רבותי, מיט גרויס צופרידנקייט האָב איך אָנגענומען די פאַרבעטונג פון אָר־גאַניזיר־קאָמיטעט זיך צו באַטייליקן אין דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידיש־קולטור און צו ברענגען די באַגריסונג פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועג־גונג און פון דער סוכנות, ד.ה. פון גאַנצן יידישן פאָלק, צו דער דאָזיקער יידישער פאַרזאַמלונג. דער פאַקט וואָס די דאָזיקע קאָנפערענץ קומט פאָר אין ירושלים אין דער אייביקער הויפּט־שטאָט פון דער יידישער מדינה און פון דעם יידישן פאָלק איז פון אַ גרויסער באַדייטונג. אמת איז אַז דאָ אין ירושלים קומען פאָר אַ סך וועלט־

קאָנפערענצן און דערהויפט דאָס לעצטע יאָר, ווען יידן קומען אַהער מאַניפעסטירן זייער סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל און מיטן ציוניזם אַלס ענטפער אויף די באַקאַנטע רעזאָלוציעס פון אונ״אָ קעגן ציוניזם און קעגן מדינת ישראל. אָבער די דאָזיקע קאָנפערענץ, וואָס ווערט היינט דערעפנט, טראָגט אַ ספּעציעלן כאַראַקטער און אין אַ סך הינזיכטן איז זי די אייגנאַרטיקסטע קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ זינט אַ סך יאָרן.

זי, די קאָנפערענץ, קומט מאַניפעסטירן נישט בלויז די סאָלידאַרישקייט פון יידישן פאָלק קעגן דרויסנדיקע שונאים, נאָר זי קומט מאַניפעסטירן דעם ווילן ענגער צו מאַכן די צוזאַמענאַרבעט פון גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק דווקא אויף דעם סאַמע איידלסטן געביט פון יידישן לעבן — אויפן געביט פון דער יידישער קולטור.

פאַר דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט און פאַר דער יידישער מדינה, שטייען היינט גרויסע קאָמפּליצירטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן — פון איין זייט, דער הייליקער חוב צו שטאַרקן די יידישע מדינה, סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש און סיי מאָראַליש. און דער עיקר — צו שטאַרקן די עליה וואָס איז דער יסוד פון קיום און פון דער צוקונפט פון מדינת ישראל אין דער תקופה אין וועלכער מיר לעבן, איז דאָס דאָזיקע דער געבאָט פון דער שעה און נישט בלויז פאַר ציוניסטן, נאָר פאַר יעדן ערנסטן און אחריותדיקן נאַציאָנאַלן ייד. אָבער נישט ווינציקער וויכטיק איז די זאָרג פאַרן יידישן לעבן און פאַר אויפהאַלטן יידישקייט אין יעדן אָרט, אין יעדן לאַנד און אין יעדן ישוב, ווו נאָר יידן לעבן. און אין לעצטן סך הכל זענען ביידע פראָנטן — דער פראָנט פון מדינת ישראל און דער פראָנט פון געראַנגל פאַרן יידישן קיום — ענג פאַרבונדן און דערגאַנצן זיך איינער דעם צווייטן.

דאָס גרעסטע פּראָבלעם אין די גלות־לענדער איז היינט דאָס פּראָבלעם פון אַסימילאַציע און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן. אָפּגעפרעמדטקייט פון גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק, אַפּאַטיע, גייסטיקע פוסטקייט, געמישטע חתונות און נאָך אַזעלכע זאַכן פאַרקריפּלען און צעפרעסן גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק.

אין אָט דעם גרויסן שווערן געראַנגל קעגן דער גייסטיקער ירידה און אָפּטמאָל אפילו קעגן דער מוראדיקער פאָלקס־ליקווידאַציע, דאַרפן פאַראייניקט ווערן אַלע נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטלעכע כוחות אין יידישן פאָלק אין אַלע לענדער, און אין אַלע קהילות ווו יידן לעבן.

מיר ווייסן וויל וואָס יידיש איז, וואָס יידישע קולטור, יידישער חינוך האָבן געטאָן צו שטאַרקן יידיש לעבן און צו סטימולירן יידישע שעפערישקייט אין דעם איצטיקן דור. און מיר ווייסן אַז אויך היינט איז נאָך יידיש, ביי אַלע שוועריקייטן און געראַנגלען וואָס זי מאַכט דורך, אַ וויכטיקער פאַרטנער אין דעם דאָזיקן גע־ראַנגל פאַרן יידישן קיום.

טייערע פריינד, די ציוניסטישע באַוועגונג וואָס זעט אין דעם אויפלעב פון העברעיש דעם יסוד פון דעם גייסטיקן רענעסאַנס פון יידישן פאָלק, וואָס איז אומ־

צוטיילבאַר פון דעם פּאָליטישן רענעסאַנס זיינעם, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט טאָג נאָך טאָג אויפן באָדן פון ישראל, אָט די באַוועגונג פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק וויל אויך אָפּשאַצן די היסטאָרישע ראָל פון יידיש און איר גייסטיקן פאַרמעג אין אונדזער פאָלק. דעריבער, איז אונדזער באַגריסונג און אויס־דרוק נישט בלויז פון העפלעכקייט און גאַסטפריינדלעכקייט, נאָר אַ האַרץ־אויס־דרוק צו נאָענטע און אייגענע יידן וואָס זענען געקומען פון גאָר דער וועלט, ווי אויך אַ באַווייז פון אָנערקענונג פאַר יעדן קאָנסטרוקטיוון אויפטו אויפן געביט פון יידישער אייניקייט אינעם יידישן גייסטיקן לעבן. גלייכצייטיק זענען אָט די רייד אַן אינטימער ווונטש און אַ האָפענונג וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער קאָנפע־רענץ, אַז עס זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן קאָנקרעטע מעשים לטובת דער יידישער קולטור און לטובת אַלעם וואָס קען שטאַרקן און צעמענטירן דעם אייגנאַרטיקן פּילן פון יידישן פאָלק. זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק, זאָל לעבן יידיש.

עברית און יידיש שטייען אויף איין פראָנט...

רעדע פון שר החינוך אהרן ידלין

חשובער פּרעזידיום, חשובע און טייערע דעלעגאַטן און געסט, מורי ורבותי,

ס׳איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער זכות צו באַגריסן אין נאָמען פון דער ישראל־רעגירונג די אָנטיילנעמערס פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, וואָס עפנט זיך היינט אין דער אייביקער און איינציקער הויפּשטאָט פונעם פאָלק, פון אַלע שבטים פון פאָלק — אין ירושלים.

ווען כ׳האָב דערהאַלטן אייער פאַרבעטונג זיך צו באַטייליקן אין דאָזיקן כנס, האָב איך זיך געזאָגט: ווי ווונדערלעך און פאַרבאָרגן זענען אָפטמאָל די וועגן פון דעם דאָזיקן פאָלק, וועלכער איז אַ יחיד במינו און ווי מאָדנע איז, פון צייט צו צייט, דער גורל פון די לשונות פון דאָזיקן צעשפּרייטן פאָלק און פונעם גלות.

אין זיבעציק לשונות האָט דאָס יידישע פאָלק געחלומט און געשטורעמט ציון און ירושלים, אָבער בלויז אין איין לשון האָבן זיינע קינדער געקעמפט פאַר איר גאולה און פאַר איר באַפרייאונג — אין עברית. אַ דאַנק העברעיש, מיט אַלץ וואָס איז מיט העברעיש פאַרבונדן און וואָס העברעיש סימבאָליזירט, האָבן מיר זוכה געווען צוריק־צוקערן זיך אין ירושלים און אין זכות פון די וואָס זענען איר געווען געטריי קענען מיר אויך אָפּהאַלטן דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר פאַר יידיש און איר קולטור.

דאָס איז אָן ספק אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס שליסט אָפּ אַ קאַפּיטל און עפנט אַ ניי קאַפּיטל אין די פאַרוויקלטע באַציונגען צווישן דער העברעישער און דער יידישער שפּראַך.



דער עולם אין טעאַטער־זאַל בעת דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ

ס'איז אמת, אַז אונדזערע גרעסטע שאַפערס איןביידע לשונות האָבן אָפט גע־שאַפן גלייכצייטיק אין ביידע שפּראַכן און האָבן געשעפּט פון די זעלבע קוואַלן, אָבער מ'שט תמיד האָט צווישן זיי געהערשט אַ בונד און שטאַרק איז געווען דער יצר פון מחלוקת. אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ מיט 68 יאָר צוריק האָט זיך צעפלאַקערט דאָס פייער פון שטרייט, אָפט מאָל אַפילו אַ מיאוס פייער, צווישן ביי־דע שוועסטער־לשונות: צווישן דער „איינציק פאַרבליבענער" ד.ה. דער העברעישער שפּראַך, וועלכע האָט אין יענער צייט געקענט בלויז חלומען דעם חלום פון דער צוקונפט און פון דער אויפלעבונג, און דעם יידישיזם, נישט ווי אַ שפּראַך, נייערט ווי אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגעשפּאָט פון די טרוימערס און האָט זיי באַקעמפט אין נאָמען פון דער זיכערקייט אין זיך און פון דער כלומרשט פאַרזיכערטער קעגנ־וואַרט. און אָט האָבן זיך די יוצרות געביטן: די שפּראַך פון דער צוקונפט איז גע־וואָרן די שפּראַך פון דער קעגנוואָרט, וואָס ווערט גערעדט דורך אַלע טיילן פונעם פאָלק, וועלכע זענען צוריקגעקומען אין זייער היסטאָריש לאַנד. און די שפּראַך פון דער דעמאָלטדיקער קעגנוואָרט שטייט היינט אין אַ טראַגישער איינזאַמלונג־מלחמה, כדי צו פאַרזיכערן איר קיום.

לאָמיר זאָגן: אַך און ווי צו די באַזיגטע, אָבער אויך צו די זיגערס, ווייל נישט אויף אַזאַ מין נצחון האָבן געהאָפט די וואָס האָבן געחלומט וועגן דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך. צוזאַמען מיט די קינדער פון יידישן פאָלק, וואָס זע־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש אין די נאַצישע קאָלכאָויוונס, זענען ביידע שפּראַכן אַוועק מיטן פייער. דעם חלל וואָס האָט זיך געשאַפן אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. דעם מאַטעריעלן און דעם גייסטיקן, וועלן לאַנגע דורות נישט קענען אויספילן. מיר קענען מער נישט לעבעדיק מאַכן די יידישע קהילות, וועלכע זענען אין שרעקלעכן חורבן אומגעבראַכט געוואָרן; מיר קענען אָבער יאָ אויפהיטן זייער גייסט און זייער רייכע און הערלעכע קולטור. דאָס איז די פליכט און די אחריות פון מדינת ישראל.

ס'איז אַ טעות צו טראַכטן, אַז ס'רעדט זיך דאָ בלויז וועגן אַן ערן־פליכט כלפּי דעם עבר, פּאַקטיש רעדט זיך דאָ וועגן דער צוקונפט פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס איר כאַראַקטער און עשירות זענען אָפּהענגיק אין דעם צי מיר זענען בכוח אָנצושפּאַנען אונדזער גייסטיקן בויגן אויף צוריק, צו אַלעם הערלעכן און שיינעם וואָס דאָס יידנטום האָט געשאַפן אין משך פון זיין גאַנצער געשיכטע און אין אַלע זיינע וואַנדער־לענדער. וואָס טיפער ס'וועט אָנגעשפּאַנט ווערן דער בויגן אויף צוריק, אַלץ ווייטער וועט גרייכן אונדזער קולטור־פייל וואָס ווערט דאָ און איצט געשאַפן. און אונדזער בויגן דאַרף אַרומנעמען אַלע קאָלירן פון אונדזער יידישער קולטור, אין וועלכער שפּראַך זי זאָל נישט האָבן געשאַפן געוואָרן.

מורי ורבותי! מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק האָט דער וועלט־קאָנגרעס פונעם צפון־אַפריקאַנער יידנטום, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ישראל, באַהאַנדלט אַ סך טעמעס, צווישן זיי שטאַרק אָנגעוויטיקטע, וואָס שייך דער ישראל־געזעלשאַפט. אָבער די עיקר־טעמע איז געווען: די זאָרג צו פאַרזיכערן די גייסטיקע און קולטור־

רעלע ירושה פון דעם דאָזיקן אַלטן און אַנגעזעענעם יידישן קיבוץ, וואָס דער גרעס־טער טייל פון זיינע קינדער זענען עולה געווען קיין ישראל. אויבנאויפיק איז נישטאָ קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן יענער קאָנפערענץ און דער היינטיקער. אָבער בלויז אויבנאויפיק, פּאַקטיש דערגאַנצן זיך דיביידע געשעענישן איינע די אַנדערע.

ס'איז שוין געוואָרן אַן ענין פון רוטין צו זאָגן, אַז ישראל דאַרף זיין דער גייס־טיקער צענטער פון יידישן פאָלק. ישראל איז שוין היינט צו טאָג אַזאַ צענטער, שוין צוליב דעם אַליין וואָס אין איר און נאָר אין איר זאַמלען זיך צונויף אַלע טיילן פון פאָלק. און דעריבער דאַרף זי אויך נעמען אויף זיך דעם עול איינצוזאַמלען אַלע קולטור־אוצרות וועלכע ס'האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די יידן פון אַלע זייערע אָפּ־שטאַם־לענדער. דאָס איז אַ דערהויבענע אויפגאַבע, אָבער אויך זייער אַ שווערע, היות ווי זי ליגט בלויז אויף דריי מיליאָן יידן, אָדער בעיקר אויף דריי מיליאָן יידן, וועלכע מוזן גלייכצייטיק פאַרזיכערן זייער סוווערענע, זייער נאַקעטע עקזיסטענץ. ווי אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע פּראָצעסן אויף וועלכע כ'וויל זיך דאָ נישט אָפּ־שטעלן, האָבן מיר נישט קיין אַנדער ברירה ווי נאָכצופאָלגן אין דער זעלבער צייט די דאָזיקעביידע צילן. דאָס וואָס וועט אין דעם פּרט נישט געמאַכט ווערן דורך אונדז, מיט דער הילף פון די לעצטע רעשטן פון די טרעגערס פון דער יידישער קולטור אין אַלע אירע שאַטירונגען און לשונות אין גלות, וועט פשוט נישט גע־טאָן ווערן.

ליידער האָבן מיר נישט אין דער יידישער וועלט קיין קאָנקורענטן אויף דער קרוין פונעם גייסטיקן צענטער. דער יידישער גלות היינט צו טאָג איז נישט מסוגל צו פאַרזיכערן מיט זיינע אייגענע כוחות אַפילו דעם המשך פון זיין אייגענער קול־טור־ירושה, נישט אין יידיש, נישט אין עברית און נישט אין קיין שום אַנדער שפּראַך. און אַוודאי איז ער נישט מסוגל צו פאַרזיכערן דעם המשך פון דער יידישער קולטור אין איר פולן היסטאָרישן פאַרנעם.

אַוודאי איז, למשל, שוין היינט ישראל דער וויכטיקסטער שעפערישער צענ־טער פון דער יידישער קולטור און דער יידישער שפּראַך, הן וואָס שייך פאָרש־אינסטיטוטן, הן וואָס שייך ביכער־פאַרלאַגן, הן וואָס שייך טעאַטער־פאָרשטעלונ־גען, וואָס זייער קוואַליטעט איז וואָס אַן אמת פון צו זיין אַ באַפרידיקנדיקע, און אויך וואָס שייך אַנדערע אויפטוען. דאָס זעלבע איז גילטיק וואָס שייך דעם פאָרשן די רייכע קולטור־ירושה פון ספרדישן יידנטום און פון די יידן פון די איס־לאַמישע לענדער, אַ פאָרשן וואָס איז ערשט אין אָנהייב וועג, אָבער וואָס וועט אונדז אַלעמען איבערראַשן מיט זיין ספּעציפישן צושטייערביים אויספורעמען דאָס גייס־טיקע פּנים פון דער ישראל־געזעלשאַפט. מיט אַ יאָר צוריק זענען, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל, עקזאַמינירט געוואָרן תלמידים, הי געבוירענע און הי דערצויגענע, ביי די מאַטורע־עקזאַמענס אויך אין דער יידישער שפּראַך און מיר גרייטן אויך צו דאָס לערנען אַן אַנדער יידיש־לשון — לאַדינאָ. דאָס היינט־צייטיקע עברית איז געגנוג שטאַרק און זיכער אין זיך כדי אַרויסצוווייזן ברייט־

האַרציקייט — און נישט צוליב גרויסהאַלטן זיך — לגבי אַנדערע שפּראַכן פון יידן.

חשובער עולם, כ'בין געבעטן געוואָרן צו באַגריסן דעם דאַזיקן צוזאַמענפאָר, נישט אַנצוצייכענען זיין וועג און אַוודאי נישט אָנצווייזן די מיטלען מיט וועלכע מ'דאַרף און מ'קען שטאַרקן יידיש און איר קולטור. איר האָט גוט געטאָן מיט דעם וואָס איר האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צום תחום פון דער שפּראַך. די שפּראַך איז אפשר דאָס האַרץ פון יעטוועדער קולטור. זי איז אָבער בלויז איין זייט פון איר. אויב ס'איז נישטאָ קיין בליענדיקע און קאָלירפולע קולטור־שאַפונג, וועט אויך סוף כל סוף די שפּראַך פאַרוועלקט ווערן. איך ווייס, אַז די יידיש־רעדערס איז נאָך, אויך נאָך דעם גרויסן בראָך, פאַרבליבן אַ פּאָטענציאַל וואָס איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, הן אין ישראל, הן אין די גלות־לענדער. מיר דאַרפן זוכן אַלע וועגן אויסצונוצן דעם דאָזיקן פּאָטענציאַל און אים באַרייכערן. די פראַגע איז בלויז: ווי אַזוי און מיט וואָס?

אָט דער דאָזיקער פראַגע וויל איך שענקען דעם לעצטן טייל פון מיינע רייד. כ'וועל נישט רעדן וועגן דעם „ווי אַזוי". וועגן דעם וועט איר דיסקוטירן אין לויף פון דער קאָנפערענץ. איך וועל זיך קאָנצענטרירן אין דעם „מיט וואָס", נישט צעטיי־לנדיק אים אין קיין פּאַראַגראַפן און אונטער־פּאַראַגראַפן. לויט מיר דאַרפן מיר אויפבויען אַ בריק אין צוויי ריכטונגען; דאָס הייסט איניצירן דאָס צונויפזאַמלען און דאָס איבערזעצן דאָס בעסטע פון דער יידיש־שאַפונג אויף העברעיש. אויף אַזאַ אופן וועט פאַרזיכערט ווערן איר אייביקייט און מיט דער צייט וועט זי פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַן אָרגאַנישן חלק פון דער קולטור וואָס וועט געשאַפן ווערן אין מדינת ישראל. די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די ריזן פון דער יידישער ליטע־ראַטור זענען ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין די לערן־פּראָגראַמען פון ליטעראַטור אין די ישראלדיקע חינוך־אַנשטאַלטן.

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער בריק און אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, דאַרף אויסגעבויט ווערן די בריק פון דערנענטערונג פון דער העברעישער און ישראלדיקער שאַפונג פאַר אַלע יידיש־לייענערס און אויך דאָס דורך איבערזעצונגען. די ליטע־ראַטור איז נישט דאָס איינציקע מיטל צו פאַרשפּרייטן קולטור. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מיר דערמוטיקט דאָס אויפשטעלן אין ישראל אַ קינסטלעריש טעאַטער אין יידיש. דער פּרווו האָט זיך נישט איינגעגעבן. ס'איז נאָך אָבער פאַראַן אַ לעבנס־באַדערפעניש צו שאַפן און אויפצוהאַלטן טעאַטער־פאַרשטעלונגען אין יידיש. דעריבער האָב איך געזוכט אַ וועג, צוזאַמען מיטן העברעישן נאַציאָנאַלן טעאַטער „הבימה", צו אָרגאַניזירן און דורכצופירן טעאַטער־פאַרשטעלונגען אויף אַ געהע־ריקן ניוואָ אין יידיש אין ישראל און אין די תפוצות. דער נאמנים־ראָט פון דער „הבימה" האָט מסכים געווען איבערצוגעבן דעם הער ישראל בעקער אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע און אים צוהעלפן אויף פאַרשידענע אופנים זי דורכצופירן.

און אחרון אחרון: זעט נישט ישראל ווי דאָס אויסשליסלעכע, אָדער אַפילו צענטראַלע אָרט פון אייער טעטיקייט. נישט מחמת דעם, וואָס ישראל דאַרף חלילה

שטיין מחוץ פון דעם דאָזיקן תחום. אייער אמתער עקזאַמען וועט באַשטיין אין דעם, צי ס'וועט אייך געלינגען צו מאָביליזירן אַלע כוחות, וואָס זענען נאָך פאַר־בליבן אין גלות, כדי אויפצושטעלן אַ דאַמבע — און זאָל געבענטשט ווערן יעדע דאַמבע — וואָס זאָל אויפהאַלטן די אַסימילאַציע־שטראָמען, וואָס דראָען מיטצו־שלעפן מיט זיך איטלעך לעבעדיק און אָטעמדיק קעמערל פון יידישן קיום וואָס האָט אַ ווערט און אַן אינהאַלט. אינעם היינטצייטיקן גלות איז נישט עברית דער שונא פון יידיש פונקט ווי נישט יידיש איז דער קעגנער פון העברעיש.ביידע שטייען זיי דאָרט אויף איין פראָנט, אַזוי ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק שטייט פאַקטיש אויף איין פראָנט צו פאַרטיידיקן מדינת ישראל, וואָס אָן איר וועט נישט זיין קיין זיכערקייט פאַר קיין שום אַנדערן יידישן קיום.

און כ'וועל פאַרענדיקן מיינע רייד מיט צוויי ווונטשן: זאָלן אייערע דיסקוסיעס זיין פרוכטבאַרע און דער עיקר פון אַלע עיקרים: זאָלן אייערע מעשים זיין מעשים; נעמט אויף זיך דעם עול פון מצוות עשה און זייט געבענטשט מיט אייערע מעשים.

יידיש, דאָס לשון פון אונדזער נשמה

רעדע פון ראַבאַי ד״ר אַרטור הערצבערג
פרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס

אַ שפּראַך איז אַ וויכטיקער גורם אין דער אויטאָביאָגראַפיע פון יעדן מענטש. דאָס איז באַזונדערס טרעפלעך לגבי יידיש אין אונדזער טראַגיש־העראָישן יאָר־הונדערט.

פאַר מיר פערזענלעך איז יידיש דאָס לשון. וואָס איך מוז נוצן, ווען עס האַנדלט זיך אין ענינים, וואָס רירן מיר אָן צום טיפסטן, הגם איך באַנוץ זיך געוויינלעך מיט אַנדערע שפּראַכן.

איך וויל אייך דערציילן אַ פּאַסירונג, וואָס וועט אייך אפשר אויפקלערן די סיבה, פאַרוואָס אַזאַ ייד ווי איך, וואָס שרייבט אין ענגליש און העברעיש, לעבט זיך אָבער אויס, אין פיל וויכטיקע מאָמענטן, גראָד אין יידיש, און היינט ביינאַכט, בעת אָט דער היסטאָרישער אסיפה אין ירושלים, איז טאַקע אַזאַ מאָמענט. אָבער לאָמיר איבערגיין צו דער פּאַסירונג.

מיט אַ יאָר צוריק איז אין ניו־יאָרק געקומען צו מיר אַ פּראָמינענטער קאַטוי־לישער אינטעלעקטואַל פון פּוילן, פּראָפ. סטאַניסלאַוו סטאָמאַ, איינער פון די אמתע חסידי אומות העולם. ער האָט מיך איינגעלאַדן קיין פּוילן צו האַלטן לעק־ציעס פאַר די ליבעראַלע קאַטוילישע קלובן פון דער „זנאַק״־באַוועגונג, וואָס ווערט דורך אים אָנגעפירט. דאָס זענען קאַטאָליקן, דורכגענומען מיט אַ שולד־געפיל פאַר דעם, וואָס איז געשען מיט די יידן אויף דער פּוילישער ערד. און זיי זוכן

אַ דערנענטערונג מיט יידן, כדי נישט צו לאָזן אויסמעקן די טויזנט־יאָריקע גע־שיכטע פון פוילישן יידנטום.

איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז איך בין גרייט צו קומען, אויב איך וואָלט דערביי אויך געקענט באַזוכן מיין געבורטס־שטעטל אין גאַליציע, לובאַטשעוו. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום שטערונג, אָבער דערביי אין אַ טרויעריקן טאָן באַמערקט, אַז אין לובאַטשעוו זענען נישטאָ מער קיין יידן, אַז די שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּייכלער, אָבער דער גלח פון שטעטל באַלאַנגט צו זיין באַוועגונג און וועט זיין גליקלעך מיך אויפצונעמען אַלס זיין גאַסט.

עס האָט מיך פּלוצעם געצומען שטיקן אין האַלדז און הגם איך האָב שוין געוווּסט פון פריער, אַז דאָס יידישע לובאַטשעוו איז געוואָרן חרוב. האָב איך אָבער ערשט אין דעם מאָמענט דערפילט דעם גאַנצן פאַרנעם פון דעם אומגליק, און האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז מיין היים־שטעטל איז געוואָרן אָפּגעווישט און אַז פון די אַלע געסלעך און מענטשן, וועגן וועלכע מיינע עלטערן פלעגן רעדן, איז אין איצטיקן לובאַטשעוו נישט פאַרבליבן קיין שפּור.

ממש אויף צומאָרגנס בין איך אָפּגעפלויגן קיין ירושלים, און גלייך נאָכן אָנקום, שפּעט ביינאַכט, צו חצות, אַוועק צום כותל, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, ווי די היים פון די שאָטנס פון די אומגעבראַכטע יידן אין לובאַטשעוו און אַנדערע טויטע יידישע שטעטלעך אין פוילן. דאָס שטעטל בעלז און דער הויף פון בעלזער רבין עקזיסטירן מער נישט אין פוילן, אָבער זיי האָבן צוריק אויפגעלעבט אין ירושלים.

ערשט מיט עטלעכע נעכט צוריק, בעת אַ הלולה פאַר דעם בעלזער רבין אין ירושלים, בין איך געזעסן לעבן אַ זקן, וועלכער האָט געקענט מיין זיידן אין לעמ־בערג, און האָט אים צום לעצטן מאָל געזען אין יאָר 1941. ער באַלאַנגט צו איינער פון די צאָלרייכע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס עקזיסטירן אין מדינת־ישראל, ענלעך ווי אין דער גאַנצער יידישער וועלט. אָבער אין ישראל זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן יינגער און אַקטיווער און האָבן גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע היים־שטעטלעך — דורך אַרויסגעבן וווּרטפולע יזכור־ביכער.

מיט צוויי טעג צוריק האָט מיין פריינד ד״ר גדעון האַוזנער, וועלכער שטייט בראש פון יד־ושם, מיר געוויזן צענדליקער העפטן פון תלמידים אין ישראלדיקע מיטלשולן, וואָס האָבן אַדאָפּטירט חרוב געוואָרענע יידישע שטעטלעך אין פוילן און אָנגעשריבן זייער געשיכטע.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן דער פולער נאַקעטער אמת, אַז עס איז געווען אַ פיינלעכע תקופה אין דער געשיכטע פון העברעיש און יידיש, אָבער דער עצם פאַקט פון צונויפרופן די איצטיקע קאָנפערענץ אין ירושלים איז אַ באַווייז, אַז מיר האָבן שוין דעם דאָזיקן פעריאָד איבערגעהיפּערט.

דער אויפשטײַג פון ציוניזם און פון מאָדערנעם העברעיש האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ טיפן ריס און אַפילו פאַרניכטונג. עס האָט געהערשט די איבער־צייגונג, אַז די מאָדערנע העברעישע קולטור וועט קענען אויפשטייגן נאָר אַלס פּראָטעסט קעגן דער אוממיטלבאַרער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין גלות און יידיש, די וויכטיקסטע שפּראַך צווישן די גלות־לשונות, דאַרף ווערן באַגראָבן און פאַרגעסן, ווי אַן אומ־ווירדיקער פּראָדוקט פון יידישן גייסט.

עס איז אויך אמת, אַז אַן ענלעכער פּעריאָד עקזיסטירט אויך אין דער אַנט־וויקלונג פון יידיש, ווען געוויסע פּאָליטישע ראַדיקאַלן האָבן געשטרעבט צו פאַר־וואַנדלען יידיש אין אַ שפּראַך פון אַ יידיש פאָלק, אָן וועלכער עס איז פאַרגאַנ־גענהייט. די קעגנוואַרט האָט געזאָלט באַשטיין בלויז פון עטלעכע מינים צווישן זיך קעמפּפענדיקע מאַרקסיסטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן אָבער אַלע זיך געאייניקט דערויף, אַז אונדזערע יידישע אָבות דאַרפן ווערן אויסגעמעקט פון זכרון.

הײַנט ווייסן מיר, אַז ישראל איז נישט קיין אַנטי־טעזע פון יידישן עבר. ישראל איז דער יורש פון יעדער שעפערישער ענערגיע, וואָס אונדזער פאָלק האָט ווען עס איז מאַניפעסטירט. אַזאַ שעפערישע דערשיינונג איז יידיש — די אייציקע שפּראַך וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות, זי פאַרוואַנדלט אין זייער אייגענעם לשון און זי אָנגערופן מיטן נאָמען פון אונדזער פאָלק.

איצט ווייסן מיר, אַז דאָס איז נישט געווען סתם קיין צופאַל, ווייל די עצם־נשמה פון טויזנט־יאָריקן יידישן אייגנאַרט אין אייראָפּע, מיט וועלכער אונדזער חשבון האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט, איז פאַרוועבט אין יעדער וואָרט פון יידישן לשון. די דאָזיקע שפּראַך איז אונדזער אופן פון רעדן צו זיך וועגן זיך.

עס וועט אפשר נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז פון די אור־אַלטע ביז די נייע צייטן האָבן יידן אין העברעיש גערעדט צו דער וועלט און צו זיך אַליין, אָבער דעם אינערלעכן דיאַלאָג האָבן מיר געפירט אין יידיש — דאָס לשון פון אונדזער נשמה.

די דאָזיקע קאָנפערענץ איז געוואָרן צונויפגערופן, כדי וועגן דער ירושה פון יידישן פאָלק און וועגן יידישע טראַדיציעס צו רעדן אויף יידיש אין ירושלים — די היים, צו וועלכער עס קערט זיך און ווענדט זיך תמיד אַלץ, וואָס איז יידיש. און דאָס איז סאַמע געווימל פון דער גלאָררייכער ווידער־אויפלעבונג פון יידישן פאָלק און פון דער העברעישער שפּראַך אין מדינת־ישראל. דאָס איז אַ קאָנפערענץ פון דערמאָנען, אָבער אויך אויפלעזן אַלטע רייבונגען, אַ קאָנפערענץ פון חשבון־הנפש און אַנטשלאָסנקייט צו גיין פאָרויס.

דער חשבון־הנפש איז זייער פּשוט: דאָס יידישע פאָלק קען זיך נישט דער־לויבן דעם לוקסוס פון אָפּגעבן אַפילו איין פּאָזיציע פון זיין שעפערישקייט. דאָס אָפּוואַרפן די צאינה וראינה אָדער שלום־עליכם אין אָריגינאַל איז פּונקט אַזוי אומדענקבאַר, ווי אָפּגעבן יהודה הלוי, דעם אר״י הקדוש, אָדער ירושלים גופא. אַלע ווערטער, די הייליקע און כלומרשט וועלטלעכע, אין אַלע אונדזערע

שפּראַכן, און ספּעציעל אין העברעיש און יידיש, וואָס האָבן זיך געטראָגן צו די הימלען, ווען די ספרי־תורה האָבן געברענט אויף די נאַצישע שייטערהויפנס פון אונדזער דריטן חורבן, נידערן איצט אַראָפּ קיין ירושלים.

די דאָזיקע קאָנפערענץ טאָר זיך נישט באַגרענעצן בלויז צו לויב־געזאַנגען פאַר יידיש און זעלבסט־צופרידנקייט מיט די דערגרייכונגען פון דער יידישער קולטור. פון דער קאָנפערענץ מוז קומען אַ ממשותדיקער פּלאַן פאַר דער אויס־ברייטערונג פון חינוך אין יידיש, נישט נאָר אין ישראל, נאָר אין אַלע יידישע מיטלשולן אין דער וועלט. מיר מוזן זאָרגן, אַז אונדזער פאָלק, וואָס איז אַזוי אוני־ווערסאַל און הויך־געבילדעט, זאָל אויך קענען זיינע אייגענע גייסטיקע אוצרות.

אונדזער יונגער דור דורשט נאָך וויסן און עס איז אונדזער פליכט צו שטילן דעם דאָזיקן דורשט. דאָס יידישע פאָלק וויל געדענקען, אָבער מיר, זיינע פירער, האָבן, אין מאָמענטן פון נאַכלעסיקייט, אונטערגעשעפּטשעט, אַז אַביסל פאַרגעסן איז גוט פאַר דער נשמה...

זאָל לעבן מדינת־ישראל! זאָל לעבן העברעיש! זאָל לעבן יידיש! לאָמיר אַלע צוזאַמען, באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ אין ירושלים של מטה, זיך מתיחד־זיין מיט דעם אמתן ירושלים של מעלה!

מרדכי צאַנין

אין נאָמען פון יידישן שרייבער־
און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

צווישן טשערנאָוויץ און ירושלים

מיר, יידישע פען־מענטשן, די המשך־טרעגער פון איינער פון די דערהויבנסטע ליטעראַטורן אין דער מאָדערנער וועלט, האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט. פון דער פאַרגאַנגענהייט שעפּן מיר אונדזערע גייסטיקע כוחות און זי איז אויך אונדזער וועגווייזער פאַר דער צוקונפט. אין דער פאַר־גאַנגענהייט האָט די יידישע ליטעראַטור געלייגט די יסודות פאַר אַ קולטור, וואָס דאָס פאַרלייקענען זי האָט גורם געווען אַ טרוקענעם חורבן. אויב עמעצער האָט מורא פאַר דער פאַרגאַנגענהייט איז עס אַ סימן, אַז ער טראָגט אין זיך אַ שולד־געפיל און ער האָט מורא פאַר אַ משפּט. און וואָס שייך דעם מאָטיוו פון דער טשער־נאָוויצער קאָנפערענץ איז דאָס איינציקע וואָס מען קען זאָגן אין דעם קאָנטעקסט דאָס, אַז פּונקט ווי די אָרגאַניזאַטאָרן און די באַטייליקטע אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם אומגעהויערן און ישועהדיקן וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט אין די 25 יאָר פאַר דער קאָנפערענץ, אַזוי זענען מיר היינט נישט מסוגל זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן דער

קאַטאַסטראָפע פאַר וועלכער מיר שטייען 25—30 יאָר נאָך דעם חורבן פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און נאָך דעם באַגלייט־חורבן פון אונדזער קולטור נאָך דעם.

אין טשערנאָוויץ איז געווען אַ פריידיקע שעפערישע מאַניפעסטאַציע פון דעם געבורט פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור — די איינציקע און ערשטמאָליקע אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע פאַראַלעל און פאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער קולטור — בעת היינט זענען מיר זיך צונויפגעקומען פון אַלע פרייע יידישע ישובים אין דער וועלט ווי אַ קאָנסיליום פעסטצושטעלן די סיבות פון דעם טרוקענעם חורבן און צו געפינען די וועגן און מיטלען ווי אַזוי דעם חורבן אָפּצושטעלן און שעפעריש ווידער אַקטיוויזירן די קולטור אין יידיש.

אונדזערע היסטאָריקער פאַר אַלע צייטן, פון יוסף בן מתתיהו, דורך צונץ, גרעץ און דובנאָוו באַשרייבן באריכות אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, דעם קדוש השם, ווי אַזוי פרעמדע האָבן אונדז געשאָכטן און פאַרלענדט. די פּאָגראָמען און שחיטות זענען פאַרשריבן געוואָרן אין פנקסים, אין קינות, אין סליחות. מיר פאַרמאָגן די רייכסטע מאַרטיראָלאָגיע־ ליטעראַטור אין דער וועלט. אָבער קיין שום היסטאָריקער, קיין שום פנקס און קיין שום קינה האָט נישט באַשריבן וויפל מיליאָנען יידן מיר האָבן פאַרלוירן אין אַלע תקופות דורך אַסימילאַציע און שמד, דורך דעם ווי מאַסן יידן זענען אַנטלאָפן פון אונדז אַמאָל אין העלעניזם, שפּעטער צום קריסטנטום, אָדער צום איסלאַם, צי אין רעזולטאַט פון פאַלשן משיחיזם, אָדער אין רעזולטאַט פון אַזעלכע באַוועגונגען ווי עס איז געווען די רעפאָרם פון משה מענדעלסאָן און זיין תלמיד דוד פרידלענדער, פון דעם לעצטן פערטל 18טן יאָרהונדערט ביז דעם סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט.

ווי די אינטעליגענץ ביי אַנדערע פעלקער האָט אויך די יידישע אינטעליגענץ געזוכט אַ וועלטלעכע קולטור־באַזע, נאָך דעם ווי די רעליגיעזע מאָטיוואַציע באַפרידיקט נישט מער. אָבער דער אַסימילאַציע־קאָמפּלעקס ביי דער יידישער אינ־טעליגענץ האָט קיין מאָל נישט דערלאָזט עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אייגענע וועלטלעכע קולטור.

זייט דער בערלינער השכלה ווערט יידיש, דאָס טייערע בילדלעכע לשון פון תחינות און צאינה וראינה, פון בעל שם טוב און פון דעם ווילנער גאון, פון נחמן בראַסלאַווער און דעם פשוטן פאָלק, מערדעריש געטרויפּט פון אַלע אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען. די אַסימילאַטאָרן אין פוילן האָבן דורך מסירה ביי דער צאַרישער מאַכט נישט דערלאָזט עס זאָל' אויפקומען אַ יידישע פרעסע, אַ יידיש טעאַטער, אַ קולטור־לעבן אין יידיש. אַפילו די איבערזעצונג פון מענדעלעס „קליאַטשע" אויף פויליש האָט ביי די אַסימילאַטאָרן אין וואַרשע אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. פּונקט ווי מיט אַ הונדערט יאָר פריער, אין משה מענדעלסאָנס צייטן, האָט מענדל סאַטאַנאָווערס איבערזעצונג פון תנ"ך אויף יידיש אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן סיי ביי די אַסימילאַטאָרן אין בערלין און סיי ביי די אַסימילאַטאָרן אין פוילן.

ס'איז דאָך אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אינערלעכן כוח פון יידיש און פאַר איר נאַציאָנאַלער זאַפטיקייט, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס העברעיש איז די שפּראַך מיט וועלכער אונדזער פאָלק איז געוואָרן אַ פאָלק און אין דער שפּראַך איז געשריבן די תורה, די נביאים, די וווּנדערלעכע בעלעטריסטיק פון רות און שיר השירים, די פילאָזאָפישע ווערק פון איוב און משלי, דער מדרש, די ספרים חיצוניים און די שפּעטערדיקע ליטעראַטור פון תלמידי חכמים און ביז היינטיקן טאָג — קען מען זיך אין אָט דער שפּראַך נישט אויסדריקן אַזוי האַרציק, אַזוי נשמהדיק און אַזוי יידיש יידיש, ווי אין יידיש.

יידיש איז נישט אויסגעטראַכט געוואָרן דורך אידעאָלאָגן און איז נישט אָפּגעשטימט געוואָרן אויף קיין שום פּאַרטיי־קאָנפערענץ מיט אַ מערהייט שטימען, אַז זי זאָל זיין די שפּראַך פונעם פאָלק. יידיש איז אַריינגעלייגט געוואָרן אינעם מויל פון יידן אויף דעם זעלבן שטייגער ווי העברעיש איז אַריינגעלייגט געוואָרן אינעם מויל פון דער אומה — דורך דעם שר האומה, וואָס זיינע וועגן ווערן נישט קאָנטראָלירט דורך אידעאָלאָגיעס צי קאָמיסאַרן. אינעם מויל פון יידן איז יידיש אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך מיט אַזעלכע קאָלאָסאַלע כוחות, אַז זי איז געוואָרן די איינציקע און מעכטיקע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער אויסגעלייטיקייט. ס'איז אוודאי ריכטיק, אַז אויף זייער לאַנגן וועג האָבן יידן געהאַט אַ סך יידישע שפּראַכן. אמת. אָבער אין וועלכער שפּראַך, אויסער אין אַראַמייאיש, האָבן יידן געשאַפן אַזאַ ליטעראַטור ווי אין יידיש? וועלכע נאָך שפּראַך האָט אַרויסגעגעבן אַ שלום עליכם, אַ שלום אַש, אַ ישראל שטערן, אַ ה. לייוויק, אַ משה נאַדיר, אַן אהרן צייטלין, אַ ניסתר, אַ מאַני לייב, אַ קולבאַק, אַ משה לייב האַלפּערין, אַן איציק מאַנגער און נאָך צענדליקער און הונדערטער דיכטער און פּראָזאַיקער, וועלכע האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור וואָס יעדעס גרויס פאָלק וואָלט געוועזן שטאָלץ מיט איר? וועלכע שפּראַך האָט אַזעלכעס געשאַפן אויסער יידיש?

זעט וואָס עס ווערט פון אונדז נאָך דעם ווי היטלער און סטאַלין ימח שמם האָבן צוזאַמען מיט דעם יידישן גוף פאַרניכטעט אָט די מעכטיקע קולטור אין יידיש. יידן ווערן מער נישט אומגעבראַכט אין פאַרניכטונגס־לאַגערן און אין גאַז־קאַמערן, אָבער די יידישע נשמה ווערט פאַרברענט אין די פייערן פון אַסימילאַציע, אין געמישטע חתונות, אין אַ מאַסן־אַנטלויף. אין דער פרייער וועלט, און ווער שמועסט נאָך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז דאָך שוין כמעט נישטאָ קיין יידישע פאַמיליע אין וועלכער עס זאָלן נישט זיין געמישטע פּאַרפעלקער. היינט, ווען עס קומען זיך צוזאַמען די יונגע דורות פון אַ יידישער משפחה פון עטלעכע לענדער, האָבן זיי נישט קיין אייגן בשותפותדיק לשון, קיין אייגענע יידישע טראַדיציעס און שטייגער, קיין אייגענעם נאַציאָנאַלן אימאַזש. זייט 1973, דעם יאָר פון דער יום־כיפּור־מלחמה, פאַלט די צאָל פונעם יידישן פאָלק. מיר גייען צוריק.

לאָמיר נישט די גאַנצע שולד אַרויפלייגן אויף פרעמדע פּלייצעס. וואָס האָבן מיר, די טרעגער פון דער איינציק נאַציאָנאַלער יידישער וועלטלעכקייט, די יידישע

שרייבער קולטור־טוער און דערציער געטאָן דעמאָלט, ווען אין די אָנהייב פופציקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע אַקציע צו פאַרניכטן די יידישע שול, די יידישע קולטור, צו איגנאָרירן די יידישע פרעסע, איבערצולאָזן יידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס אָן מיטלען פאַר זייער טעטיקייט, פאַרהונגערן די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס? ווי אַזוי האָבן מיר רעאַגירט דעמאָלט ווען קורץ נאָך דעם ווי אונדזער פאָלק איז אומגעקומען אין די פייערן פון קרעמאַטאָריעס און אויף מאַסן־שייטערס, האָט אַ געזעלשאַפטלעך טעאַטער ביי יידן אויפגעפירט אַ דראַמע פון אַ שרייבער אַ ייד, אין וועלכער עס איז פון דער סצענע אַראָפּ פאַרשאָלטן געוואָרן דער לעצטער ייד וואָס וועט בלייבן אין גלות און ס'איז פאַרשאָלטן געוואָרן די שפּראַך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גלות?

דער וועלטלעכער דערציאונגס־סיסטעם וואָס איז אין די אָנהייב פופציקער יאָרן צוגעטראַכט געוואָרן פאַר די יידישע קינדער אין די תפוצות האָט באַנקראָטירט, נישט געקוקט דערויף וואָס זיין ווירקונג איז געווען געשטיצט אויף דעם אויסערגעוויינטלעכן פרעסטיזש פון מדינת ישראל. אויף דריי מיליאָן יידישע קינדער און יוגנטלעכע אין דער פרייער וועלט איצט, באַקומען בלויז אַ פינף פּראָצענט פולע יידישע דערציאונג, מיט דער זיכערקייט, אַז זיי וועלן בלייבן יידן. זייער מערהייט באַקומט די פולע יידישע דערציאונג אין רעליגיעזע שולן. מיר שטייען איצט אויף די חורבות פון אַ גאַנצער קולטור. פון אָט די חורבות הייבט זיך אַרויס איין איינציק ליכטיק אינדזעלע: דאָס איז די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קינסטלערישע פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס קאָמיסאַרן האָבן אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט, נאָר בלויז זייערע שעפער. די לעבנגעבליבענע יידישע פּראָזאַיקער און דיכטער אין דער פרייער וועלט פאַרשעמען נישט אונדזערע קלאַסיקער. פאַרקערט, זיי זענען אַוועק נאָך העכער! איך קען נישט דערקלערן פון וואַנען די יידישע שרייבערס שעפּן היינט כוחות, היינט אין אַ צייט ווען זיי זענען אַזוי עלנט און אַזוי פאַרשטויסן אין אַ גייסטיקן געטאָ. אַרויסגעבן אַ בוך איז פאַר זיי כקריעת ים־סוף, פון ערגעץ קיין סטימול, פון ערגעץ קיין גוט וואָרט, ווי יתומים פון אַ פאָלק. און דאָך שאַפן זיי אַ קינסטלערישע פּראָזע וואָס שטייט אין איין ריי מיט דער פּראָזע פון די סאַמע אָנטוויקלסטע ליטעראַטורן אין מערב־אייראָפּע און אַ פּאָעזיע מיט וועלכער יעדעס קולטור־פאָלק אין דער וועלט וואָלט געווען שטאָלץ מיט איר. עס איז קוים צו גלויבן, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס יידיש ווערט דאָ אין לאַנד אָפיציעל באַטראַכט ווי אַ פרעמדע שפּראַך, פרעמדער פון אַלע פרעמדע שפּראַכן, נישט געקוקט דערויף וואָס איר הערט טאָג־איין טאָג־אויס דאָס שאַדן־פריידיקע שאַלן, אַז יידיש איז שוין געשטאָרבן, אַז יידיש גוססט אַז די יידישע שרייבער זענען די לעצטע מאָהיקאַנער — לעבט די יידישע ליטעראַטור מיט אַן אייגן לעבן, מיט אַן אייגענעם ריטם און מוזיק, מער ווי ליטעראַטורן וועלכע ווערן פאַרגאָסן מיט גאָלד און האָבן אָפענע פאַרלאַגן און בוכהאַנדלונגען. די יידישע שרייבערס אין ישראל שאַפן ווערק פון אַ קוואַליטעט ווי טויזנטער און טויזנטער

שילער און סטודענטן וואָלטן געוואָרט זיי צו לייענען און לערנען און ווי מיליאָנען וואָלטן געוואָרט זיי צו קויפן. און אין ישראל עקזיסטירט אַ טאָגצייטונג אין יידיש, וואָס דורך מי און מאַטערניש האַלט זי שוין ביי איר אַכט און צוואַנציקסטן לעבנסיאָר און זי וועט נאָך לאַנג, לאַנג לעבן, ווי לאַנג עס וועט סטייען דאָס לעבן און דער כוח.

ליבע פריינד, אַ האַלבע שעה פון ירושלים, אין דער מדבר יהודה, האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געלעבט איסיים. די איסיים האָבן געהאַט גרויסע חלומות, שיינע מאָראַלישע אידעען. זיי האָבן געוואָלט אַ שענער און מאָראַלישער לעבן ווי עס איז געווען דאָס לעבן אין זייער סביבה, אין ירושלים. עס האָט זיי דערווידערט די העלעניזאַציע, ווי עס איז דערווידער די הייניקע אַנגלאָזאַקסישע לעוואַנטיניזאַציע. עס האָט זיי דערווידערט דער האַנדל מיט גאָט, אַ האַנדל, וואָס צוזט זיך איבער אויך אין אונדזערע טעג, ווען גאָט איז געוואָרן אַ סחורה עובר לסוחר. אָבער די איסיים מיט זייערע שיינע חלומות און פלאַמיקע פּראָטעסטן זענען אויסגעשטאָרבן. וואָס עס איז שפּעטער געשען דאָ אין לאַנד האָט גורם געווען אַ צוויי טויזנטיעריקן גלות און ערשט דאָס מאָדערנע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום, דאָס יידיש־רעדנדיקע יידנטום איז געווען דער הויפּט־גורם צוריקצוקומען קיין ארץ־ישראל.

איך האָב נישט קיין כוח מער איבערצולעבן נאָך אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע און נאָך אַמאָל וואַרטן צוויי טויזנט יאָר אויב... דעריבער זענען מיר זיך היינט צוזאַמענגעקומען אָהער, קיין ירושלים, נישט ווי איסיים, וואָס עמעצער וואַרט אויף זייער טויט, נאָר מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער אייביקער שטאָט ירושלים ווי אַקטיווע יידן מיט אמונה אין נצח ישראל, ווי די טרעגער פון אַ גרויסער קולטור און אַ פּרעכטיקער ליטעראַטור, כדי אָפּצושטעלן דעם חורבן און זיך ווידער גייסטיק אויפבויען פון די חורבות, כל זמן עס איז נישט צו שפּעט.

לאָמיר זען דעם אמת ווי ער איז: אין דער איצטיקער תקופה פון אַבסאָלוטער צענטראַליזאַציע אין יידישן לעבן, ווען די אַפּאַראַטן זענען צענטראַליזירט, די בודזשעטן זענען צענטראַליזירט און דער אַמאָל ניסים־באַווייזנדיקער יידישער וואָלונטאַריזם איז פולשטענדיק דעמאָביליזירט — וועלן מיר, ביי אונדזער בעסטן ווילן, גאָרנישט קענען אויפטאָן, אויב מיר וועלן נישט האָבן די קאָאָפּעראַציע פון די צענטראַלע אינסטאַנצן אין ישראל, וועלכע דאָמינירן די יידישע וועלט דורך דעם פּרעסטיזש פון מדינת ישראל.

איך בין מתפלל אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סטימולירנדיקן טריב־כוח פאַר דער התלהבות פון יידישער שאַפונג, פון יידישער דערציאונג, פון יידישן גייסט אין די אַלטע און נייע טראַדיציעס, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן. אַזאַ באַנייטע התלהבות פאַר יידיש שאַפן אין יידיש, פאַר געזונטע יידישע דורות, וואָלט אויך געהאַט אַ גענעזנדיקן אָפּהילך צווישן די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד וועלכע ווערן פון אונדז אַוועקגעריסן דורך אַ מערדערישער אַסימילאַציע. מיר דאָ, אין ישראל, פילן שוין וואָס עס באַדייט ווען צוויי דורות, צי דריי דורות יידן איז

סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן נישט באַקומען קיין יידישע דערציאונג; דער אַוואַנגאַרד פון דער יידישער קולטור, די שרייבערס, די לערערס און קולטור־טוערס זענען דער־שאָסן און פאַרפייניקט געוואָרן. און ווען יידן זענען געקומען קיין בריסל כדי אַרויס־צושרייען זייער ווייגעשריי, וויל מיליאָנען יידן ווערן פאַרפייניקט, האָט מען דעם ווייגעשריי נישט דערלאָזט ער זאָל אויסגעשריגן ווערן.

ווינטש איך אייך און זיך אַז די איצטיקע קאָנפערענץ זאָל זיין אַ געבענטשטע התחלה פון באַזינונג און נאָכטראַכטונג, כדי צוזאַמען זאָלן מיר אויפהייבן פון די חורבות אונדזער גייסטיק האָב און גוטס אויף אַלע געביטן פון אונדזער קולטור־לעבן — פאַר מדינת ישראל און פאַר אַלע יידן אין דער וועלט — פאַר אונדזער גאַנץ פאָלק.

ישראל כהן

עברית שטרעקט אויס אַ האַנט צו יידיש

באַגריסונג־רעדע אויף דער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין נאָמען פון העברעישן שרייבער־פאַראיין

מיט אַ געפיל פון אַ באַזונדערער דערהויבונג ברענג איך דעם צוזאַמענפאַר די ברכה פון דעם פאַרבאַנד פון העברעישע שרייבער אין מדינת ישראל. די דאָזיקע דערהויבונג שטאַמט דערפון וואָס מיר פילן אַז דער ענין וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אויף דעם צוזאַמענפאַר איז פון גרויסער נאַציאָנאַל־קולטורעלער חשיבות און אַז מיר אַלע ווילן ער זאָל געקרוינט ווערן מיט הצלחה און פילנדיק דאָס, וויל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען:

א) דער דאָזיקער צוזאַמענפאַר קומט זיך צונויף אין ירושלים, דער הויפטשטאָט פון ישראל. דאָס באַווייזט נישט נאָר אויף אַ שינוי מקום נאָר אויך אויף אַ שינוי מזל אין דער יידישער געשיכטע. אַפילו גרויסע וויזיאָנערן און פאַרברענטע פאַנאַ־טיקער האָבן זיך אַמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן אין זייער פאַנטאַזיע, אַז ציון וועט אויפנעמען ביי זיך אַ קאָנפערענץ פאַר יידיש־קולטור אין אַן אַטמאָספער פון גוטן ווילן און פון אַ פליכט לגבי די צילן פאַר וועלכע זי איז זיך צוזאַמענגעקומען. דאָס איז אַ געשעעניש אויף וועלכער ס׳ליגט אויסגעגאָסן היסטאָרישער חן און חסד.

ב) דער צוזאַמענפאַר קומט פאַר „פאַר יידיש און יידישער קולטור״. דער טראָפּ איז אויפן „פאַר״, נישט קעגן עפעס, אויפן חשבון פון עפעס אָדער אויף טענות קעגן עמעצן, נייערט פאַר יידיש און פאַר איר טובה וועגן.

ג) די העברעישע שרייבערס אין ישראל זעען זיך ווי פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער גייסטיקער ירושה פון יידישן פאָלק און פון זיין ליטעראַטור מיט אַלע אירע

ראַנגלעניש, טיילן און שאַטירונגען. זייער ציל און שטרעבונג איז זיך זיי צוצואייגענען און זיי מאַכן פאַרן קנין פון פאָלק און אַזוי אַרום ממשיך זיין דאָס שאַפן און דאָס אַנטוויקלען, יעטוועדער שרייבער לויט זיין כוח און לויט זיין גייסט, דעריבער זענען זיי טייער אַלע אוצרות פון ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס נעמט אַריין אויך די פּאַרצווייגטע יידיש־ליטעראַטור וועלכע פאַרנעמט אין זייער הארץ און אין זייער חשבון הנפש און זייער וועלט אַ באַזונדער אָרט.

דעריבער דאַרפן אַלע אַנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, און אויך די וואָס זענען אויסער איר, ריכטיק פאַרשטיין און הערן וואָס עס זאָגן אונדז די צייכנס פון דעם אָרט און פון דער צייט. פאַלש הערן וואָלט קאַליע געמאַכט אויך די דאָזיקע קאָנפערענץ, און דער קול וואָס גייט אַרויס זאָגט און איז מכריז: די העברעישע שפּראַך און די העברעישע קולטור זענען פאַר אונדז פאַקטן פון באַוווסטזיין און פאַקטן פון דער נאַטור אַזוי ווי ירושלים, דער חמסין, כנרת און עמק יזרעאל. זיי זענען דער זין פון אונדזער קיום און די וואָרצלען פון אונדזער זיין. ישראל און עברית זענען איינס, קיין שום מחיצה צעטיילט זיי נישט. ס'איז אָבער פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ וואַרעם און געפלעגט יידיש־ווינקל אויך אין ישראל און על אחת כמה וכמה אין די תפוצות. מיר וועלן נישט מוותר זיין אויף דער יידיש־דיכטונג, און אויך נישט אויף יידיש־דערציילונגען און פּיעסן, מיר וועלן אָפּהיטן דאָס זאַמלען פון יידישן פאָלקלאָר, פאָלקסליד, הן די געווירצן פון יידישער חכמה און מיר וועלן איינוועבן אין אונדזער קולטור דעם אוצר פון יידישן לעבנס־שטייגער. אָבער מיר וועלן נישט נאָר זאָרגן פאַר דער שיינקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט פון יידיש, מיר וועלן אויך געבן אַ נדר, אַז מיר וועלן נישט דערלאָזן ס'זאָל אויפהערן דער שטראָם פון דער לעבעדיקער שאַפונג אין יידיש. יעדער איינער וואָס זיין שאַפונג־כוח איז אין יידיש, דאַרף אים געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו שאַפן אין דער דאָזיקער שפּראַך, כדי ס'זאָל נישט גיין לאיבוד קיין שמץ פון יידישער שאַפונג. דאָס גלייכע איז גילטיק פאַר דעם יעניקן וואָס וויל זיך ווידמען דער דאָזיקער קולטור, ווייל יידיש־קולטור איז אַ ווערט פאַר זיך גופא און דאַרף נישט האָבן קיין באַרעכטיקונג. מ'דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסן איר אַקטועלע ראָלע ווי אַ פאַרבינדלעדין צווישן ישראל און דעם גלות, ווי אַן אָפּהיטערין פונעם קיום פון פאָלק און ווי אַ דאַמבע קעגן דער אַסימילאַציע. עברית און יידיש זענען אין די תפוצות אַזוי ווי „יכין און בועז" פון דעם יידישן חינוך. לאָמיר זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס וואָס שייך זייער ביידנס כוח. די פרעמדע סביבה מאַכט אָן אַ חורבן אין די יידישע הייזער און אין די הערצער פון דער יוגנט. דעריבער איז קיין אמתער מיטל קעגן דעם דאָזיקן מצב נישטאָ אויסער עליה קיין ישראל און דעם שאַפן העברעישע קולטור אין אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער. אָבער ביז די דאָזיקע שטרעבונג וועט פולשטענדיק רעאַליזירט ווערן איז לעבנסנייטיק אויפצוהאַלטן דאָס פאָלק מיט כבוד אין זיין פאַרשפּרייטונג, אַריינגעבן אין אים כסדר יידישקייט און אים מכשיר זיין צו לעבן אין די באַדינגונגען וואָס מ'וואָלט געקענט באַצייכענען אַזוי: פון אַלע זייטן אַ פרעמדע

סביבה און אין מיטן יידיש לעבן און יידישע מחשבה. דאָס איז שווער, אָבער אומ־באַדינגט נייטיק און מעגלעך.

מדינת ישראל דאַרף דערצו צוטראָגן איר חלק. זי דאַרף דערציִען צו אהבת־יידיש, עפענען מעגלעכקייטן צו דערוועדבן די שפּראַך אויף פאַרשידענע לימוד־שטאַפּלען. דער חוג פאַר יידיש אויף דעם ירושלימער אוניווערסיטעט האָט שוין אַ סך אויפגעטאָן כדי אויפצוהויבן די מערכה פון יידיש און איר ליטעראַטור. עטלעכע יידיש־פאַרלאַגן זענען מיט הצלחה טעטיק אין לאַנד. און ס׳דערפרייט דער פאַקט וואָס ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין ישראל און האָבן זיך אויסגעקליבן די יידישע ליטעראַטור פאַר זייער פאַרש־פאַך, און האָבן אויף דעם געביט אַ סך דערגרייכט. דאָס איז אַ סימן פאַר דער לעבעדיקייט פון יידיש און פאַר איר באַנייטן צוציונג־כוח. אַזאַ טענדענץ דאַרף מען דערמוטיקן מיט די עפעקטיווסטע מיטלען.

רבותי, כ׳בין נישט געקומען אייך פאָרלייגן אַ פּלאַן, נייערט אויסדריקן אַ גע־דאַנקען־גאַנג, אַ טענדענץ. די העברעיִשע שרייבערס אין ישראל, וועלכע זעען זייער הויפּט־אויפגאַבע אין שאַפן העברעיִשע ליטעראַטור און זי ברענגען צום פאָלק, האַלטן טייער די ליטעראַטור־ און קולטור־אוצרות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין יידיש און ווילן אַז זיי זאָלן האָבן אַ לעבעדיקן המשך. דעריבער דאַרפן אויפהערן די אַלטע טענות וואָס האָבן שוין אויפגעהערט צו האָבן אַ זין און וואָס ווערן אַרויס־געזאָגט בלויז צוליב געוווינהייט קעגן די כלומרשטע יידיש־קעגנערס. גאַנץ ספּעציעל דאַרף מען וואָרענען די יידיש־חסידים אין די תפוצות, וואָס וויינען און ציטערן פאַרן גורל פון יידיש, זיי זאָלן נישט זען בלויז אָדער בעיקר אין ישראל דאָס אָרט פון זייער אייפערדיקייט פאַר יידיש. דאָס וואָלט געווען אַ לייכטער וועג, אָבער נישט קיין געלונגענער. די אייפערדיקייט דאַרף געפינען איר אָרט אין די גלות־לענדער. דאָ, אין ישראל, איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ ברייטער טעטיקייט, אַזאַ וואָס געווינט הערצער. מיר זעען מיט גרויס טרויעריקייט דאָס צוריקגיין פון יידיש. אין מזרח־אייראָפּע איז זי געשטאָרבן מיט אַ מיתת־חניקה, זי איז דאָרט דערשטיקט געוואָרן, און אין די מערב־לענדער איז זי עלול צו שטאַרבן מיט אַ מיתת־נשיקה, מיט אַ קוש. דעריבער איז קלאָר, אַז אין די לענדער, אין וועלכע ס׳געפינען זיך גרויסע יידישע קיבוצים, דאַרף זיך געפינען דער ברענפּונקט פון דער טעטיקייט און דערביי דאַרף אויך ישראל צולייגן אַ האַנט און קומען צו הילף. מיר וועלן באַגריסן מיט פרייד איבערזעצונגען פון יידיש אויף עברית אין ישראל און אַ באַנייטע יצירה־באַוועגונג אין יידיש. זי קומט נישט פון זיך אַליין. אויך ישראל טראָגט צו דערצו און פונקט אַזוי ווי העברעיִש האָט אין איר באַנייאונג זיך גענערט און גענאָסן פון יידיש, נערן זיך אויך היינט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור פון עברית. דאָס דאַזיקע ווערט אָנערקענט מיט פאַרגעניגן דורך יודעי דבר. עס האַלט זיך אין אויס־וועבן אַ ישראלדיק ליטעראַריש יידיש און זי קומט שוין צום אויסדרוק אין די לידער און דערציילונגען פון די שרייבערס אין ישראל. דאָס איז אַ באַווייז פון דעם באַ־

פּרוכפּערנדיקן כוח פון עברית און פון באַזונדערן שעפערישן סוד פון די יידישע שרייבערס, וואָס וועט זיך נאָך שטאַרקער אַנטפּלעקן אין דער צוקונפט.

איך באַגריס די דאָזיקע קאָנפערענץ אין נאָמען פון שרייבער־פאַרבאַנד און ווינטש איר זי זאָל באַווייזן נישט נאָר אויפצוקלערן דעם מצב פון יידיש און אירע באַדערפעניש, נאָר זי זאָל אויך געפינען גוטע און צוגעפאַסטע וועגן, וועגן פון שלום און פון צוזאַמענאַרבעט, אויסצובעסערן דעם מצב און צו באַפרידיקן די באַדערפעניש צו דער פרייד פון אַלע פאַרערערס פון אונדזער פולער קולטור.

יוסף מלאַטעק

יידיש — לשון פון אונדזער נשמה און יידישע ווערטן

באַגריסונגס־רעדע אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע

מיט בערך צוועלף, אָדער אפשר פופצן יאָר צוריק, האָב איך זיך באַטייליקט אין אַ באַראַטונג אינעם בנין פון ניו־יאָרקער ייוואָ צו וועלכער עס זענען געקומען אַרום דרייסיק פאַרטרעטערס פון גרויסע אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס. און פאַרזאַמלט האָבן מיר זיך דאָרט, כדי צו רעדן וועגן אַ שפּאָגל־נייער טעמע: ווי אַזוי צו שטאַרקן יידיש ביי די יונגע דורות. וואָס עס איז אָבער יאָ געווען ניי און אַנדערש פון אַלע אַנדערע ענלעכע קאָנפערענצן און באַראַטונגען איז געווען דאָס, וואָס עס זענען צו איר גערופן געוואָרן, און וואָס זיי זענען אויך געקומען — טוערס פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן זייער אַרבעט נישט אין יידיש און וואָס זיי זענען נישט אין דער ספערע פון יידישע קולטור־אַקטיוויטעטן.

ווי איינער וואָס איז טאָג־טעגלעך פאַרבונדן מיט באַמיונגען פאַר יידיש, מיט יידישע קינדער־שולן און מיט קולטור־פּראָגראַמען פאַר דערוואַקסענע און וואָס קען אַ ביסל די געשיכטע פון די אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געפּרעדיקט „אַמעריקאַניזאַציע" און אַסימילאַציע, בין איך איבערראַשט געוואָרן ווען אַ יונגע פרוי, אַ פאַרטרעטערין פונעם גרויסן אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, האָט גענומען אַ וואָרט און געזאָגט:

— מונע פריינד, ניט וועגן ראַטעווען יידיש רעדט זיך דאָ. פאַר מיר מיינט ראַטעווען יידיש אויך ראַטעווען יידישקייט. פאַר מיר און פאַר פיל פון מיין דור איז יידיש אַ בריק צו יידישקייט.

געזאָגט האָט זי דאָס, פאַרשטייט זיך, אין ענגליש, ווייל ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז זי געווען שוין דער דריטער דור געבאָרענע אין אַמעריקע און געפילט האָב איך אַז אין אָט דעם איינעם זאַץ האָט די יונגע פרוי געגעבן אונדזער אַלעמענס ענטפער אויף די אומצאָליקע קשיות און טענות הלמאַי מיר

קלאָמערן זיך אַזוי שטאַרק אינעם לשון, וואָס אַזוי פּיל פֿאַלשע נביאים האַלטן אים אין איין אָפּזאָגן דאָס לעבן.

פֿאַר אויפֿהאַלטן ייִדישן קיום, ייִדישע שעפֿערישקייט, ייִדישע פֿאָלקישקייט, אין אַ וועלט פֿון פֿרעמדע און רייכע קולטורן — פֿאַר דעם ראַנגלען מיר זיך און ניט מחמת נאָסטאַלגישע געפֿילן צו אַ לשון, וואָס האָט באַקומען די טראַגישע זכיה אָנגערופֿן צו ווערן לשון־הקדושים.

אָט די פּרווו און די טויזנטער יונגע מענטשן, וואָס קומען איצט לערנען ייִדיש אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן און אין קהילישע געמיינדע־צענטערס, אין סינאַ־גאָגעס און טעמפּלס פֿון אַלע רעליגיעזע ריכטונגען האָבן געוויס קיינמאָל נישט געהערט ד״ר מאַקס ווײַנרײַכס זאָג אַז „ייִדישע ווערטער זענען ייִדישע ווערטן״. זיי האָבן דאָס אינסטינקטיוו דערפֿילט בעת זייערע לאַנגע בלאָנדזשענישן אין פֿרעמדע גערטנער און זיי קומען איצט, איבער דער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע, צו באַשטעטיקן מיט מעשים דעם באַרימטן סאָציאָלאָגישן כלל, אַז די אייניקלעך ווילן טייער האַלטן דאָס פֿון וואָס די זיידעס האָבן זיך געוואָלט באַפֿרײַען.

דער מצב פֿון ייִדיש אין אַמעריקע איז אַ פּאַראַדאָקסאַלער. פֿון איין זייט פֿילן מיר, אַז נאָך קיינמאָל נישט פֿריער האָט ייִדיש לשון געגאָסן פֿון אַזאַ פֿאַרשטענ־דעניש און סימפּאַטיע אין די ברייטסטע אַמעריקאַנער ייִדישע קרייזן. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער געפֿינען זיך אונדזערע ייִדיש־אינסטיטוציעס, וואָס מיר האָבן אויפֿגעבויט און וואָס האָבן אַזויפֿיל בײַגעטראָגן צום ייִדישן לעבן אין אַמעריקע און איבער גאָר דער וועלט, אין אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן מצב.

יאָ, נישטאָ מער דער שלעכט־פֿאַרשטאַנענער קאָסמאָפּאָליטיזם פֿונעם סוף 19טן און אָנהייב 20טן י״ה, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע סאָציאַליסטישע קרייזן און פֿאַרשוווּנדן איז אויך די שנאה צום ייִדישן פֿאָלקס־לשון, וואָס עס האָבן געהאַט די יאַהודים וועלכע האָבן געזוכט וואָס גיכער צו „אַמעריקאַניזירן״ די מזרח־אייראָ־פּעיִשע ייִדן. אין די ייִדישע געמיינדע־צענטערס וואָס זיי האָבן אויפֿגעשטעלט און וואָס זענען נאָך ביז די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן געווען אויסגעהוילט פֿון יעדן סימן פֿון ייִדישקייט, ווערט איצט, צוזאַמען מיט קלאַסן אין ייִדישער געשיכטע און העב־רעיִש, אויך געלערנט ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור און ייִדישע שרײַבער און קינסטלער, וואָס האָבן די שוועל פֿון אַזעלכע צענטערס נישט געקאָנט איבערטרעטן, האַלטן דאָרט לעקציעס און עס ווערן דאָרט געגעבן קאָנצערטן פֿון ייִדישן וואָרט און ליד.

אין דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע געפֿינט זיך אויך אַ פֿאַרטרעטער פֿון איינעם פֿון די דאָזיקע ייִדישע צענטערס אין וואַשינגטאָן, דניאל לייוויק, דער זון פֿון אונדזער גרויסן דיכטער און וויזיאָנער און ער וואָלט אײַך געקענט פֿיל מער דערציילן וועגן אָט דער גײַסטיקער טראַנספֿאָרמאַציע וואָס די צענטערס זענען דורכגעגאַנגען די לעצטע דרײַסיק־פֿערציק יאָר. אויף דעם זאָגן אויך עדות צענדליקער יוגנטלעכע

דעלעגאַטן, סטודענטן און אינסטרוקטאָרן אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, וואָס זענען אַ טייל פון אונדזער דעלעגאַציע.

איך וואָלט געקענט דאָ שטיין און ברענגען פיל פאַקטן וואָס וואָלטן געוויס געוואָרעמט אונדזערע אַלעמענס הערצער: וועגן זומער־פעסטיוואַלן אין שטאָטישע פאַרקן צו וועלכע עס קומען צענדליקער טויזנטער יידן; וועגן יידיש־ווינקעלעך וואָס קומען אויף אין אַמעריקאַנער פאַרשטעט, צו וועלכע עס קומען הונדערטער מיטליאָריקע מענער און פרויען — פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אַנדערע אינטעלעקטואַלן, מיט איין ציל: צו רעדן און צו הערן יידיש און פאַרצולייענען פון דער יידישער ליטעראַטור.

עס וואָלט זיך וועלן ציטירן אַ בראָשור, וואָס עס האָט איצט אַרויסגעגעבן די קולטור־אָפּטיילונג פון „הדסה" אונטערן נאָמען „מאַמע־לשון" און וואָס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די פיל טויזנטער הדסה־מיטגלידערינס, אין וועלכער עס ווערט צוו. אַנד. געזאָגט אין ענגליש:

„ווער זאָגט אַז יידיש איז טויט?

דריי מיליאָן רעדן עס, נאָך אַנדערטהאַלבן מיליאָן פאַרשטייען עס. ס'איז אַ לשון אין באַוועגונג. דער אַדרעס האַלט זיך אין איין בייטן. עס פאַרשווינדט אין מאָסקווע און עס קומט אויף אין מעקסיקאָ סיטי; עס ווערט דערשטיקט אין וואַרשע און עס באַווייזט זיך אין מאָנטרעאַל, אין בוענאָס איירעס... קענסט עס מער נישט הערן ביים קצב, אָבער ס'ווערט געהערט צווישן קאָלעדזש־סטודענטן. ס'איז נישט אַזוי שטאַרק, ווי ס'איז געווען מיט 60 יאָר צוריק, אָבער מער נישט אַזוי שוואַך ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק... מיט יידיש קומען דורות זיך צונויף נעענטער... ס'איז אונדזער מאַמע־לשון, כאָטש מיר הערן עס נישט פון אונדזערע מאַמעס..."

יאָ, מיינע פריינד, עס איז ביי אונדז שוין לאַנג וואָר געוואָרן לייוויקס נבואה וועגן יידיש'ס אַריינקום אין די „הויכע פענצטער" און איר פאַרשטויסן ווערן פון די „נידעריקע שטאָקן".

און דאָס איז אונדזער פּאַראַדאָקסאַלער מצב. אין דער זעלביקער צייט, ווען יידיש און יידישע ליטעראַטור אין ענגלישער איבערזעצונג האָבן דערגרייכט צו דער העכסטער רום און אָנערקענונג, ווערן אונדזערע קינדער־שולן, די באַזע פון יעדער פאָלקס־קולטור, קלענער און אייַנגעשרומפּענער און די, וואָס עקזיסטירן קענען אין די פאַר זונטיק־ אָדער נאָכמיטאָג־שעהען, נישט איבערגעבן צו די תלמידים אונדזער גרויסע פאָלקס־ירושה. אַ יידיש בוך, דאָס סאַמע בעסטע און פונעם גרעסטן מחבר, דערשיינט אין פינף הונדערט, העכסטנס אין טויזנט עקזעמפּלאַרן; די איינציקע פאַרבליבענע יידיש־נאַציאָנאַלע טאָג־צייטונג אין צפון־אַמעריקע ,וואָס איז איצט אַריין אינעם 80סטן יאָר פון איר עקזיסטענץ, דער „פאָרווערטס", וואָס איז, ווי איר ווייסט געוויס אויך די צושטעלערין פון אַרטיקלען און מאַטעריאַלן פאַר צענדליקער זשורנאַלן און צייטונגען איבער גאָר דער וועלט, האָט לעצטן יאָר געמוזט אָנקומען מיט אַ הילפס־רוף צו אירע געטרייע לייענערס, וועלכע האָבן געשאַפן אַ פערטל

מיליאָן דאָלער און איצט, אַ יאָר שפּעטער, מוז זי ווידער זיך ווענדן צו אירע לייענערס איר צו העלפֿן ווייטער עקזיסטירן; צום 100 יאָריקן יובילײ פֿון יידישן טעאַטער עפֿנט זיך דערוויל נאָר די „פֿאָלקסבינע" און מען רעדט אַז אפשר וועט זיך עפֿענען נאָך אַ טעאַטער אין ניו־יאָרק. אין שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס? אין די הונדערטער אַנדערע גרעסערע יידישע־אַמעריקאַנער ישובים? גאָרנישט. גרויסע יידישע מדבריות.

דערפֿאַר, מיינע פֿריינד, קענט איר פֿאַרשטיין מיט וויפֿל דערוואַרטונג מיר האָבן זיך געגרייט צו אָט דער קאָנפֿערענץ און וויפֿל האָפֿענונגען מיר פֿאַרבינדן מיט איר.

מען האָט שוין נישט איין מאָל דערמאָנט און מען וועט מסתמא נאָך פֿיל דער־מאָנען טשערנאָוויץ. אַוודאי האָט די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ גרויסע היסטאָרישע פֿאַרדינסטן, אָבער מיר פֿאַרגעסן, אַז אויך אָן איר וואָלטן מיליאָנען יידן גערעדט יידיש. פּרץ, שלום־עליכם, אַש און רייזען וואָלטן ווייטער געשאַפֿן זייערע גרויסע ווערק, ווי זיי האָבן עס געטאָן ביז טשערנאָוויץ, און מיליאָנען יידן וואָלטן פֿון זיי הנאה געהאַט, אָן די באַשלוסן און דעקלאַראַציעס פֿון יענער קאָנפֿערענץ. אויף אונדזער קאָנפֿערענץ אין ירושלים ליגט אַ פֿיל גרעסערער היסטאָרישער חוב: צו וועקן און צו רופֿן איינגעדרימלטע און אָפּגעפֿרעמדטע, צו פֿאַרפֿעסטיקן פּאָזיציעס וואָס צעפֿאַלן זיך; אַריינצוגעבן אַ רוח־החיים אין מידע און אָפּגעשטאַנענע, צו געבן מוט און בטחון צו גלויביקע.

דאָס וואָס די קאָנפֿערענץ קומט פֿאָר אין ירושלים האָט פֿאַר אונדז יידן פֿון דער גאָרער וועלט אַ באַזונדערע באַדייטונג. מיר זענען פֿול מיט האָפֿענונג, אַז דער פּרעסטיזש און די ליבשאַפֿט וואָס מדינת־ישראל האָט זיך דערוואָרבן ביי די מילי־אָנען יידן אין דער וועלט, וועט זי ווען אויסנוצן אויך לטובת יידיש, וואָס אין תוך מיינט עס לטובת יידיש־לעבן.

ברענגענדיק צו אייך דעם גרוס און די האָפֿענונגען וואָס די אַמעריקאַנער דעלע־גאַציע פֿאַרבינדט מיט דער היינטיקער קאָנפֿערענץ, שעפּטשען אונדזערע ליפּן שטיל, ווי אַ תפֿילה, שורות פֿון גלאַטשטיינס אַ ליד:

הבה לאָמיר,
לאָמיר זיך אַוועקזעצן צווישן זיך
און מיט פֿאַרשטאַנד
אויסטראַכטן ווי צו שטאַרקן
אונדזערע אָפּגעשוואַכטע הענט.
דאָס לעבן אונדזערס
ווי אַ סוכה צונויפֿגעשטעלט
צעפֿאַלט.
ס'איז צעהויקערט, אָפּגעטראָגן
און אַלט.

מיר ווילן נאָך נישט איינשלאָפן,
מיט גוואַלד נעמט מען אונדז פאַרוויגן:
הבה, לאָמיר זיך אַן עצה געבן,
לאָמיר זיך קליגן.

לאָמיר זיך קליגן ווי אַזוי צו שטאַרקן אונדזער יידיש און די רייכע קולטור־אוצרות וואָס עס זענען אין דעם לשון געשאַפן געוואָרן און מיר וועלן שטאַרקן יידיש לעבן איבער גאָר דער וועלט.

יידיש אין ירושלים

רעדע פון אברהם סוצקעווער

איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין מער געהויבענעם יום־טוב לכבוד יידיש, ווי אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים — די שטאָט פון אונדזער אייביקייט. נישט אַנדערש: אונדזער מאַמע האָט אַריינגע־טוליעט אַ גאָר וואַרעמע בקשה צווישן די שטיינער פונעם כותל און דער שׂר פון יידיש האָט דעם קוויטל אַרויסגעצויגן, אים געלייענט פאַרן שיין פון די ירושלימדיקע שטערן און מזלות און האָט אַראָפּגעשיקט אַ ברכה.

דער יום־טוב איז אויך אַ פאַרברידערונג פון אונדזער אַלף־בית, וואָס האָט גורלדיק זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי ברידעריש־דערוויטערטע לשונות. און דאַכטן דאַכט זיך אַפילו, אַז דאָ האָט געהאַט אַ וואָזשנע השפּעה די פריידיקע באַגעגעניש פוןביידע טיילן פון דער צעשפּאָלטענער ירושלים, אָט גאָר נישט לאַנג, בסך־הכל מיט ניין יאָר צוריק.

ביים באַגריסן די קאָנפערענץ, אירע אויסחלומער און רעאַליזירער, יידיש־יידן פון דאַנען און פון דאָרטן, שרייבער, וואָרטקינסטלער פון דער גאָרער וועלט — שליחים פון אונדזער וועלט־ליטעראַטור — און די מנהיגים און בויערס פונעם לאַנד, וואָס באַטייליקן זיך אין אונדזער שימחה, ווילט זיך באַטאָנען און דערמאָנען די בענקשאַפט און דעם גלויבן אין אונדז אַלע, דעם בענקענדיקן גלויבן, אַז צוזאַמען מיטן תחית־המתים פונעם פאָלק און זיין טאַטע־לשון, וועט אויך אויפגיין אין פולער פראַכט, ווי אַ רעגן־בויגן נאָך אַ רעגן פון טרערן — זיין מאַמע־לשון.

*

די יידישע ליטעראַטור האָט אויך דעם גלות פאַרוואַנדלט אין אַ קיניגרייך. אירע וואָרט־מאַגיקער האָבן אין גלות נישט געלעבט אין קיין גלות: אין זייער וואָגל, אין זייער אומרו האָט גערוט איבער זיי די שכינה, ווי איבער אונדזערע גרויסע פּאָעטן פון דער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניע. יאָ, די יידישע ליטעראַטור

האָט זיך אויסגעשפּרייט אין גלות ווי ביים טאַטן אין פֿינגערטן און זי איז געוואָרן אַ שעפּערישער נס און אַ דערקוויקעניש פֿאַר מיליאָנען.

זי איז געוואָרן און זי איז: — די ביאָגראַפֿיע פֿון דער יידישער נשמה וואָס ברענט און ווערט נישט פֿאַרברענט.

איך ווייס נישט צי ס'איז פֿאַראַן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור אַ מער טראַגיש־העראָישע געשטאַלט, ווי די געשטאַלט פֿונעם געפּלאָגטן יידיש־איוב. מיטן געזאַנג פֿונעם אויסגעהרגעטן יידישן וואָרט האָט ער געזונגען דאָס געזאַנג פֿונעם אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק. ער האָט געזונגען אין די געטאָס און היבטער דער עלעקטרישער פּינצטערניש פֿון די לאַגערן אין סיביר; ער האָט געשריבן אויף דער ערד און אין דער ערד. אין שניי, אין זומפּן, אין אַ חיישער נאָרע; פֿאַר די מתים האָט ער געזונגען אַ טרייסטליד און אין אַ טויטן־קאַמער פֿאַרשריבן זיין לעצטע שורה, זיין עפּיטאַף. ער האָט ס'יידישע וואָרט נישט פֿאַרראַטן.

ווי ביי די בראַצלאַווער חסידים אין דער חורבן־צייט — און ביז איצטער — איז געוועזן און געבליבן דער פּאַראָל: גוואַלד יידן, זייט זיך נישט מיאש! — אַזוי ביי די חסידים פֿון יידיש אין דער חורבן־צייט — און ביז איצטער — איז געוועזן און געבליבן דער פּאַראָל: גוואַלד יידיש, זיי זיך נישט מיאש!

*

איך קום איצטער פֿון פּאָעזיע־אינטערנאַציאָנאַל אין ראָטערדאַם, וווּ כ'האָב געהאַט דעם כבוד צו רעפּרעזענטירן די יידישע פּאָעזיע. די נאָבעלע האָלענדער האָבן דעם פּאָעזיע־אינטערנאַציאָנאַל פֿאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב פֿאַרן יידישן וואָרט. אַ מאָדערנער איטאַליענישער פּאָעט, אַנטאָניאָ פּאָרטאַ, האָט דאָרטן אָנגעשריבן און פֿאָרגעלייענט אַ ליד וואָס הייסט טאַקע „יידיש". דער פּאָעט דערזינגט זיך אינעם ליד צו אַזעלכע בילדערישע דעפֿיניציעס וועגן אונדזער מאַמע־לשון:
בליענדיקער בוים אין מיטן צימער / געצעלט אויפֿגעבלאָזן פֿון מידבר־ווינט — —

מיר געפֿעלן ביידע שורות. די צווייטע איז נאָך אַנטפּלעקערישער אין איר סימבאָליק: דאָס איינגעפּאַלענע געצעלט פֿון יידיש ווערט אויפֿגעבלאָזן פֿון מידבר־ווינט...

איך האָב געטראַכט: גוט וואָס מיר פֿאַרמאָגן אַן אייגענעם יידישן מידבר. אין ליטע, אין פּוילן איז אַפֿילו אונדזער מידבר פֿאַרברענט געוואָרן!

און אפשר, טראַכט איך ווייטער, דאַרף דער פֿון אַש אויפֿגעשטאַנענער זינגער טאַקע אַוועקבלאָנדזשען אויף אַ צייט אין יידישן מידבר, כדי דאָרטן מתקן צו זיין וואָס אים איז חרוב געוואָרן?

פֿון דער געטלעכער שטילקייט וועלן אויפֿגיין בראשיתדיקע ווערטער און זיין געצעלט וועט אויפֿבלאָזן דער מידבר־ווינט...

*

אָפּזאָגן יידיש דאָס לעבן איז געוואָרן כמעט אַ מיצווה, אַפילו ביי אַזעלכע יידן וואָס האָבן טאַלאַנט הנאה צו האָבן פון שלום־עליכם, בערגעלסאָן, מאַנגער. די קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור דאַרף דערקלערן, אַז מער מיצווה און מער חכמה ווי אָפּצוזאָגן יידיש דאָס לעבן, איז אָפּצוזאָגן יידיש דעם טויט!

און וואָס דאַרף טאָן דער יידישער שרייבער? דער יידישער שרייבער דאַרף טונקען זיין פען אין דער זון און דערשטעכן מיט איר זיין עצבות. מיט דער זעל־ביקער פען דאַרף ער אַרויסהייבן און ברענגען צום קונסטלעבן די שיינקייט און די טראַגיק פונעם נעכטן און גשטאַלטיקן אונדזער גרויסן היינט אין ישראל וואָס בענקט נאָך פאָרעם. ער דאַרף מתקן זיין מאַמע־לשון: אַז מאַמע־לשון זאָל ווערן אַריינגעניסימט אינעם פאָלק און אויך בלייבן אייניקל־לשון.

דער יידישער שרייבער אומעטום און דערעיקרשט אין ישראל דאַרף געדענקען: יידיש האָט נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט. ס'האָלט נישט פון קיין לעצטקייט און פון קיין ירידה. ס'וויל זינגען און זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, ווי אין די שיינע, געבענטשטע יאָרן פון זיין גלאָריע — אויב נישט נאָך העכער.

נאָך די באַגריסונגסרעדעס איז פאָרגעקומען אַ קינסטלערישער טייל, געווידמעט דער זעכציקסטער יאָרצייט פון **שלום־עליכם.** עס זענען אויפגעטרעטן: **שמעון פינקעל, שמעון דזשיגאַן** און **עטל קאָווענסקי,** וועלכע האָבן צוגעגעבן פאַרביקייט און דערהויבנקייט דעם דערעפנונגס־אָוונט.

ערשטע פלענאַרע זיצונג
אין ווייז־זאַל פון ירושלימער אוניווערסיטעט

צו מאָרגנס, דעם 24סטן אויגוסט, 9 אין דער פרי,, איז אין ווייז־זאַל אין ירושלימער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען די ערשטע פלענאַרע זיצונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ. ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ פול־געפּאַקטן זאַל, דעלעגאַטן און געסט, דערעפנט די ערשטע זיצונג דער פאָרזיצער פון דער סעסיע, **ישראל ברעסלאַו.**

ישראל ברעסלאַו

מיין נאָמען איז ישראל ברעסלאַו. פון צפון אַמעריקע, איך וועל זיין דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער ערשטער פלענאַרער סעסיע פון דער קאָנפערענץ. דער ליצע־פאָרזיצער איז ב. י. מיכלי פון ישראל.

נעכטן אָוונט זענען מיר אַלע געווען עדות פון דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ און מיר זענען וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון דעם קולטור־ און דערציאונגס־מיניסטער אהרן ידלין, פון דעם פאָרזיצער פון דער ידישער אַגענץ, יוסף אלמוגי, און פון דעם ראש פון דער שטאָט ירושלים, טעדי קאָלעק. אַ חוץ די דערמאָנטע האָבן אונדז אויך באַגריסט אָנגעזעענע פאָרשטייער פון וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און שרייבער־פאַראיינען פון ישראל און פון אויסלאַנד. דאָס איז אַ געשעעניש פון גרויסער היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דעם המשך פון ידישן לשון און פון די ידישע קולטור־ווערטן. אַזוינס האָט זיך ביז איצט אין מדינת ישראל, אָדער ערגעץ אַנדערשוו נישט געטראָפן.

דעריבער מיין איך אַז מיר אַלע, דעלעגאַטן און געסט, דאַרפן אויסדריקן אַ קאָלעקטיוון הארציקן דאַנק דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ידישער קולטור, פאַר צוזאַמענרופן די קאָנפערענץ, און אַ באַזונדערן דאַנק דעם פאָרזיצער יצחק קאָרן און דעם סעקרעטאַר, ישראל סטאָלאַרסקי, וועלכע האָבן אומדערמידלעך געאַרבעט לטובת דעם דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ.

איצט וועלן מיר צוטרעטן צו דער עיקר טעטיקייט פון דער קאָנפערענץ. לויט מיין באַשיידענער מיינונג האָט די ידיש־קאָנפערענץ דריי אויפגאַבן; דריי צילן: ערשטנס; מאַכן אַ רעאַליסטישן סך הכל און חשבון־הנפש פון אונדזער מצב. דאָ וועט נישט העלפן צו פאַרגלעטן קנייטשן אָדער פאַרפוצן חסרונות, כדי דער מצב פון ידיש זאָל אויסקוקן שענער, בעסער. דאָ וועט מען דאַרפן, ווי מען זאָגט, קוקן דעם אמת אין די אויגן און מאַכן די נויטיקע אויספירן.

אין דער דיסקוסיע אַרום דער קאָנפֿערענץ, האָבן אייניקע אָנגעהויבן ציען אַ היסטאָרישן פּאַראַלעל צווישן טשערנאָוויץ און ירושלים. איך מיין אַז אַזאַ פּאַראַלעל איז אין תּוך פֿעלערהאַפֿט. ווייל מען איגנאָרירט דאָ פֿיר פֿאַקטאָרן, וואָס זענען ראַדיקאַל אַנדערש אין דעם היינטיקן יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט. אין די 60 יאָר, וואָס זענען אָפּגעלאָפֿן זייט טשערנאָוויץ, זענען פֿאָרגעקומען צוויי וועלט־מלחמות. דער היטלער־חורבן אין וועלכן עס איז אומגעקומען אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק. עס איז פֿאָרגעקומען די סאָוויעטיש־סטאַליניסטישע שחיטה, וואָס האָט מיט געוואַלד אַרויסגעריסן די יידישע צונג ביי אַן ערך 3 מיליאָן יידן, און צום סוף — די אַנטשטייאונג פֿון דער יידישער מדינה, וואָס איז שוין געוואָרן, און וועט מיט דער צייט נאָך מער ווערן, דער ליכט־טורעם פֿאַר אַלע יידן, איבער דער גאַנצער וועלט.

דעריבער טאָרן מיר נישט פֿאַרגלייכן טשערנאָוויץ מיט ירושלים. ביידע, סיי די צייטן און סיי די אומשטענדן, זענען אַנדערע און אומפֿאַרגלייכלעכע.

צווייטנס, די קאָנפֿערענץ דאַרף שאַפֿן אין מדינת ישראל און אין די תּפֿוצות אַ גינסטיקן קלימאַט און אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידיש לשון און צו די יידישע קולטור־ווערטן. אויב ס'איז אמת, ווי אייניקע גלויבן, אַז ישראל איז געוואָרן דער צענטער פֿאַר יידישער קולטור־שאַפֿונג, צי מעגן מיר אין די תּפֿוצות דערוואַרטן פֿון ישראל און פֿון אירע ווירקנדיקע פֿאַקטאָרן, הילף — גייסטיקע און מאַטעריעלע — פֿאַר יידיש און דער יידישער קולטור ?.

דאָס מיינט נישט אַז מיר, אין די תּפֿוצות, דאַרפֿן זיך פֿאַרלאָזן בלויז אויף ישראל און אויף איר הילף. ניין ! קאַטעגאָריש ניין ! מיר, אין די תּפֿוצות, דאַרפֿן קודם כּל ענערגיש באַקעמפֿן די פּאַראַליזירנדיקע אַפּאַטיע וואָס באַהערשט געוויסע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק און הויפּטזאַכלעך מוזן מיר אָנפֿירן אַ העפֿטיקן קאַמף קעגן דער פֿאַרשלינגענדיקער אַסימילאַציע, וואָס רייסט אַוועק שטיקער פֿון יידישן פֿאָלק. דער טאָרמאָז, די דאַמבע, קעגן דער אַסימילאַציע איז יידיש און יידישע קולטור.

נומער דריי : די פֿינף קאָמיסיעס, וואָס וועלן אַרבעטן היינט און מאָרגן, וועלן דאַרפֿן אויסאַרבעטן פּראַקטישע און רעאַליסטישע פֿאָרשלאָגן און פּראָיעקטן וועלכע זאָלן שטאַרקן, אין דער נאָענטער צוקונפֿט, יידיש און יידיש־קולטור. מען טאָר זיך נישט שפּילן מיט סתּם פֿאָרשלאָגן און פּראָיעקטן. מען וועט זיך מוזן רעכענען מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט און נישט בויען קיין שלעסער אויף זאַמד.

ווי אַן אָנהייב — אַ מינימום־פּראָגראַם. דאָס דאַרף זיין אונדזער ציל און מיט דעם דאַרף זיך די קאָנפֿערענץ פֿאַרנעמען.

און איצט — צום סדר־היום. דער ערשטער רעפֿעראַט וועט זיין וועגן יידיש אין דער נייער היסטאָרישער און אַקטועלער סיטואַציע, און דער רעפֿערענט איז דער באַקאַנטער שריפֿטשטעלער, וויסנשאַפֿטלער פּראָפֿעסאָר דב סדן.

דב סדן

צום טאַקט פון האַלב־הלל

א

דערלויבט מיר, קודם־כל אַ וואָרט לביתי, pro domo sua — און דאָס איז אַ וואָרט פון דאַנק פאַר דעם עצם שעת־הכושר צו שטיין איצט פאַר אייך און לאָזן פאַלן עטלעכע געדאַנקען און באַמערקן וועגן יידיש אין אונדזער נייער היסטאָרישער און אַקטואַלער סיטואַציע. איך בין מחויב מיך צו באַדאַנקען, דען כאָטש איך בין פון די איניציאַטאָרן פון היגן יידיש־קאָמיטעט, מיט אַ טוץ יאָרן צוריק, ווען מיר זענען בסך־הכל געווען פיר חברים: דער הויפּטאיניציאַטאָר יצחק קאָרן, אהרן צייטלין, אברהם סוצקעווער און איך; און כאָטש איך בין אויך געווען רעלאַטיוו טעטיק ווען דער קאָמיטעט האָט זיך אויסגעברייט, און האָב מיט וואָרעמקייט באַגלייט די באַשיידענע אָבער חשובע, און צו מאָל אַפילו גרונטיקע אויפטוען זיינע, בין איך אָבער געווען מחולק אין כמה־וכמה פּרינציפּיעלע און זאַכלעכע ענינים, מיט וועלכע איך וועל אייך איצט נישט מטריח זיין, און בלויז דערמאָנען אַן ענין וואָס איז פאַרקניפּט דערמיט: איך בין נישט געווען דער פאַרברענטסטער חסיד פון דעם איצטיקן צוזאַמענקום און זיין געשטאַלטונג, און ווי ווייל איך האָב געוווּסט, אַז עס איז גאָר מעגלעך, אַז איך האָב מיך אין מיין אַרגומענטאַציע טועה געווען, און איך האָב למעשה אָנגענומען, אחרי רבים להטות, דערלויבט מיר אָבער נישט מיין שטעלונג להלכה צו רעדן אין אַ נאָמען פון אַ רבים, און איך בין צופרידן, וואָס איך קאָן אויפטרעטן ווי אַ יחיד, וואָס רעפּרעזענטירט בלויז זיך אַליין, און איך ווייל האָפן אַז איר וועט פאַרשטיין, אַז איך דערקלער עס נישט מחמת גאווה אָדער ענווות, נאָר מחמת פּשוטער ישרנות. נאָך מער צופרידן בין איך, וואָס עס קומט מיר אויס נאָכן ערשטן טאָג יום־טוב, וועלכער איז, ווי דער ערשטער טאָג פּסח, מחייב צו זאָגן גאַנץ הלל, צו דערעפענען דעם חול־המועד, וואָס באַנוגנט זיך מיט האַלב־הלל, ווי אַ נאַטירלעכער איבערגאַנג צום עיקר, צו די וואָכנטעג, די ששת־ימי־המעשה, וואָס האָבן, ווי איעדער שחרית, אויך אַ מין הלל, קאַפּיטל תהלים קל״ו, און וואָס הייסט דווקא ההלל הגדול.

ב

נאָך עפּעס: וואָס שייך דעם קריטישן באַצי צום עצם צוזאַמענקום, בין איך דערינען נישט אַ תּם נאָר אַ מועד, ווייל ער חזרט זיך ביי מיר בפירוש איבער. דען דערלויבט מיר צו דערמאָנען, אַז אַזאַ אָדער ענלעכער צוזאַמענטרעף איז שוין, מיט אַ סך יאָרן צוריק, געפּלאַנירט געוואָרן, — אמת, נישט לויטן איצטיקן צוזאַמענ־שטעל, דען דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט אין אַ קאָנגרעס פון העברעישע און יידישע שרייבערס פון דער גאָרער וועלט, און ביי דער באַראָטונג דערוועגן, מיטן אַקטיווסטן

אַנטייל פון דעם פריערדיקן און דעמאָלטיקן מיניסטער פאַר דערציִונג און קולטור, זלמן שזר און זלמן אַרן, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אין דער אַלגעמיינער. כמעט היציקער, אַקלאַמאַציע אַריינצוּוואַרפן אַ קילע וואָרענונג, וועלכע איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן, ווי זי איז אויך איצט נישט אַקצעפּטירט געוואָרן, אָבער פּונקט ווי עס איז נישט מיין שולד, וואָס יענער צוזאַמענקום איז נישט צו שטאַנד געקומען, איז עס נישט מיין פאַרדינסט, וואָס דער איצטיקער צוזאַמענקום איז יאָ צו שטאַנד געקומען.

ג

אָבער איןביידע פאַלן האָב איך געטראַכט און געזאָגט, אַז אויב אַזאַ צוזאַמענקום וועט יאָ זיין, דאַרף ער צו זיין אין ירושלים, וואָס נישט בלויז זי סימ־באַליזירט, נאָר רעפּרעזענטירט אויך פּאַקטיש, מער ווי אַיעדער אַנדערע שטאָט אויפן יידישן גלאָבוס, די נייע היסטאָרישע און אַקטואַלע סיטואַציע נאָך אונדזער גרויסן חורבן, וואָס וואָלט פּאַראַליזירט דעם גלויבן פון פאָלק אין זיין קיום און צעטרייסלט זיינע לעבעדיקע כוחות, ווען נישט דער אויפקום פון דער מדינה, וועלכע איז שוין איצט און וועט, אין אַן אַלץ ברייטערער און טיפערער מאָס, זיין דער קאָלעקטיוו־וסטער, דינאַמישסטער יישוב, וואָס זיינס גלייכן קענען מיר ערגעץ אַנדערש נישט האָבן בפועל־ממש — אייגענע שטעט, אייגענע דערפער, אייגענע קולטור, נישט בלויז אין אַנגענומענעם זינען, נאָר אויך, און צו מאָל בעיקר, אין זינען פון די איבעריקע גרונט־אַטריבוטן און אירע קיום־באַדינגען — מלוכישע סוווערניטעט, טעריטאָריאַלע קאָמפּאַקטקייט, פּאָליטישע און פּאַרוואַלטערישע אוי־טאָנאָמיע, עקאָנאָמישע און ווערטשאַפטלעכע באַזע, און אחרון־אחרון, וואָס איז פאַר אונדזער צוזאַמענקום איצט אַ ראשון־ראשון — די מאַקסימאַליסטע מעגלעכ־קייט פון דערציערישן און שפּראַכלעכן פאַרנעם און אַרומנעם. איך ווייס, אַז דעם באַנעם פון אַזאַ צענטראַלקייט קומט אַן שווער צו פאַרדייען איינעם, וואָס האָט זיך געכאַוועט און צוגעווינט צום בעיקר דובנאָווישן נוסח פון אונדזער געשיכט־לעכער וואַנדערנדיקער צענטרישקייט פון ישראל בעמים, אָבער פּאַראַפראַזירנדיק אַ וואָרט פון זיינס אַ גרויסן תלמיד, יודל מאַרק, וואָס האָט אַ שטיק פון דעם באַנעם טעאָרעטיש און פּראַקטיש אויסגעפירט, איז שווער נישט מודה צו זיין, אַז די דאָזיקע צענטרישקייט איז היינט חל אויף ירושלים; אלא־מאַי, זי פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַיעדן פריערדיקן, וואַנדערנדיקן צענטער, האָט אָבער אַ חסרון, וואָס די כלה איז צו שיין, זי איז דאָס הארץ פון דער יידישער מדינה, זאָלן מיר טאַקע קיין אַנדערע חסרונות מער נישט האָבן.

וועט איר מיר מוחל זיין, אַז די צענטראַלקייט איז סיי די הנחה סיי די מסקנא פון מיינע באַמערקן, וואָס קענען, אין איצטיקן באַגרענעצטן צייטרעמל, בלויז זיין רמזים, און ווען זיי וועלן אינטערעסירן, בעט איך אים זייער, נאָכצוגיין זייער המשך, ווי איך האָף אים בכתב צו אַנטוויקלען.

ד

און איצט אַ שטיקל ווידוי: מיינס־גלייכן האָבן נישט געהאַט קיין ספק־ספיקא אין דער דאָזיקער צענטראַלקייט, ווען מיר זענען, מיט איבער פופציק יאָר צוריק, געקומען אַהער, בשעת דער יישוב האָט געציילט קוים הונדערט און אַכציק טויזנט נפשות, און דאַרונטער אַ היפּשער פּראָצענט פון אַלטע יידן, אָבער דאָס האָט גורם געווען די אמונה פון אַ מיעוט, און אַפילו אַ מיעוט־בתוך־מיעוט, וואָס קעגן אים איז געשטאַנען אַ רוב, וואָס האָט נישט געטיילט אונדזער גלויבן — פּאָליטישע פּאַרטייען, קולטורישע פאָרמאַציעס, אידעאָלאָגיעס, פּראָגראַמען, און צווישן זיי נישט ווייניק פאַרשוינען פון גרויסן פאָרמאַט, שרייבערס און דענקערס, און זיי אַלע האָבן געהאַט אַנדערע, גאָר אַנדערע ענטפערן אויף אונדזערע קיום־קשיות. וועל איך זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין אַן אָפּשאַץ פון דעם שלל אָריענטאַציעס און זייערע ווידעראַנאַנדן אין דער יידישער גאַס, דען דאָס איז שוין לאַנג אַן ענין פון היסטאָריקערס, וואָס וועלן מסתמא פון איין זייט באַשטאַרקן דעם טאַקט־פולן, כאָטש דיסטאַנצירטן דרך־ארץ פאַר יעדן און אַלעמען, וואָס האָבן זיך במסירת־נפש באַמיט צו דערהאַלטן יידן ווי יידן, איטלעכער און איטלעכס, לויט זיין אמונה און סברה, וועלן אָבער פון דער אַנדערער זייט, קענען קלאָרער אָפּשיידן צווישן סוביעקטיוו רעכטע כוונות און אָביעקטיוו רעכטע מעשים, און מסתמא אויך דערקלערן, ווי אַרום, סיי די כוונות סיי די מעשים, זענען אַריין אין איין גרויסן כוללדיקן חשבון.

אָבער וואָס מיר קענען, דאַכט זיך, שוין איצט פאַרשטיין איז, אַז מיר געפינען זיך, נאָכן אומקום דאָרט און אויפקום דאָ, אין עצם פּראָצעס גובר צו זיין די פריערדיקע דיסאָריענטאַציעס און באַפעסטיקן די היסטאָרישע און אַקטואַלע רעאָ־ריענטאַציע, וואָס בלויז די מענטשלעכע־אַלצומענטשלעכע מידה פון געדאַנקלעכער און מענטאַלער אינערציע דערלאָזט אונדז נאָך נישט פול צו באַנעמען, ווי ווייט דאָס דאָזיקע איבערקערעניש גרייכט און וועט ערשט גרייכן, נישט בלויז להלכה נאָר בעיקר למעשה.

ה

אַז די רעאָריענטאַציע איז נישט געווען און איז נאָך איצט נישט קיין פולער קיימא־לן, דאַרפן מיר לאַנג נישט ברייען, און איך וועל ברענגען דריי בולטע דוגמאות, אין אַ ספּעקטרום, וואָס אינטערעסירט אונדז איצט באַזונדערס, דאָס איז דאָס ספּעקט־רום פון מאַרקאַנטע יידיש־טעאָרעטיקערס און יידיש־פּראַקטיקערס, און וועל אָנהייבן מיט אַ דוגמה אויף דער שוועל פונעם אַפּאָקאַליפּטישן שוידערלעכן בין־השמשות פון אונדזער דור, ווען דער אַרצע־מנוול האָט געבושעוועט אין אייראָפּע; און אַזאַ ברילאַנטער גייסט און אויפגעוועקטער קאָפּ, ווי מאַקס ווײַנרייך, האָט געזאָגט: „לכל־הדעות דאַרף די פּראָבלעם פון ארץ־ישראל רעדוצירט ווערן צו די געהעריקע פּראָפּאָרציעס אינעם אַלגעמיינעם בילד פונעם יידישן לעבן. ארץ־ישראל איז ניט די

צענטראַלע יידישע פּראָבלעם און ווי באַלד אַזוי, טאָר מען ניט אַרויסרוקן ארץ־ישראל אין פֿאָדערגרונט פֿון דער יידישער פֿראַגע. כּל־זמן יידן זיצן אין די גרויסע מיליאָנען אין אייראָפּע, איז קעגן די אינטערעסן פֿון יידישן פֿאָלק צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ארץ־ישראל איז די תּרופֿה פֿון אַלע יידישע צרות, אַפֿילו ווען עמעצער מיינט, אַז ער ווייס אויף זיכער, ווי אַזוי אַרויסצופֿירן יידן פֿון גלות. שטעלן ארץ־ישראל ווי אַ תּרופֿה פֿאַר אַלע יידישע צרות, איז נישט קיין רעאַליסטישע פּאָליטיק, איז געשפּילט וואַבאַנק — —". איך דערמאָן דאָס נישט לשם פּאָלעמיק מיט אַ זאַמלבוך, וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אויגוסט 1942, און מיט אַ רעפֿעראַט, וואָס איז דאָרט געהאַלטן געוואָרן סוף מאַרץ 1942, און וואָס זיין ערשטע הנחה איז געווען דער גלויבן, אַז די גרויסע מיליאָנען יידן אין אייראָפּע לעבן און וועלן לעבן און וועלן זיך דאָרט רעסטיטויִרן, און זיין אַנדערע הנחה איז געווען די סבֿרה, אַז די רעסטיטוציע וועט פֿירקומען אין יענע מלוכות אין אַ מערבֿדיק־דעמאָקראַטישן רעזשים.

צו אונדזער גרויסן בראָך איז דער דיאַגנאָז אַכזריותדיק צוזאַמענגעבראָכן, און וואָס שייך דעם פּראָגנאָז, האָט ער אויך נישט צוגעטראָפֿן, אַפֿילו ווען ער איז טייל־ווייז מעגלעך געווען — אַ סימן, די צענדליקער טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן, זענען נאָך אַ קורצער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געפּרוווט רעסטאַווירן שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנשאַפֿט, ווידער אַוועק, און היינט־צו־טאָג געפֿינט זיך דאָרט אַ לעצט רעשטל פֿון זיי. ניין, מיר האָבן מאַקס ווײַנרייכס ווערטער געבראַכט כּדי צו באַטראַכטן, ווי האָט זיך אין אַזאַ טיף־ערנצטן מענטשן, נאָכן חורבן, דערוועקט און געמוזט דערוועקן, און דאָס מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט, די דילעמע: וואָס געשעעט מיט דער ירושה פֿון אונדזער חרובֿער וועלט, בפֿרט מיט אירע קולטור־עלעמענטן, און ראשית־כּל און אחרית־כּל, די יידישע שפּראַך וואָס איז ביי אים געווען דאָס אויג פֿון קאָפּ און פֿאַר וועלכער ער האָט, ווי אַ פֿאָרשער, היסטאָריקער, אידעאָלאָג און פּובליציסט זיין פּרוכפּעריק לעבן אָפּגעגעבן. אויב מען מעג די דילעמע, אַלעגאָריש אָדער סימבאָליש, צושפּיצן, מיינט זי: ווער וועט זיין דער עיקר־יורש — צי ניו־יאָרק מיט איר פּראָגרעסירנדיקער יידיש־ירידה, בעיקר ביים יונגן דור; צי ירושלים, מיט איר פּראָגרעסירנדיקער העברעיִש־עליה, בעיקר ביים יונגן דור. אוודאי ענטפֿערט דער גאַנג פֿון זיין ביאָגראַפֿיע דערויף, אָבער אַז ער האָט זיך פֿאַרט געוואַקלט צווישן די צוויי צענטערס איז קלאָר פֿון אַ בולטן עפּיזאָד — דער משא־ומתן וועגן דער יידיש־קאַטעדרע, וואָס דער היגער העברעיִשער אוניווערסיטעט האָט אים, אויף מיין איניציאַטיוו, פֿירגעלייגט, און וואָס ערשט נאָך זיין ניין און שמואל ניגערס ניין האָב איך זי איבערגענומען, און האַלט אָבער עד־היום, אַז זיי האָבן געטאָן אַ גרויסן, נישט בלויז ביאָגראַפֿישן טעות. על־כּל־פּנים איז אויך דאָס אַן ענין פֿאַר אַ פֿאָרשער, און מסתּמא וועט זיך אריה פּילאָווסקי, אין המשך פֿון זיין שטודיע וועגן יידיש אין ארץ־ישראל, אויך מיט דעם פּרק פֿאַרנעמען.

ו

איך האָב דערמאָנט אַ בעל־שיעור־קומה, דעם גרויסן יידיש־מתמיד, דעם פּליי־סיקסטן קריטיקער און כראָניסט פון דער יידיש־ליטעראַטור, שמואל ניגער, און איך וויל מיך איצט קורץ אָפּשטעלן דערויף, ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט אויפן אויפקום און ערשטן אַנטוויקל פון דער מדינה, און דאָס לויט זיין בראָשור: **ישראל... — פאָלק און לאַנד**, וואָס איז פול רעזערוואַציעס: לא די וואָס ער חזרט אין דער נייער סי־טואַציע איבער זיין אַלטן אני מאמין: וועלטלעכקייט, יידיש, עם־עולם ווי די באַזע; ווייטער מסורה, עברית, ארץ־ישראל, ווי די אָנשפּאַרן, שטיצן פון דער באַזע, באַהאַנדלט ער אויך דעם ענין פון קולטור — ווידער אַ מאָל אין אַנגענומענעם באַ־גרענעצטן זינען — און ספקט, אויב מדינת־ישראל קאָן דאָ שפּילן אַ ראָלע: זי מוז דאָך מיט איין האַנט בויען דאָס לאַנד און מיט דער אַנדערער האַנט עס פּאַרטיי־דיקן, און קיין דריטע האַנט האָט מען דאָך נישט, וועט שוין ממילא דער ענין קולטור זיין דער אויפגאַב פון דער באַזע, ווייל דער אָנשפּאַר וועט דערצו קיין צייט און קיין כוח נישט האָבן. איז דאָך לגבי אַזאַ יידן מיט פולן מויל ווי ער, די קאַרדינאַלע קשיא געווען: אין וואָס פאַר אַ שפּראַך וועט די דאָזיקע קולטור אויפגעבויט ווערן, און אויב ער האָט אָנגענומען אַז יידיש, וואָלט ער באַדאַרפט בודק זיין, צי איז דאָ נישט דער ווונטש דער פּאָטער פון געדאַנק, דען עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געזען און געוויזן, אַז פאַר זיין צווייישפּראַכיקייט און איר וויטאַלסטן אויסדרוק, דער לעבעדיקער ליטעראַטור, ווערט אָרום אים אַלץ ענגער און ענגער, פּשוט ווייל דער יונגער, אין אַמעריקע געבוירענער און דערצויגענער דור, האָט נישט אויפגעשטעלט קיין יורשים נישט פון דער יידישער און נישט פון דער העברעישער ליריק, עפּיק, דראַמאַטיק, פּובליציסטיק, און דער זעלטענער לרוב עפּעמערישער יוצא־מן־הכלל באַשטעטיקט בלויז דעם כלל, און די אייבערהער־שאַפט, אַפילו אַליינהערשאַפט פון ענגליש, שטויסט אַרויס אונדזערע היימישע לשונות, וואָס זייערע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס, וואָס פּראַוון אַיעדע שבת פאַר זיך, האָבן אַפילו נישט קיין שכל צו שאַפן אַ בשותפותדיקן אָפּוועראָנט, ווייל זיי וויסן פון מיינס און דיינס, און נישט פון אונדזערס. פרעגט זיך טאַקע: אויב אַזוי, ווער וועט עס דאָרט שאַפן אַן אייגענע, היימישע ליטעראַטור און עס איז נישט אַנדערש, נאָר אַז שמואל ניגער — אויב ער איז לגבי מדינת־ישראל געווען אַ היפּערראַליסט, איז ער לגבי אַמעריקע געווען אַ היפּעראויטאָפּיסט.

ז

און אין פאַראַנטעז צוויי הערות. ערשטנס, בין איך נישט קעגן דער שיטה פון די צוויי דריילינגען, לפחות ביז צום קיבוץ־גלויות־השלם, במהרה בימינו אָמן. אָבער איך זע דעם דריילינג אין אַ פאַרקערטן סדר און אין אַן אַנדערער אַקצענטירונג: מסורה, עברית, ארץ־ישראל ווי די באַזע, ווייטער וועלטלעכקייט, יידיש, גלות —

ווי אירע אָנשפּאַרן. צווייטנס, האָב איך גאָרנישט קעגן אוטאָפּיע, אַזוי ווייט אַז ווען מלך ראַוויטש, וואָס איז געווען אַן אינקאַרנאַציע פון אַ הייליק־ציטערדיקער זאָרג פאַרן יידיש־גורל, האָט מיך געפרעגט וועגן זיין פּאָעמע קרוינונג פון אַ יידישן דיכטער, ווי דער געקריינטער איז אַ נעגער־קינד, האָב איך געזאָגט: איך האָב אַפילו נענטערע און קראַנטערע קאַנדידאַטן דערצו, אָבער די גמרא האַלט ר׳ עקיבא פאַר אַ גר, און פרויד מאַכט משה רבנו פאַר אַ מצרי, ואני הקטן האַלט אַן עולם־ומלואו פון גרים און חוזרים בתשובה. אָבער בעיקר גלייב איך אין אַן אוטאָפּיע וואָס איז אַ גילגול פון אַן עלטערן אָדער יינגערן מיטאָס. וואָס שייך אַן עלטערן מיטאָס — איז דאָך לעינינו אַ צוויי טויזנט־יאָריקער חלום פון שיבת־ציון מקוים געוואָרן. וואָס שייך אַ יינגערן מיטאָס איז דאָך לאָזנינו דער האַלב־חלום פון תחית־הלשון מקוים געוואָרן. איך זאָג: האַלב־חלום, ווייל לשון־עברי האָט דאָך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ גוואַלדיקער ממש, און נישט אומזיסט איז אין איר דער רוב ליטעראַטור אונדזערער אין אַלע דורות געשאַפן געוואָרן, און האָט דערלעבט עטלעכע רענעסאַנסן, און מסתמא איז ביאַליק גערעכט געווען, אַז אַן דעם ווונדעלעכן צוזאַמענשפּיל — איך רוף עס פונקציאָנאַלער אויפטייל — מיט כל־ערליי יידישן, און בעיקר אונדזער יידיש, מיט זיין אויסנעמלעכער רייכקייט, וואָלט דאָס נישט מעגלעך געווען. וואָס שייך יידיש, פרעגט זיך, כידוע, מיטן פולקומענעם אויפלעב פון לשון־עברי, די קשיא: ווי קען מען און מעג מען עס איבערהיפּערן אַ טויזנטיאָריקע קולטור, און כאָטש די פאָרמולאַציע דאַרף אַ שטיקל תיקון, ווייל יידיש איז אין דער קולטור נישט געווען דער איינציקער עלעמענט, דען לשון־קודש איז תמיד מיטגעווען, איז די קשיא גריילעך גערעכט, ווייל אַ פאָלק טאָר זיך נישט אָרעמער מאַכן, אָבער די קשיא דאַרף צו פרעגן ווער עס היפּערט אַליין נישט איבער אַ דריי־ און אפשר פיר טויזנט־יאָריקע קולטור, פון בראשית ברא ביז הייני־טיקן טאָג, ודי לחכימא

אָבער, צו אונדזער לייד, האָבן מיר היפּש צו טאָן מיט ביידע סאָרטן איבער־היפּערס, בפרט זינט דער שפּראַכנקאַמף, וואָס זלמן שזר רופט אים אַן ריב הריבים, דאָס געקריגיג איבער אַלע געקריגן, און די צווייִשפּראַכיקייט אין דער ליטעראַטור איז געוואָרן אַלץ זעלטענער און מענדעלעס זאָג וועגן אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער האָט באַלד נישט קיין האַפּט, ווייל דער צווייִשפּראַכיקער יוצא־מן־הכלל באַשטעטיקט אויך דאָ דעם כלל, און דאָס איז אַ שרייבער אָדער אַקאַדעמישער לערער, וואָס איז אַ בריה־נפלאה צו לייענען און דערקלערן פישקע דער קרומער, קוקט אָבער אַריין אין ספר הקבצנים ווי אַ האָן אין בני־אָדם אָדער פאַרקערט: ער איז אַ בריה־נפלאה צו לייענען און דערקלערן ספר הקבצנים, קוקט אָבער אַריין אין פישקע דער קרומער ווי אַ האָן אין בני־אָדם, און יעדע פון די צוויי העגער פאַרשטאָפּט מענדעלען, דעם מחבר פון דעם זעלבן ספר אין זיינע ביידע גירסות, איינעם פון זיינע נאָזלעכער, אַזוי אַז ער בלייבט נעבעך אָן אָטעם. און איר ווייסט דאָך, רבותי, אַז עס איז אַ משל וואָס פאַרמאָגט אַ סך, און אַפילו צו פיל נמשלים.

אָבער צוריק צו שמואל ניגער — מיט אַ קאַרגע דרייצן יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען, ביי אַ יידיש־סימפּאָזיום אין תל־אָביב, צו הערן פון אַ פּאַרדינסטפולן קולטור־פּראַקטיקער, זלמן יעפּרויקין, אַז אַ קאָפּ סימפּליצירטן נוסח פון ניגערס באַנעם. דריי מלחמות — האָט ער אויסגעפירט — זענען פירגעקומען אין די לעצטע דורות: צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט און וועלטלעכקייט האָט מנצח געווען; צווישן עברית און יידיש און יידיש האָט מנצח געווען. צווישן ארץ־ישראל און גלות און גלות האָט מנצח געווען. שפּעטער, אין אַ שמועס דערוועגן, האָב איך אים געזאָגט אַז בענין רעליגיע וואָלט איך אים געקענט אָפּשיקן צו אַברהם מענעס און לייבוש לעהרער; בענין שפּראַכן — צו זיין אייגענעם ברודער, ישראל יעפּרויקין; בענין ארץ־ישראל ווייטער — צו מנחם באָריישאָס מאמר, וואָס ער האָט געשריבן אַ טאָג פאַר זיין פּטירה. אָבער באמת בויערט מיך אַן אַנדער קשיא: ווי לאַנג איז דער שיעור צו אָפּערירן מיט באַטאַליסטישע באַגריפן און טערמינען פון פירן מלחמות און אויסטיילן נצחונות, גלייך פאַר שלום איז שוין טאַקע גאָר קיין פּלאַץ נישט געווען און נישטאָ.

און איצט, רבותי, דערלויבט מיר צו זיין פּיקאַנט — איך האָב די כאַראַקטעריסטישע דוגמאות געבראַכט צו ווייזן, אַז נישט זיי זענען דער רעכטער שפּיגל, דען אַזוי האָט רעאַגירט בלויז דאָס רעפלעקטיווע, און גאָר אַנדערש האָט רעאַגירט דאָס קרעאַטיווע, ספּאָנטאַנע, אימפּולסיווע, ווי עס איז פאַרביק און זאַפטיק צום אויסדרוק געקומען אין דער יידיש־ליטעראַטור און פּרעסע וואָס האָט מיט ברען און ליבשאַפט אויפגענומען די מדינה און זי, אין ליד און דערציילונג דראַמע און עסיי איבערגעלעבט און דורכגעלעבט און האָט איינגעריסן אַלע דאַמבעס, וואָס די אינערציע איז עלול געווען צו דערהאַלטן, און זי, די ליטעראַטור, פירט זיך אַזוי עד עצם היום הזה.

יאָ, וואָס שייך דעם חילוק פון צוגאַנג, האָט שוין דער סבאָ־דבי־ווייַמער געזאָגט: גרוי, טייערער פריינד, איז יעדע טעאָריע, און גרין דעם לעבנס גילדענער בוים. מעגלעך אַז אַ שפּעטערער דור וועט דעם דאָזיקן בוים זען אין זיין גאַנצן עשירות, און עס וועט זיך נאָך בולטער אַפּירזען דער גלאַנץ פון זיינע באַזונדערע צווייגן און בלעטער — די מחנה יידיש־שרייבערס, אָנגעהויבן מיט זייער קליינער צאָל, וואָס זענען נאָך געקומען קיין ארץ־ישראל און אַלץ גרעסערער צאָל, וואָס זענען שוין געקומען און וועלן קומען אין מדינת־ישראל, און געוואָרן פלייש פון איר פלייש און ביין פון איר ביין — געשריבן ביכער, געשאַפן פּעריאָדיק, פּרעסע פאַרלאַגן, אינסטיטוציעס, פּרעמיעס, זיך געבאָרעט מיט אַלע פּראָבלעמען, ווייניקער דעקלאַרירט און מער געאַרבעט, ווייניקער דעקלאַמירט און מער געטאָן, און עס איז ווייט נישט קיין גוזמא אָנצונעמען, אַז מיר האָבן הי אַ גאָר וואָגיקן, און פּאָטענציעל אפשר דעם וואָגיקסטן יידיש־צענטער.

ט

אָבער דער אמת איז מחייב צו זאָגן, אַז אויב דאָס פאַרשטאַנדעניש פאַרן באַ־נייטן שידוך צווישן פאָלק און זיין עלטסטן און דערפאַר ייִנגסטן לאַנד, ארץ־ישראל, איז דאָ צוגעגאַנגען מיט אַ מין גראַנדיאָזער באַפליגלטקייט, וואָס איז געווען פאַרשטאַנדלעך פון זיך אַליין, איז דאָס פאַרשטאַנדעניש פאַרן באַנייטן שידוך צווישן פאָלק און זיין עלטסטער און דערפאַר ייִנגסטער שפּראַך, לשון־עברי, נישט אַדורך און אפשר אויך נישט געקאָנט אַדורך, אָן אַ לאַנגן און ביז איצט דויערנדיקן סקריפּ — לרוב ווידער אַ מאָל רודימענטן פון יענעם געקריג איבער אַלע געקריגן, וואָס האָט אויסגעצייטיקט די טאָפּעלע שפּראַכן־אָפּגעפרעמדטקייט און שפּראַכן־אָפּגעשפּאָלטנקייט, און שטערט דעם פאָלק זיך נוהג צו זיין ווי עס האָט זיך תמיד נוהג געווען — לעבעדיק אָפּהיטן זיינע אייביקייטן, לויט זייער וואָג און ווערט אויף דער טאָטאַלער רייך־שיכטיקער קולטור־מאָפּע זיינער.

וועל איך נישט שפּילן קיין נביא און זאָגן אַז איך ווייס ווי דאָס וועט זיך גע־שטאַלטיקן, און וועל מיך אויך נישט אַריינלאָזן אין די מכלומרשט פלויזיבלע לאָזונ־גען, וואָס מיניען און מאַניען לעצטנס, פון סאָרט: נוסח אַשכנז, יידיש־קודש; לאַ־כל־שכן פון סאָרט: נעאָיידישיזם, איך קען בלויז זאָגן, אַז איך האָב, ווי אַ צוויי־שפּראַכיקער שרייבער און לערער, זיך משתדל געווען, מיט די אָרעמע כוחות פון אַ יחיד, מקיים צו זיין די מיצווה, וואָס איז מחייב יעדן איינעם: קשוט עצמך תחילה. דערפאַר טאַקע קאָן איך נישט ממליץ זיין אויף אַ רפואה, וואָס רעדט זיך איין צו זיין אַ נסימדיקע פּאַנאַצעע. און קען בלויז געבן אַ פּשוטע עצה, וואָס טויג אפשר שוין נישט פאַרן אַלטן און עלטערן דור, וואָס איז אין דער טאָפּעלער שפּראַכן־אָפּגע־פרעמדטקייט אַריינגעוואַקסן, און אַפילו ער זאָל וועלן, קאָן ער נישט פון איר אַרויסוואַקסן; איז אָבער ווי אָנגעמאָסטן פאַר יחידים און חברות פון ייִנגערן און ייִנגסטן דור, לאמור, אַזוי צו זאָגן: קינדער, אַל תהיו כאבותיכם, זייט נישט ווי אייערע טאַטעס; זייט ווי אייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, און נעמט אָטעמען מיטביידע נאָזלעכער, און אויב איר וועט הייבט זיין צענדליקער און מאָרגן הונדער־טער, איז דיינו, ווייל אין לוח פון אונדזער גורל און געשיכטע איז נאָך דאָ אַן אַי־בערמאָרגן און אַן איבער־איבערמאָרגן, און אַלע סטאַפּערס טויגן און וועלן טויגן אויף אַ כפּרה. און סוף הכבוד לבוא.

י

וואָס שייך ווייטער ענין כבוד, צעפּאַלט זיך, כידוע, זיין שורש אין צוויי באַ־טייטן — נישט בלויז ער איז האַנאָר נאָר אויך שווער אין עול. דען עס דערוואַרט אונדז אַ גרויסע האַרעוואַניע, וואָס אויך דער איצטיקער צוזאַמענטרעף איז אַן אָנזאָג, כאָטש זי גופא, די האַרעוואַניע געהער שוין בפירוש צו די ששת־ימי־המעשה, ווען מיר וועלן לייטיש מקיים זיין דעם נעשה ונשמע.

סאָציאַל־הומאַניסטישע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור

רעפעראַט פון מרדכי שטריגלער

חשובער פּרעזידיום, חשובע פּאַרזאַמלטע, מורי ורבותי,

איך געהער צו יענע יידן וועלכע האַלטן אַז יידישע ליטעראַטור הייבט זיך נישט אָן ביי אייזיק מאיר דיק. זי ציט זיך אַ סך ווייטער. דערפאַר וועל איך זיך דער־לויבן אַריינצופּלעכטן אַביסל מחשבות פון אונדזערע אַלטע אוצרות אין מיין רעדע, וואָס איז באַזירט טיילוויז אויף דער יידישער ליטעראַטור.

און יעצט עטלעכע ווערטער בענינים דיומא. עס איז פאַראַן אַ פּסוק אין משלי ט״ו וואָס זאָגט: כל ימי עני רעים. אַלע טעג פון אָרימאַן זענען שלעכטע. איז פאַ־ראַן באַלד אַ פראַגע אין דער גמרא: וואָס הייסט, אַלע טעג פון דעם אָרעמאַן זענען שלעכט? און ווי זענען די שבתים און ימים טובים ווען אַן אָרעמאַן פרייט זיך? ענטפערט שמואל, אַן אמורא וואָס איז אַליין געווען אַ רופא, אַ באַרימטער מעדי־צינער אין זיין צייט: אַז עס איז שלעכט דעם אָרעמאַן אויך אין די שבתים און ימים טובים, ווייל ער קען שוין נישט פאַרדייען דאָס ביסעלע גוטס און מאַכט זיך קאַליע דעם מאָגן.

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור זעט מען אַז זי איז כמעט אַלע מאָל געשטאַנען אונטערן מזל פון אָרעמ־קייט. ס׳איז נישט בלויז געווען אַ מין פּאַטאַלע אָרעמקייט, נאָר אויך אַ קעמפע־רישע. אָבער אָרעמקייט בלייבט אָרעמקייט. נישט איין מאָל האָט די יידישע קולטור, זינט איר אויפקום געהאַט אַ חלק אָדער אַ שייכות צו גרויסע ימים טובים, אָבער אַז זי זאָל הנאה האָבן פון דעם יום־טוב — דאָס איז אין איר געשיכטע געווען אַ זעלטנקייט שבזעלטנקייט, אַפילו אין אירע בליענדיקסטע יאָרן. און דערפאַר פלעגן זיך אירע פאַרשער, אירע קאָנסומענטן כמעט אַלע מאָל דאַרפן פאַרטיידיקן, אָפט מאָל בעטן מחילה פאַר וואָס זי, די יידישע קולטור, עקזיסטירט בכלל. גלייך זי וואָלט אימיצן געקוועטשט אין שיך און געשטאַנען אין וועג.

אני הקטן און מסתמא נאָך אַנדערע, האָבן זיך דערפאַר געשראָקן פאַר דער דאָזיקער אָרעמקייט אויף אַזאַ פאַראַדנעם וועלט־קאָנגרעס. עפּעס איז באַפאַלן אַ מורא, ווי אַזוי וועט דער יום טוב זיך פאַרן מיט אונדזער אָרעמקייט.

נעכטן האָט איר געהאַט די געלעגנהייט צו הערן, צוזאַמען מיט די פייער־לעכע רייד, אויך דעם אויסגעשריי פון אונדזער אָרעמקייט. אָבער איר ווייסט דאָך אַז ביי יידן איז שטענדיק געווען אַ צוריקגעשמועסט. איז טאַקע פאַראַן אַן אַנדער גמרא וואָס פרעגט אין שבת, קמ״א: פאַרוואָס זענען די ימים טובים אין בבל געווען אַזוי פריילעך און דער ענטפער איז: ווייל די יידן פון בבל זענען אָרעמעלייט. און אַן אָרעמאַן וועלכער האָט נישט יעדן טאָג אָט די דאָזיקע פרייד, די דאָזיקע רו —

אַז עס קומט איינמאָל אַ שבת אָדער אַ יום טוב, לעבט ער אויף, ער שפּירט אַנדערש.

עס איז זייער גוט וואָס דווקא אָט די אייגנשאַפט וואָס ווערט צוגעשריבן צו ייִדן פון בבל, ווערט איצט אויסגעדריקט און אונדזערע ימים טובים ווערן געפּראַוועט אין די טויערן פון ירושלים הבנויה. ווייל איז די וואָס האָבן דערמעגלעכט אַריבערצוטראָגן אָט די פרייד אַהער אין דעם דאָזיקן זאַל, אין אָט דער הייליקער שטאָט.

כ׳האָב פריער געזאָגט אַז די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען אונטערן מזל פון אָרעמקייט. אָן אַריינבליק אין דער מעכטיקער ביבליאָטעק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, באַווייזט אַז זי איז טאַקע געשטאַנען אונטער דעם מזל, אָבער עס זענען געווען צוויי פאַרשידענע ריכטונגען. ווידער די זעלבע געשיכטע: בכדי איך זאָל איינשפּאָרן דעם לאַנגן וועג פון אילוסטראַציע, און בלויז דערביי יוצא זיין מיט געציילטע פאַקטן, ווייל איך ווידער זיך באַנוצן מיט עפּעס פון דעם ייִדישן פאָלקלאָר.

עס ווערט דערציילט אַז צוויי חסידים זענען געפאָרן אין אַ בויד. יעדער איינער האָט געהאַט זיין רבין. האָבן זיי ביידע באַלד אָנגעהויבן זיך אַמפּערן וועגן זייערע רביים. איינער האָט געזאָגט: בלויז ביי מיין רבין געפין איך דעם גאַנצן אמת. און דער צווייטער האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע. ערשט ווען די בויד איז אָנגעקומען קיין טשערנאָביל, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ביידע זענען געקומען אַהער צום זעלביקן רבין...

אין אונדזער לאַנגער, אָדער אפשר קורצער, אָבער שפּאַנונגס־אָנגעלאָדענער געשיכטע פון די מאָדערנע ייִדישע באַוועגונגען, פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור, זענען פאַרגעקומען זייער אַ סך ויכוחים אויפן וועג, אויף דער בויד, צו ערגעץ וווּ אַ ציל, צו עפּעס אַן אמת וואָס מען האָט געזאָגט און געזוכט און געטאַפּט דעם וועג צו אים, און דאַן זענען פאַרגעקומען אַלערליי ויכוחים און ביטערע דיסקוסיעס א.א.וו. און איך דאַרף דאָס נישט דערציילן, אָבער ביים איצטיקן מאָמענט, ווען אונדזער קולטור־בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אָט דער סטאַציע וואָס הייסט ירושלים, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז כאָטש מיר האָבן אין אַנדערע צייטן געפירט ויכוחים און געאַמפּערט זיך און אַפילו זיך געזידלט, זענען מיר אַלע אָנגעקומען אויפן זעלביקן אָרט, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעדער איינער פון אונדז איז סוף כל סוף דערפאָרן צו דעם זעלבן טשערנאָביל.

עס איז זייער שווער, און איך האָב עס געזאָגט, די צייט איז זייער באַגרענעצט און איך מוז מאַכן אַ קפיצת הדרך, ווייל איך בלויז אילוסטרירן עפּעס פון דעם וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט: ס׳איז באַקאַנט, אַז דער באַרימטער קלאַסיקער יצחק לייבוש פּרץ, האָט אין זיינע רייפערע יאָרן זיך פּראָקלאַמירט ווי אַ בונדיסט. ער האָט געהאַט אַ שטיקעלע סימפּאַטיע פאַר ארץ־ישראל. דאַן איז נאָך דער ציוניזם געווען יונג, אָבער ווען יצחק לייבוש פּרץ האָט אָנגעשריבן זיינע „דריי מתנות" און געזוכט ערגעצווו אַ ביישפּיל פון ייִדישן קידוש השם, פון ייִדישער טריישאַפט,

האָט ער עס געפֿונען אין דעם זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. וואָרעם ווען האָט ער זיך מוסר נפש געווען ? ווען האָט ער אָפּגעגעבן דאָס לעבן און זיך אַנטקעגנגעשטעלט די גזלנים ? ווען זיי האָבן ביי אים געוואָלט צונעמען דאָס זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דער יידישער קידוש השם, דער יידישער, אַזוי צו זאָגן, שטאָלץ און אַלץ מיט אַנאַנדער.

און נישט אומזיסט האָט דאָס פּרץ אַזוי דערפֿירט, אַזוי אויסגעפֿירט, ווייל שוין דאַן, אין יענע יאָרן, האָט ער געשפּירט אַז ערגעצוו איז פֿאַראַן אַ סטאַציע, וואָס דער ייד איז גרייט פֿאַר איר אָוועקצוגעבן דאָס לעבן, כאָטש אַנדערע פֿאַרמעגנס האָט ער געלאָזט אָוועקרויבן.

אַלע געדענקען זיכער יצחק לייבוש פּרצעס באַנטשע שווייג, און מען האָט אין דעם אַריינגעטייטשט אַז דאָס איז אַ פּראָטעסט קעגן יידישן בויגן דעם קאָפּ, קעגן דעם באַגריף פֿון אָרעמקייט, וואָס רעוואָלטירט נישט, וואָס באַגרענעצט זיך צו דער בולקע מיט פּוטער, אויף יענער וועלט. אָבער אין אַן אַנדער טייל פֿון אונדזער יידישער ליטעראַטור, איז פֿאַראַן אַ מעשה פֿון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וואָס ער הויבט אַרויס אָט דעם יידישן שמח בחלקו, אין זיין מעשה בחכם ובתם. ווי אַזוי דער תם נעמט אַלץ פֿאַר ליב. ער האָט כמעט נישט קיין בגד. פּרנסה, אימשטיינס געזאָגט, וואָס ער פֿאַרדינט פֿון זיין פֿאַרטאַטשנער שוסטעריי, און ר׳ נחמן שילדערט עס זייער פֿיין, מיט אַזאַ דינעם סובטילן הומאָר, ווי אַזוי מען גיט אים אַ שטיק ברויט, זאָגט ער אַז דאָס האָט אַלע טעמען אין דער וועלט. אגב איז אויך פֿאַראַן אַזאַ מאָטיוו ביי חיים הזז, און איך בין זיכער אַז ר׳ נחמן בראַסלאַווער, מיט 150 יאָר צוריק האָט עס נישט גענומען ביי הזזן... און אויך ביי דעם פֿראַנצויז, באַלזאַק, אַ סימן אַז דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער מאָטיוו.

דער זעלביקער ר׳ נחמן בראַסלאַווער, האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַנדערע דערציילונגען, דערציילונגען וועלכע ער רופֿט: מעשיות. און אין זיין מעשה וועגן דעם בערגער ועני, גיט ער אים שוין אַ באַגריף וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דער דעגענערירטער רייכקייט, פֿון דעם שמנת ועבית, וישמן ישורון ויבעט.

און אַ ביסל שפּעטער איז דאָ ביי אים אַ מעשה וואָס הלוואי וואָלט מען זי געלערנט אין אַלע אונדזערע שולן, אין יידיש און אין עברית. ער שילדערט אין דער מעשה „בעל תפילה״ די גוואַלדיקע דעגענעראַציע פֿון דינען צו רייכקייט, צו זאַטקייט. ווי אַזוי מען פֿאַרגעטערט רייכקייט און מען דערגייט צו סאַמע ערגסטן, צו דער ערגסטער דעגענעראַציע, ווייל מען וויל זיין אַזוי ווי יענער, ווער עס איז גאָר רייך איז אַ גאָט. ווער עס איז נאָר ווינציקער רייך, איז שוין נישט מער ווי סתם אַ מענטש. אַנדערע זענען שוין חיות, עופות, בהמות. דאָס איז אַ גוואַלדיקער סאַרקאַזם קעגן זאַטקייט, קעגן פֿאַרשיכורטקייט מיט דעם וואָס מען האָט מער און מער, און מען וויל נאָך מער. און דאַן פֿאַרשטייען מיר פֿאַרוואָס ער האָט אַרויסגעהויבן די אָרעמקייט און די צופֿרידנקייט מיט דער אָרעמקייט, ווייל דאָס יידישע לעבן איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פֿון אָרעמקייט.

איך וויל זיך באַגרענעצן, ווי ווייט מעגלעך אָבער דאָך וויל איך נאָך דער־מאָנען אַז דער זעלביקער ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אָנגעשריבן, אָדער דערציילט — געשריבן האָט פאַר אים זיין תלמיד ר׳ נתן — גוואַלדיק ווונדערלעכע מעשות. ער האָט גענומען דעם בעטלער, דעם יידישן אָרעמאַן מיט דער טאָרבע און אים אַרויפגעשטעלט אויפן שפּיץ פון דער וועלט — ער איז דאָס דער וואָס די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום אים.

איר האָט דאָ דעם סאָציאַלן מאָטיוו, אי הומאַניזם און אַלץ מיט אַן אַנדער, און מיר דוכט זיך אַז מען האָט נאָך ביז איצט נישט דערלערנט די אוצרות וואָס ליגן באַגראָבן אין דער יידישער קולטור און אין דער יידישער ליטעראַטור, אוצרות וועלכע בלייבן אייביק, ווייל זיי זענען שטענדיק אַקטועל, ווייל זיי זענען שטענדיק מענטשלעך.

ערגעץ ווו ווערט דערציילט אַז דער רבונו של עולם האָט געוואָלט געבן די יידן אַ גוטע מתנה. און אַז דער רבונו של עולם טראַכט, דערטראַכט ער זיך זיי צו געבן די מתנה: אָרעמקייט. זאָגט שמואל אין איין אָרט: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל דאָס איז — זאָגט ער — צוגעפּאַסט צו דעם יידישן פאָלק אַזוי ווי אַ רויט ציימל פאַר אַ ווייס פערד. אַזוי שטאַרק פּאַסט פאַר יידן די אָרעמקייט...

אין אַן אַנדער אָרט ווערט עס איבערגעגעבן אין נאָמען פון ר׳ עקיבא, אין וואָס ער אַליין האָט געליטן מיט זיין פרוי. דאָרט רעדט ער בלויז אין איין נוסח, אַז דאָס איז פּאַסיק פאַר דער טאָכטער פון ישראל. עס פּאַסט איר די דאָזיקע אָרעמקייט. אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט פריער, איז דך ביי יידן פאַראַנען אַ פאַרקערט אויך. איז פאַראַן אַ משנה און דאָרט ווערט דערציילט אַז אַמאָל איז געווען אַ חתן וועלכער האָט נישט געוואָלט זיין כלה. ער האָט פריער געגעבן אַ נדר אַז ער זאָל מיט איר נישט חתונה האָבן. האָט רבי שמואל געהייסן ברענגען דאָס מיידל צו זיך. מען האָט זי שיין געמאַכט, אויסגעפּוצט. שפּעטער האָט ער געזאָגט צו דעם חתן וואָס האָט זי נישט געוואָלט נעמען: קענען איר האָסטו געטאָן אַזאַ נדר? האָט ער געזאָגט: ניין, ער האָט זי דערזען אין אַן אַנדער געשטאַלט.

און דער סוף איז געווען אַז זיי האָבן זיך אויסגעגליכן. דערציילט די משנה: רבי שמואל האָט אָנגעהויבן וויינען. און ער האָט געזאָגט: בנות ישראל נאות הן. יידישע טעכטער זענען שיין. אלו שעניות מכערות אותן. די אָרעמקייט פאַרמיאוסט זיי. די אָרעמקייט מאַכט פון זיי דאָס וואָס זיי זענען.

און עס זעט אויס אַזאַ מחלוקת. דאָ קומט איינער אַן אמוראי אָדער אַ תנא, און מאַכט אַזאַ טוגנט פון אָרעמקייט, און דאָ קומט אַ צווייטער און וויינט: זע וואָס אָרעמקייט מאַכט פון דיין פאָלק ישראל. אָבער ביידע זענען צווישן זיך נישט אין סתירה. דען דאָס איז אייגנטלעך געווען דער גרויסער מאָטיוו צווישן אַ סך אַנדערע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען איר גייט אַדורך נישט בלויז אונדזערע קלאַסיקער, נאָר אויך שפּעטער אַן אַ שיעור שרייבער פון אַלע ריכטונגען. ס׳איז

אַ ליגן די מעשה, אַז די גרעסטע טייל פון דער יידישער קולטור האָט גלאָריפיצירט דעם גלות, אַזוי ווי ער איז, מיט אַלע זיינע דעגענעראַציעס. ניין, די יידישע ליטע־ראַטור און די יידישע קולטור איז אין אַ סך פּרטים פאַראויסגעלאָפן דעם ציוניזם. אין דעם ענין פון פאַרשטעלן דעם גלות אַזוי ווי ער איז, מיט זיין פּיין, מיט זיינע צרות. ס׳איז מיין מיינונג, אַז אונדזער יידישע ליטעראַטור האָט געטאָן אַ גרויסע עוולה, אַ געוויסן צווייג פון דעם יידישן לעבן. אונדזער יידישע ליטעראַטור האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין חסידות. חסידות האָט אַ געזאַנג, פאָלקלאָר, פאַרשידענע זאַכן וועלכע האָבן אַפּעלירט צו דעם עולם, און אַ סך פון אונדז, וועלכע האָבן זיך געוואָלט מאַכן לייכט דאָס לעבן האָבן זיך אַנגעכאַפּט אין געוויסע לעגענדעס און געמאַכט פון דעם אַ יסוד פאַר יידישקייט.

איר ווייסט די מעשה וואָס ווערט דערציילט וועגן דעם דאָרפס ייִנגל וואָס איז געקומען אין שול, אַלע האָבן געדאַוונט, ער האָט אין דעם נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער ער האָט דאָך געוואָלט דאַוונען, האָט ער געגעבן אַ פייף אין שול און מיט דעם פייף האָט ער אַדורכגעריסן אַלע מחיצות, און זיך דערשלאָגן גלייך צו די הימלען.

ווי פּאָעזיע איז דאָס אַ גוואַלדיק שיינע זאַך, אָבער ווייַ וועט זיין צו אונדז אויב מיר אַלע וועלן ווערן פייפערס אַנשטאָט דאַוונערס.

און דערפאַר וויל איך צוגעבן: עס איז געווען אין חסידות — און ס׳איז דאָ אַ גרויסער פאָלקלאָר וועגן דעם — פּונקט ווי עס איז אין מתנגדות פאַראַן אַ גוואַלדיקע אומצופרידנהייט דערמיט — אַז וואָס הייסט? עס קען געשען אַ נס, אַז מען זאָל אָפּפאַסטן צוויי תעניות, און קריגן... גילוי אליהו הנביא? אין מתנגדות, ווי איך האָב עס געלערנט אין מיין יוגנט פון מיין רבי, איז געווען אַן אַנדער מעשה. דאָרט אין דער מתנגדישער ווערסיע ווערט דערציילט, אַז ס׳איז געווען אַ ייד וועלכער האָט געוואָלט זען אליהו הנביא, האָט ער געפרעגט אימיצן וואָס ער זאָל טאָן. האָט מען אים געזאָגט אַז ער דאַרף פּראַווען סיגופים, ער דאַרף פאַסטן לאַנגע תעניות, ער דאַרף אויסזאָגן ק״ן תהלים, א.אַ.וו. און אַז ער האָט שוין דאָס אַלץ געטאָן, איז ער געקומען צום דעם וואָס האָט אים געגעבן די עצה און האָט אים געפרעגט: נו, וואָס דאַרף איך איצט טאָן? האָט יענער געזאָגט: גיי אין דעם עק פון דעם און דעם וואַלד, דאָרט וועסטו זען דאָס וואָס דו דאַרפסט זען. ער איז אַוועק אַהין, און דאָרט איז אים אַנטקעגן געקומען זיין אייגן געשטאַלט, אַזוי ווי ער זעט אויס.

דער משל דערפון איז געווען, רעד זיך נישט איין קיין ניסים, אויב איר וועט טאָן דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי, וועט אייך שפּעטער אַנטקעגן קומען אַ נס, וואָס איר האָט נישט צוגערייט. אַז עס וועט פאַר אייך דערשיינען עפּעס אַזוינס וואָס איר האָט יאָ געחלומט אָדער נישט. ווו איר וועט קומען, ווו איר וועט וועלן מאַכן דעם לעצטן סך הכל פון אייער מי, פון אייערע חלומות, פון אייערע טעטי־

קייטן,ביים שפּיץ פון וועג וועט איך אָפּוואַרטן אייער אייגן געשטאַלט. דאָס וואָס איר טראָגט אַריין אין דעם.

איך האָף אַז לויט דעם געזעץ פון קפיצת־הדרך, פון ראשי פּרקים, האָב איך מיט דעם מעשהלע אויסגעדריקט אַלץ וואָס איך, און אפשר נאָך אַ פּאָר בטלנים ווי איך, דערוואַרטן פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ. צוגרייטן אַזאַ געשטאַלט, אַזאַ אינהאַלט, וואָס ביים סוף פון אַלע וועגן, אָדער בעסער געזאָגט פאַר די וועלכע וועלן קומען, פאַר זיי וועט ער זיין דער אָנהייב פון וועג, זאָל זיין אַזאַ געשטאַלט, מיט וועלכן מיר אַלע זאָלן קענען שטאָלצירן און זיך בענטשן.

דער פּאַנעל וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור

נאָך די רעפעראַטן פון פּראָפ. דב סדן און מרדכי שטריגלער הייבט זיך אָן דער פּאַנעל וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס ערשטע וואָרט באַקומט **ש. ל. שניידערמאַן**, פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק. נאָך אים רעדן לויט דער ריי: **חוה ראָזענפאַרב, אברהם ליס, יעקב גלאַנץ, יהודה עלבערג, ד"ר אליהו שולמאַן, דוד ספאַרד** און **אריה שמרי.**

ש. ל. שניידערמאַן

דער וווּנדער פון יידישן לשון און יידישער ליטעראַטור

דער איבערראַשנדיקער ווּקס פון דער יידישער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען אויף דער באַגעגעניש פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. דאָס איז געשען אָן דעם פונדאַמענט פון אַ נאָרמאַלן דערציונגס־סיסטעם, ווי דאָס איז ביי אַלע אַנדערע פעלקער; אָן דער שטיצע פון מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע.

דער יידישער שרייבער האָט תמיד געטראָגן דעם עול פון ברענגען צום פאָלק די פרוכט פון זיין שעפערישקייט, און דאָס אָפט אין באַדינגונגען פון ביטול מצד דער אַסימילירטער, גבירישער סביבה, ווי אויך מצד דער משכּיליש־נאַציאָנאַלער עליטע, וואָס האָט געשאַפן אין העברעיש. בלויז במשך פון קוים עטלעכע צענדליק יאָר פאַרן חורבן האָבן עקזיסטירט פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט די ווערק פון יידישע שרייבער און געצאָלט האָנאָראַרן.

אין פאַרלויף פון קוים איין דור איז געקומען אָן אומגעווייינלעכער אויפשטייג אין דער יידישער ליטעראַטור. פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד האָבן קיין וואַרשע, ווילנע, זשיטאָמיר, קיעוו און אַדעס געשטראָמט יונגע שרייבער. עס זענען אַנטשטאַנען ליטעראַרישע צייטשריפטן, עס איז אויסגעוואַקסן אַ וועלטלעך יידיש שול־וועזן, צאָלרייכע טעאַטערן, אַ גרויסע טעגלעכע פרעסע, און עס איז אויפגעקומען אַ פלעיאַדע יונגע אַקאַדעמיש־געבילדעטע היסטאָריקער, וועלכע האָבן גענומען שרייבן יידישע געשיכטע אין יידיש. אָט די גאָלדענע תקופה פון דער מאָדערנער יידישער קולטור האָט אָנגעהאַלטן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַזוי אַרום איז דער חורבן געקומען אויפֿן הויך־פּונקט פֿון דער פּילזייטיקער שעפּערישקייט אין יידיש, וואָס איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אַפילו אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. אין די געטאָס און פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן יידישע שרייבער נישט אַרויסגעלאָזט די פען פֿון האַנט. אין טאָל פֿון טויט זענען זיי דורכגענומען געווען מיטן דראַנג צו פאַרשרייבן לדורות די מעשים תעתועים פֿון די נאַצישע מערדער און זייערע מיטהעלפער.

קיין שום אַנדער פאָלק אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע האָט נישט איבערגעלאָזט אַזאַ שלל פֿון טאָגביכער, מעמואַרן און פּאָעטישע ווערק, ווי די יידן אין די געטאָס. דערין איז געקומען צום אויסדרוק דער נישט־געבראָכענער גלויבן אין דער שליחות פֿון געשריבענעם יידישן וואָרט.

דער העברעיש־יידישער פּאָעט און קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט געהערט צו די בויער פֿון מאָדערנעם העברעישן שול־וועזן אין פּוילן, האָט אין וואַרשעווער געטאָ און אין לאַגער פֿון וויטעל, אין פראַנקרייך, געשאַפֿן הויפּט־זעכלעך אין יידיש. די קרוינונג פֿון דעם שעפּערישסטן און טראַגישסטן פּעריאָד אין לעבן פֿון יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען זיין גרויסע פּאָעמע: „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

וועלכעס פאָלק אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע קען זיך באַרימען מיט אַזאַ פענאָמען, ווי די „עונג־שבת"־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט אונטער דער לייטונג פֿון דעם מאַרטירער־היסטאָריקער, ד"ר עמנואל רינגעל־בלום, סטימולירט שרייבער, קינסטלער און פאָרשער ממשיך צו זיין זייער שעפּע־רישע אַרבעט. עס זענען אַוועק מיטן פייער די מאָנומענטן פֿון טויזנט־יאָריקן יידישן ישוב אין פּוילן, אָבער עס איז פאַרבליבן דער געשריבענער יחוס־בריוו פֿון פּוילישן יידנטום און די מגילה פֿון ווידערשטאַנד און אומקום אין די געטאָס און לאַגערן.

אַ צווייטער פענאָמען, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן צווישן די נאַצי־געליטענע פעלקער אין אייראָפּע, זענען די יזכור־ביכער וועגן די חרוב־געוואָרענע יידישע קהלות אין מזרח־אייראָפּע, באַזונדערס אין פּוילן. ממש אויף צומאָרגנס נאָך דער באַפרייאונג האָבן די לעבן־געבליבענע קאַצעטלער און געטאָ־קעמפער אין די צייטווייליקע פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד גענומען זאַמלען גבית־עדות פֿאַר די יזכור־ביכער נאָך זייערע חרוב־געוואָרענע היים־שטעט. ווי קריטיש מען זאָל זיך נישט באַציען צו דעם ליטעראַרישן ווערט פֿון די הונדערטער יזכור־ביכער, שטעלן זיי מיט זיך פֿאַר אַן אומשאַצבאַרן קוואַל פֿון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פֿאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער.

ביי נאָרמאַלע פעלקער וואָלט מען פֿאַר אַזאַ גיגאַנטישע אַרבעט באַדאַרפֿט מאָביליזירן מלוכהשע אינסטיטוטן אָדער אוניווערסיטעטן מיט מיליאָניקע סוב־

סידיעס. די דאָזיקע באַוועגונג פון שטעלן ביכער־מאָנומענטן פאַר די חרוב־געוואָרענע שטעטלעך איז געקומען ספּאָנטאַן אָן שום וועלכער עס איז דערמו־טיקונג אָדער הילף מצד צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און איבער גאַר דער וועלט, וואָס האָבן אַ שטיף־מוטערישע באַציאונג צו אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין יידיש. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די דאָזיקע יזכור־ביכער איז געשאַפן געוואָרן און דערשינען אין ישראל.

ווען מיר שטעלן די פראַגע, ווי עס געפינען זיך איצט די צענטערן פון דער יידישער ליטעראַטור. רוקט זיך מדינת־ישראל אַרויס אין סאַמע אויבן־אָן. דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, ווייל אין מדינת־ישראל האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער רוב פון דער שארית־הפליטה פון יידישע פען־מענטשן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל אין ישראל געפינט זיך איצט דער גרעסטער און אַקטיווסטער עולם יידיש־לייענער און קויפער פון יידישן בוך.

ביז צום חורבן איז אין פוילן אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח, ווו עס איז דער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור — אין וואַרשע אָדער אין ווילנע, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אַלע אַנדערע יידישע צענטערן איבער גאַר דער וועלט. הייַנט זענען ווילנע און וואַרשע טויטע פונקטן אויף דער מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור, הגם אין וואַרשע דער־שיינט נאָך אַ יידישע צייטשריפט און עס שפּילט דאָרט אַ יידיש טעאַטער.

פאַרהוילן זענען אָבער די וועגן פון יידישן קיום. די האַנט פון דער השגחה פּירט דעם שטראָם פון יידישן המשך, וואָס ווערט אויסגעטריקנט אין איין ווינקל, אָבער טויכט אויף אין אַ צווייטן. מיר זענען עדות פון אַ שטייגנדיקן אינטערעס פאַר יידיש גראָד צווישן דער אָפּגעפרעמדטער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט, נישט נאָר אין אַמעריקע און אין ישראל, נאָר אויך אין מערב־אייראָפּע. קרוב זעכציק אוניווערסיטעטן אין דער וועלט — פון זיי 42 אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — האָבן איינגעפירט דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס ווערן געלערנט דורך עטלעכע טויזנט סטודענטן. פון צווישן זיי האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן די ערשטע שרייבער און פאָרשער פון דער יידישער קולטור.

דאָס יידישע לשון און ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פאַרוועבט אין פאָלק, אָן דער השגחה פון אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, ווי דאָס איז ביי יעדער אַנדערער אומה ולשון, איז פאַר אַ טייל פון אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט געוואָרן דער סימבאָל פון זייער אידענטיפיצירן זיך מיט יידישקייט בכלל, און קודם־כל מיט דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין אונדזער תקופה.

חוה ראָזענפאַרב

לאָמיר זיך קאָנצענטרירן אויף תכלית...

טייערע פריינד, עס איז דאָ אַ ווערטל ביי אונדז: זי רעדט ווי אַ יידענע. מיר דוכט זיך אַז די מאַנספּאַרשוינען דאָ רעדן ווי יידענעס. צו איז פאַראַן באמת עפּעס וואָס איר האָט געהערט פון אָט דער טריבונע היינט און נעכטן, וואָס איר האָט נישט געוווּסט? האָט איר נישט געוווּסט ווי ווונדערלעך יידיש איז? האָט איר נישט געוווּסט וועגן די ווערטן וואָס יידיש טראָגט? מיר קומען כסדר און דערציילן זיך אַליין ווער מיר זענען. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס? זאָגט מיר: נעכטן איז נאָך געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג. נעכטן האָבן מיר נאָך געבענקט פריי לאָזן אונדזערע געפילן און אונדזערע שטימונגען, אונדזער פרייד פון זען זיך. מען האָט זיך געקענט לאָזן ווויל גיין. אָבער היינט? מיר זענען דאָ אויף געציילטע טעג. פאַרוואָס זיך נישט קאָנצענטרירן אויף תכלית

די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מיינט עס? פּראָבלעמען פון טעמאַטיק? פּראָבלעמען פון תוכן? די פּראָבלעמען וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אין דער פראַגע פון המשך? וואַרשיינלעך איז דאָס געמיינט געוואָרן.

אויב אַזוי, האָבן מיר היינט אויסגעהערט אַן עקסטרעמע, אָבער ריכטיקע רעדע פון אַ יונגן מענטשן. לאָמיר זאָגן אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער ווו איז דער נייער אָטעם וואָס דער יונגער מענטש האָט געבראַכט?

יוגנט איז ערלעך, יוגנט איז מגזם אַ סך מאָל, אָבער לאָמיר זיך צוהערן צו דעם קול פון יונגן מענטשן. דאָס וועט אונדז אויך מאַכן ייִנגער. לאָמיר לערנען פון דעם יונגן מענטשן, גוטע ליטעראַטור איז ערלעכקייט און אויפריכטיקייט. גוטע ליטעראַטור איז נישט קיין מליצה. לאָמיר לאָזן די מליצה אין דער זייט. לאָמיר אָוועקזעצן דאָ די יונגע מענטשן, אויף דער טריבונע, און מיר, יידישע שרייבער, זאָלן זיך אָוועקזעצן דאָרטן און האָבן דעם אמתן דיאַלאָג מיט זיי.

און איך וויל אייך זאָגן, טייערע פריינד, אַז איך וועל קיין שום רעדעס נישט האַלטן. מיר דאַרפן צוגיין קאָנקרעט צו דער טעמע. דאָ איז אַ סימפּאָזיום מיט יידישע שרייבער. יידישע ליטעראַטור שטייט אויף אַ ווונדערלעך הויכער מדרגה. מיר דאַרפן דאָס נישט באַווייזן פאַר זיך. אויב ס'איז פאַראַן אַ סעקטאָר אין יידישן לעבן וואָס איז געזונט און בליט, איז דאָס די יידישע ליטעראַטור. ס'איז ווי אַ פלאַנץ אין מדבר וואָס האָט וויניק וואַסער און דאָס וואַסער וואָס זי באַקומט, איז געזאַלצן. עס זענען טרערן און ליידן און יסורים. און פאַרט בליט די יידישע ליטעראַטור און שטייט אויף אַ הויכער מדרגה. מיר דאַרפן זיך וועגן דעם נישט איבערצייגן.

אָבער וואָס איז דער מצב פון יידישן שרייבער? וואָס איז דער מצב פון אים און ווי פילט ער נאָך דעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך? ער פילט ווי אַ בעטלער וואָס גייט פון הויז צו הויז און בעט זיך: גיט מיר דאָס דרייערל.

וועגן דעם דאַרפן מיר זיך פאַרטראַכטן. דאָ איז נאָך היינט קיין וואָרט נישט גערעדט געוואָרן וועגן פינאַנסן. מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מיר דיספּאָנירן. מיר וויסן נישט. שרייבערס זענען גרויסע בטלנים, אָבער איך אַפּעליר צו די יידישע שרייבערס אין דער גאַנצער וועלט, די וואָס זענען דאָ, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען — די יידישע שרייבער — באַטראַכטן זייער לאַגע און אָננעמען קאָנקרעטע רעזאָ־לוציעס פון שאַפן אַ פאַרלאַג, נישט אַז דער שרייבער זאָל אָוועקנעמען דעם ביסן פון מויל, נאָר בכבודיק זאָל דערשיינען דאָס יידישע בוך, און מען זאָל עס פאַרשפּרייטן.

און טאָן זאָל עס נישט קיינער פאַר אונדז, נאָר מיר אַליין. מיט הילף פון קולטור־אינסטיטוציעס. מיר זאָלן האָבן די קאָנטראָל איבער דעם. מיר זאָלן זיין די אורטיילער וואָס עס דאַרף דערשיינען און וואָס נישט. מיר שלאָגן פאָר, דעריבער. קאָנקרעט, גאַנץ קאָנקרעט אַז אַלע יידישע שרייבער וואָס געפינען זיך דאָ, זאָלן זיי צוזאַמענעמען אויף אַ פאַרזאַמלונג, מיר זאָלן אויסטיילן אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע קערפּערשאַפט וואָס זאָל זוכן מיטלען און שאַפן אַן אייגענעם פאַרלאַג פון יידישע שרייבער.

דאָס איז איין זאַך וואָס איך שלאָג פאָר, און נישט אַבסטראַקט. איך וויל אַז דאָס זאָל אָפּגעשטימט ווערן, אַז מיר האָבן אַן אַקטיוו פון יידישע שרייבער וועגן קאָנקרעטע און נישט קיין לופטמענטשיקע ענינים.

אַ צווייטע זאַך וואָס איך שלאָג פאָר איז אָוועקזעצן די יונגע חברה וואָס איז געקומען. דאָ איז די טריבונע, צו הערן וואָס זיי האָבן אונדז צו זאָגן, הערן ווי אַזוי מיר קענען געפינען אַ שפּראַך מיט זיי. מיר רופן אונדזער ליטעראַטור, אַ מאָדערנע ליטעראַטור. איז זי באמת מאָדערן, וואָס איז באמת די שפּראַך פאַר דער יוגנט?

און נאָך אַ מאָמענט. אָט ווילן מיר בויען שולן. מיר ווילן די קינדער זאָלן אויסוואַקסן מיטן יידישן וואָרט אויפן מויל, מיטן שיינעם, ריינעם יידישן וואָרט. וואָס טוען מיר, יידישע שרייבער פאַר דעם צוועק? זענען פאַראַן לערן־ביכער איז פאַראַן אַ גוטער שול מאַטעריאַל פאַר די קינדער, זענען פאַראַן לידער, וואָס זענען ווערט געלערנט ווערן צו די קינדער? נייע לידער. לידער וואָס האָבן אַ שייכות צו דער סביבה מיט וועלכער דאָס קינד לעבט. לאָמיר דעריבער אויפ־הערן האַלטן רעפעראַטן, לאָמיר זיך קאָנצענטרירן אויף תכלית און לאָמיר מצליח זיין.

אַברהם ליס

וואָס מיר דאַרפֿן איז: אהבת ייִד, אהבת ישׂראל און גלויבן...

סײַ בײַ דעם הײַנטיקן פּלענום — סײַ נעכטן בײַ דער פֿײַערלעכער דער־עפֿנונג פֿון דער קאָנפֿערענץ. איז שוין ניט ווייניק גערעדט געוואָרן — און צומאָל מיט בענקשאַפֿט און מיט אַפּאָלאָגעטיק וועגן דעם, וואָס ייִדיש און ייִדישע ליטע־ראַטור איז געווען, וועגן אירע אויפֿגאַבן און איר שליחות אין אונדזער פֿאָלקישן גאַנג. ווײַל איך מיר דערלויבן צו מאַכן עטלעכע הערות. (כאָטש עס וואָלט נויטיק געווען זיך אָפּצושטעלן באַריכותדיקער וועגן די אַרויסגעבראַנגטע מיינונגען אין די רעפֿעראַטן פֿון פּראָפֿ׳ דב סדן און באַזונדערס פֿון מרדכי שטריגלער). וועל איך עס פּרובירן מאַכן בקיצור: מיר ווייסן אַלע — און איך ווייל עס ניט איבערחזרן. — וועגן דער פֿענאָמענאַלקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, (ס׳איז די פֿענאָמענאַלקייט און די נסימדיקייט פֿון אונדזער ייִדיש לעבן און ייִדיש־שאַפֿן בכלל). וועלכע ליטעראַטור, בײַ וועלכן פֿאָלק איז פֿאַר אַזאַ קורצן צײַט־שפּאַן אויפֿגעגאַנגען און אַזוי געדייעט, ווי ס׳איז אויפֿגעגאַנגען די ייִדישע ליטעראַטור, אַז פֿון פּרימיטיוון פֿאָלקס־ליד און פֿאָלקס־מעשׂה איז במשך פֿון ווייניקער ווי הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, אַ ווירקנדיקע ליטעראַטור, וואָס איז אומפֿאַרגלײַכלעך אין איר אַנטוויקלונג לגבי ליטעראַטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער? מיט הונדערט יאָר צוריק איז עס דאָך געווען אַ וואָרט־שאַפֿונג ערשט אין די וויקלעך. און מיט אַזאַ וווּנדערלעכן קפֿיצת הדרך זענען מיר דערגאַנגען צו גוטן קינסטלערישן אויסדרוק, צו אַ טיפֿער אידעיִשקייט, וואָס די ייִדישע שאַפֿונג האָט ביז אַנומלט געטראָגן אין זיך.

איך ווײַל נאָך צוגעבן איין וואָרט וואָס שייך ארץ־ישׂראל. בעת מיר, ייִדישע שרײַבער, געפֿינען זיך דאָ. איך ווײַל אַז איר זאָלט עס וויסן, כאָטש איך נעם־אָן אַז איר ווייסט עס אפֿשר, דהיינו: אַז ווען נישט די קליינע — אָבער אידעיִשע גרופּע ייִדישע שרײַבער פֿון מיט פֿערציק און פֿופֿציק יאָר צוריק, וואָס האָבן פֿאַרבונדן זייער לעבן, זייער גלויבן און זייער שאַפֿן מיט ארץ־ישׂראל — וואָלטן מיר הײַנט דאָ אין ירושלימער אוניווערסיטעט־זאַל נישט געזעסן, און די קאָנ־פֿערענץ וואָלט אין ירושלים נישט געווען. זיי האָבן אויפֿגעבלאָזן דעם פֿונק, אויפֿ־געהיט די גלאָווניע פֿון ייִדיש אין דעם שטייניק שווערן מידבר. מיר האָבן אָפּגעפּילט די ייִדישע ליטעראַטור. די גרויסקייט און ווערטיקייט פֿון ייִדיש. דאָס האָט געפֿורעמט אין אונדז דעם שטאָלץ און דעם באַגער צו קעמפֿן אויך דאָ אין ישׂראל — פֿאַר איר חשיבֿות. די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען עטיש און ייִדיש־מענטשלעך, פֿאָלקיש און הומאַניסטיש, סאָציאַל און מקורותדיק.

וואָס איז היינט די יידישע ליטעראַטור ? ליידער, און זאָלן מיר מוחל זיין די וואָס טראַכטן אַנדערש. די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב, וואָס האָט גערעדט פאַר מיר — האָט גערופן צו פּראַקטישקייט: אַרויסגעבן ביכער, שאַפן צענטראַלע פאַרלאַגן וכדומה. ניין. נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע און וועזנטלעכע. פאַרלאַגן זענען דאָ און ביכער גיט מען אַרויס די והותר. עס גייט קודם כל אין דער שאַפונג גופא, אין דער ליטעראַטור שאַפונג. אין דעם אייגנטלעכן וועזן, וואָס הייסט ליטעראַטור. ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין, פון איין זייט אָט די איינציקאַרטיקייט, די פענאָמענאַלקייט, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, אָט די נסימדיקייט פון דער יידישער שאַפונג בכלל. ווי מאָדנע: גראָד, נאָך דער אומקום־דראַמע האָבן יידישע דיכטער, יידישע קינסטלער, יידישע שרייבער — ווי אָפּגעפּילט די אויפגאַבן, באַנומען די שליחות, וואָס זיי דאַרפן דורכפירן פאַר יידישן גאַנג און יידישער גורלדיקייט... און מיר האָבן היינט אַ וווּנדערלעכע פּאָעזיע. מיר האָבן היינט אַ גוטע פּראָזע־שאַפונג. מיר האָבן היינט אַ פּאַרביקע, אַ פּאַרטיפטע עסייאיסטיק. מיר האָבן יידישע מחשבה אין דער ליטעראַטור... און דאָך! פון דער צווייטער זייט; ווי טרויעריק עס ווערט ווען מיר שטעלן אַוועק און זעען פאַר זיך אין דער ריכטיקער ליכט דעם צושטאַנד אין פּרט פון לייענער־שאַפט, דעם דלות אין די זוכענישן נאָך קאָנסומענטן — לאָמיר עס אָנרופן מיט אָט דעם באַנאַלן נאָמען — קאָנסומענטן פון יידישער וואָרט־שאַפונג. אַ מאָל, און דער אַמאָל איז גאָרנישט אַזוי ווייט — כאָטש היינט איז עס ווי אונטער אַ נעפּל, ווי אַ לעגענדע. אַ מאָל האָט אַ יידישער מענטש, אַ לייענער אין פּוילן, אין ליטע אין אַנדערע אייראָפּעיִשע ישובים, זיך ניט געקאָנט פאַרגינען צו קויפן אַ בוך. און די ביכער זענען דורך די ביבליאָטעקן — אין שטעט און שטעטלעך — געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און מ׳האָט זיך געקוויקט מיט אַ בוך. און מ׳האָט פאַרערט דעם שרייבער. היינט ברוך השם קאָנען זיך יידן אין דער וועלט — ווען זיי וואָלטן עס נאָר געוואָלט — שוין יאָ זיך דערהויבן איינצושאַפן גאַנצע ביבליאָטעקן. נאָר זיי טוען עס נישט. זיי דאַרפן עס נישט. און ס׳איז אָפט אַ בושת פּנים ווי אַ יידישער שרייבער דאַרף פאַרשפּרייטן, דאַרף פאַרקויפן זיינס אַ בוך. אָט וועגן דעם, דאַרפן מיר זאָרגן, געפינען און געווינען צוריק דעם יידישן לייענער.

אַ צווייט פּראָבלעם. און דאָס איז דאַכט זיך, דאָס עיקרדיקע פּראָבלעם, ווייל דאָס איז דאָס „צפור הנפש" פון אונדזער וואָרט־שאַפונג, איז דער פאַקט וואָס טראָץ דער קענטיקער צאָל וויכטיקע, טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער, דיכטער, דערציילער, עסייאיסטן, וואָס מיר האָבן, און זיי גיבן אַרויס צומאָל געראָטענע ביכער, איז, ווי סתירותדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, פאַראַן אַ ירידה אין דער יידישער ליטעראַטור. און איך בעט אייך — מיך נישט פאַרשטיין שלעכט: פאַראַן אַ גרויסע ביכער־פּראָדוקציע. נאָר פון דער פּראָדוקציע קומט נישט אויף קיין גאַנצקייט פון ליטעראַטור אַזאַ ווי זי איז געווען אַמאָל. עס גייען אַרויס ביכער: גוטע ביכער, מיטלמעסיקע ביכער, און אַ סך שלעכטע ביכער, וואָס ביי אַנדערע,

געאָרדנטע באַדינגונגען, וואָלטן זיי נישט אַרויס, ווייל זיי דאַרפן נישט אַרויס. (און זייער פּראָצענט איז אַ גאַנץ גרויסער).

און עס פעלט אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור דאָס וואָס זי האָט אין די פריערדיקע יאָרן יאָ פאַרמאָגט: אַזוי אין אַמאָליקן פּוילן, אין רומעניע, אין די פריערדיקע יאָרן אין אַמעריקע: עס פעלט איר די חיותדיקע אידעישקייט, דער צילבאַוווסטער אידעישער מאָטיוו: וואָס האָט געאָטעמט מיט סאָציאַלן, מיט עטישן, מיט יידיש־מענטשלעכן הויך. — — נישטאָ היינט אַזאַ יידישע ליטעראַטור. מיר רעדן וועגן דעם צו זיך אַליין. מיר האָבן מורא צו זאָגן דעם אמת. ב י כ ע ר ה אָ ב ן מ י ר אָבער נישט קיין ליטעראַטור. אַזאַ איז אונדזער תקופה. און וועגן דעם דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן אַ חשבון. און וועגן דעם דאַרפן מיר זיך גאָר פאַרטראַכטן, און פורעמען די יידישע וואָרט־שאַפונג און זי דערפירן צו אַ העכערער אידעישער מדרגה, כאָטש מיר וויסן אַלע — אַז ליטעראַטור ווערט געשאַפן פון יחידים. דאַרפן מיר עס ווי יחידים פאַרשטיין אַז מיר שטייען פאַר אַ געפאַר.

דאָ איז אויפגעטערעטן איינער פון די יוגנטלעכע דעלעגאַטן. ס׳האָבן געהאַט חן און פרישקייט זיינע העזהדיקע באַמערקונגען. קולטור איז דאָך דער ווערטיקער המשך פון אַ פאָלק. ווי זשע ציט מען טאַקע צו אָט די יונגע, אַז זיי זאָלן נישט בלייבן קיין יחידי סגולה, מיט די דערגרייכונגען אין די עטלעכע צענדליק קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע זאָלן זיי נישט בלייבן ווי יחידים „וואונדער־קינדער", וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יידיש און מיט דער פאָרשונג פון יידיש. נאָר זיי זאָלן טאַקע זיין די באַנער פאַר אַ נייעם, פאַרשטאַרקטן אָנהייב פון יידיש אין אַמעריקע. עס זאָל נישט זיין לויט דער טרויעריקער פאָרמולירונג פון אונדזער גרויסן ה. לייוויק: „יידיש גייט אַריין אין די הויכע פענצטער און גייט אַרויס פון די קעלער־שטובן". ווי ציט מען ווידער צוריק יידישע מאָסן צו די אינטערעסן פון יידיש און יידישער קולטור? אין דעם איבער פינף־מיליאָניקן יידישן ישוב אין אַמעריקע האָט מען דאָך נישט אָפּגעשפּאָרט אַפילו קיין האַלבן מיליאָן, וואָס זאָלן זיין קאָנסומענטן פון יידישער קולטור, וואָס זאָלן קומען אין יידישן טעאַטער, וואָס זאָלן קויפן או לייענען אַ יידיש בוך.

אַגב, אין כמעט אַלע יידישע תפוצות און באַזונדערס אין דעם גרויסן ישוב אַמעריקע, האָט מען — פאַר די לעצטע יאָרן — געגומען אָנווענדן אַ משונהדיקע סיסטעם: יידיש פאַרלאַנגט מען אין ישראל. נוץ איך אויס די געלעגנהייט צו זאָגן די געסט און די חשובע דעלעגאַטן: מאַכט אייך ניט אַזוי לייכט. און וואַרפט ניט אַרויף אַלץ אויף מדינת־ישראל. אויב איר ווילט — איז יידיש צום אַלעם ערשט אַ פּראָדוקט און אַ נייטיקייט פון די תפוצות, פון די גלות־ישובים, פאַרלאַנגט קודם־כל פון זיך, און פאָדערט ניט אַלץ פון ישראל. און לייגט ניט אַרויף אַלץ אויף די יידישע טוערס און יידישע שאַפערס אין דער מדינה. יידיש וועט דאָ זיין שטאַרקער, טיפער און דויערנדיקער אויב איר — לאָמיר זאָגן — אויך איר — וועט זיין קאָנסטרוקטיוו און מיט מער זאָרג און מער אייפער זיך אָפּגעבן פאַר יידיש און יידישער

קולטור... און בעיקר מיט מער גלויבן. די יידישע ליטעראַטור דאַרף אָנגעפּילט ווערן מיט יידישער קלאָרקייט, מיט צילבאַוווסטקייט און מיט טיף יידיש־הומאַניסטישער אידעישקייט. אהבת ייד און אהבת ישראל, אַזוי אין דער יידישער צעשפּרייטקייט און אַזוי ביי אונדז אין מדינת ישראל. כאָטש דער שרייבער, דער דיכטער און דער־ציילער אין ישראל, ווערט באַווירקט, און גאָר גיך באַווירקט — ווי מיר זעען עס אין דער אַריינגעלעבטקייט פון די שרייבער עולים — מיטן טיפאַזש און מיט דער סביבה פון לאַנד. ס׳איז דער כוח און די קראַפט פון אייגענעם פעלד, פון אייגענעם בוים און וואַסער־קוואַל, און ס׳איז דער וויטאַלער כוח פון אייגן לאַנד.

צוזאַמען קאָנען מיר פאַרשטאַרקן יידיש לשון. צוזאַמען קאָנען מיר באַלעבן פאַרוואַרלאָזטע שטחים. צוזאַמען קאָנען מיר אָנלאָדן מיט נייע אינהאַלטן און מאָ־טיוון די יידישע וואָרט־שאַפונג.

לאָמיר פּרווון אָנהייבן פון אָנהייב, מיט אמונה אין די אויפגאַבן און מיט ווילן און התלהבות אין די טוונגען. לאָמיר צוריק זיין אַ ביסל נאַיִוו. אַזוי תמימותדיק און גלייביק ווי די ערשטע, די יסוד לייגער און בויער פון אונדזער קולטור און ליטע־ראַטור זענען עס געווען, און פאַר אונדזער צערוישטער צייט קאָן עס, וועט עס זיין לברכה...

יעקב גלאַנץ

אַ וואָרט אינעם וויכוח וועגן יידיש און ייד. קולטור

...טאָקע מער נישט ווי אַ וואָרט. ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל צו האַלטן רעפע־ראַטן איצטער, ווען די צייט איז באַגרענעצט, און בכלל איז דען נייטיק אונדז אַליין אויפקלערן ווי האַלט עס מיט יידיש אין די גלותן, אָדער תפוצות, ווי איר זאָלט זיי נישט אָנרופן, און ס׳איז אויך נישט נייטיק זיך באַקלאָגן אויפן, דעם אמת געזאָגט, נישט געטנוי פייגלדיקן מצב פון יידיש און יידישע ליטעראַטור, בפרט אין די יינגערע ישובים פון די אַמעריקעס!

מה דאָך אין די גרויסע ישובים, ווו ס׳זווינען מיליאָנען יידן, איז נישט מעגלעך געווען אויפצוהאַלטן די פון יאָרן איינגעפונדעוועט פרעסע, על כל שכן אין די קלענערע ישובים, ווו דער עלטערער דור ווערט ביאָלאָגיש מער נישט מסוגל ביים בעסטן ווילן צו זיין אַן אָפּנעמער פון יידישן וואָרט, און די יינגערע דורות גייען אַוועק אין שאָדן, אַפילו דאָרט ווו ס׳איז דאָ אַזוי צו זאָגן אַ פולע יידישע דערציונג, ווי אין מעקסיקע, למשל: ווו רינט אויס זייער יידישער וויסן און באַציונג צו דער שפּראַך פון זייערע עלטערן — ווייסט איין גאָט!

און אָט זענען מיר געקומען — אין צייט — זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן בפרהסיא, ווייל מיר האָבן נישט וואָס צו באַהאַלטן, און זיך קליגלען, ווי אויסגעפּי־

נען די מעגלעכע וועגן, וואָס זאָלן פירן צו אַ בעסערונג פונעם נישט צופרידנ־שטעלנדיקן מצב, איידל געזעדט, פון יידיש און יידישער קולטור, ביי דער גרוי־סער אָרעמקייט אין כוחות — און אין מאַנגל פון געברויכער.

און דאָך — זענען מיר זיך צונויפגעקומען, קיין עין הרע, פון 16 לענדער פון אַלע, קען מען זאָגן, פּאַליוסן, זיך מתווכח זיין וועגן אָט דעם וויטאַלן פּראָבלעם, — אולי — אפשר וועלן מיר זיך דעררעדן דאָ און וועלן אויסגעפינען אַ תרופה ווי צו סאַנירן דעם נישט צו־געזונטן מצב.

די פאַרזאַמלונג גופא וואָס מיר זענען דאָ אין אזאַ פאַרנעם, איז אַ באַשטע־טיקונג פון דער גרויסער נאָסטאַלגיע, וואָס לעבט אין אונדז נאָך די שנים קדמוניות, ווען יידיש און יידישע קולטור איז געווען אין אַפּאָגייע אין די אַלטע, היינט חרובע שטעטל־שטעט פון מיזרח־אייראָפּע.

און ווי שווידערלעך דער געדאַנק זאָל נישט זיין, טאָרן מיר אים נישט באַהאַלטן: אָט דאָס גרויס קאַפּיטל געשיכטע פון מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום איז אַן אָפּשלוס פון אַ תקופה, ווי טראַגיש אָט דער אמת זאָל נישט זיין, טאָרן מיר אים נישט פאַר־לייקענען.

אָבער מיר קענען אויך נישט משלים זיין מיטן דעפעטיסטישן געדאַנק, אַז מיר האַלטן ביים סיום פון אונדזער ווייטערדיקן פאָלקס־שאַפן, ווו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, והראיה: מיר זענען נאָך שאַפעריש אויף אַ סך געביטן, וואָס דערמאָנען יענע צייטן פון אויפשוווּנג. די קוואַלן פון יצירה זענען נאָך, חלילה, נישט אויס־געטריקנט.

די געשיכטע איז אויך אַ מין כישופמאַכערין און אַ צוטראָגערן פון גוואַלדיקע סורפּריזן: אַ סורפּריז איז אויך, וואָס מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין ירושלים, עיר הקודש, ווו יעדער שטיין דאָ, דאַכט זיך, רעדט העברעיש; און מיר זענען גע־קומען מיט אונדזער יידיש אויסצוגעפינען פאַר אים אַן אָרט ביי דער זייט פון דעם אַלטן יידישן לשון, וואָס איז דורות לאַנג געווען איינגעדרימלט, און איז ווי דורך אַ נס, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, אויפגעשטאַנען צו אַ ניי לעבן.

בכן זענען מיר געקומען גורלדיק דווקא אַהער מתווכח זיין זיך וועגן אונדזער פאָלקס־שפּראַך יידיש, וואָס אין איר האָט אויך אונדזער נשמה געבענקט נאָכן „ותחזינה". און מיר זענען בכן לעגיטימע שותפים צום תחיית העם.

אַ סך היסטאָרישע גורמים — אָפט מאָל ווידערשפּרעכנדיקע — האָבן אונדז געבראַכט קיין ירושלים, ווו יעקבס קול זאָל אויך אין יידיש געהערט ווערן מיט באַנייטע האָפענונגען אין די טויערן און אויף די גאַסן פון דער אייביקער שטאָט פון דעם אייביקן יידישן פאָלק.

די צייט האָט אויסגעהיילט אַ סך גלותדיקע מחלות, און היינט קענען מיר אויך ריידן פון דער קיומיות פון אונדזער פאָלקס־לשון אינעם באַנייטן און וויטאַלי־זירטן יידישן לעבן.

*

מה, וואָס די צייט קען ברענגען! וואָס ס'האָט אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע איז פאַר אונדזערע אויגן געוואָרן אַווירקלעכקייט.

זענען מיר געזעסן ביי דער דערעפענונג פון דער אסיפה אינעם שטאָטישן טעאַ־טער פון ירושלים, און זיך צוגעהערט צום שר החינוך, און צו זיין בשורה, אַז נאָר וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז יידיש באַקומט אַ סטאַטוס ביי דער זייט פון העברעיש. דהיינו: יידיש ווי אַ קעגנשטאַנד קען אויסגעוויילט ווערן ביי די פּרווו־עקזאַמענס פון די מיטלשולן, ד.ה. פולע אָנערקענונג באַגלייך מיט די אַנדערע שפּראַכן, און נישט גלאַט אַזוי, נאָר ס'ווערט צוגעגרייט אַ פּראָגראַם ווי עס צו דערגרייכן, מחמת יידיש איז נאָך דערוויילע נישט איינגעפירט געוואָרן ווי אַ לימוד אין די שולן אין ארץ ישראל!

ס'זענען פאַראַן אָבער די טויזנטער עלטערן וואָס ווילן בפירוש, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען אויך יידיש באַגלייך מיט העברעיש, כדי זיי זאָלן האָבן אַ צו־טריט צו די אָריגינעלע שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך.

דער באַשלוס וועט פאַרשנעלערן דעם „מה שיעשה הזמן". ס'איז נאָך נישט משיחס צייטן — די העברעישע פּרעסע האָט זיך נאָך באַצויגן קאַלט צו דער קאָנ־פערענץ און אייניקע האָבן אַפילו באַקלאָגט דעם אונטערגייענדיקן יידיש, נע־בעך, — אָבער ס'רירט זיך צום גוטן.

ס'זענען אָפּגעטעמפּט געוואָרן די שאַרפן פון דעם ריב הלשונות.

ס'איז דאָ אַ שטימונג פאַר יידיש, — צייטשריפטן, קלובן, ביבליאָטעקן, פּרייזן — כמעט פון דער רעגירונג ווי אַ באַווייז, אַז יידיש הייבט אָן צו באַקומען איר פאַרדינטע חשיבות. יידיש איז מער נישט פאַרשעמט, ס'איז נישט נאָר זייער שפּראַך, נייערט אונדזערס.

נו, דאָס אייגנטלעך האָבן מיר דאָך געוואָלט מיט דער קאָנפערענץ פאַר יידיש.

דער פאַרנעם פון דער קאָנפערענץ און איר דיאַפּאַזאָן מאַכט אונדז גלייבן, אַז ס'הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל. אויב — אויב מיר אַליין וועלן וואָס טאָן, כדי משיחן וואָס גיכער אַראָפּברענגען צו אונדז!

יהודה עלבערג

„אהבת ישראל" דער ערשטער געבאָט פאַר אַ יידישן שרייבער

מיר, דער היינטיקער דור יידישע שרייבער, זענען די לעצטע עדות פון אַ וועלט וואָס איז אונטערגעגאַנגען. דורות וועלן זען די פאַרברענטע יידישע קהילות דורך אונדזערע אויגן. אונדזערע קינדער וועלן זען זייערע זיידעס אין דעם שפּיגל פון אונדזערע שורות. אונדזערע קינדער וועלן קאָנען זיין אונדזערע נאָר אויב זיי

וועלן וועלן אונדז ירשענען און וועלן וויסן ווי אַזוי צו טראָגן מיט שטאָלץ די פאָן און דעם גורל פון אונדזער ירושה, פון אונדזער גאַנצער ירושה פון „זה ספר תולדות אָדם", אין חומש בראשית, ביז די שורות וואָס ווערן איצט געגאָסן אין הייסן בליי און גייען דעם גאַנצן וועג אין די פּוסטריט פון אונדזער געשיכטע.

אויב פראַנסואַ סטיינער האָט געזאָגט אַז ער שעמט זיך מיט זיין טאַטן וואָס איז געגאַנגען אין דער גאַזקאַמער אין טרעבלינקע, איז עס געווען אפשר אַן אויס־געשריי פון ווייטיק קעגן דעם טאַטן וואָס ער האָט נאָך ליב געהאַט. אויב סטיינער האָט אַ זון, וועט דער זון, מן הסתם, פיינט האָבן סיי דעם טאַטן, סיי דעם זיידן.

דער געוויינלעכער מעטאַפאָר איז „טיף ווי דער ים", אָבער דער נביא האָט גע־קלאָגט „גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך", אָנצוטייטן אַז אין אַ בראָך קאָן אויך געמאָלט זיין גרויסקייט. מיר האָבן געזען אונדזער פאָלק 'בכוסו ובכעסו' — אין צייטן פון טיפסטער געפאַלנקייט און אין מאָמענטן ווען עס איז געווען שיכור פון נצחון. איןביידע פאַלן איז דער ייד געבליבן מיט זיין צלם אלוקים.

איך דערמאָן זיך אַ פינצטערע שעה אין אַ זוניקן זומער־פרימאָרגן אין וואַרשעווער געשאָ. איך בין געגאַנגען אויף גענשע גאַס מיט מיין חבר פנחס קאַמינער הי"ד. ביין, מיר האָבן נישט אַרויפגעקוקט צום הימל, מיר האָב געמוזט קוקן אַראָפּ צו דער ערד נישט אַרויפצוטרעטן אויף די בערגלעך איבערגעדעקט מיט שטיקער פּאַפּיר. דער טראָטואַר איז געווען באַזייט מיט אַזעלכע בערגלעך — די גופים פון די וואָס האָבן נעכטן שוין נישט געהאַט געווג כח זיך צו דערשלעפּן אַהיים און זענען אויס־געגאַנגען אין גאַס.

צווישן אַט די בערגלעך זענען געזעסן אויף דער ערד די וואָס האָבן נאָך געהאַט כח צו זיצן, צו רעדן, זיי האָבן געבעטלט אַ שטיקל ברויט. דאָס זעלביקע אויפן טראָטואַר אויף דער אַנדערער זייט גאַס, און אינדערמיט האָבן יונגען פון דעם פינקערט־לוויה ביוראָ געשלעפּט האַנט־וועגעלעך אָנגעהויפט מיט מתים צונויפ־געקליבענע אין די גאַסן און אין די פּליטים פונקטן. קאַמינער האָט געטייטלט צו אַ פּוס וואָס האָט אַריבערגעהאַנגען די זייטן־וואַנט פון דעם וועגעלע און אַ קרעכץ געטאָן: ווי לאַנג וועט עס נעמען ביז מיין פּוס וועט זיך באַמבלען אויף אַזאַ וועגעלע ?

איך בין נאָך געגאַנגען אויף מיינע פיס, אָבער מיין דמיון האָט מיך שוין געזען אויף דעם וועגעלע אויפן וועג צו אַ מאַסן־קבר אויפן גענשער בית־עולם. אין דער ערשטער רגע האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. אָבער נאָך איידער מיר האָבן זיך געשיידט האָב איך מיט קאַמינערן געזען אויך אַן אַנדערע זייט פון געטאָ. יונגעלייט און מיידלעך, קינדער נאָך, האָבן געהונגערט און געזונגען חלוצישע לידער, האָבן געטאַנצט אַ האָראַ צווישן איין געפערלעכער שליחות און דער אַנדערער. מסירת נפש אויף טריט און שריט; ביים שאַפן אַן אונטערערדישן אַרכיוו, ביים דרוקן און פאַרשפרייטן אַן אונטערערדישע צייטונג; ביים אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע שולע; אַ ישיבה; אַ מנין צו דאַווענען. אייג־

געשטעלט דאָס לעבן דערשאָסן צו ווערן און געפאַלן אין גאַס, אויסגעגאַנגען פון הונגער.

נאָך איידער מיר האָבן זיך געשיידט האָב איך געזאָגט צו מיין חבר: פּנחס, אויב איך וואָלט באַדאַרפט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן און עס וואָלט מיר געגעבן געוואָרן דער אויסוואַל ביי וועלכן פאָלק געבוירן צו ווערן, אַפילו אויב איך זאָל דאַרפן נאָכאַמאָל אַדורכגיין דאָס זעלביקע גהינום, וואָלט איך אויסגעקליבן ווידער געבוירן צו ווערן אַ ייד.

דאָס איז געווען נאָך פאַר דעם גרויסן גירוש וואַרשע, נאָך איידער מיר האָבן געוווּסט וועגן טרעבלינקע, נאָך איידער מיר האָבן געאָנט אַז יעדער ייד אָן אויסנעם איז פאַרמשפּט צום טויט. איך ווייס נישט צי עמעץ וואָס האָט נישט איבערגעלעבט טויט־שרעק קען באַגרייפן וואָס עס איז. איין איינציקע רגע טויט־שרעק איז עלול צו פאַרוואַנדלען אַ יונגן מענטש אין אַ גרויען זקן. איך האָב אַמאָל געפרעגט אַ דאָקטאָר וועגן די יסורים פון אַ מענטש וועמענס גאַנצער גוף איז אַדורכגעפרעסן פון אַ ראַק, ער האָט פּרובירט מיר דאָס קלאָר מאַכן מיט אַ משל: אויב דו האָסט אַמאָל געהאַט אייטער אין אַ צאָן און עס האָט זיך דיר געדאַכט אַז דער ווייטיק צערייסט און צעשלייסט דיין גאַנצן גוף אויף צוויטן, אַ ווייטיק פון נאָר אַ קליין טראָפּעלע אייטער אין נאָר איין צאָן — שטעל זיך פאָר די יסורים ווען דער אייטער ברענט און בראָט יעדן נערוו אין דיין גוף, יעדעס קעמערל אין דיין לייב. יאָ, עמעץ וואָס האָט איבערגעלעבט נאָר אָן איינציקע רגע טויט־שרעק קאָן אפשר האָבן אָן השגה וואָס עס מיינט לעבן אין טויט־שרעק מינוט נאָך מינוט, שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג. אני הגבר ראה עוני, נאָך מער ווי טויזנט אַזעלכע טעג האָב איך נאָך אַלץ געפילט דאָס זעלביקע און פיל אַזוי עד היום הזה. אַפילו אויב איך זאָל דאָס אַלץ דאַרפן אַדורכגיין נאָכאַמאָל וואָלט איך נאָך אַלץ אויסגעקליבן געבוירן צו ווערן אַ ייד!

„ואהבת את השם אלוקיך" טייטשט אביי: שיהי שם שמים מתאהב על ידיך, ליב האָבן גאָט מיינט אַז גאָט דאַרף דורך דיר באַליבט ווערן. דאָס זעלביקע איז ריכטיק און גילטיק וועגן אהבת ישראל. אַ יידישער ספר דאַרף זיין אָנגעזאַפּט מיט אהבת ישראל און דאָס מיינט: שיהי עם ישראל מתאהב על ידיך. די אהבת ישראל פון דעם שרייבער דאַרף אָנשטעקן דעם לייענער. מיין זון וואָס זעט זיינע אָבות דורך מיינע אויגן דאַרף זיי זען אין זייער אמתער און גאַנצער שיינקייט.

איך בין, חלילה, נישט אויסן צו זאָגן אַז מע דאַרף שרייבן מיט אויסגעטראַכטער לויב. דער ערשטער אות פון אונדזער אלף־בית איז א, דער מיטלסטער מ און דער לעצטער ת, צוזאַמען לייגט עס זיך אויס אמת. שקר אַפילו ווען געשריבן מיט פיר־קאַנטיקע אותיות האָט נישט קיין חלק ונחלה אין דער יידישער ליטעראַטור, מחמת דער חותם פון יידישן וואָרט, פּונקט ווי פון יידישן גאָט איז אמת. אמת איז דער סימבאָל פון אונדזער אלף־בית, צוויי־און־צוואַנציק עדות פון יידישער גרויסקייט, צוויי־און־צוואַנציק שליחים פון יידישן גורל און צוויי־און־צוואַנציק שומרים פון

שלמות. אהבת ישראל מיינט האָבן אויגן צו זען שיינקייט אין דעם יידישן לעבן, גרויסקייט אין אונדזער עקשנות צו בלייבן יידן, אהבת ישראל מיינט האָבן אויערן צו דערהערן גאַנצקייט אין אַ יידישן קרעכץ, טאַקע ווי דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ.

ד. ספּאַרד

אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור

דער שווערער מצב פון דער יידישער ליטעראַטור איז, פאַרשטענדלעך נישט מבטל אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען, וועלכע זענען מיט איר פאַרבונדן, פאַרקערט, זיי מאַכן די דאָזיקע פּראָבלעמען נאָך ערנסטער און דראָענדיקער, פּונקט ווי דער אַלגעמיינער שוואַכער צושטאַנד פון אַ מענטשן מאַכט נאָך דראָענדיקער זיינע באַזונדערע מחלות.

די דאָזיקע פּראָבלעמען זענען:

דער אייגנאַרטיק־מאַראַלישער און אייגנאַרטיק־פאַרמלעכער קלסתר־פּנים פון דער יידישער ליטעראַטור אין הסכם מיט דער טראַדיציע און מיט די אַקטועלע באַדערפענישן פון יידישן פאָלק אין פאַרמעסט מיט פרעמד־אַנגעווייטע ווילקירלעכע, זינלאָזע און אָפט פאַרשייטע איינהאַלטן און פאַרמען;

די אינערלעכע צעדרויבלטקייט פון יעדערער באַזונדערער יידישער שעפע־רישער סביבה און דער מאַנגל פון וועלכן ס'איז אויטאָריטאַטיוון שעפערישן צענ־טער;

דאָס טראַגישע פּראָבלעם פון אַ יידישן לייענער!

די לאַגע פון יידישן שרייבער — דעם סאַמע אויסגענוצטן און באַעוולטן פון צווישן אַלע פּראָלעטאַריער, און ענלעכע פּראָבלעמען.

מיט זיי אַלע וועט די קאָנפערענץ זיך דאַרפן פאַרנעמען און זוכן לכל־הפּחות אַ טיילווייזע לייזונג. אָבער היות ווי מיין צייט איז באַגרענעצט וועל איך מיר דערלויבן צו באַרירן בלויז צוויי מאָמענטן, וועלכע זענען, לויט מיר נאָך, די סאַמע וועזנטלעכסטע פון דער היינטיקער קאָנפערנעץ און זענען דירעקט און אומ־דירעקט פאַרבונדן מיט דער עצם עקזיסטענץ פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור.

עס איז פון גרונט אויס פאַלש די איינשטעלונג פון די, וועלכע האַלטן, אַז יידיש און יידישע קולטור דאַרף מען שוין איינמאַרינירן אין אוניווערסיטעטישע אַרכיוון פאַר די איינצלנע, וועלכע האָבן ליב אָפּצושטויבן אַלטע פאַרמעטן, פּונקט ווי ס'איז נישט ריכטיק און נישט רעאַל די קעגנזעצלעכע שטעלונג, אַז עס קאָן און עס דאַרף אַלץ בלייבן ווי אַמאָל. אויס ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער יידישער שפּראַך

פאַרזעען אָט די לעצטע, פון איין זייט, דעם אָביעקטיוון פאַקט פון דער שראַגישער פאַרשניטנקייט פון די קאָנסומענטן פון דער ידישער קולטור, ווי אויך די וואַקסנ־דיקע אַסימילאַציע, וועלכע שלינגט איין דעם איינעם פון דור און די צוויי פון דער משפחה, וועלכע זענען נאָך על־פּי נס פאַרבליבן און, פון דער צווייטער זייט דער־שאַצן זיי נישט ווי געהעריק די אָביעקטיווע און נויטווענדיקע רעזולטאַטן פון דעם אויפשטיין צו תחית־המתים פון דער העברעישער שפּראַך און העברעישער קולטור, וועלכע האָבן צוריקגעפונען זייערע שפּעדיקע קוואַלן מיטן אויפקום פון דער ידישער מדינה.

די ווידער, וועלכע זאָגן שוין אָפּ רבנן־קדיש נאָך דער ידישער שפּראַך און ידישער קולטור, גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער דויערנדיקער אַקטועלער ווירקונג פון דער ידישער שפּראַך און קולטור, מחמת אין דער שפּראַך און אין דער קולטור זענען אויפגעקומען יענע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען אין ידישן פאָלק, וועלכע האָבן פון באַזונדערע רעליגיעזע געמיינדעס, צעוואָרפענע איבער פאַרשידענע לענדער, געשאַפן די איינהייטלעכע מאָדערנע ידישע נאַציע.

ידישע שפּראַך און ידישע קולטור זענען נישט בלויז דער גאָלדענער רינג, וועלכער האָט די אַלטע און מאָדערנע ידישקייט באַהאַפטן אין איין גאַנצקייט, נאָר דער סינטעטישער מהות פון זיי ביידע. די קלאַסישע און נאָכקלאַסישע ידישע ליטעראַטור זענען אין זייער מהות, אידעיש און עסטעטיש, דער ווייטערדיקער המשך פון דער תנכ׳ישער און שפּאַניש־ידישער גייסטיקייט אין טיפן באַהעפט מיט דער רייכער, פאַרשידנפאַרביקער און זאַפטיקער חסידישער און וועלטלעכער ידישער פאָלקסשאַפונג. אָן דער דאָזיקער שאַפונג אין ידיש אויף אַלע געביטן איז זיך נישט פאָרצושטעלן קיין שום פאָלקסטימלעכע נאַציאָנאַל־־וועלטלעכע ידישקייט אויך אין עברית.

יעדער איבערשפּרונג איבער דער דאָזיקער קולטור אין ידיש איז אַ ברוך אין דער ידישער געשיכטע, איז אַ ברוך אין ידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וועלכער האָט שוין געהאַט און דראָט אויך מיט ווייטערדיקע טרויעריקע קאָנסעקווענצן.

מען דאַרף אויך געדענקען אויסער דעם אַלעמען, אַז ידיש און ידישע קולטור זענען אין פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע רעזשימען געווען דיסקרימינירט, פאַרפאָלגט און פאַרטיליקט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען די שפּראַך און די קולטור פון ידישן פאָלק, דורך אים געשאַפן און דורך אים באַנוצט אין צייטן פון פיין און אומקום און אין צייטן פון פריידן און מסירת־נפשדיקער גבורה.

די אַלע מאָמענטן דאַרף די קאָנפערענץ טיף באַזיניקן און אונטערזאָגן די אָפיציעלע פאַקטאָרן אין דער ידישער מדינה צוריקשטעלן די ידישע שפּראַך און ידישע קולטור אין איר אמתן ראַנג נישט נאָר מיט שיינע רייד, נאָר בפּועל ממש דורך שאַפן אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן די שיינע רייד פאַרווירקלעכן און העלפן באַקענען אַלע טיילן פון ידישן פאָלק אין ישראל מיט זייערע נישט

פאַרבייגייענדיקע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערטן. בלויז די אויטאָריטעט פון דער מדינה פון יידישן פאָלק איז אין שטאַנד אין אַ געוויסער מאָס צו לינדערן די טראַגישע רעזולטאַטן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אויך אויף דעם געביט און גלייכצייטיק באַרייכערן, אָדער בעסער געזאָגט, צוריקגעווינען זיך אַליין.

די צווייטע נישט מינדערוויכטיקע אויפגאַבע, וועלכע די קאָנפערענץ דאַרף איניציאירן, איז סטימולירן די אייניקייט פון דער יידישער קולטור. ס׳איז נישט ערנסט, איידל גערעדט, צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק פון די בלוטיקע מבולס, וועלכע האָבן דערטרונקען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און ביי פיל פון די אָפּגעראַטעוועטע פאַרוויסט זייערע נשמות. ס׳איז אויך נישט ערנסט, און אפשר אַפילו געפערלעך, אין אָנבליק פון די געפאַרן, וועלכע באַדראָען די יידישע מדינה און דערמיט אויך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, נישט צו זען די נאַציאָנאַלע לעבנס־נויטווענדיקייט פון צונויפזאַמלען איצט אין איין מנין, מעג זיין גאַרשידענע, נאָר ווירדיקע יידן, וועלכע טרעטן אַרויס דרייסט אין קאַמף קעגן דער יודאָפאָביע פון רעכטס און לינקס, קעגן דער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט פון אַסימילאַציע און זעלבסט־פאַרלייקענונג און פאַר דער זעלבסשטענדיקער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל.

אַזאַ צונויפזאַמלונג איז די נאַציאָנאַלע לעבנס־פילאָזאָפיע פון ישראל, וועלכע שטעלט זיך אַלס מדינה איבער אַזעלכע, אָדער אַנדערע פאַרטיקולירע מיינונגען און באַשטימטע פאַרטייאישע אַנשויאונגען. נאָך מער פאַרפליכטעט אַזאַ צוגאַנג אין דער קולטור פון אַ פאָלק. דאָ איז ער אַ נויטווענדיקער באַדינג פאַר איר עצם עקזיסטענץ, בפרט אין אַ קולטור, וואָס טראָגט אין איר זכרון די היטלערישע אויוונס און די סטאַלינישע הריגות, אַ קולטור, וואָס איז אין שטענדיקער באַלאַ־גערונג.

אין אַלוועלטלעכע קאָנפערענץ פון דער יידישער קולטור, וועלכע קומט פאָר צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע אין דער אייביקער יידישער שטאָט ירושלים דאַרף איניציאירן די דאָזיקע נאַציאָנאַל־נויטווענדיקע אין איצטיקן מאָמענט און מענטשלעך־נאָבעלע אין אַלע צייטן איינשטעלונג, ווי אין אויפגאַבע נומער איינס פאַר אַלע תפוצות, כדי די ליבע־ווערטער צו יידיש, וועלכע מיר הערן דאָ, זאָלן נישט זיין בלויז קיין ליבע־ווערטער איבערגעשריבענע פון אַ בריוונשטעלער, נאָר דיקטירט פון הארץ צו אַלע די, וועלכע מיינען ערנסט מיט דער דאָזיקער קאָנפערענץ. עס איז ביז גאָר וויכטיק און וועזנטלעך פאַר דעם עצם מהות פון דער קאָנפערענץ, אַז זי זאָל באַפולמעכטיקן אירע אויסגעוויילטע אויספיר־אָרגאַנען זיך באַמיען צו ברענגען אין דער צוקונפט צו אַ הסכם אַלע שעפערישע כוחות אין דער יידישער קולטור פאַר דעם געמיינזאַמען ציל: דאָס שבתדיקע און יומטובדיקע, וואָס האָבן געשאַפן די גרויסע יידן אין יידיש אין משך פון דורות, איבערגעבן אַלע שבטים פון יידישן פאָלק פאַר אַלע ווייטערדיקע דורות.

ד״ר אליהו שולמאַן

פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור הײַנט צו־טאָג

1

אין דעם לאָנדאָנער חודש־זשורנאַל „ענקאַונטער" איז לעצטנס (יולי 1976) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ וויכטיקע דיסקוסיע צווישן צוויי אָפּאָזיציאָנעלע רוסישע שרייבערס וואָס געפינען זיך נאָך אַצינד אין מאָסקווע. די שרייבערס זענען שאַפּאַרעוויטש און יולי דאַניעל. דער לעצטער איז אַ זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער דניאל מייעראָוויטש. דיסקוטירט האָבן זיי צי די רוסישע אָפּאָזיציאָנעלע שרייבער זאָלן בלייבן אין רוסלאַנד און אָנפירן דעם קאַמף פאַר פרייען אויסדרוק אויפן אָרט, צי זיי זאָלן בעסער פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאַרזעצן זייער ליטעראַרישע אַרבעט אין אויסלאַנד. שאַפּאַרעוויטש טענהט, אַז מען מוז, אויב עס איז נאָר מיגלעך בלייבן אין דער היים, און אַפילו לײַדן אויב עס איז נייטיק, ווייל אין גלות ווערט אַ שרייבער אומשעפעריש. דאַניעל, וואָס איז נאָך אַלץ אין רוסלאַנד, האָט אָבער אויסגעדריקט די מיינונג אַז עס איז בעסער פאַר אַ שרייבער וואָס ווערט גערודפט ביי זיך אין לאַנד, צו באַזעצן זיך אין דער פרעמד ווייל מען קאָן אויך אין גלות בלייבן שעפעריש. ווי למשל טאָמאַס מאַן, וואָס האָט אין גלות געשאַפן וויכטיקע ווערק.

די יידישע שרייבערס האָבן נישט געהאַט און האָבן נישט אַזעלכע פּראָבלעמען. אַ יידישער שרייבער אַקלימאַטיזירט זיך גיך — און אין וועלכן לאַנד ער האָט נאָר געלעבט — איז ער אומעטום געווען שעפעריש. און אין דער נייער היים, אין אַמעריקע, האָבן יידישע אימיגראַנטן געשאַפן די גרויסע אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור — הגם זיי האָבן געמוזט דורכמאַכן שוועריקייטן ביים צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה. ווי נאָר שלום־עליכם איז אַראָפּ פון דער שיף האָט ער זיך גלייך געזעצט שרייבן און האָט געשריבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", און שלום אַש האָט מיטן זעלביקן שוווּנג געשריבן אין וואַרשע, אין פּאַריז, ניו־יאָרק און לאָנדאָן. און אין אונדזערע טעג האָבן די יידישע שרייבערס וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע און קאַנאַדע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי חיים גראַדע, יוסף רובינשטיין, מרדכי שטריגלער, י. עלבערג, רחל קאָרן, מ. חסיד, פּ. מיראַנסקי — זיך גלייך דערפילט היימיש און האָבן דאָ פאָרגעזעצט זייער אַרבעט. חיים גראַדע האָט גראָד אין אַמעריקע אָנגעהויבן שרייבן פּראָזע און האָט באַשאַפן אַזעלכע ווערק ווי „די עגונה" און דעם גרויסן ראָמאַן „צמח אַטלאַס" — חוץ זיינע פּאָעטישע מייסטער־ווערק. יוסף רובינשטיין האָט אין אַמעריקע אָנגעשריבן זיינע נאַראַטיווע פּאָעמעס ווי „מגילת רוסלאַנד", „חורבן פּוילן" און „יציאת איראָפּע". אין אַמעריקע האָט יצחק באַשעוויס ערשט צענומען

זיינע הענט און האָט באַשאַפן זיינע קינסטלערישע דערציילונגען און ראָמאַנען, ווי עס ווייזט אויס איז אים נישט שווער אָנגעקומען איינוואָרצלען זיך אין אַמע־ריקע, הגם ניו־יאָרק איז גאַנץ ווייט פון בילגאָריי — און נישט נאָר געאָגראַפיש.

די סאָוועטישע יידישע שרייבערס וואָס האָבן זיך באַזעצט די לעצטע פּאָר יאָר אין ישראל האָבן זיך גאַנץ גיך דערפילט היימיש — אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער פּאַל, ווייל זיי האָבן פאַרלאָזן דעם ביטערן גלות פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין דעם יידישן לאַנד.

אין דער זעלביקער דיסקוסיע גיט אָן יולי דאַניעל אַ גאָר גוטע סיבה פאַר וואָס שרייבערס, ניין־זאָגערס, דאַרפן פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער מיינט אַז אויב אַ שרייבער קאָן נישט צוקומען מיט זיין שאַפונג צום עולם וועט עס פירן צום אונ־טערגאַנג אָדער אומקום פון שרייבער. כמעט יעדער יידישער שרייבער שטייט פאַר אַזאַ געפאַר און כמעט יעדער יידישער שרייבער געפינט זיך אין אַזאַ טראַגישער לאַגע. עס זענען פאַראַן יידישע שרייבערס וואָס מיינען, אַז דורך איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן וועלן זיי צוקומען צום עולם, אָבער ס'איז איין זאַך צו קומען צום לייענער אין דער אָריגינעלער שפּראַך, און עס איז גאָר אַנדערש ווען מען קומט צו אַ פרעמדן עולם דורך אַן איבערזעצונג. מיר ווייסן וואָס פאַר אַ שאָדן עס האָט גורם געווען געוויסע יידישע שרייבערס וואָס האָבן לכתחילה געשריבן נישט פאַרן אייגענעם עולם, נייערט פאַרן איבערזעצער. איך מיין אַז יצחק באַשעוויס, למשל, דערשפירט עס אָפט און דאָס קומט צום אויסדרוק אַ מאָל אין זיינע באַ־מערקונגען וועגן יידיש און וועגן גורל פון יידיש.

בכלל קאָן געזאָגט ווערן דאָ אין קלאַמערן, אַז פּונקט ווי שלום אַש איז גע־בליבן לעבן נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, און אַלע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק זענען כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן, אַזוי מיין איך וועט יצחק באַשעוויס פאַר־בלייבן נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור און נישט אין דער אַמעריקאַנער — הגם זיינע מערסטע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אינטערעס פון דעם אַמעריקאַנער לייענער.

און דאָ מעג מען דערמאָנען דעם פּאַל עלי וויזעל. זיין ערשטן בוך „און די וועלט האָט געשוויגן" האָט ער געשריבן אויף יידיש, ערשט שפּעטער איז עס אַרויס אויף פראַנצייזיש און ענגליש. ער האָט אַ צייט געאַרבעט ווי אַ יידישער זשורנאַליסט, אָבער זיינע בעלעטריסטישע ווערק האָט ער שוין אויף יידיש נישט געשריבן. אַצינד גייען אַרויס זיינע ביכער אויף ענגליש, פראַנצייזיש און מסתמא אויך אויף אַנדערע שפּראַכן. מיר איז נישט באַקאַנט ווי אַזוי זיינע שריפטן ווערן אויפגענומען אויף פראַנצייזיש, נאָר אין אַמעריקע רופט זיך די קריטיק אָפּ גאַנץ קאַלט וועגן זיי און מען ווייזט אָן אַז ער חזרט איבער דאָס וואָס ער האָט שוין גע־זאָגט אין זיין ערשטן קינסטלערישן בוך, „און די וועלט האָט געשוויגן". מען האָט אויך סוגערירט, אַז ער זאָל בכלל אויפהערן צו שרייבן און ווערן שטיל, ווייל זיין „קונסט פּאַרט זיך נישט מיטן אמת" (זען לעאָן וויזעלטירס אָפּהאַנדלונג אין דער

חודש־שריפט „קאָמענטאַרי", יאַנואַר 1974). אַזוי אַרום איז זיין ערשטער בוך וואָס ער האָט געשריבן אויף יידיש נאָך אַלץ זיין בעסטער בוך. עס קאָן גרייַלעך זיין, אַז ווען ער וואָלט זיינע בעלעטריסטישע ווערק ווייטער געשריבן אויף יידיש, אויף זיין מוטער־שפּראַך, וואָלט ער אפשר מערער דערגרייכט קינסטלעריש.

אָבער דערפאַר וואָס אונדזער פּעריפעריע איז באַגרענעצט און צוליב דעם וואָס עס איז שווער פאַרן יידישן שרייבער צו דערגרייכן אַן עולם, פילט זיך דער שרייבער אָפט דערדריקט און איז פּעסימיסטיש, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, גייט אַן דער יידישער שרייבער מיט זיין אַרבעט — ווייל ער פילט די אחריות וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

2

די לעצטע דריי צענדליק יאָר איז די יידישע ליטעראַטור פאַרנומען מערסטנס מיט דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום. וועגן חורבן איז באַשאַפן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער אין קיין שום ליטעראַטור פאַרנעמט נישט אונדזער פאָלקס־אומגליק אַזאַ צענטראַלן אָרט ווי אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז נאַטירלעך — ווייל אונדזער ליטעראַטור איז דאָך געווען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט די יידן אין מיזרח־אייראָפּע. און אַפילו יענע קרייזן וואָס פאַרלייקענען אָדער איגנאָרירן יידיש און די יידישע ליטעראַטור גיבן צו אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אויף אַ ווירדיקן אופן, עכט און אויטענטיש, פאַראייביקט אין שריפט דעם חורבן פון אונדזער פאָלק.

אונדזער ליטעראַטור וועט זיך אָפּגעבן מיט דער קאַטאַסטראָפע עד סוף כל הדורות — אָבער ביסלעכוויז רעאָריענטירט זי זיך און זי גיט זיך אָפּ אויך מיט אונדזער איצטיקן לעבן און עס זענען דאָ סימנים אַז יידישער שרייבערס וועלן מאָלן און שילדערן אונדזער קעגנוואַרט. חוץ דעם דאַרף דערמאָנט ווערן אַז יידישע שרייבערס האָבן, אין דער ליטעראַטור, אויף אַ קינסטלערישן אופן רעסטאַווּרירט דאָס יידישע לעבן פון פאַרן חורבן — און האָבן פאַראייביקט גאַנצע דורות יידן, מיט זייער שטייגער און לעבן. (באַשעוויס, חיים גראַדע און אַנדערע). אונדזער ליטעראַטור ווערט באַשאַפן אין פאַרשיידענע לענדער, ביי פאַרשיידענע קלימאַטן און ביי אַנדערשדיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען. יידישע ליטעראַטור ווערט באַשאַפן אי זישראל — ווי מיר אַלע פילן זיך אַזוי היימיש, און אין דער זעלביקער צייט ווערט געשאַפן יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד, ווי דער מצב איז אַזוי אַנדערש, פּאָליטיש, סאָציאַל און קולטורעל. אָבער נישט געקוקט אויף אַלע פאַרשיידנאַרטיקייטן, און אַפילו נישט געקוקט אויף די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען, איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן אַלע טיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, צוליב דער שפּראַך, טעמאַטיק, טראַדיציע און גורל. און עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל וואָס גראַד אין רוסלאַנד האָט נתן זאַבאַרע געשאַפן אַזאַ וויכטיקן, אויטענטישן יידישן ראָמאַן ווי „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג", וואָס איז געווען געדרוקט

אין מאָסקווער יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" (1972). דער ראָמאַן פאַר־בינדט די ווייטע פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט — און עס ווערט געשילדערט יידיש לעבן אי מיט וויסן, אי מיט טיפער סימפּאַטיע און אָפט מיט באַוווּנדערונג.

נאָך אַ סאָוועטיש־יידישער שרייבער, נאָטע לוריע, האָט לעצטנס פאַרעפנט־לעכט אַ ראָמאַן, „די געשיכטע פון אַ ליבע" („סאָוועטיש היימלאַנד, נומערן 1 און 2, 1976), וואָס איז אַ ביסל אַלטמאָדיש, סענטימענטאַל, אָבער עס איז דאָ אַ יידי־שער געפיל, יידישער געמיט און יידישער גורל. אין ראָמאַן ווערט געשילדערט אַ דור יידישע מענטשן וואָס איז שוין שפּראַכלעך אַסימילירט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין קאָמוניסטישן גייסט, און מענטשן וואָס זענען דערווייטערט פון וועלכער עס איז יידישקייט און וואָס האָבן נישט קיין באַציונג צו יידישע ווערטן — און דאָך ווייזט אונדז לוריע ווי פאַרבונדן זיי זענען מיטן יידישן גורל און מיטן יידישן לעבן: עס ריזולט נאָך אַ יידישער שטראָם אין רוסלאַנד — און איך מיין אַז מען טאָר ניט מוותר זיין אויף דער יידישער ליטעראַטור דאָרטן.

און דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן אַז אויף וויפל עס איז נאָך דאָ אַ צייכן פון יידישער שעפערישקייט ביי די יידן אין רוסלאַנד, קומט עס צום אויסדרוק אין דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור. אין די צייטן פון צאַריזם זענען שוין געווען יידן וואָס האָבן געשריבן אויף רוסיש. עס זענען געווען יידן וואָס האָבן זיך גע־פונען אין הויפּט־שטראָם פון דער יידישער ליטעראַטור און אַנדערע וואָס האָבן געשאַפן, לויט דער מיינונג פון אחד־העם, אַ יידישע געטאָ אין דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס מיינט, זיי האָבן געשריבן אויף רוסיש, פאַר יידישע לייענערס, וועגן יידן. נאָך דער רעוואָלוציע איז די רוסישע ליטעראַטור געווען פול מיט יידן, ווי איסאַק באַבעל, באָריס פּאַסטערנאַק, אָסיפּ מאַנדעלשטאַם, ע. באַגריצקי, איליאַ סעלווינסקי, איליאַ ערענבורג, בעזימענסקי, יוסף אוטקין, מיכאַיל גאָלאָדני־עפּ־שטיין, אַנדרעי סאָבאָל און צענדליקער אַנדערע — אָבער זיי זענען אַלע שוין נישטאָ. אַ צאָל האָט מען ליקווידירט, אַנדערע זענען געשטאָרבן. עס זע־נען געבליבן אַ צאָל פון עלטערן דור ווי ווערע אינבער אָדער דורכשניטלעכע זשורנאַליסטן און סתם ליטעראַטן — אָבער מען זעט זייער ווייניק בייע יידישע נעמען אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין ישראל געפינען זיך אַ צאָל רוסיש־יידישע שרייבערס — מערסטנס גאַנץ דורכשניטלעכע — וואָס קאָנען אָבער נישט שפּילן קיין ראָלע אין דער רוסישער ליטעראַטור אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע זענען דאָ אַ צאָל יידן וואָס שרייבן אויף רוסיש — צווישן זיי עטלעכע האַלבע אָדער גאַנצע משומדים. דעריבער, מיין איך, אַז גראָד די יידישע שרייבערס אין רוסלאַנד דריקן אויס, אָפענערהייט, אָדער אפשר דורך רמזים — יידישע שע־פערישקייט אויף וויפל עס איז דאָ שעפערישקייט ביי די יידן אין רוסלאַנד.

3

די עקזיסטענץ פון דער יידישער ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאַר בכלל אַ נס.

עס איז געוויס אַ מופת וואָס נאָך דעם אומקום פון די מערסטע יידיש־רעדנדיקע יידן און יידישע שרייבערס אין געטאָס, לאַגערן און תפיסות, נאָך דער דערמאָרדונג פון די יידישע שרייבערס אין רוסלאַנד — לעבט דאָך די יידישע ליטעראַטור און זי פירט דורך ווירדיק די מיסיע וואָס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן. זי דערציילט און שילדערט די גרויסע יידישע טראַגעדיע, און זי ברענגט טרייסט צום יידישן מענטשן, און זי גיט אַ פולן אויסדרוק צום גרויסן וווּנדער פון דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה.

אָבער אויב די יידישע ליטעראַטור פירט אויס מיט חשיבות איר שליחות — קאָן מען, צום באַדויערן, נישט זאָגן אַז די יידן באַציען זיך מיט ווירדע צו דער יידישער ליטעראַטור. און איינע פון די הויפּט פּראָבלעמען פון אונדזער ליטעראַטור איז ווי צו דערגרייכן דעם לייענער נישט דורך איבערזעצונגען, נייערט דורך דעם יידישן אָריגינאַל. עס איז באַשיימפּערלעך אַז מען מוז זוכן אַ וועג צום לייענער, און אפשר וועט מען אים געפינען.

ביי אונדז אין אַמעריקע זענען פאַראַן אַ סך יידן שרייבערס וואָס שרייבן אויף ענגליש וועגן יידן און באַנוצן זיך מיט יידישע סוזשעטן, אָט די שרייבערס ווילן נישט גילטן ווי יידישע שרייבערס, נאָר ווי אַמעריקאַנער שרייבערס. זיי שרייבן אויף יידי־שע טעמעס, זיי מאָלן אַפילו יידישע מענטשן, ווייל זיי זענען בעסער באַקאַנט מיטן לעבן פון די יידן ווי מיט דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער סביבה. אָבער זייער צוגאַנג צו יידן איז נישט ווי צו אייגענע, נייערט זיי באַציען זיך אי צו דעם יידישן מענטשן, אי צו דעם יידישן כלל ווי פרעמדע, און זיי שרייבן טאַקע ווי פרעמדע, אָן פאַרשטענ־דעניש און אָן סימפּאַטיע. עס זענען פאַראַן אויסנאַמען — צווישן זיי אַזאַ טאַלאַנט־פולער שרייבער ווי סאָל בעלאָו. אָבער הן בעלאָו הן פיליפּ ראָטה, בערנאַרד מאַ־לאַמוד, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ שרייבער ווי נאָרמאַן מיילער — ווילן זיך נישט אידענטיפיצירן ווי יידישע שרייבערס, נייערט ווי אַלגעמיינע אַמעריקאַנער. זיי אַלע ווילן זיין אין הויפּט שטראָם פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — און נישט אין אַ מין געטאָ.

אַזוי האָט בעלאָו ערשט אַנומלטן נאָך אַ מאָל דערקלערט אַז ער וויל נישט זיין קיין ווינקל־שרייבער, קיין „קליינער עפנטלעכער שרייבער" נאָר אַ גרויסער עפנטלעכער (פּובליק) שרייבער וואָס שרייבט נישט פאַר אַ באַגרענעצטן קרייז, נאָר פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער („ניו־יאָרק טיימס", 25סטער נאָוועמבער 1975, זייט 44). נאָך פריער האָט ער פּראָטעסטירט קעגן יענע וואָס ווילן אָנקלעפּן אויף אים אַן עטיקעט „יידישער שרייבער". דאָס צושפּילען אים אַזאַ אָפּצייכן, האָט בעלאָו דער־קלערט, איז פּשוט ווולגאַר. („ניו־יאָרק טיימס" ביכער רעצענזיע אָפּטיילונג, 9טער מאַי, 1971, זייט 12). און מען מוז געדענקען ,אַז בעלאָו איז דער בעסטער און דער סאַמע יידישסטער פון די אַלע יידן־שרייבערס אין אַמעריקע וואָס שרייבן אויף ענג־ליש וועגן יידן און יידישן לעבן. אָבער אין יעדן פאַל, האַלט די יידישע מאָדע אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אין איין אָפּגיין — אָט פונקט ווי עס איז פאַרשוווּנדן

די דרומדיקע מאָדע, אָדער ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. אָבער די דרום־שרייבערס האָבן איבערגעלאָזן שפּורן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור; צי די יידן־שרייבערס וואָס שרייבן אויף יידישע טעמעס וועלן איבערלאָזן אַזעלכע שפּורן איז נאָך אַ פראַגע.

לעצטנס האָט אַ שרייבערין, רוט וויס, פּאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וווּ זי באַ־האַנדלט די פּראָבלעם פון די יידן־שרייבערס אין אַמעריקע וואָס שרייבן אָדער האָבן געשריבן וועגן יידן און וועגן יידישן לעבן. („קאָמענטאַרי״, ניו־יאָרק, יוני 1976, זייטן 40־45). רוט וויס קאָן יידיש, זי איז באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, זי האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש עטלעכע נאָוועלן פון י. מ. וויסענבערג, דוד בערגעלסאָנען ,יוסף אָפּאַטאָשו, ש. אַנ־סקי, מענדעלע מוכר ספרים און האָט גע־שריבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און וועגן יידישע שרייבערס.

אין איר אַרטיקל זאָגט רוט וויס, גאַנץ ריכטיק, אַז די יידישע שול אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז שוין אויסגעשעפּט און זי האַלט ביים פאַרשווינדן. די אַנגלאָ־יידישע שרייבערס ווי בעלאָו, מאַלאַמוד און פיליפּ ראָטה האָבן שוין אין גאַנצן אויסגענוצט און געבראַכט צו אַ סיום די צוויי הויפּט טעמעס, דהיינו: דאָס געפינען זיך ביים ראַנד פון לעבן און נישט אין צענטער, און די פּראָבלעם פון יידן און דאָס זיין אַ קרבן. חוץ דעם זאָגט זי אַז די עכאָס פון יידיש אין די ווערק פון די דאָזיקע שרייבערס ווערן שוואַכער, ווייל די וואָס ריידן יידיש ווערן אַלט אָדער ציען זיך צוריק אין חסידישע געטאָס. אַציינד, זאָגט פרוי וויס, איז שווער צו שרייבן וועגן דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער יידן. און דאָ ציטירט זי אַ נאָוועליסטין נאָרמאַ ראָזען, וואָס האָט געזאָגט אַז עס איז שווער צו אונטערשיידן דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער יידן פון דעם אַמעריקאַנער — דעריבער קאָן דער געוויינלעכער אַמע־ריקאַנער ייד נישט דינען ווי אַן אָביעקט פאַר אַ ספּעציפישער יידישער ליטעראַ־טור אין ענגליש.

און איצט אַז די אַנגלאָ־יידישע שול איז אויסגעשעפּט און האַלט ביים אַראָפּ־גיין פון דער סצענע, האַלט ביים אויפקומען אַ נייע עכטע שול פון יידישע שריי־בערס וואָס הגם זיי שרייבן אויף ענגליש, ווילן זיי זיין יידישע שרייבערס און ווילן זיך קאָנצענטרירן אויפן יידישן לעבן און מאָלן עכטע יידן. ווי די הויפּט טעאָרעטי־קערין און נאָוועליסטין פון דער דאָזיקער שול שטעלט רוט וויס אַרויס סינטיאַ אָזיק. אָזיק איז אַ טאַלאַנטפולע פרוי, זי איז גראָד באַקאַנט מיט דער אַלטער יידישער קולטור. זי האָט אַפילו געזאָגט אַז דאָס וואָס יידן האָבן באַשאַפן אין גלות אין פרעמדע שפּראַכן האָט נישט געהאַט קיין קיום — און אַז געבליבן זענען נאָר יענע שאַפונגען וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין יידישע לשונות. דאָס איז געוויס ריכ־טיק. אָבער עס איז דאָ אַ תהום צווישן אָזיקס רעדעס און שרייבן. רוט וויס האַלט פון אָזיקן און זי דיסקוטירט ערנסט אירע דערציילונגען און נאָוועלן, דערביי לויבט זי זייער שטאַרק איר דערציילונג „קינאה, אָדער יידיש אין אַמעריקע״, הגם זי גיט צו אַז די דערציילונג איז אַזוי „אויטענטיש ווי רכילות״. ווען די דאָזיקע דערציילונג

איז צום ערשטן מאָל דערשינען („קאָמענטאַרי״, נאָוועמבער 1969), האָב איך אין „קאָמענטאַרי״ גופא (מאַי 1970) אָפּגעדרוקט אַ בריוו ווו איך האָבן באַוויזן אַז „קינאה, אָדער יידיש אין אַמעריקע״ איז געשריבן מיט ביטול, שינאה און ביטער־ניש קעגן יידיש און קעגן דער יידישער ליטעראַטור. זי מאַכט אויסצודרייען עט־לעכע יידישע שרייבערס, וועמען מען דערקענט גלייך און מיט אַזעלכע פּאַסקווילן, האָלט פּרוי וויס, ווערט עס באַשאַפן אַ נייע ריכטונג, אַ יידישע ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דאָס מיינט אַז פריער זענען יידן שרייבערס אַריין אין הויפּט שטראָם אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור דערפאַר וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן סתם יידן און האָבן באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון אָפּפרעמדונג, פון געפינען זיך ביים ראַנד, אָבער אַצינד גייען אַריין אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור יידן וואָס שרייבן אָפן ווי יידן און קאָנצענטרירן זיך אויף עכטער יידישקייט, טאַקע ווי סינטיאַ אָזיק טוט עס אין איר „קינאה, אָדער יידיש אין אַמעריקע״. פרוי וויס ברענגט נאָך אַן עכטן יידישן שרייבער — אַרטור קאָהען. קאָהען האָט אָנגעהויבן ווי אַ טעאָלאָג און האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן רעליגיע ווו ער האָט קיין נייעס נישט צוגעגעבן. אַצינד שרייבט ער טענדענץ־ראָמאַנען. רות וויס דערמאָנט טאַקע אין ראָמאַן „אין די טעג פון סיימאָן סטערן״ וואָס, ווי זי זאָגט, „שטעלט מיט זיך פאָר אַ היינטצייטיקע אינטערפּרעטאַציע פון אַ טראַדיציאָנעלן יידישן מאָטיוו, דאָס קומען פון משיחן״.

די דאָזיקע טעמע איז באַהאַנדלט און אויסגעשעפּט געוואָרן אין אונדזער יידי־שער ליטעראַטור. אַרטור קאָהען וואָס איז אַ מיטלמעסיקער נאָוועליסט, האָט דאָ גאָרנישט נישט מחדש געווען. חוץ דעם, זיין אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז אַן אומבאַדייטנדיקער.

זי דערמאָנט נאָך אַ שרייבער, היו ניסענזאָן און זיין נייעם ראָמאַן „מיין איי־גענע ערד״, וואָס רות וויס זאָגט „גראָבט זיך טיפער אין דעם שטאָף פון מאָראַל״. וועגן דעם ראָמאַן זאָגט אַן ענגלישער קריטיקער,פּאָול ביילי, אַז „עס איז דאָ אַ פּאַ־טאָלע לופט פון געקינצלטקייט אַרום דער נאָוועלע מיט, ערשטנס דעם אַלפּאָנס, דערנאָך מיט דער הויזווירטין, דערנאָך מיטן רעוואָלוציאָנער און דערנאָך מיטן סעקסועל־אויפוואַכנדיקן נאַראַטאָר״. („טיימס ליטעראַרישע ביילאַגע״, לאָנדאָן, 23סטער יולי 1976, זייט 905).

די דאָזיקע שרייבערס: סינטיאַ אָזיק, אַרטור קאָהען, היו ניסענזאָן, הייבן דאָס אָן לויט רות וויסן, אַ נייע יידישע תקופה אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור מיט זייער יידישקייט און יידישער אָריענטאַציע. זיי דאַרפן עס געבן אַן אויסדרוק צו דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע.

נישט די שרייבערס פון הויפּטשטראָם אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווי פּיליפּ ראָטה, בערנאַרד מאַלאַמוד, נאָרמאַן מיילער און אַפילו סאָל בעלאָו וועלן קע־נען פאַרנעמען דעם אָרט פון לייוויקן, גלאַטשטיינען, לעיעלעסן, מאַני לייבן, זישע לאַנדאַו אָדער אַבאַ שטאָלצענבערגן, און די נייע — סינטיאַ אָזיק, אַרטור קאָהען.

היו ניסענזאָן ,מיט זייער אַזוי גערופענעם יידישן דרך וועלן געוויס נישט פאַרגע־נעמען דעם אָרט פון י. אָפּאַטאָשו, שלום אַשן, דוד איגנאַטאָוון און אַפילו דעם אָרט פון ז. ליבין און לעאָן קאָברין.

אויף דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּט דאָ, ביי דער יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים, דערמאָנט געוואָרן, האָט ד״ר מיזעס געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן יידיש. ער האָט דעמאָלט געזאָגט אַז עס מאַכט נישט אויס וואָס פאַר אַ פּראָצענט יידן רעדן יידיש — יידיש בלייבט אַלץ איינס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק. דאָס זעלביקע קאָן מען היינט צו טאָג זאָגן וועגן דער יידישער ליטעראַטור. הונדערטער און אַפילו טויזנטער יידן קאָנען שרייבן וועגן יידן און אויף יידישע טעמעס אין ענגליש, דייטש, שפּאַניש, פראַנצייזיש, שוועדיש, רומעניש און טערקיש — אָבער די אמתע און עכטע ליטעראַטור ביי יידן איז די יידישע לי־טעראַטור, די ליטעראַטור וואָס ווערט באַשאַפן פון יידישע שרייבערס וועלכע ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר איר. עס איז דער חוב פון די יידן און פון דער יידישער געזעלשאַפט אומעטום, און אין אַלע לענדער צו געבן די יידישע שריי־בערס די מעגלעכקייטן אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט, אַז די שרייבערס וואָס גיבן אַן אויסדרוק צום יידישן לעבן, וואָס שילדערן אי די ליידן, אי די פריידן פון די יידן און וואָס ברענגען דערמוטיקונג און טרייסט.

אריה שמרי

צווישן יידיש און ירושלים

חשובע פריינד, דעלעגאַטן און געסט!

מיט אונדזער שמועס וועגן יידישער ליטעראַטור, אין די ראַמען פון דער קאָנ־פערענץ פאַר יידיש, זענען מיר אַוודאי נישט אויסן בלויז אַ שיח־חכמים, אָדער אַן אָראָפּרעדן זיך פון הארצן וועגן אונדזערע מאַנגלען און מינוסן. דער אָנגעוויטיקטער פּונקט איז דער מצב פון יידישן בוך; דער מעמד פון יידישן שרייבערביים אַרויס־געבן זיינע כתבים און דאָס פעלן פון לייענער און אָפּנעמער פון יידישן בוך. די אַלע צרות זענען גוט באַקאַנט, אָבער דאָך וועלן מיר מאַכן אַ טעות, אויב מיר וועלן די אַלע דערשיינונגען זען בלויז ווי אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּראַגמאַטישע ענינים.

פון ישראלדיקן נסיון, פון דעם אַלץ וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן האָבן מיר געלערנט, אַז דעם „נעשה ונשמע" דאַרף מען צו מאָל שטעלן אין אַ פאַרקערטן סדר — די מחשבה און דעם חזון פאַרן פּלאַן און פאַר די מעשים. דער גייסט פון יוסף חיים ברענער, וואָס איז פול געווען מיט ספקות און מיט פּראָגעצייכנס — דווקא ער האָט מיט זיין „ואף על פי כן" באַוויזן צו מעשים און געוועקט די חלוצישע ענערגיע. און דערפון איז צו לערנען, אַז אויב מיר האָבן באמת ליב

יידיש און די יידישע ליטעראַטור, דאַרפֿן מיר גאָרנישט פּאַרטושן און פּאַרמאַליעווען, נאָר אַרויסברענגען קלאָר און אָפֿן אונדזערע דאגות און אונדזער אומרו, און דורך אַן אמתדיקן אַנאַליז קומען צו מעשים.

דער גורל, וואָס איז חל אויף יעדן בן־אדם, האָט פֿון אונדז אַוועקגענומען כמעט דעם גאַנצן אויבנאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור. און אַ ליטעראַטור פֿון אַ פֿאָלק איז בשום אופֿן נישט די אַדער יענע באַרימטקייט, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין. ליטעראַטור פֿון אַ פֿאָלק מיינט אַ משפּחה, מיט טאַטעס און זין, מיט זיידעס און אייניקלעך — אַ קייטלונג פֿון המשך און אַ גערעגל פֿון גענעראַציעס און סטילן, מיט נאָכוווּקס און מיט מרידה. און אויב דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַמאָל, און מען זעט נישט מער די יורשים, און מען פֿילט נישט מער די ווירונג, און מען זעט נישט מער די ברייטע וועלטקאַנווע, דעם גרויסן האָריזאָנט פֿון יידישלאַנד — איז אַ וווּנדער וואָס אַזוי איז דער מעמד פֿון יידישן שרייבער און פֿון יידישן בוך?

און אַז מיר וועלן נאָך דערצו צוגעבן די איינגעשרומפּנקייט פֿון יידישן שול־וועזן, דעם מאַנגל אין אַ געטריייען יונגן יידיש־דור — וועט אונדז אַוודאי נישט גרינגער ווערן אונדזער יידיש־ליבנדיק געמיט. איך שטעל אַוועק אָט די אַלע פֿראַגן פֿאַר זיך און פֿאַר אייך, ווייל איך וויל, אַז אין און איבער די פֿריידיקע פֿייער־לעכקייטן, לויט דער רוטינע פֿון קאָנגרעסן, זאָל אונדז אַרומנעמען דאָס געפֿיל פֿון בשותּפֿותדיקער דאגה, וואָס נאָר פֿון דעם קאָנען מיר אויך קומען צו מעשים.

*

מיין זכרון פֿירט מיך צוריק צו דעם גרויסן האָריזאָנט פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור, ווי ער האָט זיך אונדז געוויזן פֿון דער ווייט, פֿון מעבר לים, דאָ אין ישראל, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, בעת יידיש אין ישראל איז נאָך געווען אַ קליין אינדזעלע, מיט אַ סך צער, אָבער אויך מיט אַ סך שעפֿערישע באַגייסטערונג. אונדזער מוט האָבן מיר דעמאָלט געשעפּט פֿונעם גלאָבאַלן יידיש, פֿון יידיש־אומעטום. און זיך אַליין, ווי יידישע שרייבערס אין ארץ־ישראל, האָבן מיר נישט נאָר געזען ווי „תוצרת הארץ", נאָר ווי תוצרת העם... אין דעם האָבן מיר געזען אונדזער זכות און אונדזער שליחות, און מיר האָבן געפֿילט, אַז מיר שטייען און שעפּן פֿון גרויסע און טיפֿע יידישע קוואַלן...

דעמאָלט האָט דער האָריזאָנט פֿון יידיש אויף אַלע וועגן פֿון דער ערד זיך נאָך געשטאַלטיקט מיט גרויסע פֿיגורן, מיט קלאַסיקער און מיט גערעטענעם נאָכ־וווּקס, מיט מורי־דרך פֿון ליטעראַרישע שולן און מיט אַמביציעזקייט פֿון נייע סטילן; די „יונגע" און דער „אינזיך" אין אַמעריקע;; און אויך אויף דער רוסישער ערד איז נאָך פֿריש געווען דער גוטער אַראָמאַט פֿון דער גרויסער שירה און פּראָזע מימי אָקטאָבער; און ווי אַ נס האָט אַרויסגעשפּאַרט פֿון דער יידישער אָרעמקייט און פֿון דער יידישער לומדות — „יונג־ווילנע", די שענסטע יידיש־בלום אין פּוילן ערב דער לאַנגער נאַכט פֿון דער שואה... ביז דעמאָלט איז דער תּפֿארת פֿון דער

יידישער ליטעראַטור געווען אין איר פֿאַרנעם, אין איר גרויסוועלטישקייט און אין איר אינטענסיוון שעפֿערישן דראַנג — און מען האָט געקאָנט שעפּן מוט פֿון דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גרויסע משפּחה.

און היינט־צו־טאָג, נאָך דעם ווי מיר, יידישע שרייבערס אין ישראל, זענען אויסגעוואַקסן פֿון אַן אינדזולע צו אַן אינדזל, און אַרום אונדז — פֿאַרלאַגן און זשורנאַלן און אַ יידישע טאָגצייטונג און אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן — מיין איך דאָך, אַז מיר פֿילן זיך היינט עלנטער ביים אויסבליק צום פֿאַרוואָלקנטן האָרי־זאָנט פֿון יידיש... יידיש אין גאָר דער וועלט רעדט צו אונדז מיטן לשון פֿון עלעגיעס. אויפֿן יידיש־פֿעלד איז שמיטה, און ווי וועט קומען אַן אויפֿשטייג פֿון רעזיגנאַציע און אַפּהענטיקייט, סיידן, מיר וועלן געפֿינען אַ וועג צו באַנייטן מוט, צו קאָנסאָ־לידירן אונדזער צעוואָרפֿנקייט און פֿאַרמירן די רעשטלעך פֿון אונדזערע שעפֿערישע כוחות צו איין גאַנצקייט, צו אַ געטרייע און עקשנותדיקע משפּחה פֿון דער יידישער ליטעראַטור, מיטן גייסט פֿון ירושלים בכל אתר ואתר.

סטאַניסלאַווסקי פֿלעגט לערנען די מענטשן פֿון דער בינע, צו פֿירן זיך ווי די פֿייגל, וואָס פֿוישן זיך אַן מיט לופֿט כדי צו קאָנען פֿליען... און איך גלייב, אַז אַווירא דישראל און די לופֿט און דער מהות פֿון ירושלים קאָנען אַ סך געבן פֿאַר אַ באַנייטן שווונג און פֿלי פֿון דער יידישער קולטור און פֿון יידישן שאַפֿן.

מיר דאַרפֿן האָבן מוט צו געפֿינען אין פֿלאָנטער פֿון אונדזער צייט דעם וועג צו זיך אַליין, צום אייגענעם שורש. פֿאַר יידיש קאָן נאָך באַשערט זיין אַן אויפֿבלי אויב זי וועט אין איר תוך זיין יידיש און פֿילן און וויסן, אַז איר נאָענטסטער סינאָנים איז ירושלים. דאָס פֿאָדערט פֿון אונדז זיך צו באַפֿרייען פֿון אילוזאָרישע באַגריפֿן, וואָס זענען אפֿשר געווען נוצלעך אין אַ געוויסער צייט, אָבער זענען מער נישט גילטיק היינט.

אויף דער קאָנפֿערענץ פֿאַר יידיש אין טשערנאָוויץ האָט י. ל. פּרץ געלאָזט הערן זיין פֿריידיקן אני־מאמין אין יידישער ליטעראַטור און קולטור, אַוועק־שטעלנדיק זיין אמונה אין רענעסאַנס פֿון דער יידישער שפּראַך אויף דער ברייטער באַזע פֿון זיך באַפֿרייענדיקע פֿעלקער: „שוואַכע, אונטערדריקטע פֿעלקער דער־וואַכן, און קעמפֿן פֿאַר זייער שפּראַך, פֿאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט״.

יאָרן לאַנג האָבן נאָך אָט די ווערטער געהאַט זייער גילגול הניגון אין דער יידישער פּאָעזיע. מיר האָבן געקאָנט זייער אָפּקלאַנג הערן אין דוד האָפּשטיינס „פּראָצעסיע״: „מיר גייען אין דיינע פֿאַרנטיקע רייען / שפּאַנענדיקע מענטשהייט״. מען האָט אויך דעם ריטעם פֿון דער דאָזיקער מורדישער פֿריידיקייט געקאָנט הערן אין משה קולבאַקס: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!״. ביידע האָבן זיך מתחייב געווען ביים גלעקער־געהילך פֿון זייער ברויזנדיקער תקופֿה: „צוריק קיין טראָט!״ (האָפּשטיין) און „איבערלאָזן די שוואַכע״ (קולבאַק). אָט די אַלע הימנען זענען געווען אין גייסט פֿון דער פּרציאַנישער וויזיע וועגן יידן און יידיש־רענעסאַנס אין

מיטגאַנג מיט די „פּאַרנטיקע רייען" פון „זיך באַפרייענדיקע פעלקער". געווען אין דעם אויפריכטיקע יידישע התלהבות, אָבער אויך נישט ווייניק קורצזיכטיקייט בנוגע אונדזער יידישן גורל מקדמת דנא, וואָס איז תמיד מחייב צו גיין „אַ טראָט צוריק", כדי איבערצוּווינדן די ריסן דורך אָנקניפּונג צו פריערדיקע יידישע דורות... און אונדזער געשיכטע האָט ווידער אַ מאָל, ווי אַלע מאָל, געוויזן, אַז מיר טאָרן נישט „איבערלאָזן די שוואַכע", ווייל אומעטום זענען מיר אַלע ביינאַנד די שוואַכע און די שוואַכסטע אייביקע קאַנדידאַטן צו ווערן אַנטי־יידישט אין קאַמערן פון פּיין מימי האינקוויזיציע און ביז דעם פּראָסטיקן סיביר...

קאָנען מיר, מעגן מיר היינט, ביים זוכן אַ באַזע פאַר יידיש, נאָך רעדן אָדער אַפילו בלויז אָנווינקען אויף דער אילוזיע וועגן זיך באַפרייענדיקע פעלקער און וועגן די גוטע ווינטן פון דער וועלט וואָס וועלן אויך אָפּפרישן אונדזער יידיש? מעגן מיר נאָך שפּינען אַזעלכע אילוזיעס אין 1976?

נישטאָ היינט־צו־טאָג קיין איין פאָלק וואָס זאָל אונדז קאָנען מנדב־זיין זיין ברייטהאַרציקייט לטובת אונדזער קולטור און פאַר די צוויי שפּראַכן פון אונדזער קולטור. וואָס מיר האָבן צו זוכן און וואָס מיר קאָנען נאָך געפינען — איז ביי זיך אַליין!

גערעכט איז געווען פּרץ, ווען ער האָט אין זיינס אַ רעדע נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דעפינירט דעם ענין יונגקייט און עלטער אין יידיש: „יונג איז נאָר די שפּראַך יידיש; די קולטור אָבער, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן, איז אַלט און רייך. דאָס פאָלק, דער שעפער פון דער קולטור, איז דאָס עלטסטע פאָלק". און פּרץ, דער פאָנענטרעגער פון יידיש, איז געווען געצוווּנגען דרייסט צו זאָגן: „די יידישע ליטעראַטור איז נאָר איין רינג אין דער קייט און דאַרף נאָר באַטראַכט ווערן אַלס מאָמענט פון דער אייביק־יידישער קולטור".

אין אונדזערע יאָרן האָט דעם איבערגאַנג צווישן די צוויי פּרציאַנישע טעזן געגעבן אַ פּולן אויסדרוק יעקב גלאַטשטיין. איין מאָל מיט אַ געזעגנונג די אילוזיע פון נס וואָס דערוואַרט אונדז פון די „זיך באַפרייענדיקע פעלקער", מיטן אָפּשייד־ליד „אַ גוטע נאַכט דיר וועלט", ערב דער שואה, ווען פרייהייט־פעלקער האָבן געמאַכט יד־אחת מיטן נאַצישן באַרבאַריזם. און דערנאָך, מיטן ווענד צו זיך אַליין — זאָגט גלאַטשטיין צום ייד:

פריד צו דיר, פריד,
ווי פאַרפלאַנצט דו ביסט
אין צעשטויבטע תנכישע ביינער.

אָט דעם ייד, דעם פאַרפלאַנצטן „אין צעשטויבטע תנכישע ביינער" הייבט גלאַטשטיין אַרויס קעגן די „אַרויסגעשליידערטע יידן", „אויף פרעמדע עסטראַדעס פון אַ משוגענער וועלט".

*

איך מיין, אַז אונדזער כינוס היינט דאָ אין דער שטאָט פון צעשטויבטע תנכישע ביינער, קאָן אונדז אַלעמען צוריקגעבן דאָס געפיל פון פאַרפלאַנצטקייט, אַז „לא אַלמן ישראל" און אין אונדז אַלעמען שטאַרקן די זעלבסט־חשיבות פון שטראַלנדיקער יידישקייט, אַז יעדער יידישער שרייבער זאָל זיך ווידער זען ווי אַ כהן און לוי און פילן אין זיין שרייבן אַ הייליקע עבודה.

אין פרצעס באַפליגלטע זאַגעכצן געפינען מיר: „ביי אונדז איז דאָס וואָרט הייליק. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט „ויהי אור", און דין־וחשבון וועלן אָפּגעבן די וועלכע צעשטערן די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט".

ווען יידישע שרייבערס וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ אמונה אין וואָרט, וואָלט אין די באַדינגונגען פון עלנט און איגנאַראַנץ און פון קול אָן אַ בת־קול, נישט אַנגעגאַנגען מער די עבודה פון יידישן וואָרט און די קוזשניע פון אונדזער יידישער יצירה וואָלט שוין פון לאַנג געווען געשלאָסן. דער יידישער שרייבער איז טראָץ אַלעם פאַרבליבן דער איינציקער פּיאָנערישער עקשן וואָס טראַכט און וואַכט מיט יידיש, און אַרום אים און אַרום יידישן בוך מוז אויסגעברייטערט ווערן די פּעריפעריע. גוט וואָלט געווען ווען מיר האָבן אַ נעץ פון יידישע שולן, פון יידישע ביבליאָטעקן, אָבער דערווייל איז דער שרייבטיש — צו אונדזער באַדויער און צום שרייבערס רום — די איינציקע און עיקרדיקע פעסטונג פון יידיש — — און מיר ווילן נישט זיין איינציק...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אַמאָל געבעטן אין אַ ליד: „באַפריי אונדז פון גאונות" — אַז יידן זאָלן האָבן ווייניקער גאונים און זיין אַ נאָרמאַל פאָלק... איך מיין, אַז אויך יעדער יידיש־שרייבער איז גרייט זיך צו באַפרייען פון זיין רומפולער יחידות, פון זיין מעמד ווי אַ סאָליסט, לטובת אַ נאָרמאַלער גרויס־משפּחהדיקער יידישער ליטעראַטור וואָס זאָל זיין אַרומגענומען מיט אַן אַקטיווער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט. יעדער יידישער שרייבער בעט אין זיין איינזאַמקייט: באַפריי מיך פון דער איינזאַמער יחסנות און גיט מיר דאָס געפיל פון אַ מיטבאַטייליקטן אין שעפערישן קולטור־הונגעריקן כלל.

אויך די איינזאַמע בין, וואָס שאַפט האָניק, דאַרף האָבן דעם בינשטאָק. אויך אַ שרייבער יחיד קאָן נישט אויפגיין צו העכערע מדרגות אָן געפיל פון שייכות צו וועמען און אָן מיטציטער צו אַלץ וואָס געשעט אַרום אים. דער נס פון ווירטואָזיטעט איז זייער אַ סך, אָבער דאָך נישט אַלץ. געטע האָט געלערנט און געלאָזט הערן אין הלכות ליטעראַטור, אַז נישט אַלץ שטעקט אין לשון, אַז דער שרייבער דאַרף אויך זיין דורכגענומען מיט דער דיסציפּלין צו זאָגן. אויך דער מאָדערנער ט.ס. עליאָט דעפינירט קלאָר, אַז דאָס קינסטלערישע וואָרט ווערט נישט נאָר פאַרמירט און באַרייכערט פון קינסטלער־ווירטואָז, נאָר דאָס איז אויך אָפּהענגיק פון דער מדרגה ציוויליזאַציע אין לעבן פון פאָלק. און אויב מיר זאָלן טראַכטן אין דער ליניע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג פון ליטעראַטור און דעם קולטור־פאַרמעגן פון אונדזער פאָלק אויפן געביט פון יידיש — וואָלטן מיר געדאַרפן זאָגן: הנני העני —

זעט, ווי אָרעם מיר זענען. אַלע טויערן אין יידיש זענען פאַרשלאָסן פאַר די ווערטן וואָס באַרייכערן ליטעראַטור. מיר זעען נישט אין יידיש קיין פילאָסאָפיש בוך, קיין ערנסט וויסנשאַפטלעך בוך וועגן נייע אַנטפּלעקונגען; נישט קיין בוך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, נישט וועגן טעכנאָלאָגיע און נישט וועגן פּסיכאָלאָגיע. און לרוב זענען אויך די ליטעראַרישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען איבערגעזעטיקט מיט ציטאַטן, זייער ווייט פון אייראָפּעיִשן ניוואָ און געהערן אייגנטלעך צום תחום פון איילעווי־דיקער רעצענזיע, וואָס ברענגט צו מאָל נוצן דעם שרייבער און איז גורם אַ סך היזק דער מסכתא פון אונדזער כלל־ליטעראַטור.

זאָג איך עס נישט, חלילה, כדי צו פאַרמערן ביי אונדז די מרה־שחורה, נאָר כדי אָנצורעגן אונדזערע געציילטע פאַרלאַגן אַרויסצוגיין פון דער ביכל־רוטינע און זיך אַריינשטעלן אין דער שליחות וואָס די יידישע קולטור פאָדערט און וואָס איז נייטיק דער יידישער ליטעראַטור ווי ליכט און לופט.

אונדזער היינטיקע טרעפונג אין ירושלים, איז אויך אַ באַגעגענונג פון יידיש־שעפערישן וואָרט מיט דעם סאַמע אַקטיוווסטן צענטער פון יידישער בייצייטיקער ציוויליזאַציע — מיט יידישער אַרבעט און מיט יידישער וויסנשאַפט, מיט יידיש מיליטער און מיט יידישער אַגראָנאָמיע. אָט אויף דעם באָדן וואַקסט דאָך אונדזער גרויסע שוועסטער, די העברעיִשע ליטעראַטור — און אויך מיט איר טרעפן מיר זיך היינט ווי אייגענע.

מיר רעדן ווי צו ברידער. מיט גלייבן, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס ברענגט צונויף אַלע זיינע רעשטלעך אַהער, וועט נישט אויסמעקן פון זיינע אוצרות די יידישע ליטעראַטור און קולטור.

יידיש איז קיין מאָל נישט פרעמד געווען צו ירושלים. פּראָווינציאַנעלע עסקנים האָבן זיך געעוסקט מיט דער שפּראַכנפראַגע, אָבער די יידישע ליטעראַטור האָט געאָטעמט מיט אהבת ישראל און מיט גאולה־וויזיע, אין גייסט פון ירושלים בכל אתר ואתר, און דאָס יידישע וואָרט מיט קראַפט פון אושפּרינגלעכער יניקה, האָט אין יעדן יידישן שטעטל פאַר זיך געזען דעם הר סיני...

אַברהם גאָלדפאַדען האָט נישט געשפּילט טעאַטער, כדי צו אַמוזירן דעם יידישן קהל, נאָר אויך געפרעגט און געפאָרשט: „צי בליען נאָך די רויזן וואָס איך האָב געפלאַנצט / אַליין אין דעם עמק השרון"; און שמעון פרוגס האָרץ האָט געצויגן צו די „לידער מיט האָניק, לידער מיט גאַל / די לידער, די לידער פון ציון"; און מאָריס ראָזענפעלד האָט געהערט די קולות וואָס רופן: „קום אַהיים צוריק" — — צו דער פאַלמע, צום צעדער און ווו דער אָראַנזש איז מיט גאָלד באַנייט"; און אין זיין געצוווּנגען ווייט־זיין פון ארץ־ישראל, האָט יהואש אויסגעקויפט זיין ווייט־קייט מיט אַזאַ גרויסן פּדיון הנפש, ווי איבערזעצן דעם גאַנצן תנ"ך אויף יידיש.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט געאָטעמט מיט אהבת ישראל און מיט חזון עם ישראל און דערמיט געהאָלפן אויפהאַלטן אַ פאָלק ביז צו דער שעה פון זיין ממשותדיקער גאולה, ביז צום אויפקום פון מדינת ישראל.

און פאַר ווענמען דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק — זאָל ער זיך אָפּשטעלן ביי דער ייִדיש־יצירה אין ישראל, וואָס איר אָנהייב איז דער אָנהייב פון אונדזער יאָרהונ־דערט, מיט שלום אַשס „טאַלאַנט צו ארץ־ישראל", און זען ווי ווייט און ברייט און טיף דאָס יידישע לשון האָט דאָ דערגרייכט, און ווי עס לעבט קינסטלעריש איינ־געבירגערט אין ישראל און אין פאָלק, שלובים זה בזה!

קומט היינט יידיש קיין ירושלים נישט ווי קיין פרעמדע און נישט אויף אַן איינמאָליקן גאַסטראָל. מיטן ליכט פון ירושלים און מיט איר היסטאָרישן אָטעם קאָנען מיר אויך פון דאַנען זאָגן בדמייך חיי צו דער יידישער ליטעראַטור און צו דער יידי־שער קולטור אומעטום. מיר ווילן און וועלן עס טאָן מיט דער ברכה און מיט דער הילף פון אונדזער נצחדיקער ירושלים.

די נאָכמיטאָג־סעסיע - באַריכטן

די נאָכמיטאָג־סעסיע אין דעם זעלביקן טאָג (24סטן אויגוסט 1976) אַזייגער 3.30, איז פאָרגעקומען אונטער דעם פאָר־זיץ פון פּראָפ. **אַרטור לערמער**, מיטפאָרזיצער **זאב באַומגאָלד**. אין זיין אַריינפיר צו דער סעסיע, וואָס איז געווען געוויד־מעט צו הערן די באַריכטן וועגן דעם קולטור־מצב אין די לענדער, האָט פּראָפ. אַרטור לערמער צווישן אַנדערן געזאָגט:

פּראָפ. אַרטור לערמער

יידישע אידענטישקייט

צוויי דורות זענען שוין אַוועק זינט דעם חורבן, פון וועלכן יידיש איז דער גרעסטער קרבן און דאָך לעבן מיר נאָך אַלץ מיט דער אינערץ פון יענער צייט, ווען דער כוח פון מאַמע־לשון האָט געווירקט ווי אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פון אונדזער קולטור און אַנטוויקלונג. גראָד די איצטיקע וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש באַ־וויזט, אַז די תקופה פון נאַטירלעכן המשך איז פאַרענדיקט און אַז מען מוז איבער־גיין צו אַן אַנטשלאָסענעם און ציל־באַוווסטזיניקן אָנגריף פאַרן שעפערישן קיום פון יידיש אין דער פלוראַלער קולטור־פאָרמאַציע אין דער נייער תקופה.

נישט אינערץ און נישט דעפעטיזם וועלן העלפן געפינען אַ ממשותדיקע ליי־זונג. דערלויבט מיר דאָ צו דערמאָנען די ראָשי־פּרקים פון דריי גרונטיקע אַספּעקטן פון אונדזער פּראָבלעמאַטיק: קודם כל מוזן אונדזערע מאַסן־קיבוצים האָבן אַ קלאָרע וויזיע פאַר זייער שעפערישן קיום פּאַראַלעל און צוזאַמען מיט מדינת ישראל. דערצו איז נייטיק ערשטנס אויפצוגעבן די אילוזיע, אַז דעמאָקראַטיע פאַרזיכערט אויטאָמאַטיש אונדזער קולטור־קיום; פאַרקערט, ליבעראַליזם פּרעדיקט פולשטענ־דיקע אינטעגראַציע פון יידן דורך אויפגעבן זייער אייגנאַרטיקייט. דערנאָך מוזן מיר אין אַלע תפוצות שטרעבן אַנצוּווענדן דעם פּרינציפּ אַז קולטור־פלוראַליזם איז אויך חל פאַרן יידישן לעבן גופא.

דער אינערלעכער קולטור־קאַמף מוז פולשטענדיק פאַרשווינדן. אַ צווייטע קאַרדינאַלע מסקנה איז, אַז פונקט ווי די תפוצות זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וווילזיין און זיכערקייט פון מדינת ישראל, אַזוי מוז ישראל נישט ווייניקער זיין פאַראינטערעסירט אין נאַציאָנאַלן קולטור־מצב פון די מאַסן־ישובים אין גאָר דער וועלט. ממה נפשך, וויבאַלד ישראל דאַרף שפּילן אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אין אויפ־האַלטן אונדזער גאַנץ פאָלקסלעבן, מוז זי אַקטיוו מיטזאָרגן פאַר יידיש אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע. דאָס קען נאָר דאַן פאַרווירקלעכט ווערן ווען דער אומזין פון

כלומרשטן אַריבערשפּרינגען די מזרח־אייראָפּעישע תקופה וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשווינדן.

אויב איר ווילט איז די איצטיקע קאָנפערענץ פאַר יידיש אין אַ געווויסער מאָס אויך אַן אויסדרוק פון שטאַרקן באַגער פאַר דער גייסטיק־מאָראַלישער רעהאַביליטאַציע פון אַזוי גערופענעם גלות ייד, דעם אייגנטלעכן שעפער פון דעם **אוצר יידיש**. דאָס ברענגט מיך צום דריטן אויספיר אין שייכות מיט דעם גייסטיקן המשך פון יידישן וועלט־פאָלק. ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט זיין די אידעאָלאָגישע הנחות פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע ריכטונגען מחוץ ישראל, פאַרבינדט זיי אָבער, איבער אַלעם, דער געמיינזאַמער פּראָבלעם צו געפינען אַ האַרמאָנישן סינטעז צווישן יידישער אידענטיפיקאַציע און אינטעגראַציע מיט דער אַזוי גערופענער אָפענער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, צווישן וועלכער מיר לעבן. אַפילו דער מעכטיקער אַמעריקאַנער ישוב, וועלכער האָט גאַנץ שפּעט אַקצעפּטירט דעם פּרינציפּ פון אַ **פאָלקס־געמיינשאַפט**, ראַנגלט זיך איצט מיט דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק. **פּראָפעסאָר ליבמאַן**, איצט פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, האָט אין זיין ווערק „דער צעררודערטער אַמעריקאַנער ייד" אויסגעפירט, אַז היות ווי די אַמעריקאַנער קולטור ווערט כסדר סעקולערער און יידישער קיום איז לויט אים, אָפּהענגיק פון אויפהאַלטן אַן אינטענסיווע רעליגיעזע ציוויליזאַציע, דעריבער זעט ער נישט קיין שום שאַנס ממשיך צו זיין עכט יידיש לעבן אין אַמעריקע. גראַד די יידישע קולטור, אַ לעגיטימער צווייג פון אונדזער אוראַלטער ציוויליזאַציע האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל און געפונען אַ סינטעז צווישן וועלטלעכקייט, נאַציאָנאַלער טראַדיציע און דאָס אַריינוואַקסן אין אַן אָפענעם דעמאָקראַטישן סיסטעם. הגם מזרח־אייראָפּע איז נאָך ווייט געווען פון אַן עכטער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט האָבן אָבער די טרוימער פון אַ פרייער וועלט געשטרעבט גלייכצייטיק צו שטאַרקן זייער נאַציאָנאַלע יידישע אידענטיטעט צוזאַמען מיט עפעקטיווער סאָציאַל־פּאָליטישער אינטעגראַציע מיטן אַרום.

יידיש קען בלי שום ספק שפּילן אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל ווי אַ מעכטיקער שטיצפּונקט פאַר דעם פּראָצעס צו האַרמאָניזירן יידישע אידענטישקייט מיט אינטעגראַציע.

דאָס מיינט לײדער נישט דאָס אומקערן זיך פון יידיש צו אַ וועדנאַקולן טאָג טעגלעכן לעבן. אָבער וואָס לענגער עס וועט זיין מעגלעך איינצוהאַלטן יידיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, אַלץ גרעסער די פּאָטענץ צו קרעפטיקן די קולטור־דאַמבעס קעגן אַסימילאַציע אין אונדזער פאַרשפּרייטונג. דער מזרח־אייראָפּעישער מאָדעל קען דעריבער דינען ווי אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אַלע תפוצות אין זייער קאַמף פאַר שעפערישן המשך פון יידישן פאָלקס־לעבן.

נאָך דעם קורצן אַריינפיר באַקומט דאָס ערשטע וואָרט צו אַ באַריכט וועגן דעם יידיש־מצב אין ישראל, דער שרייבער **יצחק יאַנאַסאָוויטש**. נאָך אים רעדן, לויט דער ריי: **חיים בעז, ל. פּאָדריאַטשיק, שבע צוקער, ל. לענעמאַן, וואָלף טאַמבאָר** און **לייבל באָטוויניק**.

יצחק יאַנאַסאָוויטש (ישראל)

דער קאַמף פאַרן המשך פון יידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך

דאָס וואָס איך וועל דאָ ווייטער זאָגן פּרעטענדירט נישט אויף קיין באַריכט וועגן דעם מצב פון יידיש אין ישראל. ס'איז בלויז אַ פּרוּוו אָנצווייזן, זייער בקיצור, אויף אייניקע עיקרדיקע יידיש־פּאָזיציעס אין דער מדינה, ווי אויך פאַר־מולירן עטלעכע געדאַנקען וועגן דעם גערעאַנגל פאַרן המשך פון יידישן לשון וועלכן ס'איז געווידמעט אונדזער היינטיקע קאָנפערענץ.

ווען מיר קומען צו די עיקרדיקע יידיש־פּאָזיציעס אין דער מדינה דאַרפן מיר פרעגן: וואָס איז דער וויכטיקסטער כוח פון יידיש דאָ אין לאַנד? מיר דאַכט אַז אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז מען ענטפערן: דער וויכטיקסטער כוח פון יידיש אין מדינת־ישראל איז די ליטעראַטור־שעפערישקייט אין יידישן לשון. וואָרים די ליטעראַטור־שעפערישקייט אין יידיש האָט נישט נאָר פאַרוואַנדלט די מדינה אין דעם וויכטיקסטן יידיש־ליטעראַרישן צענטער אין דער היינטיקער יידן־וועלט, נאָר זי האָט אויך געבראַנגט דערצו אַז וועזנטלעכע טיילן פון דער העברעיִשער וועלט זאָל נעמען אַנדערש קוקן אויף יידיש און אַנדערש זיך באַציִען צו איר עקזיסטענץ־ווילן. אויב פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן פון אָפיציעלן פאַרנעם באַטייליקן זיך היינט אין יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, אויב יידישע ווערק באַקומען היינט פּרעמיעס פון אָפיציעלע אינסטיטוציעס, אויב רעגירונגס־אָרגאַנען און שטאָט־ראַטן העלפן היינט דאָ און דאָרט אַרויסגעבן אַ יידיש בוך אַאַז"וו אַ"וו, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען, קודם כל, די יידישע ליטעראַטור־שעפער וועלכע האָבן געמאַכט די מדינה פאַר זייער היים און דאָ ממשיך געווען זייער ליטעראַרישע אַקטיוויטעט. די יידישע ליטעראַטור־שעפערישקייט אין ישראל איז דעריבער נישט נאָר אַ וויכ־מיט וואָס זי האָט אַריינגעגאָסן נייע זאַפטן אין דעם יידישן לשון, האָט געקרוינט די יידישע שפּראַך מיט נייע קינסטלערישע דערגרייכונגען און האָט דער דאָזיקער שפּראַך געגעבן די מעגלעכקייט צו דערפילן איר נאַציאָנאַלע שליחות אין דעם סאַמע גורלדיקסטן מאָמענט פון אונדזער פאָלקס־גערעאַנגל פאַרן ווייטערדיקן לעבן. די יידישע ליטעראַטור־שעפערישקייט אין ישראל איז דעריבער נישט נאָר אַ וויכ־טיקע פּאָזיציע כלפּי חוץ, אַזוי צו זאָגן, נאָר אויך כלפּי פנים, כלפּי דער יידישער שפּראַך גופא וואָס איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג ווערט דורך אונדז פאַרטיי־דיקט צוליב אירע גייסטיקע ווערטן וואָס זענען נייטיק און וויכטיק פאַרן גאַנצן פאָלק.

ברי וידוע לי, מיינע ליבע פריינד, אַז די דאָזיקע טעזע מיינע וועט אַרויסרופן די שאַרפסטע אָפּאָזיציע ביי געוויסע יידישיסטן וועלכע ווילן נאָך אַלץ נישט זען אַז אין אונדזער לעבן איז עפּעס פאָרגעקומען און זיי מיינען דעריבער אַז ס'איז

געגוג צו רעדן די אַלטע רייד, כדי צוריק צו ברענגען די אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן. אָט די דאָזיקע יידישיסטן וועלן זיכער טענהן אַז איך רעדוציר דעם קאַמף פאַרן המשך פון יידישן לשון און לייג אים אַריין אין דעם סדום־בעטל פון ליטעראַטור־שאַפונג.

ס׳קומט מיר אויס מאָדנע ווען געוויסע יידיש־קעמפער וואָס פאַררופן זיך אויף דער גרויסקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און שטעלן זי תמיד אַרויס ווי דעם זכות הקיום פון אונדזער שפּראַך, נעמען פלוצלינג רעדן מיט ביטול וועגן דעם אַז אַרויסגעבן יידישע ביכער איז אַ קנאַפּ־וויכטיקער ענין; אַז סטימולירן יידישע שרייבערס, אַז אויפהאַלטן אַ יידיש ליטעראַרישן זשורנאַל, אַז איבערזעצן יידישע ווערק אין עברית איז אַ זאַך צוליב וועלכער עס איז נישט כדאַי זיך צו אָרגאַניזירן און צו פירן קיין טעטיקייט. קיינער פון אונדז זאָגט נישט און טראַכט נישט אַז מען דאַרף נישט פירן קיין קאַמף וועגן יידיש אין ראַדיאָ און אין טעלעוויזיע. קיינער פון אונדז מיינט אויך נישט אַז אַ חוץ אַרויסגעבן ביכער און חוץ סטימולירן שרייבער דאַרף מען נישט פירן קיין קולטור־אַרבעט אין יידיש, דאַרף מען נישט זאָרגן אויף אַ וואָסער עס איז מעגליכן אופן צו לערנען די אונטערוואַקסנדיקע דורות דאָס יידיש לשון און דער עיקר — צו טראַכטן וועגן שאַפן קאַדרען פון יונגע געלערנטע מענטשן אין דער יידישער שפּראַך. מיר זאָגן בלויז אַז אויב מיר האָבן אין זין פריאָריטעטן אין קאַמף פאַרן יידישן לשון דאַרף מען די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג נישט מינימיזירן. דעסגלייכן דאַרף מען אויך די ליטעראַרישע שאַפונג אין יידיש נישט מינימיזירן ווען מיר קומען רעדן וועגן דער איצטיקער לאַגע פון יידיש אין ישראל. אוודאי איז די דאָזיקע לאַגע נאָך ווייט פון גוט און מיר דאַרפן זיך ראַנגלען אַז זי זאָל ווערן בעסער, אָבער אויב די באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור־שעפערישקייט אין ישראל ווייזט אָן אויף געוויסע פאַרבעסערונגען בנוגע יידיש, טאָר מען די דאָזיקע פאַרבעסערונגען נישט פאַרלייקענען.

ווי איך האָב געזאָגט אין אָנהייב איז די יידישע ליטעראַטור־שעפערישקייט, דאָס יידישע בוך בלויז די וויכטיקסטע פּאָזיציע פון יידיש אין מדינת ישראל. די וויכטיקסטע, אָבער נישט די איינציקע. מיר פאַרמאָגן אין ישראל אַ יידישע פּעריאָדיק וואָס רעאַגירט פּובליציסטיש און אינפאָרמאַטיוו אויפן טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר פאַרמאָגן אַ יידיש טעאַטער וואָס זאַמלט נאָך אַלץ צונויף גרויסע מאַסן. מיר האָבן אַ ריי קולטור־קלובן וואָס טוען זייער אַרבעט אַליין, אָדער מיט דער הילף פון אָפיציעלע אינסטיטוציעס. מיר פאַרמאָגן אַפילו אַ פּרווו פון אַ קינדערגאָרטן אין יידיש און אַ מיטלשולע וווּ מען לערנט די יידישע שפּראַך. ועל כולם האָבן מיר דאָ צוויי יידיש־קאַטעדרעס ביי אוניווערסיטעטן וואָס דערציען יידיש־געלערנטע און גרייטן צו אַ באַזע פאַר דעם יידיש־המשך. זיכער איז דאָס אַלץ נישט גענוג און זיכער וואָלטן די אַלע פּאָזיציעס געקענט און געדאַרפט זיין מער עפעקטיוו ווי זיי זענען, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט אַז יידיש האָט נאָך דאָ אַ מאַסן־באַזע, ווי

מיר זעען עס ביי די קולטור־אונטערנעמונגען וואָס ווערן פון צייט צו צייט איינ־געאָרדנט אין „הבימה" אָדער אין „היכל התרבות". דאַרפן מיר דעריבער רעדן און טראַכטן וועגן דעם וואָס מיר האָבן צו טאָן כדי צו דערגרייכן אַ גרעסערע עפעקטיוו־קייט פון די נושאי כלים וועלכע מיר פאַרמאָגן, אָבער אַז יידיש פאַרמאָגט אַ וויכ־טיקן יש אין ישראל דאַרפן מיר נישט לייקענען און אַז דער דאָזיקער יש איז היינט צו טאָג גרעסער און וואָגיקער ווי אין דער גאַנצער וועלט דאַרף מען אויך נישט לייקענען און שוין אַוודאי און אַוודאי טאָר מען נישט לייקענען אַז דער דאָזיקער יש וואָלט בשום אופן נישט געקענט געשאַפן ווערן ווען די באַציִונג צו יידיש, ווען דער קלימאַט אַרום יידיש וואָלט דאָ נישט געווען קיין אַנדערער, קיין פיל בעסערער ווי ער איז געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

אונדזער יידישע צרה איז אַלעמאָל געווען דאָס וואָס מיר האָבן זיך נישט גע־קענט צוזאַמענרעדן וועגן שאַפן אַן אויטאָריטאַטיווע אינסטאַנץ וואָס זאָל אי רעפּ־רעזענטירן, אי אָנפירן מיט אונדזער קולטור־אַרבעט. אין יאָר 1975 האָט די יש־ראַלדיקע רעגירונג אויסגעגעבן אַ מיליאָן לירות אויף יידיש טעאַטער. וואָלט געווען אַן אויטאָריטאַטיווע אינסטאַנץ אין דער יידיש־וועלט וואָלטן מיר זיכער געקענט ווירקן אַז מיט דעם דאָזיקן מיליאָן ל״י זאָל געבויט ווערן אַ גוטע טעאַטער־פּאָזי־ציע. אָבער ביי אונדז איז נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן און ביי וועמען צו פרעגן און דעריבער איז דער דאָזיקער מיליאָן פונט פאַרטאַכלעוועט געוואָרן. דאָס זעל־ביקע געשעט ביי אונדז מיט די פעסטיוואַלן פון יידישן ליד. דאָס זעלביקע גע־שעט מיט דער הילף וואָס כלערליי אָפיציעלע אינסטיטוציעס גיבן פאַרן יידישן בוך. כל הרוצה ליטול יבוא ויטול, ווער עס וויל קומט און טוט וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל. דערנאָך האָט מען טענות צו דער אָפיציאַליטעט באשר זי העלפט נישט דער יידישער קולטור, באשר זי גיט נישט אַרויס קיין דעקרעטן וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש. מיינט איר אַז עמעצער וועט מאַכן אָרדענונג אין אונדזער קולטור־סביבה אויב מיר וועלן קודם כל אַליין עס נישט טאָן?

ס׳איז נישט מיין אויפגאַבע צו באַריכטן וועגן די פּאָזיטיווע זאַכן וואָס דער קאָמיטעט פאַר דער יידישער קולטור אין ישראל האָט געטאָן ביז איצט, אָבער איך וויל זאָגן אַז ווען דער קאָמיטעט זאָל גאָרנישט האָבן געטאָן אויסער די איינע זאַך פון קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די יידיש־קלובן, וואָלט דאָס אַליין שוין געווען אַ גרויסער און וויכטיקער אויפטו. וואָרים ס׳איז מיין איבערצייגונג אַז די יידיש־קלובן קאָנען און דאַרפן ווערן די באַזע פאַר אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטער איינ־סטאַנץ וואָס זאָל מיט טאָג־טעגלעכע מעשים קעמפן פאַר דעם המשך פון יידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך. אַזאַ אינסטאַנץ דאַרף רעפּרעזענטירן די יידישע קולטור כלפּי חוץ, דאַרף שאַפן חשיבות און סימפּאַטיע פאַר יידיש אין דער העברעישער וועלט דורכן מאַניפעסטירן דעם טיפן אינטערעס פון יידיש פאַר די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן וועלכע עס שטרעבט צו דערפילן די מדינה. אָבער אַזאַ אינסטאַנץ דאַרף אויך זאָגן איר אויטאָריטאַטיוו וואָרט וועגן דער יידישער קולטור־אַרבעט גופא, דאַרף רעאַ־

גירן קעגן כאָאָס און בטלנות, דאַרף קעמפן פאַר אַ קולטור־ניוואָ וואָס זאָל אימ־פּאָנירן אי זיך, אי יענעם. און דער עיקר — אַזאַ אינסטאַנץ דאַרף מאָביליזירן אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן צו שאַפן נייע איניציאַטיוון אויפן געביט פון העלפן דער יידישער שעפערישקייט, פון פאַרשפרייטן דאָס יידישע בוך, פון שאַפן פּאָזיציעס צו דערציען נייע דורות יידיש־קענער און יידיש־ספּעציאַליסטן און בכלל — פון שטיצן אַלע פאָרמען פון יידישן קולטור־אויסדרוק וואָס גיבן עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג אונדזער שפּראַך סיי היינט, סיי מאָרגן.

וועט אונדז געלינגען צו שאַפן אַן עפעקטיווע קאָאָרדינאַציע פון די יידיש־קלובן, כדי זיי זאָלן טאַקע זיין קולטור־קלובן און נישט קיין קלייזלעך פון „סאָ־מאַדיאַטעלנאָסט", ווי מען רופט עס אין רוסיש, נישט שטיבלעך אין וועל־כע יעדער איינער קאָן זיך אַרומגאַרטלען מיט אַ פּאַטשיילע און זיך אָוועקשטעלן דאַווענען ביים עמוד, וועט אונדז געלינגען די דאָזיקע יידיש־קלובן צו פאַראיי־ניקן אין אַן אַלגעמיינער קולטור־ראַט מיט אַ פּערספּעקטיוו וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם גייסטיקן ניוואָ צו וועלן דאָס יידישע לשון האָט דערגרייכט, דאַן וועלן מיר האָבן געשטעלט אַ טריט אויפן וועג צו שאַפן דאָס וואָס אונדז פעלט און קאָנען ווייטער גיין אין דעם קאַמף פאַר דעם המשך פון יידישן לשון ווי אַ לשון וואָס האָט נאָך אַ סך צו געבן אונדזער פאָלקס־קולטור און אונדזער נאַציאָנאַל לעבן.

חיים בעז (ניו־יאָרק)

גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, אַמעריקע

חשובע פריינד, איך ברענג אייך אַ גרוס פון די שעפערישע כוחות אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שרייבערס, קולטור־טוערס, פאָלקס־מענטשן, יידן וואָס האָבן ליב יידיש, און יידן וואָס האָבן ליב ישראל.

איך קום פון אַ לאַנד וואָס האָט געהאַט גרויסע פּאָליטישע שוועריקייטן, אומ־רוען, סטודענטיש־רעבעלישע מאַסן־אַרויסטרעטונגען. איצט איז אַ סך שטילער געוואָרן, אָבער דאָך מערקט זיך אַז די פייערונגען פון 200 יאָר אַמעריקע האָט מען געפּראַוועט נישט דורך פּאַראַדן, מיליטערישע, נישט דורך גרויסע אַרמאַדעס פון עראָ־פּלאַנען, נאָר דורך אונטערשטרייכן די גרויסע פאַרשידנאַרטיקייט פון די פעלקער־שאַפטן, קולטורן, טראַדיציעס, יונג און אַלט, זיידעס און באָבעס און קינדער. איבער גאַנץ אַמעריקע האָט דער געדאַנק פון פאַרשיידנקייט און די חשיבות פון פאַרשיידנקייט, געפונען ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אַ הויכן אָפּקלאַנג אין אַ דערקלערונג וועגן דעם פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

עס הייסט אַז עס האָט זיך עפּעס געביטן. דער געדאַנק פון קולטורעלער פאַרשיידנקייט, פון קולטור־פּלוראַליזם, כאָטש ער איז נישט פאַרשריבן אין קיין

שום לעגאַלן דאָקומענט, איז ער געוואָרן עפּעס אַזוינס וואָס איז אַ ווירקלעכקייט, און אין דעם דאָזיקן קלימאַט קען מען אַרבעטן פֿאַר יידישן המשך, אין דעם דאָזיקן קלימאַט קען מען אַרבעטן פֿאַר יידישער קולטור.

עס איז גאָר אַנדערש ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען איך בין גאָר יונג געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. און וועגן וואָס האַנדלט זיך עס ? ווען יידן האָבן אין דער צייט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אָנגעהויבן דעם קאַמף פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע, זענען זיי אַרויס פֿון דער הנחה אַז מיר ווילן גלייכבאַרעכטיקונג, גלייכהייט מיט אַנדערע, גלייכע רעכט אין פּראָפֿעסיעס, אין אוניווערסיטעטן, אין פּאָליטישן לעבן. אָבער אין די 170 יאָר האָט אונדזער פֿאָלק אויסגעפֿונען אַז האָבן גלייכע רעכט איז נישט גענוג. מיר דאַרפֿן אויך האָבן דאָס רעכט צו זיין אַנדערש פֿון אַנדערע.

דער 20סטער יאָרהונדערט, נאָך די טאָטאַליטערע רעזשימען, און אַפֿילו נאָך דער דערפֿאַרונג אין די דעמאָקראַטיעס, אין אַן אינדוסטריעלער און טעכנאָלאָגישער געזעלשאַפֿט וואָס צעשמעטערט גרופּעס און אַטאָמיזירט פֿעלקער, האָט געוויזן אַז אַן דעם רעכט צו זיין אַנדערש, אי ווי אַ יחיד, אי ווי אַ קאָלעקטיוו, אַ סאָציאַלער אָדער אַ נאַציאָנאַלער — איז אויך דאָס רעכט אויף גלייכקייט נישט מעגלעך.

יעקב גלאַטשטיין וואָס איז אַ סך ציטירט געוואָרן, האָט אָנגעוויזן איינמאָל אַז פֿאַרנדיק אין דער פּרי צו דער אַרבעט און זעענדיק פֿאַרהאַרעוועטע יידן, ווי זיי לייענען יידישע צייטונגען, האָט ער געטראַכט: אַ ייד דאַרף אַ יידישע צייטונג, די בייסן פֿון דער מאָרגן־צייטונג פֿאַרבינדן אים פּסיכיש מיט אַ וועלט וואָס געהערט צו יידן, מיט אַ וועלט אין וועלכער עס געפֿינען זיך זיינע ברידער יידן. די שטחים מעגן זיין ווייט, ישראל, אַרגענטינע, דרום־אַפֿריקע, ענגלאַנד, אויסטראַליע, אָבער ער לעבט מיט זיי גלייך פֿון פֿרימאָרגן, ער איז פֿאַראינטערעסירט אין זיי. ער דאַווענט אַ בלאַט.

און מען מוז זאָגן אַז די יידישע פּרעסע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָנהויבנדיק פֿונעם סוף פֿון דעם יאָרהונדערט, איז געווען די וואָס האָט געבראַכט קולטור צו דעם יידישן אַרבעטער פֿון וועלכן מען האָט אָפּגעלאַכט, מען האָט אים גערופֿן „משה יאָסל" און געזאָגט אַז ער פֿלעגט אָרגאַניזירן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין צו שטרייקן, און ווי נאָר ער פֿלעגט געווינען דעם שטרייק, פֿלעגט ער אַרויסטרעטן פֿון פֿאַראיין.

יידישע פּרעסע, נישט האָבנדיק נאָך דעמלט די גרויסע שרייבער, האָט איבערגעזעצט, אין די ערשטע יאָרן, טשעכאָוון, עדגאַר עלען פּאָו, טאָלסטאָי, וויקטאָר הוגאָ און פֿיל פֿיל אַנדערע. אין אַ ריינעם און ציכטיקן יידיש. די דרויסנדיקע זייטן זענען געווען פֿול מיט סענסאַציעס, אָבער די אינווייניקסטע זייטן זענען געווען פֿול מיט קולטור, אויפֿקלערונג. די יידישע פּרעסע, דאָס יידישע טעאַטער און די עיקר די יידישע ליטעראַטור, האָבן געהאָלפֿן נאַציאָנאַליזירן די יידישע אַמעריקע וואָס איז פּאָליטיש געווען אַריענטירט קאָסמאָפּאָליטיש. אַש׳ס

„קידוש השם" וואָס האָט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס", אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַפּאַטאַשוס דראַמעס און איבער אַלעס — שלום עליכם'ס „טוביה דער מילכיקער" האָבן פיל מיטגעווירקט אויך דעם געשטאַלטיקונג פון יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אין אַמעריקע.

די יידישע פאָלקס־מאַסן זענען אויפגעוועקט געוואָרן דורך דעם כוח פון יידיש, נישט נאָר פאַר די אידעען פון פאָרשריט, נישט נאָר פאַר אידעען פון אַרויס פון די פייער־פאַסטקעס, פאַר פּאָליטישער טעטיקייט, פאַר העלפן שטרייקנדיקע קוילן־גרעבער, אַמעריקאַנער, נאָר אויך פאַר בויען אַ נאַציאָנאַלע היים, פאַר די אידעען פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, פאַר די אידעען פון דער יידישער קולטור, די יידישע ליטעראַטור איז געוועזן דער נאַציאָנאַליזירנדיקער כוח און די יידישע פרעסע פון אַלע שאַטירונגען, איז געווען די גוטע אכסניה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

מיינע פריינד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן וויסן מיר היינט, אַז זיין אַ ייד הייסט זיך ראַנגלען פאַר יידישקייט. צי זי איז אַ נאַציאָנאַלע, וועלטלעכע, הומאַניסטישע, ווי אין אַמאָליקן מזרח אייראָפּע, אָדער זי איז אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע.

עס איז אַ קאָלעקטיווער קאַמף און עס איז אויך אַן אינדיווידועלער קאַמף. ראַנגלען זיך מיינט — באַמיען זיך אַז די שטוב זאָל זיין אַ יידישע, אַז דעם יידנס נשמה זאָל נישט זיין הפקר פאַר אַלע ווינטן, אַז דער היינטיקער יונגער ייד זאָל נישט בלייבן דער לעצטער פון אַ דור.

מיינע פריינד, ביז דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט דאָס וואָרט „יידישיסטן" נישט עקזיסטירט. דער פאָרשלאַג וועגן אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך האָט אַריינגעבראַכט אַ דעלעגאַט, אַ פּועלי־ציון. לאָמיר אייך זאָגן מיינע פריינד, עס איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן יידישיזם פון זשיטלאָווסקי, שמואל ניגער, ליטוואַקאָוו, נחום שטיף און להבדיל ווערגעליס. איך וועל אייך לייענען אַ פאַרצייכענונג וואָס שמואל ניגער האָט געשריבן אין זיין טאָג־בוך, אין 1908. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט אַז דאָס וועט אָפּגעדרוקט ווערן.

ער האָט דעם טאָג־בוך געפירט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, און איך האָב געהאַט דעם זכות אים צו רעדאַגירן און אַרויסגעבן.

ער שרייבט אַזוי: עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער אינערלעכער היסטאָרישער באַוווסטזיין פון דער יידישער נאַציע, איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, און אין יעדער צייט ווען אין דעם יידישן פאָלק וועט זיך אָנהויבן אַן אינעווייניקסטע, גייסטיקע התעוררות, ווער דער שופר של משיח וועט אָנהויבן צו שאַלן אין דער יידישער נשמה, וועט גלייך אויפלעבן די האָפענונג און די בענקשאַפט נאָך דעם הייליקן לאַנד, אַזוי איז דאָס געווען אין דער עפּאָכע פון קבלה און חסידות". „ביין — זאָגט ניגער, אין אַ טאָג־בוך ווו ער שרייבט פאַר זיך אַליין — אויסמעקן פון דער גייסט־געשיכטע ארץ־ישראל, איז ווי אויסמעקן אַ שם פון תפילה".

דערלויבט מיר, חבר פאָרזיצער, מיט דעם געדאַנק צו ענדיקן. איך וועל ענדיקן

מיט דעם, אַז ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט און דעם ערשטן פערטל פון 20סטן יאָרהונדערט, איז די שטרעבונג געווען צו ברענגען דעם יידן צו דער מערב־וועלט, צו דער מערב־אייראָפּעישער קולטור. צו דער גרויסער וועלט. די שטרעבונג היינט דאַרף זיין צו ברענגען דעם יידן צו זיך אַליין, צו דעם אייגענעם פאָלק.

ל. פּאָדריאַטשיק

וועגן דעם מצב פון יידיש און יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד

מיין אויפגאַבע איז אַ שווערע און קאָמפּליצירטע. איך דאַרף, אין תוך, באַריכטן וועגן דעם מצב פון אַ פאַרטיליקטער קולטור; מיט שרייבער פאַרשני־טענע, ספרים פאַרשוועכטע, בית־עולמס מיט פאָלקס אָרנאַמענטן פאַרוואַנדלטע אין פּאַרקן און שפּיל־פּלעצער און בתי־מדרשים און קלויזן, מיט אַלטע האָלצשניטן און מאָלערייען — אין סקלאַדן און מאַסלאַבוינעס. וועגן אַ פאַרשווונדענער גאַנ־צער יידישער ציוויליזאַציע. איך דאַרף דערציילן וועגן דעם צושטאַנד פון יידיש און יידישער קולטור אין אַ לאַנד וווּ עס איז פאַקטיש נישט פאַראַן קיין אָרגאַניזירט יידיש קולטור־לעבן. עס זענען אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט פאַראַן קיין יידישע שולן, קיין יידישע פּרעסע, קיין יידישער טעאַטער, קיין יידישע קלובן, ביבליאָטעקן און נישט קיין שום אַנדערע יידישע קולטור אַנשטאַלטן. ועל כולם, עס איז נישט פאַראַן קיין איין מלוכהשע אָדער געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זאָרגן און זיך באַשעפטיקן מיט יידישע קולטור פּראָבלעמען.

מיט דער פולער אחריות ווילט זיך פון דער דאָזיקער טריבונע מעלדן, אַז ווען עס וואָלטן דאָרט געשאַפן געוואָרן די געהעריקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, איז צו גלויבן אַז מיר וואָלטן געקאָנט דערוואַרטן איבעראַשנדיקע היסטאָרישע סורפּריזן. מחמת אין דעם דאָזיקן גרויסן יידישן שבט, איז פאַראַן אַ שפע פון נישט קיין אויסגענוצטער קולטור־שאַפערישע ענערגיע. צי האָט מען מיט אַ יאָר צען־פופצן צוריק זיך געקאָנט פאָרשטעלן אין סאָוועט־רוסלאַנד אַן עליה־באַוועגונג ? צי האָט מען געקאָנט גלויבן, אַז נאָך די אומאויפהערלעכע ליק־ווידאַציעס, און באַזונדערס נאָך דעם טאָטאַלן חורבן אין 1948—1953 וועט נאָך קאָנען אויפשטיין תחית המתים אַ יידישע שאַפערישע נאַטור ? זענען מיר דאָך עדות ווי פאַר די לעצטע צען־פופצן יאָר האָט אַ באַדייטנדיקע גרופּע שרייבער באַנייט זייער שעפערישקייט. מען קאָן נישט זאָגן אַז עס איז מקוים געוואָרן שמואל האַלקינס אָפּטימיזם, ווען ער האָט געטרוימט (אַז) „פון אויס ליטעראַטור וועלן מיר שאַפן גרויס ליטעראַטור". עס זענען אָבער דאָך פאַר די לעצטע יאָרן געשאַפן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד ליטעראַריש קינסטלערישע ווערק פון אַ וויכ־

טיקן נאַציאָנאַלן באַדײַט. מחמת מאַנגל אין צײַט מוזן מיר אויסמײַדן רעדן וועגן זייערע עסטעטישע און עטישע קוואַליטעטן. די כוונה איז בלויז אונטערצושטרייכן וועגן שאַפערישע קוואַלן וואָס ווערן פאַרגוואַלטיקט. עס ווילט זיך אָבער פאָרט כאַטש דערמאָנען אַז טראָץ אַלע ווידערשפּרוכן און שטרויכלונגען, זענען אין דער דאָרטיקער טויט־שטומער וועלט, ווו יידיש לשון לעבט נישט אין שטוב און נישט אין גאַס, געשען ממש וווּנדער. די באַעוולטע און באַליידיקטע יידישע שפּראַך האָט זיך אויפסנײַ צעקלונגען אין די ווערק פון די שרייבערס מיט אַ באַזונדערער זאַפט און קראַפט. און שפּראַך איז דער רעאַלער באַוווסטזיין פון אַ פאָלק. דער דאָזיקער פאַקט פאַר זיך, איז מעיד וועגן לעבעדיקע וואָרצלען ביים פאָלק און ביי זיינע שאַפער.

גלײַך אין אָנהייב פון דער אַזוי גערופענער „רעהאַביליטאַציע" האָט דער קלוגער און געבילדעטער שרייבער נח לוריע געזאָגט: „דער חידוש פון שרייבן איצט, ס'הייסט פון שרייבן יידיש, איז נישט קיין צופעליקייט, אַ בוים וואַקסט נישט סתם אַזוי. ס'מוז עפּעס זיין אין באָדן, אין דער לופט, וואָס ברענגט אַז אַ בוים זאָל בליען און זיך באַדעקן מיט בלעטער. זאַכן וואָס זענען קעגן דער נאַטור קאָנען נישט האָבן קיין קיום". (לויט חיים סלאָוועס: „איך און אָרום", פּאַריז 1970, ז' 160).

אָבער נישט נח לוריעס גלויבן און נישט האַלקינס טרוים זענען מקוים געוואָרן. די צעבליטע ביימער — די שרייבער — געפינען זיך אין אַ מדבר און איבער דעם פאָלק, וואָס דאַרף זייערע פּרוכטן געניסן, לויערט די דאָגמע פון אינטעגראַציאָניזם, וואָס איז גורם, אַז אין דער היינטיקער אַנטוויקלונגס סטאַדיע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט מערקט זיך אַ טענדענץ, ווען פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן ווייזן אַרויס אַ באַגער זיך צוזאַמען גיסן. ביי די יידן, האַלטן די טעאָרעטיקער, קומט עס פאָר אין אַ גיכערן טעמפּאָ. זיי זענען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה פון אַנטוויקלונג אַז זיי האָבן שוין קיין באַדערפעניש צו קולטיווירן זייער נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט. קינסטלעך אויפשטעלן קולטור אינסטיטוציעס אין יידיש, זענען גוזר די אינטעגראַציע פּרעדיקער, באַטייט האַמעווען דעם נאַטירלעכן און פּראָגרעסיוון אינטעגראַציע פּראָצעס.

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע איצט צו דערווייזן דעם פאַלשן און, אין תוך, רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער דאָגמע וועגן יידישן זעלבסט־אונטערגאַנג דער פּאַראַדאָקס (און אפשר איז עס נישט קיין פּאַראַדאָקס) באַשטייט אין דעם, וואָס דער איינציקער זשורנאַל וואָס דערשיינט נאָך אין יידיש, האַלט אויך אַז די אינטעגראַציע פון די יידן אין די פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, איז דיאַלעקטיש אַ געזעצלעכע פאָרמאַציע פון דעם יידישן פאָלקס־גורל.

צוליב היסטאָרישער פינקטלעכקייט דאַרף באַמערקט ווערן אַז די מערכה פון יידיש און יידישקייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט באַשטימט פון פאַרשיידענע פאַקטאָרן. דער אַסימילאַציע פּראָצעס איז נישט קיין פּועל יוצא נאָר פון אַ פרעמדן

אויסערלעכן דרוק. אין רעזולטאַט פון באַשטימטע היסטאָרישע סיבות, איז נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה דער רוב סאָוועטישע יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כמעט אויסגעשפּראָכענעם אורבאַניסטישן עלעמענט. איבער 50% פון די יידן אין דער רוסישער רעפּובליק, למשל, לעבן אין צוויי שטעט, אין מאָסקווע און לענינגראַד. און אין אוקראַינע לעבן איבער 60% אין דריי שטעט; קיעוו, כאַרקאָוו און אָדעס. די דאָזיקע דערשיינונג און אויך דער פאַקט, וואָס אין דער יידישער באַפעלקערונג זענען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע פּראָפעסיאָנעלע ענדערונגען, האָט גורם געווען נייע שפּראַכלעכע און קולטורעלע באַציונגען. דערפון איז געדרונגען, אַז די עקזיסטענץ פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטרוסלאַנד, איז באַדראָט פון צוויי פראָנטן: פון באַגרענעצונגען און צוואַנגס-אַסימילאַציע און פון דער אַנדערער זייט, וואָס אין סאָוועט-רוסלאַנד ווירקן אויך די זעלבע פאַקטאָרן ווי אין אַלע תפוצות ווי דער גלות בכלל וואָס פירן אָפּ יידן פון יידיש און יידישקייט.

אין שייך פון דעם ביז איצט געזאָגטן, לאָמיר אָנצינד לויפיק באַטראַכטן דאָס סדום בעטל וואָס איז פאַרט נאָך פאַרבליבן פאַר דער יידישער קולטור אין סאָוועט-רוסלאַנד מען קאָן פאַרצייכענען דריי אָזעלכע פּאָזיציעס;

ערשטע — „סאָוועטיש היימלאַנד". דער געזעלשאַפטלעך פּאָליטישער פּרצוף פון דעם זשורנאַל, איז געגוג באַקאַנט און מיר וועלן זיך אויף דעם נישט אָפּשטעלן. עס וויל זיך גראָד אָנמערקן דאָס פּאָזיטיווע וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דער-שיינונג. נישט געקוקט אויף אַלע פּאָליטישע ספּעקולאַציעס און חשבונות, שוין דער עצם פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ זשורנאַל דערשיינט, איז ביודעים צי בלא יודעים, אַ באַשטימטע באַשטעטיקונג מצד די סאָוועטן אַז צו געוויסע שיכטן פון יידישן פאָלק מוז מען רעדן יידיש. והשנית, איז דאָך פאַרט דער זשורנאַל צום באַדויערן דאָס איינציקע אָרט וווּ אַ יידישער שרייבער קאָן דרוקן זיינע ווערק. קיין גרויסע פּערספּעקטיוון האָט דער זשורנאַל נישט. וויפל עס איז באַוווּסט ווערט זיין טיראַזש פאַרקלענערט פון יאָר צו יאָר און דער לייענער קרייז ווערט קלענער און שמאָלער. אין דעם, אגב, איז מודה די רעדאַקציע אַליין. „דער זשורנאַל ‚סאָוועטיש היימלאַנד' — לייענען מיר אין ערשטן נומער פון הייניקן יאָר — דערשיינט פאַר אַן אוידי-טאָריע, וואָס נישט נאָר עס שטייט איר גישט פאַר, על פּי כלל אויסלערנען זיך לייענען, נאָר זי (די אוידיטאָריע) הייבט שוין אָן (ווי טרויעריק עס זאָל נישט זיין) ביסלעכוויז צו פאַרגעסן ווי אַזוי צו לייענען יידיש". („סאָוועטיש היימלאַנד" 1, 1976, ז' 175).

די לייענער אוידיטאָריע פונעם זשורנאַל, האַלטן מיר, ווערט אַלץ קלענער. נישט מחמת זי הויבט אָן ביסלעכוויז פאַרגעסן? נאָר גיכערשט ווייל זי הערט נישט אויף גאַנץ גוט געדענקען די שעדלעכע האַלטונג פון „סאָוועטיש היימ-לאַנד" צו די גרונט פּראָבלעמען פון יידישן קיום אין אונדזער צייט.

צווייטע פּאָזיציע. די קליינקונסט-גרופּן און ליבהאָבער קרייזן. לויט אַ סטאַ-טיסטיק וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דריטן נומער „שבות", וואָס עס

לאָזט אַרויס דער תל אביבער אוניווערסיטעט, האָבן אין די יאָרן 1967—1956 עקזיסטירט זעכצן פּראָפעסיאָנעלע קלײנקונסט גרופּן און ליבהאָבער קרייזן. און עטלעכע צענדליק פּראָפעסיאָנעלע זינגערס און רעציטאַטאָרס זענען אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן. די דאָזיקע אויפטריטן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין שטילן דעם קולטור דאָרשט פון די סאָוועטישע יידן. הונדערטער און טויזנטער צושויער פלעגן באַזוכן די קאָנצערטן. אָבער דאָס איז שוין היינט בלויז געשיכטע. די דראַמ־קרייזן און כאָרן עקזיסטירן שוין אויך נישט. אייניקע זענען ליקווידירט געוואָרן ווי נעסטן פון יידישן נאַציאָנאַליזם. (דער כאָר און דראַמקרייז פון ריגע). אַנדערע האָבן זיך אַליין אויפגעלייזט נישט אויסהאַלטנדיק דעם שווערן געראַנגל פאַר זייער עקזיסטענץ.

אַ גרויסער טייל פון די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, זינגער און ליבהאָבער זענען עולה געווען קיין ישראל. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך פאַרבליבן דער איינציקער מאָסקווער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו, אַ ליבהאָבער גרופּע אין ווילנע און אין ביראָבידזשאַן.

כדאי צו פאַרצייכענען דערביי פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן פאַקט; אַלע אַקטיאָרן פונעם ביראָבידזשאַנער דראַמקרייז, אָדער כמעט אַלע זענען רוסן, ווייל אין דער, אַזוי גערופענער, ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט זענען כמעט קיין יידן נישטאָ. פון די 172,449 איינוווינער זענען 11.452 יידן אין פון זיי האָבן בלויז 1.980 אָנגעוויזן יידיש ווי זייער מוטערשפּראַך.

דריטע פּאָזיציע. דאָס דערשיינען פון יידישע ביכער. דאָס געשעט, אמת, אין זייער אַ מינימאַלן פאַרנעם. אָבער אויך דאָס דאַרף מען נישט מינימיזירן. חוץ זייער קינסטלערישן ווערט זענען דאָך די ביכער דער איינציקער מקור צו דער־קענען געוויסע אַספּעקטן פון דעם היינטיקן יידיש־סאָוועטישן לעבן.

אין אַן אַרבעט „מחתרת ציונית־חלוצית בברית המועצות" (ציוניסטיש־חלוצישע אונטערערד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד) שרייבט דער געוועזענער אַסיר ציון שמעון קלעס: „מחזהו של שמואל האלקין „בר כוכבא" עשה היסטוריה ברחוב היהודי ובין הנוער הציוני במיוחד. כל כמות של המחזה שהיתה מופיעה בחנויות הספרים היתה נחטפת מיד. דאגו שלכל גרעין יהיה לפחות עותק אחד של המחזה. — המחזה הפיח תקוות בלב רבים ונהפך לספר היסוד לכל חברי התנועה".

(מורשת י"ב, יולי 1970).

דאָס באַטייט: האלקינס דראַמע „בר כוכבא" האָט געמאַכט געשיכטע אין דער יידישער גאַס בכלל און ביי דער ציוניסטישער יוגנט בפרט. וויפל עקזעמפּלאַרן פון דער דראַמע עס זאָלן זיך נישט געווען האָבן באַוויזן אין די ביכער קראָמען זענען זיי גיך צעכאַפּט געוואָרן. מען האָט געזאָרגט, אַז ביי יעדן קעמערל פון דער באַוועגונג זאָל זיך געפינען כאָטש איין עקזעמפּלאַר פון דער דראַמע — — די דראַמע האָט אויפגעוועקט האָפענונגען אין אַ סך הערצער, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרונט ווערק פאַר אַלע חברים פון דער באַוועגונג.

עד כאן שמעון קלעס.

די וואָרצלען פון דעם נאַציאָנאַלן זכרון זענען ביי די סאָוועטישע יידן קיינמאָל נישט פאַרטריקנט געוואָרן. טראָץ די שטרויכלונגען און טראָץ אַלע בלאָנדזשענישן האָבן אין די טיפענישן פון דעם פאָלקס באַוווּסטזיין נישט אויפגעהערט טליען פונקען פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און מענטשלעכער ווערדע. שפּורן וועגן דעם זענען פאַראַן אין פאָלקלאָר, אין דער שפּראַך, אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אַפּילו אין די חשוכדיקע סטאַלין יאָרן איז די ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט טיפן און געשטאַלטן אָנגעלאָדענע מיט דורותדיקער יידישער גייסטיקייט. באַנאַנד מיט די קאָלכאָזניקעס און סטאַכאַנאָווצעס האָט שמואל האַלקין באַזונגען „שולמית", דער נסתר די בראַסלאַווער חסידים, דוד האָפשטיין דעם בראשיתדיקן „אור הגנוז", פּרץ מאַרקיש די אַפּאָקאַליפּטישע חזיונות פון דעם „פּערציקיאָריקן מאַן", עלי שעכטמאַן די „קדושת השכינה". און הירש אָשעראָוויטש די ל״ו, „וואָס אינעם וואָכעדיקסטן חומר, ניצוץ לויטערסטן באַהאַלטן".

דער מצב פון דער יידישער שפּראַך און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז היינטצוטאָג אַ טרויעריקער, אפילו אַ טראַגישער. מען טאָר זיך אָבער נישט איילן זאָגן נאָך זיי רבנן קדיש. אין די טיפענישן פון דעם דאָזיקן גרויסן יידישן שבט זענען באַהאַלטן אוצרות פון נישט קיין אויסגענוצטער נאַציאָנאַלער קולטור ענערגיע. און ביי גינסטיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען קאָנען מיר פון אים נאָך וווּנדער דערוואַרטן.

אין 1977, ווערט 25 יאָר זינט דעם טראַגישן 12טן אויגוסט, איז זאָל דערהערט ווערן אונדזער געשאַל פון דער דאָזיקער טריבונע: זאָל שוין אַ סוף נעמען צו דער סטאַלינישער טאַקטיק פון לעסטערן און פאַרדאַרבן יידישע הייליקייטן.

שבע צוקער — יוגנט־גרופּע

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר געהאַט אין קאַנאַדע געסט, די רע־ציטאַטאָרין הדסה קעסטין און דעם דיכטער בינם העלער. זיי האָבן גערעדט מיט אונדז וועגן יידיש און זייער ערנסט, זייער אויפריכטיק. זיי האָבן געזאָגט, אַז מיר יוגנטלעכע דאַרפן קומען צו דער קאָנפערענץ און מיר דאַרפן זיין אָנגרייפעריש. מיר דאַרפן ווייזן דער ישראלדיקער יוגנט, אַז מיר יונגע יידי־שיסטן האַלטן יידיש פאַר אַ יש. מיר דאַרפן זען אַז יידיש זאָל זיין די נאַציאָ־נאַלע שפּראַך וואָס בינדט צונויף די יידישע יוגנט פון דער גאַנצער וועלט.

איך האָב זיך צוגעהערט, און פון איין זייט בין איך געווען זייער מיטגע־ריסן פון דעם ברען און התלהבות, און פון דער צווייטער זייט עפּעס האָט ביי מיר געטראַכט: וואָס פאַר אַ שיינע, אָדער, זאָל מען מיר אַנטשולדיקן, נאַרישע נאַיווע חלומות. צי ווייסן זיי נישט אַז די יוגנט היינט רעדט כמעט נישט קיין

ייִדיש? צי ווייסן זיי נישט אַז אויב מען וועט גיין און זאָגן יונגע מענטשן: ייִדיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועט מען אייך ערשנס זאָגן: וואָס גייט מיר אָן נאַציאָנאַלע שפּראַך? און צווייטנס, אויב שוין יאָ אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, פֿאַרוואָס נישט עבֿרית?

און איך בין פּשוט אין כעס געוואָרן וואָס מענטשן האָבן געקענט אַזוי רעדן און נישט קוקן אויף די פֿאַקטן. ביז הדסה האָט דעקלאַמירט, און דווקא וווּנדערשיין, איינע פֿון בינם העלערס לידער וואָס הייסט „אָן קינדער און אָן גריינזן". דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען.

וואָס דאַרף זיין דער צוגאַנג פֿון דער ייִדישיסטישער יוגנט? מיר דאַרפֿן קודם כל, וויסן אונזער לאַגע. אונדז קומט אויס צו אַרבעטן אין אַ סביבה וואָס איז כמעט אָן קינדער. נישט ווייל מיר זענען נאַיוו. נישט ווייל מיר זענען בלינדע בעל־חלומות און ווייל אַזוי געפֿעלט אונדז, נאָר ווייל דער חלום איז אַ גוטער. און צי עס קען יאָ מקוים ווערן, אָדער נישט, האַלט איך אַז עס איז אַ חלום וואָס עס איז ווערט אים צו פֿאַרווירקלעכן.

מיר אַלע, יונגע ייִדישיסטן, זענען גלייך צו אַ מענטש וואָס שפּאַצירט אויף אַ שטריק צווישן דעכער, צווישן צוויי וועלטן. מיר זוכן דעם באַלאַנס. אַמאָל זענען מיר אָפּטימיסטיש, אַמאָל פּעסימיסטיש, רעאַליסטיש, אָבער גע־וואַלדיק אידעאַליסטיש. איך האַלט אַז דער עצם פֿאַקט, וואָס אין 1976 געפֿינט זיך אַזאַ ייִדישיסטישע יוגנט, איז אַ באַווייז אַז עס געפֿינט זיך נאָך ביי אונדז אידעאַליזם.

אָבער וואָס טוט זיך מיט די יונגע ייִדן וואָס האָבן אין גאַנצן קיין שייכות נישט צו ייִדיש? היי יאָר בין איך ווי אַ שליח פֿון די יוגנט־גרופּן, אַרומגע־פֿאָרן אין פֿיל ערטער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע און איך האָב גערעדט מיט יונגע מענטשן וועגן ייִדיש. איך האָב געהאַט אַן אויסערגעוויינ־לעכע געלעגנהייט צו זען וואָס עס טוט זיך יאָ און וואָס עס טוט זיך נישט אויף דער ייִדישער גאַס. כאָטש איך בין מער באַקאַנט מיט אַמעריקע, מיין איך, אַז אַ סך פֿון דעם וואָס איך וועל זאָגן, האָט אויך אַ דירעקטן שייכות מיט אַנדערע לענדער.

מיינע פֿריינד, איך וויל דאָ נישט צו נישט מאַכן די אַלע אויפֿבליונגען אויפֿן ייִדיש־געביט. אָבער מיר דאַרפֿן אָנערקענען דעם פֿאַקט, אַז די יוגנט ווייס גאָרנישט וועגן ייִדיש, און ווי מיין טאַטע זאָגט: גאָרנישט, אין גאַנצן נישט.

יוגנטלעכע פֿרעגן, למשל, אַזעלכע פּשוטע פֿראַגן ווי: איז ייִדיש אַנ־דערש פֿון עבֿרית? צי איז דאָ אַ ייִדישע ליטעראַטור, אַ חוץ שלום־עליכם, פֿון פֿידלער אויפֿן דאַך? זענען דאָ נאָך אַנדערע ייִדישע שרייבערס?

און אַ רוב יונגע פֿאַרבינדן ייִדיש דער עיקר מיט אַלטע מענטשן און מיט פּרומע מענטשן. נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן ביי מיר, אַז עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט יונגע, פֿלעגן זיי זאָגן צו מיר: אפֿשר האָסטו גע־

זען עס וואַלגערט זיך אַרום אין די קאָרידאָרן עפּעס אַן אַלטיטשקע יידענע פון ליובאַוויטש, וואָס זי דאַרף קומען צו אונדז און רעדן וועגן יידיש?

מיינע פריינד, אָט דאָס בין איך, די אַלטיטשקע יידענע פון ליובאַוויטש...

נישט נאָר טראַכט מען ווייניק וועגן יידיש. נאָר וואָס עס שטערט מיר אָפּט מאָל אַ סך מער איז אַז אויך דאָס וואָס מען ווייס וועגן יידיש, איז מער נעגאַטיוו ווי דאָס גאָרנישט נישט וויסן. ווי זאָל איך עס אייך דערקלערן? זומער צייט בין איך אַרומגעפאָרן זייער אַ סך אין די זומער לאַגערן אין ניו־יאָרק, פּענסילווייניע אאַז״וו, און טייל פון די באַגעגענישן מיט דער יוגנט איז דווקא געווען זייער גוט און פּאָזיטיוו. אָבער פון דער צווייטער זייט זענען געווען, וואָס איך וואָלט גערופן: נעגאַטיווע באַציונגען. אָדער מען האָט געזאָגט: יידיש? וואָס דאַרף מען זיצן און הערן וועגן יידיש? בעסער צו שווימען אָדער זיך צו שפּילן. אָדער מען פלעגט אַמאָל קומען צו מיר אַזוי פריילעך און ענטוזיאַסטיש און מען פלעגט זאָגן: היי, וועסט אונדז אויסלערנען ווי אַזוי צו שעלטן אויף יידיש?...

און דאָס איז עס וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן. און איך מיין נישט אַז דאָס איז אַ דערשיינונג בלויז ביי יונגע קינדער. איך האַלט אַז אויב מען וואָלט געמאַכט אַן אַנקעטע איבער גאַנץ אַמעריקע, און מסתמא אויך אין אַ סך אַנדערע לענדער, וואָלטן די רעזולטאַטן געווען פּונקט די זעלבע און מען וואָלט געפרעגט ביי נישט יידיש־רעדנדיקע מענטשן: שרייבט אָן 15 ווערטער וואָס איר קענט פון דער יידישער שפּראַך, וואָלטן ביי 90 פּראָצענט מענטשן, 10 פון די 15 ווערטער געווען: חוצפה, שלימזל, שלומיאל, פּיטעטק, חזיר און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס איך וועל נישט דערמאָנען, ווייל איך האַלט אַז עס איז אַ קולטורעלער עולם דאָ.

דאָס הייסט, אַז ביי אַ סך מענטשן, אַפילו אַז זיי מיינען אַז זיי האָבן ליב יידיש איז עס ביי זיי בלויז אַ שפּראַך פון קללות און באַליידיקונגען. מיר, די יוגנט דאָ, ווילן זייער שטאַרק אַז דאָס זאָל זיך בייטן, אָבער ווי טוט מען דאָס? מיר ווילן אַז די קאָנפערענץ זאָל עפּעס אויפטאָן, אַז דער מצב זאָל זיך ראַדיקאַל און גיך בייטן. און איך וויל אָנמערקן אַז מען קען נישט אָנקומען צו דער יוגנט מיט פייערלעכע רעדעס ביי געדעקטע טישן. מען דאַרף פּשוט רעדן נישט אַזוי אידעאַליסטיש, מען דאַרף מאַכן אַז יידיש זאָל זיין מער צוגענגלעך צו דער יוגנט. דאָס הייסט, מען דאַרף געבן געלט כדי מען זאָל קענען איינפירן קורסן אין די אוניווערסיטעטן, און געלט איז אין אַ געוויסן זין דער עיקר.

איר דאַרפט זיין גרייט צו שאַפן געלט. מען דאַרף זיין גרייט צו בויען יידישע טאָגשולן. מיט אַ וואָך צוריק וואָלט איך געזאָגט, אַז עס איז צו שפּעט. אָבער איצט, ווען איך האָב געזען אַז אין אויסטראַליע איז דאָ אַ יידישע טאָגשול, האָב איך נייע האָפענונגען. מען דאַרף זען בכלל שטיצן יידישע דערציונג,

ד.ה. דזשואיש, ווייל נאָר אויב עס געפינט זיך אַ פולע פּראָגראַם לימודים, קען מען האָפן אַז מען קען דאָרטן אַריינקוועטשן יידיש.

און וואָס נאָך? מען דאַרף זען, איר דאַרפט זען, אַז די באַציונג וואָס יידי־שיסטן, ליבהאָבערס, טוערס האָבן צו אונדז, דער יידישיסטישער יוגנט, זאָל זיך בייטן, וואָס הייסט? מיר קריגן נישט די ממשותדיקע דערמוטיקונג וואָס קומט אונדז, מיר קריגן קניפּן אין די בעקלעך. דאָס האָבן מיר גענוג. איך האַלט אַז אין אַ געוויסן זין נעמט מען אונדז נישט ערנסט. מען שרייט: יוגנט, ווו איז די יוגנט? אָבער ווען עס קומט דער יונגער מענטש און וויל צוטרעטן צו דער יידישער פּרעסע, אָדער צו דער יידישער בינע, איז דאָס נישט גרינג. מען שרייט: יוגנט, אָבער אַז עס קומט צו געבן געלט, זעט מען אַז נישט איין חיים יענקל האָניגקוועטשער... האָט געגעבן 3 דאָלאַר. אַז וויי איז צו דער מציאה, מיינע פריינד...

מען שרייט: יוגנט, אָבער ווען עס קומט דאָ, ביי אָט דער קאָנפערענץ, צו קריגן אַ וואָרט אויף דער טריבונע, האָט מען עס נישט אַזוי לייכט אויסגע־פועלט. מען ווייזט אָן אויף דער יוגנט ביי דער קאָנפערענץ, און מען זאָגט אַז מיר זענען דער המשך, אָבער אַז מען זאָל אונדז פּריוויליק געבן אַ וואָרט — דאָס נישט. מען זאָל זיך צוהערן צו אונדז, און אונדז געבן אָן אָרט ווי אַלע אַנדערע — אָט דערפאַר האָבן מיר געמוזט קעמפן, נישט ביי אַלע, נאָר ביי אַ סך.

און איצט קורצע באַריכטן פון אַלע לענדער: אין קאַנאַדע. כנגד אַנדערע לענדער, איז קאַנאַדע דער יידישיסטישער גן עדן. עס געפינען זיך אין גאָודרי, וויניפּעג, מאָנטרעאָל יידיש־העברעישע טאָגשולן. אין מאָנטרעאָל געפינט זיך אַ יידיש קרייז, אַ חוג, ווו עס זענען פאַראַן אַ סך יונגע טאַטעס און מאַמעס וואָס דערציען פּאַקטיש זייערע קינדער אויף יידיש. די יידיש קאַטעדרע איז מאָנ־טרעאָל ווערט וואָס אַ מאָל בעסער און גרעסער, און מען האַלט אַפילו ביים שאַפן אַ גראַדואיר־אָפּטיילונג.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן די קורסן פון יידיש וואָס אַ מאָל גרעסער. היינט זענען פאַראַן אַרום 30 אוניווערסיטעטן ווו מען קען זיך לער־נען יידיש. יוגנט־קורס פּלאַנירט אַרויסצוגעבן אַ דיסק פון לידער וואָס יונגע מוטערס האָבן געשאַפן. איך האַלט אַז דאָס איז אַ געוואַלדיקער פּראָיעקט און מען דאַרף אַ גרויסע סומע געלט; אויב איר ווילט געבן זענען מיר גרייט...

און נאָך אַ זאַך: עס איז דאָ אַ נייער יידישער פילם. דאָס איז דער ערש־טער יידישער פילם אין די לעצטע 24 יאָר, און דאָס האָט צוגעגרייט אַ יונגער־מאַן, דזשאָרדזש ווולעצקי. עס הייסט „דאָס מזל". די קינדער זענען יונגע קינ־דער פון יידישן קעמפּ. אויב איר ווילט וויסן מער וועגן דעם, פאַרבינדט זיך מיט מיר. איך האָב אַפילו קאָפּיעס פון דעם פילם. אויב איר ווילט עס זען, און איך מיין אַז עס איז כדאַי דאָס צו זען. עס האָט ענגלישע סובטיטלען.

אין פראַנקרייך זעט מען אין די אוניווערסיטעטן אַ נייע אויפבליונג פון יידיש. עס געפינט זיך שוין אַ פּאָר קורסן, און אונדזער פראַנצויזישער דעלע־גאַט, בערל, האָט אונדז געזאָגט אַז ער האַלט אַז דער באַדן איז געוואָרן רייף מען זאָל שאַפן אַ קאַטעדרע, עס זאָלן נאָר זיין די פּאַסיקע מענטשן דאָס צו טאָן.

אין ישראל, ווי געזאָגט, בייט זיך די באַציונג און מען זעט אַז אין ירושלים אוניווערסיטעט שולט מען אויס ערשטקלאַסיקע פאָרשערס. עס זיצט דאָ אַ יידיש לייען־קרייז וואָס טרעפט זיך איין מאָל אַ וואָך, און אַ דראַמע־קרייז האָט זיך אויך געשאַפן.

אין 1947 איז אין אויסטראַליע איינגעשטעלט געוואָרן אַ יידישע טאָג־שולע און די צאָל תלמידים וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אין 1975 האָט די גרעסטע יידישע מיטלשול און אַ הויכשול אין לאַנד אָנגעהויבן צו לערנען יידיש. ס'האָט זיך געשאַפן אַ יונגער יידישער דראַמקרייז, און עס זענען דאָ אַקטיוויטעטן וואָס ווערן אָפּט אָנגעפירט אויף יידיש — דיסקוסיעס און צייטונגען. און דאָס, מיינע פריינד, איז וואָס מען רופט דער רענעסאַנס פון יידיש, — אַ טערמין וואָס איך האָב אָגב פיינט, ווייל רענעסאַנס מיינט דאָך אַז עפּעס איז געשטאָרבן. און איך האַלט נישט אַז יידיש איז געשטאָרבן, ווייט פון דעם. איז וואָס? אַנ־שטאָט צו רעדן, לויבן, צו געבן פּרייצייטיקע הספּדים אויף יידיש, איז בעסער קוקן צו דער צוקונפט און אַרבעטן און זיך צוהערן צו אונדז, צו דער יוגנט, צו דעם וואָס מיר האָבן צו זאָגן, ווייל ווי איר זאָגט: מיר זענען דאָך דער המשך.

לעאָן לענעמאַן (פראַנקרייך)

חשובֿע מיט־פּאָרזיצער, חשובֿע פּרעזידיום, ליבע פריינד.

מיר האָבן זיכער אין פראַנקרייך אויך גאַנץ שיינע יידישע מיידלעך. און איך וואָלט פאַרזיכערט די פראַנצויזישע דעלעגאַציע אַ גרויסן דערפאָלג, ווען איך וואָלט אויך געוועזן אימשטאַנד היינט דאָ, פאַר מיר אַוועקצושטעלן אַ יידיש מיידל פון פּאַריז, וועלכע זאָל אָפּגעבן אַזאַ באַריכט ווי מיר האָבן דאָ געהערט, און וואָס איז אַזוי אַפּלאָדירט געוואָרן דורך אייך, וועגן די יידיש־טעטיקייט צווישן יידישע יוגנט אין פראַנקרייך.

לײדער בין איך אָבער נישט אין אַזאַ גוטער לאַגע, און איך מוז אַלייך פאַרטרעטן דאָס יונגע מיידל און אָפּגעבן אַ באַריכט, אָבער דאָך ווייסן מיר שוין היינט צו וואָס מיר שטרעבן. מיר שטרעבן אַז צו דער צווייטער, ווייטער־דיקער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור, זאָלן פון אַלע לענדער וועלכע וועלן זיך באַטייליקן, קומען יונגע מיידלעך און ייִנגלעך און זיי זאָלן אונדז פאַר־טרעטן. דערווייל מוזן מיר נאָך זיי פאַרטרעטן.

אָבער איך מיין אַז דאָס איז דערגרייכלעך. און דעריבער וועל איך רעדן גלייך אין אָנהייב מיט אָפּטימיזם. ווען איך האָב געגרייט דעם באַריכט, נאָך אין פּאַריז, האָב איך זיך אַליין געשלאָגן מיט דער דעה: איך בין געווען אַ ביסל אין דער לאַגע פון יענעם ייד ביי וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל און ער האָט געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל אים פאַרשרייבן אין דער מעטריקע: מיט אַ יאָר פריער? וועט ער דאָך מוזן פריער גערופן ווערן צום פּריזיוו. זאָל ער אים פאַרשרייבן מיט אַ יאָר שפּעטער, וועט ער דאָך צו דער חתונה זיין צו יונג. עס איז אים נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַז ער זאָל עס פאַרשרייבן אַזוי ווי עס איז ריכטיק. אָבער ווען איך זאָל אַפילו פאָלגן דער עצה פון דעם רב וואָס ער האָט אים געגעבן, אַז ער זאָל פאַרשרייבן ריכטיק, וואָלט אויך דאָס בילד נישט אויסגעקומען אין גאַנצן ריכטיק.

ווען איך זאָל בלויז אָנגעבן ציפערן, אָדער בלויז פאַקטן, וועגן דער לאַגע פון דער יידישער קולטור, ד.ה. פון דער קולטור אין דער יידישער שפּראַך, אין די מערב אייראָפּעישע לענדער, מיט פראַנקרייך אין דער ערשטער ריי וואָלט אויך דאָס בילד נישט געווען אין גאַנצן ריכטיק, ווייל עס איז מער. איך וואָלט געוואָלט אַז איר זאָלט פאַרשטיין אַז מען דאַרף וועגן דער פראַגע מער דערציילן ווי ציילן.

עס איז פאַראַן אין מערב אייראָפּע, אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, און איך וועל באַלד אויך רעדן וועגן אַנדערע לענדער, אַן עולם פון טויזנטער, אפשר צענדליקער טויזנטער, יידישע מיילער וואָס רעדן יידיש. יידישע אויערן וואָס הערן יידיש און ווילן הערן יידיש.

אַז מען רעדט וועגן קולטור זענען נאַטירלעך פאַראַנען צוויי צדדים: עס איז דער צד פון דעם אָפּנעמער, פון דעם קאָנסומענט, פון דער יידישער קול־טור, פון דעם יידישן וואָרט, און דער צווייטער צד — פון די שעפער. איז אַזוי ווי איך וויל זיך האַלטן בלויז אין דעם פּאָזיטיוון טייל, איך וואָלט וועלן זיין די ווייסע טויב וואָס ברענגט וואָס מער גוטע בשורות, וועל איך אָנהייבן פון דעם צד, פון די קאָנסומענטן.

מיר האָבן אין מערב אייראָפּע, און קודם כל אין פראַנקרייך און בעלגיע, ווי געזאָגט, אַן עולם פון יידישע קאָנסומענטן. אַן עולם פון יידן וועלכע קויפן און לייענען אַ יידישע צייטונג. און יידן וועלכע האַלטן אויס די צייטונג, ווייל זיי גיבן געלט דערויף מער ווי די אַבאָנענטן.

מיר האָבן אַן עולם וואָס לעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט. אַן עולם וואָס וואַרט אויף אַ יידיש וואָרט. אַן עולם וואָס איז צעוואָרפן אין פאַרשידענע ווינקעלעך אין גאַנץ מערב אייראָפּע. און דאָס איז קודם כל פּאַריז. עס איז דאָ בריסל, עס איז דאָ אַנטווערפּן, עס זענען דאָ יידיש־רעדנדיקע און יידיש־הערנדיקע יידן אין פאַרשידענע ערטער. עס זענען דאָ, וואָלט איך געזאָגט, צעוואָרפן אי־בער גאַנצער מערב אייראָפּע, אינדזעלעך פון יידיש־רעדנדיקע און יידיש־הערנדיקע און יידיש־לעכצנדיקע יידן.

איך האָב דערמאָנט באַזונדערס בעלגיע, קודם כל בריסל און אַנטווערפּן, און איך וועל שפּעטער אויפקלערן וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז דאָ, ווייל אַנטווערפּן איז אפשר די אָממערסטן יידישע שטאָט אין אייראָפּע, איינע פון די אָממערסטן יידישע שטעט אין דער וועלט, אַ שטאָט ווו מען הערט אויף די גאַסן קליינע קינדער רעדן יידיש, אָבער ליידער זענען דאָס קרייזן וואָס ווערן אין גאַנצן נישט אַרומגענומען מיט אונדזער פאַראינטערעסירונג, ווייל זייער אינ־טערעסירונג איז אַן אַנדערע, און וועגן דעם וועט אויך לויבען באַלד צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. כ'מיין דאָ דאָס רעליגיעזע יידנטום, די שטרענג רעליגיעזע יידן, וואָס פירן זייער רעליגיעזן חינוך כמעט אויסשליסלעך אין יידיש, אָבער מיט וועלטלעכער יידישער קולטור ווילן זיי, ביז דעם איצטיקן מאָמענט, נישט האָבן צו טאָן, אָבער דאָס הייסט נישט אַז עס איז נישט כדאַי צו פּרוּוון אויך צו ווירקן אין די דאָזיקע יידישע קרייזן.

איך וועל נישט מגלה זיין פאַר אייך דעם סוד אַז קיין סך יונגע מענטשן, צווישן דעם יידיש־רעדנדיקן עלם, זענען נישט פאַראַן. און אין לויף פון די לעצטע 30 יאָר זענען די רייען פון די יידיש־רעדער שיטערער געוואָרן. ס'איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פון עלטער ווערן, ווייל קיין יינגערע זענען כמעט נישט צוגעקומען. נאָר אַ ראָל האָט דאָ געשפּילט נישט בלויז דער נאַטירלעכער פּראָצעס.

איז איידער איך וועל איבערגיין צו דעם צווייטן צד, דאָס מיינט צו די קולטור־שעפער, און פאַרשפּרייטער, וועל איך מיר דערלויבן אויף אייניקע די־גרעסיעס וועלכע זענען נוגע דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, האָט מען דאָ באַצייכנט דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף ווי אַ מין קאָנגרעס פון חשבון־הנפש. וועל איך אויך מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש אין סטיל פון: וואָס וואָלט גע־ווען ווען...

וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען אין די נאָך מלחמה־יאָרן וואָלטן די אָנ־פירערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געשפּילט אַ דאָמי־נירנדיקע ראָל אין יידישן לעבן, אַרויסגעוויזן אַ גרעסערן אינטערעס פאַר יידיש, פאַר יידישער ליטעראַטור און קולטור, ווען זיי וואָלטן באַטראַכט יידישע צייטונגען נישט בלויז ווי אַן אינסטרומענט וואָס דערלויבט צוצוקומען צו וואָס מער יידן, נאָר ווי אַ קולטור־אינסטרומענט פאַר זיך אַליין, ווי אַ וויכטיקן ביישטייער אויפצוהאַלטן דעם יידישן פאָלקס־גייסט?

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער פּרעסע, וואָס איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט נאָכן קריג, איז דאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ליקווידירט געוואָרן דורך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס גופא, ווייל מיט דעם אונטערוואַקסן פון יונגן דור און מיט דער איינוואַנדערונג פון הונדערטער טויזנטער נאָרד־אַפריקאַנער יידן, האָבן זיי געמיינט אַז עס איז איצט וויכטיקער צו ווידמען די הויפּט אויפ־

מערקזאַמקייט צו דער טעטיקייט אין פראַנצויזיש, און מיט אייגענע הענט ליקווידירט אַ ריי יידישע צייטונגען.

וואָס וואָלט געווען — פרעג איך ווייטער — ווען דער אָפּמאַך וועגן די שילומים געלטער וואָלט אויסגעפירט געוואָרן אויף אַ מער יושרדיקן אופן? אין דעם אָפּמאַך, ווי איר ווייסט, וועגן די שילומים געלטער איז געוואָרן פאָרויס־געזען אַז 10 פראָצענט וועט געווידמעט ווערן דעם ווידעראויפבוי פון יידישע קולטור פאָזיציעס, וועלכע דער נאַציזם האָט חרוב געמאַכט. קיין ספק נישט אַז דער רוב פון די פאָזיציעס האָט געדאַרפט קודם כל צוריקגעבויט ווערן דאָרט וווהין עס האָבן זיך איבערגעטראָגן די יעניקע וועלכע האָבן די קולטור ווייטער געפלעגט און אויפגעהאַלטן. אָבער געשען איז דאָס נישט אַזוי, הגם אין פראַנקרייך אַליין איז אויסגעגעבן געוואָרן בערך 20 מיליאָן דאָלאַר פון די קליימס־געלטער — בלייבט אַ פאַקט אַז מיט דעם געלט האָט מען פּאַקטיש נישט צוריקגעבויט קיין איין איינציקע וויכטיקע קולטור־פאָזיציע אין יידיש. נישט קיין איין יידיש קולטור־הויז, נישט קיין שול, נישט קיין ביבליאָטעק, נישט קיין פאַרלאַג.

מיר האָבן, ווי געזאָגט, אין מערב אייראָפּע, אינדזועלעך פון יידיש־רעדנ־דיקע, מיר האָבן יידישע קולטור פאָזיציעס. מיר האָבן אין פּאַריז איינגעהאַלטן — נישט געקוקט אויף אַלע שטרויכלונגען — צוויי שטאַרקע פאָזיציעס פון יידיש שאַפונג: דאָס זענען די טאָגצייטונגען וואָס עקזיסטירן אין אייראָפּע הייַנט, „אונדזער וואָרט”, דאָס וואָכנבלאַט „אונדזער וועג” פון רעליגיעזן סעקטאָר. מיר האָבן אַ ריי פאַרבאַנדן. מיר האָבן די פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן. מיר האָבן דעם פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען באַאיינפלוסט דורך די קאָמוניסטן און האָט זיך לעצטנס דערנענטערט צו אונדז. דאָס זענען די פאַרבאַנדן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע פירן אַלע קולטור אַקטיוויטעטן.

עס איז פאַראַן דער יידיש פאַקטאָר, עס איז פאַראַן דער יידיש פּאָטענ־ציאַל וועלכער וואַרט אָבער אויף די צושטעלער. די צושטעלער זענען די יידי־שע שרייבערס, און דאָס איז אַ גאַנץ שטאַרקע גרופּע יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן, די שרייבערס וואָס גיבן אַרויס אַליין ביכער, אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען ווייסט איר אַלע — מען האָט דאָ וועגן דעם זייער אַ סך גערעדט, אָבער זיי גיבן אַרויס יידישע ביכער און אויך ביכער וואָס ווערן איבערגע־זעצט אין פראַנצויזיש.

ווי געזאָגט פריער, האָב איך אָנגעהויבן מיט אָפּטימיזם, ווייל אין די לעצ־טע צוויי־דריי יאָר האָבן מיר זיך דערוואַרט אויף אַ צוריק־כוואַליע, אויף אַ כוואַליע פון פאַראינטערעסירונג. די וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק פאָרויסגעזען אַז עס איז שוין קיין יידיש נישטאָ, הייבן הייַנט אַליין חרטה האָבן, און דאָס דרינגט אַריין אויך אין די אינסטאַנצן, און אויך אין פאָנד סאָציאַל, דער

פראַנצויזישער יוניטעד דזשואיש אַפּיל וועלכער פירט אָן מיטן ישוב, און און וועלכער האָט אַגב צום ערשטן מאָל געהאָלפן דער דעלעגאַציע פון פראַנק־רייך צו קומען היינט צו דער קאָנפערענץ.

עס האָט זיך אין גאַנצן געענדערט די סטרוקטור פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך, וועלכער איז געוואָרן דער גרעסטער אין גאַנץ אייראָפּע און איז איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט בכלל, מיט 600,000 יידן. אַמאָל איז געווען אַ גלייכגעוויכט צווישן די נאָרד־אַפריקאַנער יידן און די מזרח־אייראָפּעישע, די יידיש רעדנדיקע. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין גאַנצן געענדערט די דאָזיקע סטרוקטור. עס האָבן אַריינגעוואַנדערט העכער 250,000 נאָרד אַפריקאַנער יידן, און עס האַלט דערביי אַז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך זאָל ווערן בלויז אַ צפון אַפריקאַנער, און דעריבער זענען די יידן פאַראינטערעסירט צו אונטערשטיצן דעם מזרח־אייראָפּעישן סעקטאָר, ד.ה. דעם יידיש רעדנדיקן, און דעריבער זענען די האָפענונגען אויף אַן אַנטוויקלונג פון יידיש היינט אַ סך גרעסער ווי אין די פריערדיקע צייטן.

עטלעכע דערשיינונגען — דערשיינונגען אין גאַנצן נייע — קומען צום אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ. עס זענען צום ערשטן מאָל דאָ געקומען קיין ישראל, ביי דעם צוזאַמענטרעף, קאָרעספּאָנדענטן פון דער פראַנצויזישער יידישע פּרעסע. עס איז דאָ אַרמאַנד מאַנדעל, וועלכער איז אַ באַוווסטער קרי־טיקער און שרייבער אין פראַנצויזיש, און וועלכער וועט אָפּגעבן אַ באַריכט פאַר דעם „אַרש", דעם גרעסטן זשורנאַל אין פראַנצויזיש. עס איז דאָ גע־קומען אַ יונגע זשורנאַליסטין וואָס הייסט צופּעליק אסתר לעגעמאַן, און זי וועט אָפּגעבן אַ באַריכט פאַר דער פראַנצויזיש־יידישער צייטונג „לאַ טער רעטרוווע". דאָס זענען דערשיינונגען וואָס מען דאַרף זיי נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווייל זיי ווייזן אַז צום ערשטן מאָל ווייזט מען אַרויס אין אָט די קרייזן אַן אינטערעס אויף פאַר יידישע שאַפונג. אַ דאַנק דעם אָפּקלאַנג, אַ דאַנק דעם פּרעסטיזש וואָס די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט דערוואָרבן וועלן מיר קענען ווירקן אַז דער יידיש סעקטאָר זאָל מער נישט זיין דיסקרימינירט, אַז מען זאָל זיך אויפהערן צו שעמען מיט יידיש און מען זאָל דערלויבן אויך צו רעדן יידיש אויף עפנטלעכע יידישע פאַרזאַמלונגען.

וואָלף טאַמבור (רומעניע)

איך קום פון רומעניע, פון דעם קאָמוניסטישן רומעניע. איך בין געשיקט פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות אין לאַנד. דאָס איז די איינציקע פאַרטרעטערשאַפט וואָס איז אָנערקענט פון דער מלוכה, אָנגעפירט פון הרב ראָזען. איך דאַרף נישט זאָגן ווער ער איז. ער איז באַקאַנט. איך קען פאַראַ־פראַזירן שלום־עליכמען און זאָגן אַז אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ רב דאָס

איז. הלוואי וואָלטן אַזעלכע מנהיגים געווען נישט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר אַפילו אין מאָסקווע...

מיין וויכטיקייט רעדט אין נאָמען פון דעם יידישן ישוב. איך בין אַן אַנגאַזשירטער, פּאָליטישער, מיליטאַנטישער יידישער שרייבער, אָבער אַ יידי־שער שרייבער. איך בין דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צוויי־וואָכן שריפט, „צייט שריפט". דאָס איז אַ יחיד במינו, וואָס דערשיינט איז אַ קאָמוניסטיש לאַנד. עס הייסט „רעוויסטאַ קולטור מאָזאַיק", אויף רומעניש. 8 זייטן זענען רומעניש, דער הויפּט רעדאַקטאָר איז מיין מיט־חבר וויקטאָר רוסו, וואָס איז דאָ אין דער דעלעגאַציע. אַכט זייטן אויף רומעניש, ווו מען רעדט נישט יידיש, אָבער מען רעדט וועגן יידישקייט און יידיש און יידישקייט קען נישט זיין.

4 זייטן זענען מיינע, 3 אויף יידיש, איינער אויף עברית. בעסער עברית, אָדער שוואַכער עברית, אָבער ס'איז די איינציקע צייטשריפט אין עברית, נישט נאָר אין מזרח אייראָפּע, נאָר אין אייראָפּע. נעמט עס פאַר אַ סימבאָל, נעמט עס פאַר אַ פאַקט.

איך בין נישט קיין ציוניסט, אָבער מיינע אורעלטערן האָבן געשווירן „אם אשכך ירושלים תשכח ימיני". איך האַלט הייליק אָט די שבועה. מיינע עלטערן, מיין גאַנצע משפחה, מיין פרוי און קינדער זענען אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די אונגאַרישע פאַשיסטן אין אוישוויץ. דערפאַר טאָר איך נישט פאַרגעסן ירושלים.

אויב איך האָב געהאַט דעם כבוד און מען האָט מיר איינגעלאַדן צו קומען, בין איך דאַנקבאַר דעם חבר קאָרן.

איך וועל אייך דערמאָנען אַ וואָרט פון יוסף שפּרינצאַק ז"ל. ווער עס האָט אים געקענט. דערמאָנט זיך אַז ער האָט געהאַט אַ טבע צו דרייען מיטן קאָפּ ווען ער האָט גערעדט, כדי אונטערצושטרייכן וואָס ער זאָגט. האָט ער געזאָגט אַזוי: אויב די גאַנצע וועלט, די יידישע שונאים, גייען רעכטס, דאַרפן מיר יידן גיין לינקס. אַזוי האָט זיך שפּרינצאַק ז"ל אַרויסגעזאָגט ערב דער היטלער־מלחמה. היינט וועל איך אים פאַראַפראַזירן: אויב די וועלט, די שונאי ישראל, לאָזן זיך לינקיסטיש, דאַרף איך גיין אויפן דרך הישר. דערפאַר זאָג איך: איך בין נישט געווען קיין ציוניסט און בין גליקלעך אַז איך בין אין ירושלים.

דאָ האָט דער חבר פרעזידענט דערמאָנט מיינעם אַ בוך וואָס איז דערשי־נען צוריק מיט אַ חודש אין מלוכה פאַרלאַג אין בוקאַרעשט. טייל לייענער, וועלכע האָבן שוין אַריינגעקוקט — נאָך נישט געלייענט — האָבן געזען אַז די דעדיקאַציע הייבט זיך אָן מיט „מה טובו" און עס איז געווידמעט דעם 28סטן יום העצמאות פון ישראל.

און איך וויל אייך עפּעס זאָגן: אפשר איז נישט דאָס געווען מיין כוונה און אפשר יאָ. פאַר וואָס הייבט זיך אָן אַ בוך אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד מיט

„מה טובו‟?״ פשוט, ווייל נביאים האָט קיינער נישט אַרויסגעגעבן נאָר אונדזער פאָלק. אין די ערגסטע צייטן האָט דער פעסימיסטישער נביא געזאָגט תוכחה, אָבער אונטערגאַנג האָט קיינער נישט געפּרעדיקט.

אַ נביא, וועלכער איז נישט געווען קיין ייד, ער האָט געהייסן בלעם. וואָס האָט ער געזאָגט? מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל. שיין איז דיין געצעלט; האָט ער עס געוואָלט? האָט ער עס נישט געוואָלט? ער האָט געזאָגט אַ ברכה.

אַזוי הייבט זיך אָן מיין בוך. אַז איר ווילט, איז דאָס בוך געווידמעט נישט ישראל, נאָר רומעניע, אירע מנהיגים וועלכע זענען צדיקים ווי נח. איר ווייסט, נח איז געווען אַ צדיק אין אַ דור המבול. פאַר וואָס איז רומעניע אַ צדיק? איר ווייסט עס. דער חבר מרדכי שטריגלער האָט היינט געזאָגט גמרא־ווערטער. דערלויבט מיר אויך צו דערמאָנען אַ גמרא ווערטל. ווער עס הייבט אויף אַ האַנט אויף זיין מיטמענטש, איז אַ רשע. אַזוי זאָגט די גמרא. אַפילו ווען ער שלאָגט נישט דעם מיטמענטש, איז ער אויך אַ רשע. זאָגט דער נישט געשרי־בענער רש״י, אַז אויב אַ דעלעגאַט ביים אונ״אָ הייבט אויף אַ האַנט אַפּצו־שטימען אַ רעזאָלוציע קעגן ישראל, וואָס איז די זעלבע קעגן דעם יידישן פאָלק, דער איז אַ רשע, הגם ער האָט נישט געשלאָגן. דערפאַר, וואָס דער רו־מענישער דעלעגאַט האָט נישט געהויבן אַזאַ האַנט. דערפאַר ווערט געזאָגט: אַ צדיק ווי נח.

וואָס טוען מיר אין רומעניע? מיר האָבן אַ המשך און אויב מען רעדט וועגן המשך אין די תפוצות, ווייל איך כאָטש דערמאָנען די לאַגע אין רומעניע, כאָטש עס נעמט צו פיל צייט. רומעניע האָט פאַרדינסטן, דער יידישער קיבוץ פון רומעניע האָט פאַרדינסטן, און צוריק מיט 150 יאָר איז דערשינען אַ יידישע צייטונג „קורות העתים״, די איינציקע דעמאָלט אין דער וועלט. אין רומעניע איז אַנטשטאַנען דער ערדשטער יידישער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער. יענע וואָך האָט דער יידישער מלוכה טעאַטער אין בוקאַרעשט געפייערט דעם 100 יאָריקן יובל פון גאָלדפאַדענס טעאַטער.

איבער אַ יאָר, אין 1977, פייערט רומעניע 100 יאָר פון איר אומאָפּהענגי־קייט, אָבער מיר, דער יידישער קיבוץ פון רומעניע, און מיר יידישע שרייבערס, זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט, וועלן פייערן 100 יאָר זינט עס איז דער־שינען דאָס ערשטע יידישע טאָג־בלאַט אין דער וועלט, אין בוקאַרעסט. איינס האָט געהייסן „יידישער טעלעגראַף״ און די צווייטע האָט געהייסן „דער קריי־טיקער״. זיי זענען ביידע דערשינען אין דער זעלבער צייט.

איך האָף, אם ירצה השם (אין דער היים זאָג איך, אם ירצה המפלגה), אַז ס'וועט דערשיינען מיינע אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער יידישער פּרעסע אין רומעניע, לכבוד דער געשעעניש וואָס וועט אָנהייבן פון אלף ביז — און איך

וויל נישט זאָגן תו, ביז צו דער „רעוויסטאַ קולטוראַ מאָזאַאיקע", דער צייט־שריפט וואָס דערשיינט היינט.

אין אַ חודש אַרום וועלן מיר פייערן 20 יאָר פון דעם דערשיינען פון אַזאַ צייטונג, וואָס גייט אַרויס יעדן 1טן און 15טן פון חודש, אין צען טויזנט קאָפּיעס. די צען טויזנט עקזעמפּלאַרן ווערן געשיקט אין לאַנד און אין מיזרח, אין מערב, ווו די גרענעצן זענען אָפן אַז עס זאָל אָנקומען, און עס ווערט געהערט — מיר באַקומען בריוו צו דער רעדאַקציע, מיט לאַטיינישע און קי־רילישע אותיות, וועלכע דאַנקען פאַר אַ יידישן וואָרט.

אין דער צייטונג שרייבן מיר וועגן קהלישע ענינים, וועגן ליטעראַטור, און וועגן יידיש בכלל. אַפילו מיינע דערציילונגען, אַ טייל, וואָס דערשיינען אין אַ מלוכה־פאַרלאַג, אַ קאָמוניסטישן, פראַגמענטן דערשיינען אין דער רעלי־גיעזער צייטונג. אין אַ נומער אין סעפּטעמבער וועט זיין אַ פראַגמענט וועגן קלאַנג און אָפּקלאַנג, וואָס וועט דערשיינען אין 1978.

אַ צווייטע אַקטיוויטעט, אַ יידישע, האָבן מיר, דאָס יידישע מלוכה טעאַ־טער. עס זענען געווען צוויי מלוכה־טעאַטערס: איינער איז געווען אין בוקאַ־רעשט און איינער איז געווען אין יאַס. אין יאַס איז שוין נישטאָ, נישט חלילה ווייל ער איז אונטערגעגאַנגען. געלויבט זענען די וואָס האָבן שוין געוואַשענע העננט... די יאַסער יידישע באַפעלקערונג איז היינט דאָ אין ישראל. איז גע־בליבן איין מלוכה־טעאַטער אין בוקאַרעשט וועלכער איז טעטיק און ער לעבט.

ס'איז פאַראַן אַ יידישער מלוכה־פאַרלאַג. איך בין נישט געווען צוגע־גרייט, איך האָב געבראַכט אַהער עטלעכע ביכער וואָס זענען דערשינען אין דעם יאָר. צוריק מיט 15—20 יאָר האָט מען אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אָדער אַ ביכעלע, ס'זאָל הייסן אַז עס עקזיסטירט. היינט דערשיינען 4—5 בענדער אין יאָר. למשל, ס'איז דערשינען אַ בוך לידער פון אלי בלאי, אַ זאַמלונג פון לידער פון לעאָן בערטיש, ער איז דער עלטסטער דיכטער ביי אונדז אין דער מדינה. ס'איז דערשינען אַ לידערבוך פון ישראל בערקאָוויטש, „אין די אויגן פון אַ שוואַרצער קאָווע". ער איז דער יינגסטער דיכטער פון דער מדינה. ס'איז דער־שינען אַ בוך דערציילונגען „צו פיל אין איין וואָך". וועגן מיין בוך האָב איך דערמאָנט. די שרייבער־משפחה איז אַ מנין, מען קען דאַוונען מיט אַ מנין, דער עלטסטער איז ערב 90 יאָר, דער יינגסטער איז 55 יאָר. צווישן די יאָרן זענען מיר, ד.ה. אַז איך רעד אין נאָמען פון אַ יידישן קיבוץ, וואָס האַלט אויף יידיש און יידישקייט. אָבער דאָ האָט מיר איינער פון די חברים, דעלעגאַטן, געזאָגט: דו גיסט זיך נישט אָפּ קיין חשבון וואָס פאַר אַן אחריות איר האָט. אייגנטלעך בין איך דער וואָרטזאָגער פון רומעניע, פון די יידן פון רומעניע, אָבער דו ביסט געקומען פון מזרח אייראָפּע, ביסטו דאָך דער וואָרטזאָגער פון גאַנצן מזרח אייראָפּע, ווייל זיי זענען דאָך נישטאָ דאָ. האָב איך אים געענט־פערט: די עובדה איז זייער נישט קיין שווערע. ראשית, ווייסט איר אַז עס

זענען פאַראַנען שווייגנדיקע יידן, און ביי שווייגנדיקע יידן איז נישטאָ קיין וואָרטזאָגער, נאָר אַ וואָרטשווייגער. בין איך דער וואָרטשווייגער פאַר גאַנץ מזרח אייראָפּע, אָבער אויך אין דעם פאַל זאָג איך אין זייער נאָמען, פאַר אייך, פאַר ירושלים, פאַר ישראל: שלום.

יעקב פּאַלאַטיצקי (אַרגענטינע)

דער אַרגענטינער ישוב האָט געהאַט אַ יחוסדיקן באַגינען — די באַראָן הירש־קאָלאָניזאַציע. און אויב די יידישע קאָלאָניזאַציע איז נישט פאַרגעזעצט געוואָרן דורך די קאָלאָניסטישע זין און טעכטער, וועלכע האָבן בעסער אויסגעווילט דעם אוניווערסיטעט, אָדער מסחר און אינדוסטריע אין די שטעט, בעיקר אין דער מעטראָפּאָליע בוענאָס־איירעס, האָבן אָבער די אייניקלעך — אַ צאָל פון זיי — גענומען אויף זיך ממשיך צו זיין דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון זייערע זיידעס אין אַרגענטינע, אויף די פעלדער פון נגב אין ארץ־ישראל אַזו מדינת־ישראל. דער אַרגענטינער ישוב, איז שטאָלץ אויף זיינע חלוצים, וואָס זענען עולה געוועזן נישט מחמת נויט, אָדער פאַרפאָלגונגען, נאָר מתוך אידעאַליזם.

עס ליגט אין דעם אַרגענטינער ישוב אַ מאַגישע קראַפט, וואָס שטעלט אים אַרויס צו גרויסע פאַרמעסטן, כדי צו דעקן טיילווייז דעם טראַגישן בלויז וואָס איז אַנט־שטאַנען נאָכן אויסראָטן דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום. די קהילה אין בוענאָס־איירעס האָט בייגעשטייערט צו דעם מיט אירע יערלעכע ביכער־אויסשטעלונגען און ביכער־יאַרידים, צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און ספר און די גייסטע ביכער־אויסגאַבעס אין יידיש און העברעיש, וואָס דערשיינען אין ישראל און אין די תפוצות. עס ווערט אָבער וואָס אַ מאָל שווערער צוליב דער דעוואַלואַציע פון דער מטבע. די צאָל פאַרקויפטע יידישע און העברעישע ביכער במשך דעם ביכער־חודש דערגייט נאָך אַלץ צו 4—5 טויזנט עקזעמפּלאַרן. שפּאַנישע ביכער אויף יודאַיסטישע טעמעס ווערן, פאַרשטייט זיך, פאַרקויפט אין אַ גרעסערער צאָל. צום ביכער־חודש איז אויך איינגעפירט צו ברענגען קולטור־געסט פון די מרחקים. זענען במשך די קנאַפּע 30 יאָר, זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן דער חודש פון יידישן בוך, געוועזן געסט פון דער קהילה, דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און פאַרמאָגן אין דער יידישער ליטעראַטור־ און קולטור־וועלט, ווי אויך די בעסטע יידישע קינסטלערס.

דער אַרגענטינער יידישער ישוב האָט אַ גוטע סיבה זיך צו גרייסן מיט נאָך אַ וויכטיקן אויפטו, אָדער עטלעכע פעולות אויפן פעלד פון קולטור־געשיכטע און ליטעראַטור. דער אַרגענטינער אָפּטייל פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט אויף זיין חשבון אַרויסגעגעבן (מיט דער הילף פון קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק) דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון שמעון דובנאָוו „די געשיכטע פון יידישן פאָלק", אַלע 10 בענדער. מען האָט באַזונדערס געדרוקט 3 בענדער פאַר די יעניקע, וואָס האָבן

געהאַט די 7 בענדער פון דער ווילנער ייוו"א־אויסגאַבע. דער קולטור־קאָנגרעס האָט אויך אַרויסגעגעבן דובנאָווס „די געשיכטע פון חסידיזם" און זיינע 3 בענדער „דאָס בוך פון מיין לעבן". ובכן 16 בענדער פון דובנאָווס שריפטן. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די 10 בענדיקע „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" פון ד"ר ישראל צינבערג. פאַראיאָרן האָט מען עטאַבלירט אַ פּרעמיע אויפן נאָמען פון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם דיכטער־פּאַרטיזאַן שמערקע קאַטשערגינסקי ז"ל פאַר יונגע יידישע שרייבערס אין יידיש ביז 35 יאָר. מיר פירן אויך דורך זינט מער ווי 25 יאָר, אין קולטור־קאָנגרעס, תלמידים־קאָנקורסן פאַר אַרבעטן אין יידיש.

ליידער ווערט וואָס אַ מאָל מער רעדוצירט די צאָל תלמידים, וואָס באַטייליקט זיך, מחמת עס איז רעדוצירט געוואָרן די צאָל שולן ווו מען לערנט יידיש אין די אָנפאַנג־קלאַסן. צו אונדזער גרויסן ווייטיק זענען געבליבן נאָר צוויי שולן (די פּרץ־און שלום עליכם־שול) פון דעם טיפּ אָנפאַנג־שולן ווו מען לערנט נאָך יידיש. אין די אַנדערע אַריבער 4 צענדליק שולן איז יידיש לא יזכר ולא יפקד. דאַקעגן ווערט מער געלערנט יידיש אין די מיטלשולן, אָבער אויך אין געציילטע. פאַר דעם מצב איז מען גענייגט אַרויפצוואַרפן די גאַנצע שולד אויף דער יידישער אַגענץ און אירע שליחים. געוויסע שליחים האָבן נישט קיין קליינע שולד פאַר אַרויסטרייבן יידיש. מען האָט געקענט אין אַ געוויסער מאָס אַרויפצווינגען אויף די שולן, זיי זאָלן נישט אַרויסוואַרפן דעם יידיש־לימוד. אויך די קהילה, וואָס גיט סובסידיעס די שולן, דורך איר וועד החינוך, קען צווינגען מען זאָל לערנען יידיש ווי פריער. אויך יידישע טראַדיציע קען מען לערנען אויף יידיש. דערביי וויל איך אונטער־שטרייכן, אַז די שליחים וואָס האָבן געזייט שנאה צו יידיש האָבן געטאָן אַ בערישע טובה דעם ציוניזם וגם דער מדינה און זיי זענען לחלוטין נישט ראוי צו זיין די פאַרבינדלערס צווישן די תפוצות און דער מדינה. איך וויל אָבער אָנווייזן, אַז די יעניקע, וואָס ווילן נישט זען די אַנדערע בולטע פאַקטאָרן פאַר דער ירידה פון יידיש אינעם יידישן לעבן בכלל און אין די יידישע שולן בפרט, מאַכן זיך אַ צו לייכט לעבן אין דער דאָזיקער ביטערער און קאָמפּליצירטער מערכה. זאָל מען געדענקען, אַז יידישע מאַמעס האָבן זיך געבראַכן די ציין און גערעדט מיט זייערע קינדער שפּאַניש (ערגעץ אַנדערש ענגליש, אָדער פראַנצויזיש). די טאַטעס האָבן געוואָלט זען זייערע קינדער אינזשינערן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און צו דעם איז נישט נויטיק די יידישע שפּראַך און קולטור. זיי זענען אויך נישט קיין צו גרויסע חסידים פון עברית. אַ פאַקט, אַז אין די שולן פון וועלכע יידיש איז פאַרטריבן געוואָרן, איז יידיש נישט פאַרטרעטן געוואָרן מיט מער עברית. עס האָט געוווּנען נאָר די לאַנד־שפּראַך. עס איז אַ שווער פּראָבלעם און מען מוז זוכן פאַר דעם אַן אַלגעמיינע לייזונג.

*

עס איז בלי־ספק וויכטיק אָנצווייזן אויפן פאַקט, אַז זינט אַריבער 25 יאָר דערשיינט אין בוענאָס־איירעס דער זשורנאַל „דווקא" פאַרן פילאָזאָפישן עסיי,

אונטער דער רעדאַקציע פון שלמה סוסקאָוויטש, אַגב אַן אַקטיווער טוער אין קולטור־קאָנגרעס. מען דאַרף אויך דערמאָנען די אויסגאַבן פון די „מוסטערווערק" וואָס עס גיט אַרויס די „ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוו"א".

זינט דריי יאָר האָט זיך אָרגאַניזירט דער נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס־טעאַטער. ער האָט שוין צו פאַרצייכענען דערפאָלגן הן אין זין פון בעסערע יידישע טעאַטער־אויפפירונגען און הן אין זיין ווירקן אויף יינגערע יידישע קרייזן נישט קיין יידיש־רעדנדיקע. די אויפפירונג פון אַ ישראל־פּיעסע מיט אַ נישט־יידישן רעזשיסער, שפּעטער שלום עליכמס „סטעמפּעניו" מיטן ישראל־רעזשיסער שמואל בונים און די היי־יאָריקע אויספירונג פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", דורך ישראל בעקער, האָט באַוויזן די קראַפט פון טעאַטער ווי אַ מעכטיקער קולטור־צוויג. די פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. עס איז אויך פאַראַן די יוגנט־גרופּע ביים ייווא, וואָס האָט פאַראַיאָרן אויפגעפירט „אַ חתונה אין שטעטל" און היי־יאָר „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום־עליכם, רעזשיסירט פון שוישפּילער יעקב קורלענדער. צו דערגאַנצן דאָס בילד דאַרף מען צוגעבן, אַז אין די זונטיק־און שבת־פאַרנאַכטן (אַמאָל אויך אין מיטן וואָך) ווערן אָרגאַניזירט קולטור־אָוונטן, לעקציעס, רעפעראַטן און קאָנצערטן דורך דער קהילה, קולטור־קאָנגרעס, ייוואָ, שרייבער־פאַראיין און אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען.

לייבל באַטווינִיק — יוגנט־גרופּע (קאַנאַדע)

איך האַלט אַז דער גרויסער טייל פון די קערפּערשאַפטן פון די איצטיקע יידישע אינסטיטוציעס און אַלטן יידיש רעדנדיקן דור בכלל, און דער אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט פון אָט דער קאָנפערענץ בפרט, זענען עגאָאיסטיש. זיי האָבן ליב נאָר זיך אַליין און טראַכטן נישט וועגן זייערע קינדער און וועגן די קו־מענדיקע דורות.

דער יידיש רעדנדיקער דור האָט ליב צו רעדן צווישן זיך יידיש. דאָס איז נאַטירלעך. זיי קומען זיך צונויף אויף יידישע אונטערנעמונגען, דאָס איז אויך נאַטירלעך. אָבער פאַר וואָס טראַכט נישט דער עלטערער דערוואַקסענער דור, אַז זייערע קינדער זאָלן צווישן זיך רעדן יידיש און אַז די קינדער זאָלן אויך קומען צו די יידישע אונטערנעמונגען מיט זיי און האַלטן אַ באַגריסונג בעת אַ יידיש קאָנפערענץ ווי זיי? איך פאַרשטיי דאָס נישט. ווי אַזוי קענען זיי זיין אַזוי בלינד און נישט זען אַז זיי ווערן עלטער און עלטער און באַמיען זיך גאָרנישט צו לאָזן אַ דור וואָס זאָל ווייטער ממשיך זיין אונדזער ירושה?

זיי זענען עגאָאיסטיש, ווייל אַזעלכע יוגנטלעכע ווי איך און די וועלכע זיצן דאָ, וועלן נישט האָבן מיט וועמען צו רעדן יידיש, אויב מען וועט עס איצט נישט צוגרייטן.

איך בין זייער אויפגעצאָרנט. איך קען אַבסאָלוט נישט מוחל זיין אָט די יידיש־רעדנדיקע פּירערס וואָס טוען גאָרנישט קאָנסטרוקטיוו צו דערמעגלעכן אַ יידישן קיום דורך יוגנטלעכע, וועלכע זענען איבערגעגעבן און זענען גרייט מיטצואַרבעטן און מיטצוהעלפן שטאַרקן אונדזער קולטור.

אויב איר האַלט אונדז פאַר קליינע קינדער וואָס מען דאַרף פירן ביי דער האַנט, איז דאָס אַ גרויסער טעות. אויף אונדז פאַלט דער עול צוזוציען נייע יוגנטלעכע, אָפּהיטן דאָס מאַמע־לשון, וואָס ווערט ממש געפּייניקט און געשאַכטן. ס'איז שוין געוואָרן אונדזער אויפגאַבע, אַלס יונגע מענטשן, איבערצוגעמען און צו ירשענען דאָס יידישע וואָרט און קולטור, ווייל דער עלטערער דור, אַ חוץ געציילטע אויסנאַמען, זאָרגט זיך אַפילו נישט וועגן דעם.

ניין, מיר פון יונגן דור זענען בפירוש נישט סתם געקומען אויף דער קאָנפערענץ ווי אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון יונגע מענטשן, אַלס אָנקוקער, כדי זיך אפשר אויסצולערנען דאָס יידישע קולטור־געשעפט. נעכטן ביי טאָג, אויף אַ באַזונדער יוגנט־סעסיע, האָבן מיר באַשטימט צו שאַפן אַן אייגענע יוגנט־־קאָ־מיסיע, וועלכע זאָל באַהאַנדלען אַלגעמיינע יוגנטלעכע פּראָבלעמען. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַז מיר יוגנטלעכע ווילן אַז אַ יוגנטלעכער רעפּרעזענטאַנט זאָל זיין פאַרטראָטן אין פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם חבר אַלעקס דפנה, אַ יוגנט דעלעגאַט פון אויסטראַליע. אויב מעגלעך, בעטן מיר אַז עס זאָל זיין מער ווי איין יוגנטלעכער פאַרשטייער אין פּרעזידיום.

דאָנערשטיק וועלן מיר הערן די באַשלוסן פון אונדזער קאָמיסיע. דער עיקר איז וואָס מיר יוגנטלעכע האָבן דאָ זיך צוזאַמענגעקליבן אין דער יידישער מדינה אויף דער וועלט־קאָנפערענץ מיט קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאָגן און אי־דעען. יעדער איינער פון אייך האָט מסתמא געקראָגן דאָס ווייס־פּאַפּיר וואָס דער אַמעריקאַנער יוגנט־דעלעגאַט האָט צוזאַמענגעשטעלט. מיר זענען געקומען מיט אַ סך האָפענונג, אַז פּאָזיטיווע רעזולטאַטן קענען און דאַרפן אַרויסקומען פון אָט דער קאָנפערענץ.

מיר האָפן אַז מיר וועלן זיך מער נישט אַנטוישן. זאָל די דאָזיקע ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים, ווערן דער אָנהייב פון אַ נייעם חלוציזם פון יידיש רענעסאַנס.

נאָך די באַריכטן האָלט **פּראָפ. חנא שמערוק** זיין רעפעראַט און דערמיט איז די נאָכמיטיק־סעסיע געשלאָסן געוואָרן.

חנא שמערוק

יידיש אין אוניווערסיטעטן

דער פּרעזידענט פון העברעישן אוניווערסיטעט, אַברהם האַרמאַן, האָט מיך געבעטן באַגריסן האַרציק אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון אונדזער אוני־ווערסיטעט די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור און ווינטשן אייך און אונדז אַלעמען אַ סך הצלחה אין אייער, אונדזער אַרבעט. מיר קענען אייך פאַרזיכערן, אַז דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, די נאַציאָ־נאַלע און די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, וואָס פאַרמאָגט די רייכסטע יידיש־זאַמלונגען, און די יידיש־אָפּטיילונג פונעם מכון למדעי היהדות וועלן אַלע ממשיך זיין די טראַדיציאָנעלע איבערגעגעבענע אַרבעט לטובת יידיש ווי אַן אינטעגראַלן, לעבעדיקן און אָרגאַנישן באַשטייטייל פון אונדזער פילפאַרביקן און פילשפּראַכיקן קולטור־אוצר. מיר שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון דער קאָנ־פערענץ אונדזער דערפאַרונג און גרייטקייט מיטצואַרבעטן אין יעדן מעגלעכן געביט לטובת דעם לימוד פון יידיש אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן און לטובת דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן פאָלקלאָר און פון יידישן טעאַטער.

די איצטיקע קאָנפערענץ פאַלט כמעט צונויף מיט אַ גאָר וויכטיקער דאַטע אין דער געשיכטע פון אונדזער אוניווערסיטעט. דעם 19טן נאָוועמבער 1976 וועלן ווערן 25 יאָר פון זינט דב סדן האָט געהאַלטן זיין ערשטע לעקציע וועגן יידישער ליטעראַטור אין די מויערן פון העברעישן אוניווערסיטעט. מיט אָט דער לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן דער לימוד פון יידיש אין ישראל אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן. דערלויבט זשע מיר ביי דער איצטיקער גוטער געלעגנהייט צו באַגריסן אין אונדזער אַלעמענס נאָמען דעם נעסטאָר פון יידיש־לימוד און פון דער יידיש־פאָרשונג אין ישראל און ווינטשן דב סדנען לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון ווייטערדיקער פּרוכפּערדיקער אַרבעט אין אַלע תחומים פון זיין פילפנימדיקער אַקטיוויטעט.

במשך דעם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך דער יידיש־לימוד אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן פאַרשפּרייט און פאַרצווייגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס. מע לערנט איצט יידיש און יידישע ליטעראַטור אין צענדליקער קאַלעדזשן און אוניווערסי־טעטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע: יידיש־לימודים זענען איצט פאַראַן אין די אוניווערסיטעטן פון פּאַריז און שטאָקהאָלם און אין אַ ריי אוני־ווערסיטעטן אין מערב־דייטשלאַנד; מע לערנט יידיש אין אַמסטערדאַם און אין קאָפּענהאַגן, אין ווין און אין אָקספאָרד. יידיש־לימודים זענען פאַראַן אין אַלע פינף אוניווערסיטעטן אין ישראל.

ס׳וועט שוין איצט ניט קלינגען ווי אַ פּוסטע פראַזע אויב מיר וועלן זאָגן,

אז יידיש האָט זיך איינגעבירגערט ווי אַן אַקאַדעמישער לימוד, וואָס ווערט שוין אין אַ ריי ערטער באַפעסטיקט אַ דאַנק ערנסטע און וויכטיקע פאָרשונגען פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן פאָלקלאָר. אין אַ ריי געביטן פון יודאַיִסטיק, ווי העברעיִשע שפּראַך, העברעיִשע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע איז היינט צו טאָג יידיש געוואָרן אַן אָנערקענטער תחום און אוצר פון מקורות פאַר לימודים און פאָרשונגען אַן וועלכע מ׳קען זיך אָפּט מאָל ניט באַגיין. די יידיש־סעסיעס אויף די וועלטקאָנגרעסן פאַר יודאַיִסטיק, וואָס קומען פאַר יעדע פיר יאָר אין ירושלים, זענען שוין געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלער טרעפפונקט ניט נאָר פון די וואָס זענען דירעקט פאַראינטערעסירט אין יידיש־פאָרשונג, נאָר אויך פון אַ סך פאָרשערס פון אַנדערע תחומים, וואָס קומען ביי אונדז זוכן תשובות פאַר זייערע פּראָבלעמען. די יידיש־פאָרשונג איז זינט דעם לעצטן קאָנגרעס אין קיימברידזש געוואָרן אויך אַ באַשטייטייל פון די גערמאַניסטישע קאָנגרעסן. יידיש־סעסיעס קומען אויך לעצנטס פאַר אויף די יערלעכע קאָנפערענצן פון דער אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פון מאָדערנע שפּראַכן.

אין אָנבליק פון דעם אַלעמען וואָלט זיך אפשר געפּאַסט צו קומען צו דער איצטיקער קאָנפערענץ מיט אַ יום־טובדיקער אַליין־צופרידענער רעדע, ס׳דאַכט זיך אָבער אַז דאָ פאָדערט זיך היינט גיכער אַ זאַכלעכער און אַפילו טיילווייז קריטישער איבערבליק, כּדי די אָנטיילנעמערס אין דער קאָנפערענץ זאָלן קענען פּרוּוון עפּעס אויפטאָן אויך אויף אונדזער שטח, כאָטש דער אמת איז, אַז איך בין ניט אין גאַנצן זיכער צי מע קען תמיד און אומעטום העלפן וואָס שייך יידיש־לימודים אין אינסטיטוציעס וואָס געניסן פון דער גוט באַקאַנטער אַקאַדעמישער אויטאָנאָמיע. אויב מע וויל אָבער פּרוּוון העלפן און באַווירקן, דאַרף מען קודם־כּל באַקומען אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דעם מצב פונעם לימוד און מע דאַרף וויסן ווו און וואָס עס וואָלט זיך אפשר יאָ געלאָזט אויפטאָן.

יידיש־לימודים אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן זענען אַ לפי־ערך נייער תחום פאַר דעם פאַראינטערעסירטן יידישן קולטור־טוער. אָבער ווי מע קען צום באַדויער דרינגען פון אַ ריי פּובליציסטישע אָפּרופן אויף דער פּראָבלעמאַטיק פונעם יידיש־לימוד אין אוניווערסיטעטן, איז די יידיש־געזעלשאַפטלעכקייט צו ווייניק באַהאַוונט אין דעם דאָזיקן נייעם תחום פון איר מעגלעכער אַקטיוויטעט. אַ מער אינטימער אַריינבליק אין דער פּראָבלעמאַטיק פון יידיש־לימוד, ווי דער אויבנאויפיקער און ווייניק זאָגנדיקער אינטערעס אין דער צאָל תלמידים וואָס לערנען יידיש און אין דער צאָל געאָגראַפישע פונקטן ווו מ׳האָט דעם לימוד איינגעפירט, וועט דעריבער זיכער זיין דאָ אויפן אָרט. ס׳קען אפשר זיין, אַז פון כּמותדיקן קוקווינקל מעג מען זיין צופרידן, כאָטש אויך דאָ וואָלטן מיר זיך ביי געהעריקע באַדינגונגען געמעגט ווינטשן אַ סך מער. ס׳דאַכט זיך אָבער, אַז ס׳איז געקומען די צייט מ׳זאָל אויך פּרוּוון פאָרענטפערן פּראָבלעמען פון איכות און באַהאַנדלען דעם ניווא פון די יידיש־לימודים אין קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן

און פרעגן קלאָר און אָפן צי קענען מיר טאַקע זיין צופרידן מיטן פאַרנעם, מיטן אינהאַלט און מיט די רעזולטאַטן פון די האַזיקע לימודים.

איך מוז זיך גלייך פון פאָרויס באַוואָרענען אַז מיינע ווייטערדיקע באַמער־קונגען זענען ניט געבויט אויף קיין גרינטלעכער און כוללדיקער פאָרשונג פון יידיש־לימודים אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן. אַזאַ פאָרשונג פעלט אונדז און זי וואָלט מן־הסתם געדאַרפט פאָסטולירט ווערן דורך דער איצטיקער קאָנפערענץ. כ׳מיין אָבער אַז די פינף און צוואַנציק־יעריקע פראַקטיק פון דער יידיש־אָפטיי־לונג אין העברעישן אוניווערסיטעט און אַ גאַנצע ריי מאַטעריאַלן פון אַנדערע לענדער באַרעכטיקן אין אַ גרויסער מאָס די ווייטערדיקע באַמערקונגען און אויספירן.

די לימוד־סיסטעמען אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן זענען ביז גאָר פאַרשיידן, נישט נאָר פון לאַנד צו לאַנד. אויך אין די גרענעצן פון איין מדינה פונקציאָנירן אין די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשן פאַרשיידענע שיטות וואָס באַשווערן אָפט מאָל די מעגלעכקייט פון אַ ממשותדיקן פאַרגלייך. פון דעסטוועגן קען מען אָננעמען פאַר אַ יסוד פון אונדזער אַנאַליז די פאַרטיילונג וואָס איז גילטיק אין ישראל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע און אין ענגלאַנד צווישן ביזגראַדויר־לימודים, דאָס הייסט די לימודים ביז מע באַקומט דעם ערשטן אַקאַדעמישן טיטל, דעם .B.A, און צווישן די נאָכגראַדויר־לימודים פאַרן מאַגי־סטער־טיטל, אָדער דעם .M.A, און פאַרן דאָקטאָר־טיטל.

וואָס שייך די נאָכגראַדויר־לימודים זענען אויך דאָ פאַראַן גאָר מהותיקע אונטערשיידן פון אָרט צו אָרט. אין טייל אוניווערסיטעטן איז דער מאַגיסטער־טיטל ניט פאַרבונדן מיט קיין שום לימודים און מ׳באַקומט אים אויך אָן אַ דיסערטאַציע. אין אַנדערע אוניווערסיטעטן קען מען אַריבערשפרינגען דעם מאַגיסטער־טיטל און גלייך אָדער כמעט גלייך נאָך די ביזגראַדויר־לימודים זיך נעמען צו דער אַרבעט איבער דער דאָקטאָר־דיסערטאַציע. אין טייל אוניווער־סיטעטן איז מען ניט מקפיד און מ׳קען דאָרטן שרייבן אַ דאָקטאָר־דיסערצאַציע, כאָטש ס׳זענען אין זיי ניט פאַראַן קיין שום יידיש־לימודים, און מ׳קען זי אויך שרייבן ביי אַ פּראָפעסאָר וואָס איז אין גאַנצן ניט באַהאַוונט אין דעם גאָר ספּעציפישן יידיש־תחום. מיר ווייסן פון דיסערטאַציעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויפן סמך פון איבערזעצונגען, ווען ניט נאָר דער דאָקטאָראַנט, נאָר אויך זיין אינסטרוקטאָר האָבן אַליין קיין יידיש־טעקסטן ניט געקענט פאַרשטיין. פון דעם ביז איצט געזאָגטן קען מען זיך שוין אָנשטויסן אַז דער ניוואָ פון מאַגיסטער־ און דאָקטאָר־דיסערטאַציע אין יידיש־תחום איז ווייט ניט קיין גלייכער. און צום באַדויערן איז אָפט ניט איבעריק צו קאָנטראָלירן ווו און ביי וועמען מ׳האָט די דיסערטאַציע געשריבן. און ווען מען לייענט די דיסערטאַציע גופא, קען מען לייכט אויסגעפינען פאַר וואָס די אָדער יענע אַרבעט איז אַ סך בעסער פון אַנדערע אַרבעטן, וואָס מ׳האָט באַ־

שטעטיקט אַן אַ פּאַסיקן אינסטרוקטאָר און אַן אַ קאָמיסיע פון מומחים.

לויט מיין אינפאָרמאַציע, זענען היינט צו טאָג פאַראַן יידיש־לימודים פאַר נאָכגראַדויִרטע אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים — דאָ ספּעציאַליזירט מען זיך דער עיקר אין יידישער ליטעראַטור פון אַלע תקופות; לימודים פאַר נאָכגראַדויִרטע זענען פאַראַן אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק, וווּ מע ספּעציאַליזירט זיך דער עיקר אין לינגוויסטיק; טייל בלויזן אין נאָכגראַדויִר־לימודים קען מען אויספילן אין ניו־יאָרק אינעם מאַקס וויינרייך צענטער פאַר העכערע יידישע שטודיעס אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; אין דעם מערב־דייטשן אוניווערסיטעט אין טריר ספּעציאַליזירט מען זיך אין לימוד און אין דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביזן 18טן יאָר־הונדערט, אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער גערמאַניסטיק.

לויט פּראָוויזאָרישע סך־הכּלען זענען זינט 1963 באַשטעטיקט געוואָרן אַרום דרייסיק דאָקטאָר־דיסערטאַציעס און ביי פינף און דרייסיק מאַגיסטער־דיסער־טאַציעס אויף טעמעס פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר און טעאַטער. דאָס רובֿ פון די דאָזיקע אַרבעטן זענען סאָלידע און גוטע פאָרשונגען, וואָס באַרייכערן אונדזער וויסן אין די דאָזיקע תחומים. ס׳זענען פאַראַן דיסערטאַציעס וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ בלייבנדיקער פאָרשערישער אויפטו פאַר יידיש. צום באַדויערן זענען נאָר געציילטע פון די אַלע דיסערטאַציעס ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און נישט טטענדיק די וואָס זענען ראוי פאַרעפנטלעכט צו ווערן. ס׳וואָלט געווען גאָר וויכטיק צו שאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד מיט אַן אַקאַדעמישער קאָנטראָל־קאָמיסיע און אפשר אויך פאַרבינדן זיך מיט אַן אוניווערסיטעט־פאַרלאַג, כדי צו שאַפן אַ מעגלעכקייט, אַז די וויכטיקערע דיסערטאַציעס זאָלן דערזען די ליכטיקע שיין. מע דאַרף דערביי געדענקען, אַז אָן סובסידיעס איז איצט פּשוט אוממעגלעך צו געפינען אַ פאַרלעגער אַפילו פאַר דער בעסטער דיסערטאַציע.

ס׳טרעפט שוין צו אָפט אַז אַ מאַגיסטראַנט אָדער דאָקטאָראַנט איז געצווונגען אָנצונעמען אַן אַרבעט וואָס האָט נישט קיין שייכות צו זיינע לימודים, און זיי פאַרשלעפּן זיך צוליב דעם אויף יאָרן. די עקסיסטירנדיקע סיסטעמען פון סטיפּענדיעס זענען בכוח צו פאַרענטפערן דעם מין פּראָבלעמען נאָר טיילווייז. ס׳וואָלט געווען געווונטשן צו העלפן די פעיִקע מאַגיסטראַנטן און דאָקטאָראַנטן מיט געהעריקע און נאָר פאַר יידיש באַשטימטע סטיפּענדיעס, כדי צו סטימולירן נאָכגראַדויִר־לימודים און פאַרגיכערן די אַרבעט איבער די דיסערטאַציעס.

אַן ענין פאַר זיך איז די פראַגע פון געהעריקער באַשעפטיקונג פאַר די וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין אַ יידיש־תחום. ווייזט אויס, אַז ביז די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן די העכערע לערן־אַנשטאַלטן נאָך געקענט באַזאָרגן מיט אַ פולן פּאָסטן אַן אַנזעעוודיקן טייל פון די דאָקטאָראַנטן, וואָס קענען ווערן אַקאַדעמישע לערערס אין יידיש. איצט איז דער פינאַנציעלער מצב פון די

העכערע לערן־אַנשטאַלטן אין דער גאַנצער וועלט געוואָרן זייער אַ שווערער און טייל מאָל אַפילו אַ קאַטאַסטראָפאַלער. מ׳קען שוין איצט ניט פאַרזיכערן מיט קיין פולן פאַסטן אַפילו דעם סאַמע פעיִקסטן דאָקטאָראַנט אין אַ יידיש־תחום. מיט דער שטאַרקסטער מאָטיוואַציע און התלהבות פאַרן יידיש־לימוד, זוכט אַ יונגער מענטש אויך אַ תכלית אינעם שטח פאַר וועלכן ער איז גרייט מקריב צו זיין גוטע יאָרן פון אַנגעשטרענגטער אַרבעט. מע מוז דעריבער געפינען לייזונגען, וואָס זאָלן באַפרידיקן די דערוואַרטונגען פון די וואָס זוכן אַן אָנהאַלט אין אַרבעט אויף אַ יידיש־תחום. ס׳איז נאָך איצט פריצייטיק צו וויסן צי דער לימוד פון יידיש אין מיטלשולן אין ישראל און מחוץ ישראל וועט טאַקע קענען אַבסאָרבירן כאָטש אַ טייל פון אונדזערע אַביטוריענטן. מיר וועלן זיך באַמיִען אַז צו גלייך מיט יידיש זאָל מען אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים אויך קענען לערנען כדי צו באַקומען אַ לערער־דיפּלאָם.

איך ווייס ניט אויף וויפל ס׳איז מעגלעך צו דערוואַרטן לייזונגען אין עקסיסטירנדיקע ניט־אַקאַדעמישע יידיש־אינסטיטוציעס. ווי רעדאַקציעס פון צייטונגען, זשורנאַלן, ראַדיאָ־אוידיציעס, פאַרלאַגן וכדומה. ביז איצט איז עס צום באַדויערן ניט געוואָרן קיין פראַקטיק פון דעם מין אינסטיטוציעס. ס׳זעט דעריבער אויס צו זיין ביז גאָר וויכטיק אַן איניציאַטיוו פון פאַרנעמיקע קאָלעק־טיווע פאַרשפּראַיעקטן אין גאַנצן יידיש־תחום, כדי מע זאָל קענען ביי זיי באַשעפטיקן כאָטש אַ טייל פון אונדזערע אַביטוריענטן, וואָס וועלן אין די איצטיקע באַדינגונגען ניט קענען געפינען קיין אַנדער פעלד פון אַרבעט אין יידיש. מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין אויסגעשולטע כוחות. און ס׳איז דערביי גאָרניט אויסגעשלאָסן אַז די גאַנצע צוקונפט פון יידיש־לימודים אויף העכערע לערן־אַנשטאַלטן וועט טאַקע באַשטימט ווערן דורך אַ געהעריקן רעזערוו פון אויסגעשולטע כוחות.

במשך די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון אַ מצב, וואָס דאַרף באַאומרויקן איטלעכן וואָס איז פאַראינטערעסירט אין העכערע יידיש־לימודים. ס׳לאָזן זיך באַמערקן קעגנאַנאַנדיקע דיספּראָפּאָרציעס צווישן דער צאָל ביז־גראַדויִרטע סטודענטן פון פאַרשיידענעם פאַרנעם און מדרגות און צווישן דער צאָל פון מאַגיסטראַנטן און דאָקטאָראַנטן. אין אונדזער יידיש־אָפּטיילונג אין ירושלים האָבן מיר אין פאַרגאַנגענעם אַקאַדעמישן יאָר געהאַט סך־הכל זיבן און פערציק רעגיסטרירטע סטודענטן. פון זיי האָבן פינף געלערנט פאַרן מאַגיסטער־טיטל, ניין האָבן געשריבן זייערע דאָקטאָר־דיסער־טאַציעס און די אַנדערע דריי און דרייסיק זענען געווען רעגיסטרירט אין פאַר־שיידענע ביזגראַדויִר־לימודים. די פּראָפּאָרציע איז אַ צו גוטע, ווייל נאָר אַ קליינער טייל פון ביזגראַדויִר־תלמידים איז בדרך־כלל ממשיך די נאָכגראַדויִר־שטודיעס. ס׳קען גאָר געמאָלט זיין, אַז מיר האָבן שוין איצט צו ווייניק ביז־גראַדויִר־סטודענטן פון וועלכע ס׳דאַרפן זיך מיט דער צייט רעקרוטירן די נאָכ־

גראַדויִר־סטודענטן. ס׳קען זיין אַז די ציפערן שפּיגלען אָפּ די אַלגעמיינע ירידה און די סטאַגנאַציע אין דער צאָל פון סטודענטן אין ישראל־אוניווערסיטעטן במשך די לעצטע יאָרן. לאָמיר אָבער האָפן אַז דער באַשלוס פון דערציִונג־ און קולטור־מיניסטעריום פון סעפּטעמבער 1975 וועגן איינפירן דעם לימוד פון יידיש אין מיטלשולן אין ישראל און אַנדערע מעגלעכע סטימולן וועלן אין די קומענדיקע יאָרן אויסגלייכן ביי אונדז די באַאומרויִקנדיקע דיספּראָפּאָרציע.

פון גאָר אַן אַנדער מין איז די דיספּראָפּאָרציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ס׳איז פאַראַן די גרעסטע, אַבסאָלוטע, צאָל סטודענטן פון יידיש־לימודים. אין האַרבסט 1972 האָבן אין צוואַנציק אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשן געלערנט יידיש־לימודים 731 ביזגראַדויִר־סטודענטן. אין דעם זעלביקן סעמעסטער זענען אָבער אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס געווען ניט מער ווי דרייסיק גראַדויִר־סטודענטן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַ יידיש־תחום. ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, ניט אַנגעבנדיק קיין פאַרלאָזלעכע, פולע דאַטן, האָט די צאָל סטודענטן ביי יידיש־לימודים אין די פאַראייניקטע שטאַטן געהאַלטן אין איין וואַקסן פאַר די לעצטע יאָרן, אָבער די דיספּראָפּאָרציע צווישן גאָר אַ גרויסער צאָל ביזגראַדויִרטע און אַ צו קליינעם שפּליטער פון נאָכגראַדויִרטע איז געבליבן אָן ממשותדיקע שינויים.

ווי אַזוי קען מען דאָס דערקלערן?

זינט ביזגראַדויִר־לימודים אויף העכערע לערן־אַנשטאַלטן זענען געוואָרן אַ מאַסן־פענאָמען וואָס פּרווט דער עיקר פאַרענטפערן דאָס שטרעבן צו אַ פאַרברייטערטער אַלגעמיינער בילדונג, איז שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן די מעגלעכקייט פון אַ ספּעציאַליזאַציע אין דער ערשטער מדרגה פון העכערע לימודים. זייער ליבעראַלע קרעדיט־סיסטעמען אין אַ גרויסן טייל פון קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן דערמעגלעכן איצט אַזאַ פאַרשיידן־מיניקן און אָפט מאָל מאָדנעם צוזאַמענשטעל פון לימודים און דיסציפּלינען, אַז ס׳קען אָפט קיין מעגלעכקייט ניט זיין אַרויפצוצווינגען אויפן סטודנט פון .B.A אַ סיסטעמאַטישן לימוד פון וואָס פאַר אַ געביט ס׳זאָל מיט זיין.

מיר דאַרפן דערביי אין זינען האָבן, אַז וואָס אַ יאָר ווערן קלענער די פּערספּעקטיוון אויף סטודענטן וואָס קומען צום יידיש־לימוד מיט אַ פריערדיקער יסודותדיקער קענטניש פון דער שפּראַך. מיר זענען אָפט מאָל שוין צופרידן מיט אַ סטודענט וואָס קומט מיט פּאַסיווע, מינימאַלע שפּראַך־געוווינהייטן. אויב ס׳האַנדלט זיך אין שפּראַך־לימוד, מוז מען בדרך־כלל אָנהייבן פון אַן עלעמענ־טאַר־קורס און מחוץ ישראל מיינט עס טייל מאָל ממש פונעם אַלף־בית. דער קרעדיטן־סיסטעם אין קאָלעדזשן און אין אוניווערסיטעטן דערלויבט איצט אַז אַ סטודענט זאָל נעמען נאָר איין עלעמענטאַרן קורס במשך פון איין זמן, מיט אָדער אָן אַ קורס פון יידישער ליטעראַטור אין ענגלישער איבערזעצונג. און ביי דעם בלייבט עס ביזן סוף פון זיינע לימודים. פון אַזעלכע הונדערטער

סטודענטן פון פאַראייניצלטע ביזגראַדויִר־קורסן איז שווער צו דערוואַרטן אַ ממשותדיקן צוווּקס פון נאָכגראַדויִר־סטודענטן.

לאָמיר באַפעסטיקן די אַלגעמיינע אויספירן מיט אַ ביסל ציפערן, אַלע פון יאָר 1974, פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון קאַנאַדע.

אין איינעם פון די קאַלעדזשן אין ניו־יאָרק זענען אין דעם יאָר פאַרפלאַנירט געוואָרן אַכט קלאַסן פאַר יידיש־אָנהייבערס פון דער ערשטער עלעמענטאַרער מדרגה, אָבער נאָר פיר קלאַסן פאַר אָנהייבערס פון דער צווייטער מדרגה און נאָר צו איין קלאַס פאַר מיטעלערע און אַוואַנסירטע סטודענטן פונעם שפּראַך־לימוד. דאָס הייסט אַז אין דעם דאָזיקן קאַלעדזש האָט גאָר אַ קליינער טייל פון די סטודענטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען יידיש, ממשיך געווען זייער שפּראַך־לימסד. אין דעם זעלבן יאָר האָבן דריי און צוואַנציק אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע פאַרגעלייגט עלע־מענטאַר־קורסן פאַר יידישער שפּראַך, אָבער נאָר אין ניין פון זיי האָט מען אויך געהאַט פאַרגעלייגט מער אַוואַנסירטע קורסן. מ׳האָט דעמאָלט אויך געקענט לערנען יידיש אין איין און דרייסיק הלל־צענטערס אין צפון־אַמעריקע, אָבער נאָר אין אַ העלפט פון זיי האָט מען דעם שפּראַך־לימוד געקענט ממשיך זיין.

אויסלערנען זיך יידיש איז ניט קיין לייכטער ענין. מ׳דאַרף גוט אַריינ־האָרעווען און ניט שטענדיק סטייעט גוטער ווילן און התלהבות אָנצוגיין מיטן אָנגעהויבענעם לימוד. אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען אַז אַלע רעגיסטרירטע סטודענטן פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם עלעמענטאַר־קורס פון שפּראַך מיט הצלחה, באַשטעטיקן אונדז ווידער די אויבן געבראַכטע ציפערן, אַז נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז ממשיך דעם לימוד ביז אַן אַקטיוון שפּראַכבאַניץ, ווייניקסקטנס אין לייענען אַליין אַ יידישן ליטעראַרישן טעקסט מיט אַ ווערטער־בוך. ס׳איז דעריבער קיין ווונדער ניט, אַז אין די פריער דערמאָנטע דריי און צוואַנציק קאַלעדזשן און אוניווערסיטעטן אין וועלכע מ׳האָט אין 1974 געקענט לערנען די יידישע שפּראַך און פאַרשיידענע מדרגות, האָבן נאָר פיר אינסטי־טוציעס געהאַט אויך קורסן פון יידישער ליטעראַטור, אויף וועלכע מ׳האָט זיך באַנוצט מיט יידישע טעקסטן. אין זעכצן פון די דאָזיקע לערן־אַנשטאַלטן האָט מען פאַרגעלייגט קורסן פון יידישער ליטעראַטור נאָר אין ענגלישער איבער־זעצונג. און טייל פון די דאָזיקע קורסן זענען געווען באַשטימט פאַר דער ליטעראַטור ביי יידן בכלל און מ׳האָט געלערנט צוזאַמען איבערזעצונגען פון עגנון, קאַפקאַ, באַבעל און שלום־עליכם מיט די ענגלישע ווערק פון מאַלאַמוד און בעלאָו. און לאָמיר דערביי זיין קלאָר און אָפן: ס׳איז פאַראַן אַ ספק צי אַלע לערערס פון אַזעלכע קורסן זענען געווען גענוג קאָמפּעטענט אָנצופירן מיט אַזאַ לימוד און צי זיי זענען אַליין געווען בכוח צו לייענען אַ יידישן טעקסט אין מקור.

איך וויל נישט חס־ושלום מבטל מאַכן דעם אָנשטרענג וואָס איז פאַרבונדז

אַפּילו מיט דעם דאָזיקן מינימאַלן לימוד פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס איז איצט אַזוי פאַרשפּרייט אין צפון־אַמעריקע: אָבער ווען מיר אָפּעריִרן מיט ציפערן פון הונדערטער און אפשר טויזנטער סטודענטן וואָס לערנען יידיש, דאַרף מען וויסן צו וואָס מען דערגייט מיט אַזעלכע יידיש־לימודים. אַ צו גרויסער טייל פון די סטודענטן ענדיקן די יידיש־לימודים מיט זייער, זייער ווייניק: די שפּראַך אויף אַ שפּיץ מעסער און אַ ביסל ליטעראַטור אין אַ פרעמדן לבוש.

דאָס שטרעבן פון דער יידישער יוגנט זיך צו דערגרונטעווען צו אירע נאַציאָנאַלע וואָרצלען, צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער מאָדע אויף עטנישע שטודיעס אין די אוניווערסיטעטן, האָבן ווי באַוווסט פאַרברייטערט די מעגלעכקייט פון יודאַיִסטישע לימודים און בתוכם אויך פון דעם יידיש־לימוד. בשעת די וויכוחים ארום דעם כאַראַקטער פון די דאָזיקע לימודים האָבן זיך אַנטפּלעקט קעגנגאַנאַנדיקע שטעלונגען ווי אַזוי מ׳זאָל די דאָזיקע קאָניונקטור אויסניצן אויף דעם ראַציאָנעלסטן אופן. פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז וואָס מער און אַפּילו אויף דעם נידעריקסטן ניוואָ, איז אַלץ בעסער. זיי ווילן האָפן אַז פון כמות וועט אַ מאָל אויסוואַקסן איכות. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז מען מוז פון אָנהייב אָן זאָרגן פאַר איכות און פאַרן געהעריקן אַקאַדעמישן פּרעסטיזש פון די יודאַיִסטישע לימודים און פון יידיש ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון די דאָזיקע לימודים. דאָס האָט געהייסן אַז די יודאַיִסטישע לימודים און אויך דער לימוד פון יידיש דאַרף גיין פון אָנהייב אָן אין דער טיף און ניט אין דער בדייט. אין דער פּראַקטיק פון יידיש־לימוד איז מען אָבער אין רוב פאַלן געגאַנגען אין צפון־אַמעריקע מיט דעם ערשטן, דעם לייכטערן וועג. האָב איך מורא אַז דער מצב פון דעם לימוד פון יידיש פאַר ביזגראַדויִרטע סטודענטן האָט שוין דערוויזן, אַז די צווייטע, די ריגאָריסטיש־אַקאַדעמישע שטעלונג איז לכתחילה געווען די גערעכטע.

ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין פּרטימדיקער באַהאַנדלונג פון דעם גאָר און גאָר קאָמפּליצירטן ענין. איך וועל זיך דערלויבן נאָר בקיצור אָנצווייזן אויף עטלעכע מעגלעכע לייזונגען. מע דאַרף זאָרגן פאַר דער אַפּיליאַציע פון יידיש־לימודים אין אָפּטיילונגען און פּראָגראַמען פון יודאַיִסטיק. ווייל מ׳קען קוים דערוואַרטן אַז פאַראיינצלטע יידישקורסן, ווי גוט זיי זאָלן ניט זיין, אין ראַמען פון גערמאַניסטיק, ענגליש, סלאַווישע שפּראַכן און ליטעראַטורן, קאָמפּאַראַטיווע ליטעראַטור וכדומה, אָן אַ מעגלעכקייט צו לערנען גלייכצייטיק מיט די יידיש־לימודים אויך העברעיש, העברעישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע אאַז״וו זאָלן קענען פאַרענטפערן אויף אַן ערנסטן אופן דאָס שטרעבן פון דער יידישער יוגנט זיך צו דערגרונטעווען צו אירע וואָרצלען. יידיש אויף אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשן קען האָבן אַ האָפט און אַ צוקונפט נאָר אין ברייטערע ראַמען פון ערנסטע יודאַיִסטישע לימודים פאַר ביזגראַדויִר־סטודענטן.

ס׳איז זיכער פֿאַראַן זייער אַ סך גוטער ווילן און איבערגעגעבנקייט לגבי יידיש אין דער איניציאַטיוו איינצופֿירן יידישקורסן אומעטום ווו ס׳לאָזט זיך. אויך דעמאָלט ווען דער פֿאַראיינצלטער לימוד פֿירט כמעט צו גאָרנישט. ס׳טרעפֿט אָבער צו אָפֿט אַז אַזאַ לימוד שטויסט אָפּ דעם תּלמיד, ווען ער ווערט געפֿירט דורך ניט־קאָמפּעטענטע לערער־איניציאַטאָרן, וואָס זייער אייגנטלעך געביט האָט ניט צו טאָן מיט יידיש, אָדער דורך סתּם ענטוזיאַסטן פֿון יידיש אָן אַ געהעריקער צוגרייטונג פֿאַרן לימוד אין אַ העכערן לערן־אַנשטאַלט.

און אַז מיר האָבן פּראָבלעמען וואָס שייך דער קאָמפּעטענץ פֿון טייל לערערס, ווערט גאָר האַרב דער ענין פֿון לערנביכער. מיר האָבן נאָר איין פֿאַרלאָזלעך לערנבוך פֿון שפּראַך פֿאַר אָנהייבערס, אוריאל ווײַנרײַכס ענגלישן קאַלעדזש יידיש, וואָס וועט בקרוב אויך אַרויס אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, אין אַן אַדאַפּטאַציע פֿאַר העברעיִש־רעדנדיקע סטודענטן. ס׳איז ביזן היינטיקן טאָג ניט פֿאַראַן קיין איין גוט לערנבוך פֿאַר מער אַוואַנסירטע אינעם שפּראַך־לימוד און מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין גוטע און מאָדערנע לערנביכער פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור און פֿון יידישן פֿאָלקלאָר, וואָס זאָלן פּאַסן פֿאַר ביזגראַדויִר־לימודים אין אוניווערסיטעטן. וואָלטן מיר געהאַט גוטע לערנביכער, וואָלט מען כאָטש טייל־ווייז געקענט גובר זיין די פּראָבלעמען מיט ווייניק קאָמפּעטענטע לערערס.

און דער עיקר, מע דאַרף גוט אין זינען האָבן פֿאָנדן פֿאַר סטיפּענדיעס פֿאַר אַזעלכע ביזגראַדויִר־סטודענטן, וואָס וועלן גרייט זיין צו פֿאַרטיפֿן און פֿאַר־ברייטערן זייערע לימודים מיט אַ פּאַסיקן צוגאָב פֿון יודאַיִסטישע לימודים, אין ראַמען פֿון פֿאַרויס באַשטימטע פּראָגראַמען (major).

דער פֿאַרנעם פֿון מיינע באַמערקונגען וועגן יידיש־לימוד אין אוניווערסיטעטן איז פֿון פֿאַרויס געווען באַגרענעצט אין צייט. דעריבער האָב איך אויך בכיוון אויסגעמיטן ברייטער און פּרטימדיקער זיך אָפּצושטעלן אויף אונדזערע דער־גרייכונגען, וואָס זענען אין אַ טייל ערטער אַוודאי ניט קיין קליינע. האָט זיך אפשר באַקומען אַ ביסל אַ צו פּעסימיסטיש בילד. כ׳בין אָבער טיף איבערצייגט אַז די פּאָסטולירטע פּרטימדיקע און פֿאַרנעמיקע פֿאָרשונג פֿונעם מצב פֿון יידיש־לימוד אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן וועט אין אַלגעמיין באַשטעטיקן מיין קורצן אַנאַליז. דאַרף טאַקע זיין קלאָר, אַז אונדזער לימוד שטייט איצט אויף אַ שיידוועג און אַז אַ טייל פֿון די פֿאַרגעלייגטע מעגלעכע לייזונגען זענען דירעקט פֿאַרבונדן מיט פֿאָנדן. אין דער איצטיקער לאַגע פֿון די אוניווערסיטעטן מוזן די פֿאָנדן קומען פֿון דרויסן. ווײַל איך האָף אַז די דעלעגאַטן אויף דער איצטיקער קאָנ־פֿערענץ וועלן געפֿינען וועגן אויסצודריקן אויף אַ ממשותדיקן אופֿן אונדזער אַלעמענס טיפֿע זאָרג פֿאַר דעם יידיש־לימוד אין אוניווערסיטעטן און העלפֿן באַפֿעסטיקן די צוקונפֿט פֿון דעם דאָזיקן וויכטיקן פֿעלד פֿון יידישער קולטור.

די אָוונט־סעסיע

בעת דער אָוונט־סעסיע דעם 24סטן אויגוסט, אונטערן פאָר־
זיץ פון ב. י. מיכלי, וויצע־פאָרזיצער בערל בעקער, איז פאָר־
געזעצט געוואָרן דאָס אָפּגעבן באַריכטן דורך די דעלעגאַטן,
ווי אויך די דיסקוסיע איבער די געהערטע רעפעראַטן. דער
ערשטער האָט גערעדט דער דעלעגאַט פון דרום־אַפריקע
זלמן לעווי.

זלמן לעווי (דרום־אַפריקע)

חשובער פאָרזיצער, חשובע דעלעגאַטן און געסט.

אָפּגעבנדיק באַריכט פון דער דרום־אַפריקאַנישער יידישער קולטור־באַוועגונג, פאָדערט זיך באַלד אין אָנהויב צוצוגעבן אַז דער דרום־אַפריקאַנישער יידישער קיבוץ ציילט היינט בסך הכל 120 טויזנט נפשות, פון דעם 6 פּראָצענט יידיש־רעדנדיקע און אַן ערך 55 פּראָצענט וואָס פאַרשטייט יידיש.

די יידישע קולטור־באַוועגונג ווערט כמעט אינגאַנצן געפירט דורך דער דרום־אַפריקאַנישער יידישער קולטור־פעדעראַציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן געגנוי מיט 30 יאָר צוריק. אין דער גרעסטער שטאָט פון דרום־אַפריקע — יאָהאַנעסבורג, לעבן היינט צו טאָג געגנוי 60,000 יידן, אַ העלפט פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין דרום־אַפריקע.

אין 1912 האָט זיך אין יאָהאַנעסבורג געגרינדעט דער יידישער ליטעראַרישער פאַראיין. אין 1916 האָט דער ליטעראַרישער פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט „דאָס יידישע וואָרט". דערשינען בלויז 11 נומערן, די אַסימילאַציע איז דאַן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַפילו דער גרינער עמיגראַנט האָט אויך געהאַלטן פאַר זיין ציל זיך אויסצוגרינען און ווערן אַנגליזירט. דאָך האָט זיך דאָס יידישע קולטור־לעבן נישט לייכט איינגעוואָרצלט. די עמיגראַציע שטאַמט בעיקר פון ליטע, פון נאָך דער ערשטער מלחמה. די יידישע קולטור טעטיקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט הן מיט די צוגעקומענע כוחות און הן מיט די קאָנטאַקטן פון מזרח אייראָפּע.

אין 1922 האָט דער ליטעראַרישער פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט „דרום אַפריקע". דערשינען בלויז 9 נומערן. אין יולי 1928 האָט דער ליטעראַרי־שער פאַראיין ווידער באַנייט דעם זשורנאַל און ער האָט געלעבט געגנויע צוויי יאָר. דער ליטעראַרישער פאַראיין האָט זיך ליקווידירט און זיין אָרט האָט פאַר־נומען דער יידישער אַרבעטער־קלוב, אַ לינק־אָריענטירטע אָרגאַניזאַציע. דער

אָרגאַן פון דעם יידישן אַרבעטער־קלוב איז געווען „די פּראָלעטאַרישע שטימע", און אויך אַ חודש־אָרגאַן.

דאַן האָט זיך אין יאָהאַנעסבוג געגרינדעט דער יידישער קולטור־פאַראיין אין 1930 האָט דער קולטור־פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ חודש־זשורנאַל „פּאָרויס" אונטער דער רעדאַקציע פון דעם פּעדאַגאָג און לעקטאָר יצחק כאַרלאַש.

אַט די דריי אויבן דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען די פּאָרגייער פון דער איצטיקער דרום־אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע, וואָס איז, ווי איך האָב געזאָגט, געגרינדעט געוואָרן דעם 31סטן מאַי 1947.

אין דער עקזעקוטיוו פון דער קולטור־פעדעראַציע זענען פאַרטראָטן מענטשן מיט פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, אָבער די איבערגעגעבנקייט צו יידיש לשון און יידישער קולטור האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט.

אויף דער גרינדונג קאָנפערענץ פון דער קולטור־פעדעראַציע איז אָנגענומען געוואָרן אַז די צענטראַלע דאַרף באַדינען די פּראָווינץ וואָס איז געווען פאַרלאָזט אין משך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אין 1948/1947, זענען נאָך געווען אויף דער פּראָווינץ היפּשע ישובים, אַ גרויסער טייל ישובים פון געקומענע פון מזרח־אייראָפּע. די צענטראַלע האָט געשיקט רעפערענטן, האָט איינגעאָרדנט קולטור־אָוונטן פון וועלכן דיש טעטלעך האָבן שטאַרק הנאה געהאַט.

באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער קולטור־פעדעראַציע האָט מען געשאַפן אַ טעאַטער־קאָלעקטיוו וואָס האָט דורכגעפירט פאָרשטעלונגען פון בעסערן רעפּערטואַר. דער קאָלעקטיוו האָט מיטגעשפּילט מיט טעאַטער־גרופּעס וואָס זענען געקומען מעבר לים.

דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו שאַפן אַ קאָמיטעט וואָס האָט איינגע־אָרדנט רעפעראַטן, סימפּאָזיומס און לעבעדיקע צייטונגען, און אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען. עס האָט זיך אויך געגרינדעט אַ פרויען לייען־קרייז וואָס האָט אַראַנזשירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען, פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע שמועסן און רעפעראַטן וועגן ביכער און שרייבער.

די אונטערנעמונגען קומען פאָר אין פּריוואַטע הייזער, אין פאַרשידענע ראַיאָנען פון שטאָט, פון צייט צו צייט פאָרט מען אויך אַרויס אין דער נאָענטער פּראָווינץ. די זעלבע אַרבעטן ווערן געטאָן אין קייפּטאָון, די גרעסטע אָפּטיילונג נאָך דער צענטראַלע.

אין סעפּטעמבער 1948 האָט די קולטור־פעדעראַציע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט „דרום אַפריקע". די ערשטע פינף יאָר איז „דרום אַפריקע" דער־שינען חודשדיק, אָבער פון 1958 דערשיינט „דרום אַפריקע" אַלע צוויי חדשים.

אַ סך וואָסערן זענען אַפּגעלאָפן זייט מיר האָבן געגרינדעט די דרום־אַפרי־קאַנער קולטור־פעדעראַציע. אונדזער פּעריפעריע איז געוואָרן קלענער, צוליב ביאָלאָגישע סיבות. וועגן די סיבות דאַרף מען דאָ נישט רעדן. אַ היפּשע צאָל רעפערענטן, טעאַטער־מענטשן זענען מער נישטאָ. די פּראָווינץ, באַזונדערס די

קלענערע שטעטלעך, זענען יידן־ריין. די קולטור־פעדעראַציע האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ אַראָפּגעבראַכט געסט פון אויסלאַנד, שרייבער, רעדנער, היסטאָ־ריקער און אויך טעאַטער־גרופּן און יחידים־קינסטלער.

טוביה מייזעל (מעקסיקע)

אין דעם קליינעם יידישן ישוב, מעקסיקע, ווייט ווייט פון דאַנען, אין אַן אַצטעקיש לאַנד, האָבן מיר פון די ערשטע טעג ווען אונדזער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין די יאָרן צווישן 22 און 28, באַלד גענומען בויען די יידישע שולע. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אין דער ישיבה גייט מען נאָכן חדר, מ׳גייט נישט אין חדר פאַר דער ישיבה. אַז פאַר דער גימנאַזיע דאַרפן מיר האָבן פאָלקס־שולן, און מיר האָבן אָנגעהויבן בויען אונדזערע פאָלקס־שולן.

אַן ערך 20,000 יידן וווינען אין דער גרויסער שטאָט. אַן ערך 25 און אפשר נאָך ווייניקער פון 25 פּראָצענט קינדער זענען אין שול־עלטער, איז אויב מיר האָבן אין אונדזער אשכנזישער שול, פון אַ באַפעלקערונג פון 4.5 טויזנט קינדער, דריי און אַ האַלב טויזנט תלמידים אין יידישע שולן, באַדייט עס אַז מיר האָבן איבער 70 פּראָצענט קינדער אין אונדזערע שולן, וואָס הייבן אָן אַרבעטן 8 אַזייגער און ענדיקן אַרבעטן 3 אַזייגער, און אין דעם אַלגעמיינעם קוריקולום פון אונדזער שול איז איינגעשלאָסן יידיש ווי אַ לימוד — יידישע שפּראַך, יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע.

ווען איר נעמט אין אַכט אַז דאָס קומט פאָר אין אַ נייעם, יונגן, יידישן ישוב, איז דאָס אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג מיט וועלכער זייער ווייניק יידישע ישובים אין דער וועלט, צום באַדויערן, קענען זיך גרויס האַלטן.

מיר האָבן געבויט, און בויען יידיש לעבן און נישט יידישע קולטור. יידיש קולטור איז יידיש לעבן. אָן יידיש איז נישטאָ קיין יידיש לעבן. נאָר נאַציאָנאַלע שפּראַך און גייסטיקע ווערטן קענען פאַרזיכערן דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק אין די תפוצות. ס׳איז נישט מעגלעך און ס׳איז נישט נוצלעך איבערצוחזרן אַז עס איז נישט מעגלעך קיין נאַציאָנאַלע־וועלטלעכע קולטור אָן דער אייגענער שפּראַך. די אַלע ווערק וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף ענגליש און פאַרנעמען זיך מיט יודאַיִזם זענען פּונקט ווי די ווערק וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דייטשלאַנד וועגן יידישקייט.

אונדזערע יידישע שולן פאַרמאָגן אין זיך דעם אַראָמאַט פון יידיש, ווען מיר זענען אַפילו אין איצטיקן מאָמענט נישט שטאַרק באַגייסטערט פון די דער־גרייכונגען. און פאַרוואָס זענען אונדזערע דערגרייכונגען געוואָרן קלענער און ווען זענען זיי געוואָרן קלענער? מיר מוזן דאָך זיך אַליין זאָגן דעם אמת — די סיבה איז אין דעם וואָס אין אונדזער ישוב זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען פון אינערלעכן און פון אויסערלעכן כאַראַקטער. אונדזער סאָציאַל־

עקאָנאָמישע סטרוקטור האָט זיך שטאַרק געענדערט. מיר זענען פריער געווען אַ פּאַלקקסטימלעכער יידישער ישוב. אַ ישוב וואָס זיין עוואָנאָמישע סטרוקטור איז באַשטאַנען פון סוחרים, פון קלענערע הענדלער, פון אָנגעשטעלטע. דאָס אַלעס האָט זיך געענדערט. הייַנט האָבן מיר 500 יידישע פּראָפעסאָרן אין די אוניווער־סיטעטן פון מעקסיקע. הייַנט האָבן מיר 2500 יידישע פּראָפעסיאָנאַלן. זיי קומען אין נענטערע באַרירונגען אין דער אָפענער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויף זיי אַ שטאַרקע השפּעה. הייַנט איז זייער באַציאונג צו דער גאַנצער יידישער געזעל־שאַפטליכקייט געוואָרן אַנדערש.

עס זענען פאַראַן סיבות, וועלכע מיר מוזן באַקעמפן, ווייל עס ליגט אין אונדזערע כוחות. אין די לעצטע יאָרן איז געוואָרן ביי אונדז אַ טענדענץ צו דערנענטערן דיביידע שבטים, ספרדים און אשכנזים. די טענדענץ ווערט זייער שטאַרק געשטיצט פון דער גאַנצער פילאָסאָפישער איינשטעלונג פון מדינת ישראל — און איך גיי נישט איצט אַריין אין דעם פילאָסאָפישן וויכוח. אָבער דער פאַקט איז אַז מיר דערנענטערן די צוויי קיבוצים, און מיר דערנענטערן זיך אויפן געביט פון אונדזער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט אין מעקסיקע, אָבער די דערנענטערונג פירט צו דעם, אַז אויף די אַלע זיצונגען ווו מיר האָבן פריער גערעדט נאָר יידיש, מוזן מיר אָנהויבן רעדן שפּאַניש, ווייל די מענטשן פון ספרדישן סעקטאָר פאַרשטייען נישט קיין יידיש.

עס קומען דעלעגאַטן פון מדינת ישראל און זיי רופן פאַרזאַמלונגען און וויפל מיר בעטן זיך ביי זיי: רופט באַזונדערע פאַרזאַמלונגען פאַר אַשכנזים און באַזונדערע פאַר ספרדים, וועלן מיר קענען רעדן צו אייך יידיש און איר וועט קענען רעדן צו אונדז יידיש, רופט מען אָבער צוליב אַסך חשבונות וואָס נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו רעדן וועגן זיי, די פאַרזאַמלונגען צוזאַמען. באַקומט זיך אַז יידיש רעדט מען נאָר אין דער אָרגאַניזאַציע פון ריין אשכנזישן כאַראַקטער.

מדינת ישראל דאַרף זיין אַ שותף צו בויען יידיש לעבן איבער דער וועלט, מיט אַלע מיטלען און מיט אַלע כוחות. עס קען נישט זיין קיין איינזייטיקע שותפות.

מיר האָבן אין מעקסיקע געשאַפן אַ יוגנט אין די שולן און אין דעם סעמינאַר. מיר האָבן אַ לערער־סעמינאַר מיט וועלכן מיר האַלטן זיך גרויס. אונדזער לערער־סעמינאַר עקזיסטירט שוין 30 יאָר, און נישט מיט קיין 2־3 תלמידות. מיר האָבן אַרויסגעלאָזן הונדערטער לערערקעס, — הונדערטער יונגע יידישע פרויען וועלכע זענען פאַרבליבן יידישע אינטעליגענטע מענטשן, יידישע קולטור מענטשן.

דער סעמינאַר באַזאָרגט אונדזער שול־וועזן און מיר טראַכטן יעצט צוזאַמען מיט דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר העכערן יידיש־וויסן.

מיר האָבן געשאַפן אין מעקסיקע אַ מוזעאום, און אברהם האַרמאַן האָט,

זייענדיק אין מעקסיקע, מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אפשר נישט מיט קיין גרויסן פּאַרנעם, נאָר מיט זייער אַ גרויסער מחשבה. לאָמיר נישט זיין באַשיידן און זאָגן אייך אַז דער מעקסיקאַנער ישוב האָט דעם מוזעאום אָנגערופן מיט מיין נאָמען, און ער הייסט „דער יידישער היסטאָרישער מוזיי—טוביה מייזל". דער מוזיי האָט אין זיך דריי אידעען: די ערשטע וויכטיקסטע מחשבה איז: באַווייזן אונדזער יוגנט, אונדזער צוקונפטיקע דורות דעם חורבן און דאָס אויסמאָרדן די 6 מיליאָן.

מיר האָבן אייגענע כאָרן. מיר האָבן צייטונגען אין מעקסיקע, צייטונגען וועלכע גייען אַרויס אין משך פון יאָרן.

און איך וועל פאַרענדיקן דאָ מיט איין פראַגע וועלכע מ'שטעלט שטענדיק. מען פרעגט ביי מיר: זענען צוגעקומען לייענערס פון אייערע צייטונגען? מענטשן פאַרשטייען נישט אַז אין אַ לאַנד וואָס האָט שוין 40 יאָר נישט קיין אימיגראַציע, איז דאָך דער האַזיקער דור וואָס האָט געבויט די צייטונגען אויסגעשטאָרבן. מיין דור געפינט זיך אויף יענער וועלט. אויב דער רבונו של עולם האָט מיך איבער־געלאָזט, האָב איך נישט קיין טענות... מיין דור איז נישטאָ. הייגט איז אַ יונגער דור, אַ דור וואָס איז דאָ דערצויגן געוואָרן. און אויב עס גייען אַרויס צייטונגען אין דער זעלבער צאָל, איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן געבויט אַ יידיש לעבן און מיר וועלן ווייטער בויען יידיש לעבן, מיט דער פולער איבערצייגונג אַז אָן יידיש וועט קיין יידיש לעבן נישט זיין.

ב. ווינער (אויסטראַליע)

חברים און פריינד,

איך וויל אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון אַ ווייטן קאָנטינענט. פון צייט צו צייט דערמאָנט מען אין די צייטונגען אויסטראַליע, דאָס יידישע לעבן אין אויסטראַליע. איך דערמאָן מיר אַז מען האָט אונדז געפרעגט אַמאָל: פאַרוואָס ווילט איר פאָרן נאָך אויסטראַליע, איז דער ענטפער געווען: עס איז ווייט פון גאָט און ווייט פון מענטשן.

הייגט לעבן מיר אין מאָדערנע צייטן. מיר קומען זיך אַלע צוזאַמען פון ווייטע יידישע מקומות, פון אַ סך ערטער, און מיר ווילן דאָ ווייטער פאַרפעסטיקן און שטאַרקן דאָס יידישע לעבן. אָבער עס איז וויכטיק, זייער וויכטיק, אויסצוהערן די באַריכטן פון די ערטער, זייער אָפט איז דאָ אַ געוויסער אומגעדולד, מען וויל נישט הערן דעם אָדער יענעם רעדנער, און מיר פאַרגעסן אַז איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן הייגט אין די יידישע צייטונגען איז די כראָניק. מיר ווילן הערן וואָס הערט זיך אין יעדן לאַנד אין דער וועלט, כדי מען זאָל קענען קריגן בטחון, שטאַרקן די אַרבעט.

וויל איך אייך געבן אַ גרוס פון אויסטראַליע, ספּעציעל פון מעלבורן. אין

אויסטראַליע זענען דאָ עטלעכע און זיבעציק טויזנט יידן. אַרום 35,000 אין מעלבורן און זיי האָבן געטאָן און האָפן צו טאָן ווייטער אין דער צוקונפט.

די יידישע אימיגראַציע איז דאָרטן אַלט עטלעכע און זעכציק יאָר. זי האָט זיך אָנגעהויבן קודם כל אין די יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, און ספּעציעל געשטאַרקט נאָכן יאָר 1945, ווען עס איז געקומען אַ מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּעישע יידן.

וואָס טוען מיר דאָרטן? וואָס האָבן מיר דאָרטן דערגרייכט און וואָס איז די אַרבעט? איך וויל זיך אָפּשטעלן ספּעציעל אויף דער אַרבעט אין דעם יידישן סעקטאָר. איך וויל זאָגן, אַז עס איז דאָ אַן אַלגעמיינע יידישע רעפּרעזענטאַנץ. דער באָרד אָוו דעפּיוטיס, וועלכער איז דער פאָרשטייער פון דעם יידנטום פאַר דער רעגירונג און פאַר די אינסטאַנצן.

מיר האָבן נישט אַזאַ גרויסן איינפלוס אויף דעם יידישן לעבן, און ספּעציעל אויף דעם יידיש־יידישן לעבן. עס זענען דאָ אַ רייע אינסטיטוציעס, און די שטאַרקסטע און די וויכטיקסטע איז די „קדימה" וועלכע איז אַלט 65 יאָר. אַן אינסטיטוציע וועלכע איז געוואָרן די צענטראַלע פון יידישן קולטור־לעבן. דאָרטן פירט זיך די יידישע קולטור־טעטיקייט. עס איז דאָ יידיש טעאַטער. אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל און מען פירט דאָרט אַ גאַנצע ריי אַנדערע אַקטיוויטעטן.

די „קדימה" אָרגאַניזירט איבער 70 אונטערנעמונגען אין פאַרלויף פון יאָר. עס קומען לעקטאָרן. לעקטאָרן פון דער וועלט. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר האָבן נישט גענוג אייגענע אינטעלעקטועלע כוחות. האָבן מיר געזוכט אַ בריק צו דער וועלט. יעדעס יאָר פאַרבעט די "קדימה" אַ באַקאַנטן יידישן לעקטאָר פון אַן אַנדער יידישן ישוב. מיר ברענגען לעקטאָרן, מיר ברענגען אַרטיסטן, מיר ברענגען רעזשיסאָרן, וועלכע שטאַרקן און מאַכן דאָס יידיש לעבן בעסער, שענער און אינטערעסאַנטער.

עס איז דאָ אַ „דוד הערמאַן קרייז", אַ יידישע טעאַטער־גרופּע, וואָס עקזיסטירט שוין אַ סך צייט. אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע פּראָמינענטע יידישע אַרטיסטן ווי יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער זענען פאָרגעקומען אויפ־פירונגען פון אַ פאַרנעם. עס איז אַן אַמאַטאָרן טעאַטער וואָס איז ערנסט און קען זיך נישט פאַרשעמען קעגן אַ סך פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטערן וואָס איך האָב געזען אין דער וועלט.

מיר האָבן אויך געשאַפן אין לויף פון דעם לעצטן יאָר אַ יוגנט־טעאַטער, אַ טעאַטער פון יונגע מענטשן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט, סיי אין ענגליש און סיי אין יידיש. די טרופּע באַשטייט פון 35 יונגע מענטשן. מיר האָבן אויך אַ כאָר וועלכער האָט איבער 60 מיטגלידער.

מיר האָבן אַ פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס עקזיסטירט 25 יאָר און האָט אָנגעשלאָסן אין זיך 22 פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן; אַ קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור וועלכע פירט אַדורך אַ גאַנצע רייע קולטור־אַרבעטן און גיט

אַרויס אַ גאַנצע ריי יידישע ביכער. מיר האָבן אַ יידיש שול־ווען וואָס האָט אָנגעהויבן מיט 2 יידישע טאָג־שולן, מיט 2 יידישע נאָכמיטאָג־שולן, וועלכע האָבן געפירט זייער אַרבעט זייט 1936, ווען לאה ראוויטש איז געקומען און געהאָלפן גרינדן די איצטיקע יידישע שולן.

די שולן זענען זיך פאַראַנדערגעוואַקסן, אָבער מיר זענען געווען עדות, און מיר זענען עדות אין דער גאַנצער יידישער וועלט פון אַ באַרג־אַראָפּ פון די יידישע נאָכמיטאָג־שולן און פון די יידישע זונטאָג־שולן. האָבן מיר, מיט צוויי יאָר צוריק, באַשלאָסן צו מאַכן אַ דרייסטן פּרוּוו און געשאַפן אַ יידישע טאָג־שולע, דאָס וואָס מען זאָגט אַז עס איז נישט מעגלעך, האָבן מיר באַוויזן אַז ס'איז יאָ מעגלעך. אָן דער הילף פון גרויסע יידישע אינסטיטוציעס, אָן דער הילף פון דאָרטיקע יידישע גבירים, האָבן 6 מענטשן געמאַכט אַ פּרוּוו און מיט דער צייט דערגרייכט אַז מיר האָבן איצט 2 אָפּטיילונגען פאַר יידישע שולן. מיר האָבן אויך צוויי קינדער־היימען און אַלע פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן אַז די שול זאָל זיין שענער, בעסער און אינטערעסאַנטער.

איך בין דאָ נישט דער יינגסטער און נישט דער עלטסטער, אָבער מיר האָבן אין מעלבורן געשאַפן אַ בריק צווישן די דורות. מיר האָבן אויפגעבויט יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, יידישע יוגנט־גרופּן. מיר האָבן אַריינגעבראַנגט יידיש לשון אין די מיילער פון הונדערטער יונגע מענטשן. און אַ דאַנק דעם האָבן מיר די מעגלעכקייט געהאַט צו שאַפן די יידישע שול. אין דער יידישער שול קומען אויך עלטערן, די וועלכע קענען נישט קיין יידיש און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו לערנען יידיש, און זיי זאָגן אַז דאָס אוממעגלעכע קען ווערן געשאַפן. אויב מיר אין מעלבורן האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ וויכטיקן צענטער, ווי אַ טאָג־שולע, וועלכע דערציט יידישע קינדער, איז דער חוב צו דערמאָנען אַז אין דער גאַנצער יידישער וועלט דאַרף מען נישט וואַרטן אויף קיין נסים. מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט קען מען שטאַרקן דאָס יידישע לעבן.

י. ב. זאַלצבערג (קאַנאַדע)

טייערע פריינד, דער קאַנאַדער יידישער יישוב ציילט אַרום 300,000 נפשות. די באַפעלקערונג איז צעוואָרפן פון דעם אַטלאַנטישן ים ביזן פּאַסיפיק. אין צענדליקער ישובים, אָבער עס זענען דאָ דריי גרעסערע צענטערן — מאָנטרעאָל, דער עלטסטער און דער גרעסטער, אַרום 125־130 טויזנט. טאָראָנטאָ פון אַרום 150 טויזנט, וויניפּעג פון אַרום 20 טויזנט. דאָס איז אַ גליק, ווייל די דריי צענטערן זענען גרויס גענוג צו קענען אַנטוויקלען אַ נאָרמאַל יידיש גייסטיק־קולטורעל, געזעלשאַפטלעך לעבן און ממילא באַדינען די קלענערע ישובים וועלכע זענען צעוואָרפן איבערן לאַנד.

קאַנאַדע איז געבענטשט אויך מיט דעם וואָס זי פאַרמאָגט אַ זייער בכבודיקע יידישע אויסגאַבן וועלכע דערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך, חודשלעך א.אַ.וו. געוועזן באַקרוינט מיט מלך ראַוויטשן. דער עצם פאַקט פון זיין לעבן מיט אונדז און צווישן אונדז, האָט משפיע געווען און האָט צוגעגעבן כבוד דעם גאַנצן ישוב און דער יידישער שרייבער־וועלט.

מיר האָבן אַנגעזונע, וועלט־באַקאַנטע פּאָעטן, נאָוועליסטן, שרייבער און וויסנשאַפטלער. איך וועל דערמאָנען בלויז איין ביישפּיל, שמשון דונסקיס וועלט־באַקאַנטע ארבעט, איבערזעצונג אויף יידיש פון מדרש. אין טאָראָנטאָ לעבט נחמן שמן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן וויכטיקע ווערק, צו וועלכע ער האָט געשעפּט מאַטעריאַלן פון תלמוד, פון רבנישער ליטעראַטור א.אַ.וו.

אין וויניפּעג למשל, האָט דער פּרינציפּאַל פון דער דאָרטיקער טאָג־שולע ערשט אַרויסגעגעבן אַ מעטאָד פון לערנען יידישע געשיכטע אויף אַ נייעם אופן. אזוי אַז מיר קענען זיין שטאָלץ מיט אָט דער משפחה. פון דעסטוועגן איז אונדזער ישוב נישט פריי פון די צרות און געפאַרן און שטרויכלונגען וואָס אַלע יידישע ישובים אויסער ישראל האָבן צו ליידן. איך וויל אונטערשטרייכן די שפּראַך־אַסימילאַציע. מיר האָבן אַמאָל געהאַט דריי יידישע טאָג־צייטונגען, האָבן מיר היינט צוויי. מיר האָבן 5 שטענדיקע וואָכן־צייטונגען. מיר האָבן אַ ריי אַנדערע יידישע אויסגאַבן וועלכע דערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך, חודשלעך און אַזוי ווייטער. אָבער מען מוז אויך צוגעבן, אַז אַמעריקאַנער יידישע אויסגאַבן ווי דער „פאָר־ווערטס", קומען צו אונדז יעדן טאָג און צו סוף־וואָך פאַרקויפן זיך נאָך טויזנטער קאָפּיעס פון דער יידישער סוף־וואָכיקער אויסגאַבע.

דער יידישער ישוב אין קאַנאַדע איז אַ קעמפערישער, אַ דינאַמישער אויפן געביט פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון קאַמף פאַר קיום און המשך. און דאָס איז אויך אמת אין אַ גרויסער מאָל וועגן דעם יידיש־קאָמיטעט.

אין די פאָר געציילטע מינוטן וועל איך זיך נישט אַריינלאָזן אין פרטים. דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון אונדזער קאָמיטעט, שרה ראָזענפעלד, האָט אָנגעשריבן אַ זייער דעטאַליזירטן באַריכט וואָס די פון אייך וועלכע זענען פאַר־אינטערעסירט צו וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אונדז, קענען אים באַקומען.

איך וועל אונטערשטרייכן עטלעכע מאָמענטן פון אונדזער אַרבעט, וועלכע איז אפשר אייגנאַרטיק. און מיט אַ האָפענונג אַז זי וועט אפשר זיין פּאַסיק אין אַנדערע יידישע מקומות.

1) קאַנאַדע איז געבענטשט מיט דעם וואָס זי האָט אַ יידישן קאָנגרעס, וואָס איז כולל 99 פּראָצענט פון דעם גאַנצן יידישן ישוב. דאָס איז ווי מען רופט „די שירם־אָרגאַניזאַציע", די צענטראַלע פון דעם יידישן ישוב אין קאַנאַדע איז דאָס טויער פון דעם יידישן ישוב אין קאַנאַדע צו דער גאַנצער וועלט. דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל אַ טייל פון אונדזער אַרבעט, אונטערגענומען אין די לעצטע

7—8—9 יאָר, האָט נאָר געקאָנט זיך אַנטוויקלען און צושטאַנדקומען אויף דעם באַזישן פאַקט וואָס זי וועט געפירט דורך דעם קאָנגרעס.

יידישע קאָמיטעטן זענען אַנטשטאַנען מיט 12—13—14 יאָר צוריק. מיין פערזענליכע מיינונג איז אַז יענע גרופּן, יענע קאָמיטעטן, אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג, זענען געווען זייער אָפּגעזונדערטע, סעקטאַנטיש־איזאָלירטע, אָון געהאַט אַ השגה וואָס האָט נישט גורם געווען אַז זיי זאָלן אַרויס צו דער ברייטער עפענטלעכקייט. זיי האָבן געהאַט טענות צום קאָנגרעס — גערעכטע טענות. מיט אַ יאָר 7 צוריק איז פאָרגעקומען אַ דורכרייס, און די קאָמיטעטן האָבן איינגעזען אַז זיי קאָנען נישט און דאַרפן נישט זיין מחוץ פון דער אָרגאַניזירטער מחנה, שטיין אין דרויסן, האָבן אייגענע ווינקעלעך און נישט זיין אַקטיוו אין דעם אָרגאַניזירטן יידישן לעבן. און עס איז צושטאַנד געקומען אַזאַ מין געשעעניש, אַז דער יידישער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אונדזער פאָדערונג אַז יידיש, יידיש לשון, יידישע קולטור, זאָל ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון דעם קאָנגרעס. מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין דרויסנדיקע און אַריינגעגאַנגען און געוואָרן אינעווייניק אין קאָנגרעס.

דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וואָס זיין זיץ־פּלאַץ איז מאָנטרעאָל. די ראַיאָן־קאָמיטעטן אין טאָראָנטאָ און אין וויניפּעג זענען אין דעם קאָנגרעס־אַפּאַראַט. מיר זענען אַ טייל פון אַלע אינסטאַנצן פון קאָנגרעס. מיר האָבן אָנגעפאַנגען די באַוועגונג צו קריגן בירגערשאַפט פאַר יידיש. עס איז נישט געווען איינגאַנצן שווער. און דער קאַמף איז אויך געווען פאַר אַ רעאַריענטאַציע, נישט זיין סעקטאַנטיש און ברוגז יעדעס מאָל ווען מען רעדט נישט קיין יידיש. אונטער־שטרייכן זייער שטאַרק די קולטורעלע רעכט פון יידיש און יידיש שאַפן. פאַר־בינדן יידיש און די יידישע קולטור מיט דער גאַנצער שאַפונג פון יידישקייט פאַר דורות און דורות. יידיש — נישט עפּעס ווי אַ דרויסנדיקער ענין, נאָר מיר האָבן זיך געזאָגט: דאָס איז אַ טייל פון קאַמף פאַר קיום און המשך, און מען קאָן נישט זיין קיין קעמפער פאַר קיום און המשך, אויב מען פאַרשטייט נישט הונדערטער יאָרן פון שאַפן אין יידיש און דורך יידיש, אַלע באַוועגונגען און אַנטוויקלונגען אויף דער יידישער גאַס.

איך מיין, חבר פאָרזיצער, אַז איך וועל נישט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן אַז היינט איז דאָס מער נישט קיין ענין פון דיסקוסיעס און דאָס ווירקט זיך אויס אויף אַן אופן, וואָס עפנט גרויסע מעגלעכקייטן. אין 2 מאָנטרעאָלער אוניווערסיטעטן לערנט מען יידיש, שפּראַך און ליטעראַטור.

אין טאָראָנטאָ איז איינגעפירט געוואָרן דער לימוד פון לשון יידיש. אין דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ איז יידיש אָנערקענט ווי אַ שפּראַך פאַר מאַטורע. ענגליש־רעדנדיקע גרופּן לערנען יידיש לשון. מיר האָבן למשל אין טאָראָנטאָ אַ קוריאָז: ביי אונדז איז דאָ אַ קאָמיטעט פאַר יידיש, פון ענגליש־רעדנדיקע. אַמאָל האָט מען געזאָגט: שקצים, אַוועק. היינט איז מען גליקלעך ווען זיי קומען צו אונדז.

מיר האַנדלען אונטער מיט אַ צווייטן טאָראָנטאָ־אוניווערסיטעט וועגן יידישער ליטעראַטור און יידישער שפּראַך. אין וויניפּעג איז שוין יאָרן־לאַנג דאָ אַ יידיש־קאַטעדרע. בכלל, די חשיבות פון יידיש האָט זיך געהויבן. עם־הארצים וואָגן איצט נישט צו לאַכן פון יידיש. זיי שאַצן יידיש. די יונגע שאַצן יידיש.

אין מאָנטרעאָל זענען דאָ יידישע טעאַטער־גרופּן, וואָסערמאַנס טעאַטער־גרופּע עקזיסטירט שוין 19 יאָר. איצט איז די גרופּע געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן יידישן צענטער, דער בראָנפמאַן־צענטער. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן בעסער. טעוויזענטער קומען צו זייערע פאָרשטעלונגען. מיר אין טאָראָנטאָ למשל, פירן דורך פעסטיוואַלן אין יידיש.

וויניפּעג האָט אַ גרופּע, און זיי פאָרן אַרום און רעדן, שפּילן און טאַנצן. פאַר אַ סך פון זיי איז יידיש שווער, איז וואָס?

טאָגשולן עקזיסטירן אין קאַנאַדע שוין כמה וכמה יאָרן. די ערשטע יידישע טאָגשול איז געגרינדעט געוואָרן אין וויניפּעג, אונדז האָט איבער 300 קינדער. יידיש איז אַ באַשטאַנדטייל פון דעם לימוד. אין מאָנטרעאָל האָבן די פּאַראייניקטע טאָגשולן, וועלכע עקזיסטירן שוין אַ סך יאָרן, 1500 תלמידים, און זיי וואָלטן גע־האַט מער. עס פעלט זיי פּלאַץ.

אין טאָראָנטאָ איז דאָ אַ ביאַליק טאָגשול און אַ תלמוד־תורה. די תלמוד־תורה האָט איצט אָנגעהויבן לערנען יידיש אין דריי העכערע קלאַסן. מיינט דאָס אַז אַלץ איז גוט? ניין. דער וועג איז אַ שווערער, אָבער מען טאָר נישט זיין פּאַרגליווערט און מען טאָר נישט פּראַקטיצירן נאָר דאָס וואָס מען האָט געטאָן מיט 50 יאָר צוריק. יונגע קומען, ענגליש־ אָדער שפּאַניש־ אָדער פראַנצויזיש־רעדנדיקע. נעמען מיר זיי אויף. מיר מוזן זיי אויפנעמען, און מען דאַרף עפענען די טירן, עפענען די פענצטער און אַרויסגיין מיט יידיש און רעדן יידיש, און רעדן וועגן יידיש בכל לשון. לכל הדעות פּרווון מיר דאָס טאָן.

אין די ראַמען פון דער סעסיע האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט פּראָפ. יוסף ק. לאַנדיס, וועלכער האָט גערעדט וועגן יידיש אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן.

יוסף ק. לאַנדיס

פון אַלע שטריכן וואָס מען קען דערשפּירן אין דער יידישער געשיכטע — אָדער, אויב איר ווילט, צו איר צושרייבן — איז דער סאַמע בולטסטער שטריך איר סתירותדיקייט, די איראָנישע קאָנטראַסטן וואָס געפינען זיך אין איר. וואָסער פאָלק, אַזאַ ליידנדיקס — אפשר דאָס סאַמע ליידנדיקסטע — וואָלט זיך באַטראַכט ווי אויסדערוויילט און דאָס דווקא געמיינט אָן שפּאַס? וואָסער אַנדער פאָלק וואָלט

אזוי לאַנג עקזיסטירט אַן אַ לאַנד? ווידערשפּרוך לאָזט זיך מערקן אפילו אין דעם באַגריף „היים" גופא און אין דעם באַגריף גלות. און זיכער קען מען דערקענען ווידערשפּרוך און איראָניע אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע, בפרט אין שייכות מיטן לימוד פון יידיש אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. דערלויבט אויף אַ מינוט־צוויי איבערצוחזרן אַ בלאָט באַקאַנטע געשיכטע.

אין מזרח־אייראָפּע האָבן סוף 19טן אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט געלעבט וואָסערע 12 מיליאָן יידן, געלעבט לויט זייער אָפּשאַצונג אין דער פרעמד, געוווּסט אַז זיי ווערן באַטראַכט ווי פרעמדע, אַפילו ווען זיי האָבן געקעמפט פאַר זייערע רעכט ווי גלייכבאַרעכטיקטע איינוווינער. דאָך האָבן זיי, ווי באַקאַנט, אין דער דאָזיקער פרעמד, אין דעם דאָזיקן גלות, אויסגעבויט אַ גייסטיקע און קולטורעלע היים וואָס איז מיט אירע אינערלעכע רייכטימער דאָס רוב געווען אַ וועלט פון נשמה־שלום און נשמה־שלימות, אַ טיף יידישע און רייך יידישע וועלט.

ווען עס האָט צוליבן אינערלעכן און אויסערלעכן דרוק אויפגעריסן די עכט־יידישע, שעפעריש־יידישע גלות־היים, און פון דעם געפּלאַצטן מזרח־אייראָפּעישן רעזערוואַר האָבן גענומען פליסן טייכן יידן אין אַלע ווינקלעך פון דער גאַרער וועלט, האָבן יידן אין די נייע לענדער איינגעזען נאָך בולטער אַז זייער פריער־דיקער גלות איז פאַרט געווען היים; און זייער ליטעראַטור, בפרט אין אַמעריקע און ניט בלויז במשך פון דער ערשטער אימיגראַנטן תקופה, איז געווען אָנגעזאַפּט און דורכגעווייקט מיט אַ בענקשאַפט וואָס איז געשטאַנען אין היפּוכדיקן קאָנטראַסט מיט זייער האָפענונג און ליבשאַפט צו דער נייער היים.

דער צווייטער דור יידן אין אַמעריקע האָט זיך שוין אַרומגעכאַפּט מיט דעם נייעם לאַנד. ער איז אַריין אין די אוניווערסיטעטן, אַריין אין די פּראָפעסיעס, אַריין אין געשעפט, אָנגעהויבן — ווי מען האָט דאָס באַצייכנט — זיך אַרויפ־צואַרבעטן. אין זייער פּערזענלעך לעבן, הייסט עס, האָבן יידן אין דעם פּעריאָד פון דעם צווייטן דור יידיש לעבן אין אַמעריקע, ד. ה. צווישן ביידע וועלט מלחמות, געפונען אַ היים. אָבער די יידישע קולטור איז צוזאַמען מיט איר שפּראַך אַריין אין גלות — אין אַלע יידישע ישובים, כמעט אומעטום אָדער באַקעמפט, אָדער פאַרלאָזן דורך שפּראַך און קולטור אַסימילאַציע; און — ווידעראַמאָל פּאַראַדאָקסאַל — געשען איז דאָס דווקא אין יענע יאָרן צווישן די מלחמות ווען די שאַפונג און די פאָרשונג אויף יידיש האָבן דערגרייכט זייער העכסטן עטאַפּ.

אין אַמעריקע געפינען מיר זיך איצט אין דער צייט פון דעם דריטן דור פון יידישן מאַסן־לעבן, אין דעם פּעריאָד ווען עס זענען שוין אויסגעוואַקסן די אייניקלעך פון די אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה. מיר געפינען זיך איצט אין דער צייט ווען די

דאָזיקע אייניקלעך קומען שוין אָן, במשך פון די לעצטע צען יאָר, אין די אוניווערסיטעטן, דאָס רוב פרייע ליבהאָבער פון אַ גלות לאַנד, וואָס עס פעלט זיי אַפילו ניט אין זייערע ווילדסטע חלומות צו באַטראַכטן אַנדערש ווי אַ הײמלאַנד. פאַר די דאָזיקע שפּראַך־אַסימילירטע קינדער פון אָפּטמאָל שפּראַך־אַסימילירטע עלטערן, וואָלט דאָך געווען דאָס סאַמע נאַטירלעכסטע ווייטער צו שפּאַנען מיט לאַנגע האַסטיקע טריט אויפן וועג צו דער פרעמדער — אָבער אויך שוין אייגענער — אַמעריקאַנער קולטור. דערשפּירט מען אָבער אַ גאַנץ איבער־ראַשנדיקע און ווידעראַמאָל, סתירותדיקע דערשיינונג אין אונדזער אַמעריקאַנער יידישן לעבן. כאָטש גאָר אַ סך יונגע יידן גליטשן זיך טאָקע אַוועק ווייטער פון יידישן לעבנס־אינהאַלט און צו אַ שטאַרקן יידישן באַוווסטזיין. די דאָזיקע זיי אַלץ שוואַכער און עס גייט זיי ניט אָן ניט יידן, ניט יידישקייט, ניט ישראל; כאָטש דאָס פּינטעלע ייד הייבט זיך אָן אויסבייגן אין אַ פראַגעצייכן, דאָך זענען פאַראַן מאַסן יונגע יידן פון דריטן דור וואָס קערן זיך יאָ אום צו אַ יידישן לעבנס־אינהאַלט און צו אַ שטאַרקן יידישן באַוווסטזיין. די דאָזיקע יונגע לייט און מיידלעך פון דעם דריטן דור יידיש לעבן איז אַמעריקע טראָגן דעם חותם פון זייער געשיכטליכער עפּאָכע — די עפּאָכע פון צוריקקער צו דער קולטור־ירושה און די קולטור־ווערטן פון זייערע זיידע־באָבעס. דער ערשטער וואָס האָט באַמערקט אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג אין אַמעריקע איז געווען דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער פון סקאַנדינאַווישן אָפּשטאַם, מאַרקוס לי האַנסען, אין זיין פאָרש־אַרבעט איבער דעם לעבן פון דעם סקאַנדינאַווישן ישוב אין אַמעריקע. די אייניקלעך ווילן געדענקען, האָט ער אויסגעפונען, וואָס די עלטערן ווילן פאַרגעסן. די דאָזיקע געשיכטלעכע דיאַלעקטיק מערקט זיך אויך אין דעם לעבן פון כמעט אַלע קולטור־מינדערהייטן אין אַמעריקע, אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט צום שטאַרקסטן, דוכט זיך, ביי יידן. דאָס וואָס האַנסען האָט באַצייכנט „דער צוריקקער פון דעם דריטן דור" איז אָבער פאַקטיש נישט דער גאַנצער אמת. צוריקקער איז כאַראַקטעריסטיש נישט בוכשטעבלעך דווקא פאַר אייניקלעך פון אימיגראַנטן. וואָס איז שייך יידיש לעבן איז צוריקקער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט פון אונדזער צייט, פאַר דער עפּאָכע פון דעם דריטן דור פון דעם אַמעריקאַנער ישוב, און דער גייסט פון צוריקקער באַהערשט אויך מיטגלידער פון צווייטן דור.

צו וואָס זשע קערן זיך אום די דאָזיקע צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער יידן? אין תוך זוכן זיי אַ וועג צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָרגענעם: צו זייער פאַרגאַנגענהייט, צו דעם לעבן, צו די דערפאַרונגען, צו די קולטור־ווערטן, צו דעם לעבנס־שטייגער פון די מזרח אייראָפּעישע יידן פון דעם אימיגראַנטישן דור. צווישן די פּאָפּולערסטע ביכער אין גאַנץ אַמעריקע איז היינט צו טאָג דאָס בוך פון פּראָפעסאָר אירווינג האַו „וועלט פון אונדזערע טאַטעס", אַ בוך וועגן דער וועלט וואָס דער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט געבויט דער

עיקרשט אין יידיש אויפן געביט פון קולטור און לעבן. און האוס בוך אין ווייט נישט דאָס ערשטע וואָס איז אַרויס פון אַמעריקאַנער אַקאַדעמיקער וועגן דער יידיש־שאַפונג אין אַמעריקע און זיכער נישט דאָס לעצטע. במשך פון די לעצטע צען יאָר זענען דערשינען אַ טוץ אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען. ווער שמועסט נאָך פון די צענדליקער איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס זענען דערשינען און צעכאַפּט געוואָרן! אונדזערע מוזייען גרייטן צו אויסשטעלונגען; אונדזערע טעאַטערס אויף ענגליש שטעלן פּיעסן; אונדזערע פילם־פּראָדוצירערס פילמירן קינאָ־בילדער — אַלץ וועגן דעם לעבן פון דעם אַמעריקאַנער יידיש־רעדנדיקן ישוב. אין דער צייט פון דעם צווייטן דור, איז דער צוגאַנג צום אימיגראַנטן־לעבן געווען פול מיט ביטול. אין דער היינטיקער צייט איז ער פול מיט ליבשאַפט און צאַרטקייט און בענקשאַפט — און עס מערקט זיך אין אים די נישט־געשטעלטע פראַגע: וואָס זענען מיר, ווען מיר קוקן זיך אום אויף אונדזער נאָענטן עבר אין אַמעריקע — וויפל מיר האָבן שוין דערגרייכט, צי וויפל מיר האָבן שוין פאַר־לוירן?

פון די אַלע דערשיינונגען ווי אויך פון אַנדערע איז אָבער איין אויספיר קלאָר: כאָטש עס זיינען פאַראַן פלאַנצן וואָס האָדעווען זיך אויף לופט איז דאָס ניט חל אויף פעלקער.

דאָס באַנייטע שטרעבן צו יידישער אידענטיטעט, צו יידישן וועזן, קען נישט באַפרידיקט ווערן בלויז דורך הסכמה מיט אַבסטראַקטע פּרינציפּן. „זיין" מיינט טאָן, „וועזן" מיינט זיך באַוועגן, זיך באַטייליקן, זיך לערנען, הנאה האָבן, לייענען, פאַרברענגען, אַפּהיטן, ווען נויטיק קעמפן. פאַר די דאָזיקע אַזויגערופענע זיך־צוריקקערנדיקע מאַסן יידן מיינט יידיש לעבן, פאַרזעצן, באַנייען, איינזאַפּן, רע־מאַנטירן, צופּאַסן די קולטור־ירושה פון זייערע זיידעס. ווען די דאָזיקע זיך־צוריקקערנדיקע יוגנט קומט אָן אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן פאַרשרייבן זיי זיך דאָרט ווו עס עקזיסטירט די מעגלעכקייט אויף קורסן אין יידיש און אין יידישער ליטעראַטור און אין יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש. אין וואָסערע פּערציק אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע זענען איצט פאַראַן קורסן אויפן געביט פון יידיש. יעדן זמן פאַרשרייבן זיך עטלעכע טויזנט סטודענטן אויף די קורסן. אין איין אוניווערסיטעט, דווקא אַ קליינער מיט קנאַפּע 4000 סטודענטן און ווייט ניט אַלע יידן, האָבן זיך פאַרשריבן אין איין איינציקן איבערבליק־קורס אויף ענגליש איבער דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, אַן ערך 375 סטודענטן. איז דער דאָזיקער פאַקט אַליין ניט בלויז אַ דערשטוינענדיקער. ער איז טאַקע אויך אַן אָנווייז אויף דער מערכה פון יידיש אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס.

אין די דרייסיקער יאָרן, אין די יאָרן פון דעם צווייטן דור, ווען יידיש לעבן אויף יידיש האָט געהערשט אין אַמעריקע, זיינען, פאַראַדאָקסאַל, געווען גאָר ווייניק יידישע לימודים אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. פון יידישער שפּראַך איז דאָך שוין אָפּגערעדט. בלויז איין־איינציקן פּראָפעסאָר איז איינגעפאַלן צו

דערמאָנען אַ יידישע ליטעראַטור אין זייַנע קורסן וועגן אייראָפּעישער און פּאַר־גלייכלעכער ליטעראַטור. עס איז פּאַר אונדז אַ זכיה און אַ גליק וואָס דער מענטש איז נאָך דאָ ביי אונדז — ביז מאה ועשרים — נאָך אַלץ דער ענערגישער עסקן — ד״ר סאָל ליפּצין, און כדאי איז צו דערמאָנען אַז ד״ר ליפּצין איז אויך געווען דער ערשטער אייַנצופירן יידיש אין אַן אַמעריקאַנער קאָלעדזש ווען ער האָט, אין די אָנהייב פּערציקער יאָרן, אַרייַנגעבראַכט דר. מאַקס ווייַנרייַך, ע״ה, אַלס פּראָפעסאָר פון יידיש אין דער אָפּטיילונג פון דייטש אין ניו־יאָרקער שטאָטישן קאָלעדזש. וויכטיק איז אויך צו דערמאָנען די אַספּיראַנטור־פּראָגראַם ביים ייוואָ אין יענע יאָרן, וואָס, כאָטש די קורסן אירע האָבן נישט געטראָגן קיין קאָלעדזש קרעדיטן, זענען זיי פּאָרט געשטאַנען אויף אַ הויכן אַקאַדעמישן ניוואָ.

אויב פון איין אוניווערסיטעט איז געוואָרן פערציק, איז דאָך אונדז גוט...
איז דער ענטפער — ס׳וואָלט אָבער געדאַרפט און געקענט זיין אַ סך בעסער.

כאָטש מען לערנט יאָ יידיש אין 40 אוניווערסיטעטן, מוז מען געדענקען אַז עס זענען אין אַמעריקע פאַראַן העכער 3000 אוניווערזיטעטן, דאָס רוב פּריוואַטע אינסטיטוציעס, נישט אויסגעהאַלטענע פון קיין רעגירונג. אמת, ניט אין יעדן קאָלעדזש געפינען זיך יידן און דערצו אַזעלכע וואָס וואָלטן געוואָלט זיך לערנען יידיש. אָבער עס וואָלטן זיכער געקענט זיין צוויי מאָל, דריי מאָל, אפשר פיר מאָל 40 קאָלעדזשעס מיט יידיש־קורסן. אָבער כדי דעם ציל צו דערגרייכן קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט, אַז די קורסן זאָלן ספּאָנטאַן אויסוואַקסן, אָדער אַז די יידיש־סימפּאַטיע לערערס זאָלן ווי דאָס זאָל נישט זיין איינשטעלן אַ קורס אָן דער פינאַנציעלער הילף פון דער אַדמיניסטראַציע. אין דעם קאָלעדזש ווו די 375 סטודענטן האָבן זיך פאַרשריבן וואָלטן געדאַרפט זיין צען קורסן.

אין דעם קווינס־קאָלעדזש מיט וועלכן איך בין פאַרבונדן און וועלכער איז אַ טייל פון דעם ניו־יאָרקער שטאָטישן אוניווערסיטעט וואָס געפינט זיך איצט אין אַזאַ שווערער פינאַנציעלער לאַגע, לערנען זיך אָן ערך 450 סטודענטן יעדן זמן אין עטלעכע־און־צוואַנציק קלאַסן. בלויז 5־4 פון די קלאַסן ווערן געפירט אויף ענגליש און זענען צוגעפּאַסט צו די סטודענטן וואָס קענען נישט קיין יידיש.

ניט קוקנדיק אויף די פינאַנציעלע שוועריקייטן איז אין דעם זעלביקן קווינס קאָלעדזש מעגלעך פאַר אַ סטודענט זיך צו ספּעציאַליזירן אויף יידיש, ד.ה., גראַדויִרן מיט אַ מאַיאָר אין יידיש פונקט ווי ער וואָלט דאָס געקענט טאָן אין פראַנצויזיש אָדער אין וואָסער אַנדער שפּראַך. דערווייל איז קווינס קאָלעדזש דער איינציקער ווו דאָס איז מעגלעך — דערווייל. געקענט און געדאַרפט וואָלט דאָס זיין מעגלעך אין אַנדערע קאָלעדזשעס און — אויב מיר וועלן טאָן אונדזערס — וועט דאָס געשען.

אויף דעד גראַדויִר מדרגה עקזיסטירן אויך איצט מעגלעכקייטן וואָס זענען בלויז געווען חלומות מיט אַ דור צוריק. גראַדויִר־קורסן עקזיסטירן ביי דעם

ייוואָ וויינרייך־צענטער, אין מאַגיל־אוניווערזיטעט אין קאַנאַדע, און אין דעם שוין דערמאָנטן קווינס קאַלעדזש ביים ניו־יאָרקער שטאַטישן אוניווערסיטעט. מיט דער צייט וועלן זיכער זיך גרינדן אַזעלכע קורסן אויך אין אַנדערע אינסטיטוציעס.

גאָר ניט לאַנג צוריק האָט זיך אויך געגרינדעט אין אַמעריקע, ווי אַן אָפּרוף אויף די איצטיקע באַדינגונגען אין אַמעריקאַנער יידיש־אַקאַדעמישן לעבן, אַ זשורנאַל אויף ענגליש, וואָס הייסט „יידיש" און וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאָרש־אַרבעטן און מיט קריטישע אָפּשאַצונגען און אַנאַליזן וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער זשורנאַל איז געגרינדעט געוואָרן צו דינען ווי אַ בריק, אין דער עפּאָכע פון דעם דריטן דור, צווישן דער וועלט פון יידיש און יענע אַקאַ־דעמיקער, אַפילו נישט יידן, וואָס פאַראינטערעסירן זיך איצט מיט יידישער שעפערישקייט, אָבער וואָס פילן זיך ניט גענוג באַקוועם אין יידיש כדי צו שרייבן זייערע אַרטיקלען אויף דער שפּראַך. און אין די ערשטע פינף נומערן פון דעם זשורנאַל האָבן זיך שוין געדרוקט אַן ערך 30 אַקאַדעמיקער פאַר וועמען דער זשורנאַל מאַכט מעגלעך צו קאָנקרעטיזירן זייער אינטערעס און פאַרעפנטלעכן זייער אַרבעט.

עס האָט זיך אויך גאָר נישט לאַנג צוריק געגרינדעט אַן אַמעריקאַנער פאַר־באַנד פון יידיש־פּראָפעסאָרן, ד.ה., אַקאַדעמיקער וואָס לערנען יידיש אָדער וואָס פאַראינטערעסירן זיך אַקאַדעמיש אין יידישער שאַפונג. פאַרשריבן אין דער אָרגאַניזאַציע זענען דערווייל קרוב צו הונדערט אַקאַדעמיקער. און דער פאַרבאַנד גיט אַרויס סיי דעם זשורנאַל „יידיש", סיי אַ בולעטין וואָס רופט זיך „ידיעות וועגן יידיש." דאָ מוזן אויך צוגערעכנט ווערן די אַרבעטן אויף ענגליש דאָס רוב פון גראַדואיר־סטודענטן, וואָס דער וויינרייך־צענטער פאַרשפּרייט ווי סעפּאַראַטע אָפּדרוקן און וואָס רופן זיך „וואָרקינג פּעיפּערס".

איך האָב איצט דערמאָנט בלויז די נייע דערשיינונגען פון די לעצטע 5־6 יאָר. די לאַנג־יעריקע אַקאַדעמישע פאָרש־אַרבעטן און פּובליקאַציעס פון דעם ייוואָ און פון דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס זענען ייאָך זיכער שוין לאַנג באַקאַנט. די נייע דערשיינונגען זענען אָנזאָגן אַז נייע יידישע אַקאַדעמישע צענטערס, צענטערס פאַר לערנען און פאָרשן, האָבן שוין אָנגעפאַנגען אויפצוּוואַקסן אין אַמעריקע.

וואָס זשע לאָזט זיך דרינגען פון די פאָר ציפערן און פאַקטן וואָס איך האָב דאָ אָנגעוואָרפן וועגן דעם מצב פון יידיש אין און אַרום די אַמעריקאַנער אוני־ווערזיטעטן? 1) קודם־כל, אַז דער קלאָרער דראַנג ביי אַמעריקאַנער יידן איז אַ דראַנג צו יידיש לעבן אויף יידיש און אַז עס עקזיסטירט אַ טיפע כוונה מיט דעם דאָזיקן לעבן זיך באַהעפטן, אַריינצוזאַפּן און אַריינצוברענגען אין זייער טאָג־טעגלעך לעבן די קולטור אויף יידיש. 2) צווייטנס אַז דער דאָזיקער צוריקשטראָם איז אַן אויסדרוק פון די אינערלעכסטע נויט־באַדערפענישן פון דעם

יידישן ישוב אין אַמעריקע בשעת עו׳ באַמיט זיך צו שאַפן אַ נײַ קולטור־לעבן אין אַ נײַער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע. יידיש איז שוין מער נישט די פּריוואַטע זאַרג פון „יידישיסטן״. יידיש איז שוין ווידער, ווי אַמאָל, אַ קולטור־ווערט ביי ברייטע שיכטן פון אונדזער יידישן יישוב, כאָטש זיכער נישט די איינציקע קולטור־ווערט. און אין דער איצטיקער עפּאָכע אין אַמעריקע, ווען יידן שמידן אויס אַ נײַ קולטור־לעבן וועמעס סטרוקטור איז נאָך ווייט נישט קלאָר, האָבן גרויסע מאַסן יידן איינגעזען אַז אָן המשך קען פאַר זיי קיין קיום נישט זיין, און המשך מיינט פאַר זיי פאַרבינדונג מיט דער קולטור אויף יידיש. 3) דריטנס, אַז דער דאָזיקער דראַנג איז ווייט נישט קיין צייטווייליקע דער־שיינונג, אַ מאָדע וואָס וועט זיך בייטן מיט דעם מאַרגנדיקן אָנצוג, נאָר אַ טיפער, היסטאָרישער כוח. 4) פערטנס, איז קלאָר אַז דער באַנייטער דראַנג צו יידישן המשך קומט צו אַ שטאַרקן אויסדרוק אין די אוניווערסיטעטן, אַז ער איז דאָרט בלויז טיילווייז באַפרידיקט, באַגרענעצט דאָס רוב צוליב עקאָנאָמישע סיבות און אַז עס נייטיקט זיך אַ שטאַרקע קולטור־כוח, וואָס זאָל זיך משתדל זיין פאַר יידיש אין די אוניווערסיטעטן, אויסאיבן אַ פּאָליטישן דרוק לטובת יידיש דאָרט ווו מען דאַרף, כדי צו באַפרידיקן אַ טיפע קולטור־נויט פון דעם גאַנצן ישוב. 5) פינפטנס, מוזן די אוניווערסיטעטן, ד.ה. די יידיש־לערערס און קאַטעדרעס אין אַקאַדעמישע צענטערס און דער פאַרבאַנד פון יידיש־פּראָפעסאָרן מיט זיינע הונדערט מיטגלידער, ווערן אַ קולטור־כוח, ווערן צענטערס פאַר קולטור־טעטי־קייטן, נישט בלויז צענטערס פאַר לערנען און פאָרשן. זיי מוזן שטעלן פאַר זיך די עובדה צוצוגרייטן אויך פירערס פאַרן יידישן לעבן, און זיי מוזן אַליין זיין קולטור וועג־ווייזערס.

וואָס זשע איז דער סך־הכל? איך האָב זיך באַמיט אָפּצושטעלן נישט בלויז און נישט דווקא אויף די ציפערן, די סטאַטיסטיק וועגן יידיש אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, נאָר אויף דער באַדייטונג פון דער גאַנצער דערשיינונג „יידיש״ אין די אוניווערסיטעטן, אויף אירע וויקס־מעגלעכקייטן, אויך איר שייכות מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע און מיט די סתירות פון אונדזער געשיכטע און אויף דער ראָל וואָס עס מוזן שפּילן די יידיש־פּראָפעסאָרן און די יידיש־קאַטעדרעס נישט בלויז אין דעם אַקאַדעמישן לעבן, נאָר אין דעם אַלגעמיינעם יידישן קולטור־לעבן. איין זאַך איז קלאָר: יידיש לעבן קען עקזיסטירן אָן יידיש; אָן יידיש קען אויך עקזיס־טירן דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן; אָן יידיש קען אויך עקזיסטירן אַ לעבלעכע סענטימענטאַלע סימפּאַטיע פאַר ישראל. אָבער אָן יידיש קען קיין באַדייטנדיק יידיש קולטור־לעבן נישט עקזיסטירן. און אָן אייגענער קולטור, וואָס זאָל אַרויס־וואַקסן פון אירע אייגענע דורותדיקע וואָרצלען קען קיין באַדייטנדיקער, שעפע־רישער און פאַרלאָזלעכער יידישער ישוב אין אַמעריקע נישט עקזיסטירן.

וועלן מיר, אין דער איצטיקער איבערגאַנג־צייט, זיך באַמיען מיט אונדזערע

שטאַרקסטע כוחות, וועלן מיר וויסן אַז מיר דערפילן אונדזער היסטאָרישע שליחות צו פאָלק ישראל; און אַז לאַנד ישראל מיט זיין הויפּט־שפּראַך עברית — און דאָ ליגט אפשר דער גרעסטער פּאַראַדאָקס פון דער היינטיקער צייט — וועט געשטאַרקט ווערן און באַפעסטיקט ווערן דורך יידיש און דורך דער השפעה פון יידיש אין דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב, ווער שמועסט נאָך פון אַנדערע ישובים. צי דאַרפן מיר אָבער זוכן אוטיליטאַרע באַרעכטיקונגען פאַר יידיש מער ווי פאַר וואָסער אַנדער לעבעדיקן יש?

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין שמחת תורה אין אַ חסידישן געגנט אין ניו־יאָרק, און געהערט האָב איך זינגען אַזאַ מין לידל: „עולם־הבא איז אַ גוטע זאַך; לערנען תורה איז אַ בעסטע זאַך". לאָמיר זיך אין דעם איצטיקן מאָמענט נישט זאָרגן וועגן דער פאַלשער גראַמאַטיק פון „אַ בעסטע זאַך", ווען מיר ווייסן אַז עס קען דאָך זיין בלויז „די בעסטע זאַך". לאָמיר זיך בעסער אָפּשטעלן אויף דער עטיק און פּראָקלאַמירן אין אַלע ווינקלען פון דער יידישער וועלט: עולם־הבא איז אַ גוטע זאַך; לערנען יידיש איז אַ בעסטע זאַך — און וואָס איז שייך אונדזער פאָלק — זענען זיי ביידע איינס.

אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע האָט גענומען:

ד"ר גרשון וויינער

וועגן דעם ענין פון יידיש אין די אוניווערסיטעטן אין ישראל. איך בין אַ תושב דאָ 6 יאָר. איין זאַך וועל איך אייך זאָגן: איך געפין זיך אין דער לאַגע פון יענער יידענע, נעבעך, וואָס איז געקומען צום רבין און געזאָגט אַז איר מאַן איז אַנטלאָפן, און זי האָט געגעבן דעם גבאי אַ פּדיון מיטן קוויטל, און דער גבאי איז געקומען צוריק און געזאָגט צו דער יידענע: דער רבי האָט געזאָגט אַז אייער מאַן וועט צוריקקומען. זאָגט זי צו אים: געזונט זאָל זיין דער רבי. רופט זיך אָפּ דער גבאי צו דער יידענע: אָבער איך זאָג אייך אַז ער וועט נישט צוריקקומען. זאָגט זי: ס'טייטש, ווי קענט איר זאָגן ניין, ווען דער רבי האָט געזאָגט יאָ? זאָגט דער גבאי: דער רבי האָט אייך נישט געזען, אָבער איך האָב אייך יאָ געזען...

איך האָב געזען די אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע, איך קען די אוניווערסיטעטן אין ישראל. דערלויבט מיר צו ציטירן אַ וואָרט פון אַ יידישער דיכטערין, איר נאָמען איז רחל בוימוואַל. זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אין דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים: חבר וויינער, וואָס מיינט איר ווילן מיר, רוסישע יידן, פון אייך? איין קלייניקייט — אַ ביסל וואַרעמקייט. מער נישט. אַלץ איז דאָ, אָבער די וואַרעמקייט פאַר יידיש אין די אוניווערסיטעטן אין ישראל, אָט די וואַרעמקייט וואָס מאַכט וואַקסן און שפּראָצן — דאָס איז נישטאָ.

איך רעד ווי אַ טאַטע פון אַ טאָכטער, וואָס האָט פאַרענדיקט די יידיש־קאַטעדרע, דאָ אין ישראל, און איז דעם זומער אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק אין ייוו"אָ. דאָרט האָבן זיך ביי איר די אויגן געעפנט. בקיצור, איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל נישט רעדן. לאָמיר בלויז זאָגן אַ ברכה, הלוואי וואָלטן מיר אין די ישראל־אוניווערסיטעטן דערגרייכט אַט דאָס וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן בנוגע יידיש אין אַמעריקע.

איך וועל אויסנוצן די געלעגנהייט און לייענען אַ בריוול פון 3־4 שורות, וואָס מיר ברענגען צום ערשטן מאָל צו דער יידישער עפנטלעכקייט אין דער וועלט. און עס איז באַזירט אויף אַ פשוטן פאַקט. עס איז באַזירט אויף אַ חלום, אַ חלום אַז עס זאָל זיך געפינען אין ישראל אין אַן אוניווערסיטעט אַ קאַטעדרע ווו די לעקטאָרן און פּראָפעסאָרן מעגן רעדן יידיש און האַלטן לעקציעס אין יידיש; ווו די סטודענטן מעגן רעדן און דיסקוטירן אין יידיש. בקיצור, אָט איז דער בריוו: „דער בן־גוריון־אוניווערסיטעט אין נגב איז גרייט איינצושטעלן אויסגעברייטערטע קורסן אין דער יידישער שפּראַך, פאָרשן די יידישע קולטור און קורסן אויף צוגרייטן לערער פאַר די מיטל־שולן פון ישראל און די תפוצות". אונטערגעשריבן פון יוסף תקוע, פּרעזידענט פון בן־גוריון־אוניווערסיטעט.

פּראָפעסאָר פ. הערצאָג (פאַראייניקטע שטאַטן)

איך האָב געבעטן די פּריווילעגיע צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען. אַזוי ווי איך האָב זיך מלכתחילה נישט געגרייט, בין איך זיך מודה, אַז איך בין אַ ביסל אויפגערעגט. וועט איר מיר מוחל זיין. איך וויל נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער: איך האַלט אַז היינט אין אָוונט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מיאוסע סצענע, און מ'טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן.

איך ווייס נישט צי איך זאָל האָבן טענות צו דעם פּרעזידיום. איך האָב נישט געזען אַז ביז אַהער זאָל מען אַזוי צוגרייטן אַ פּראָגראַם. איך האָב נישט געזען אַז מ'זאָל ביי דער געלעגנהייט אַרומרעדן די פּראָבלעמען, ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס מען האָט אויפגעהויבן לגבי יידיש אין אוניווערסיטעט. דאָס איז אַ וויכטיקער ענין, און דאָס וואָס מען לייגט דאָס אָפּ אויף מאָרגן — מאָרגן וועט מען האָבן אַ מעגלעכקייט צו רעדן — האַלט איך, אַז דאָס זענען אומזיסטע האָפענונגען.

איך האָב דאָ דערפילט היינט פּערזענלעכע קריוודעס, וואָס האָבן אויף דער בינע קיין פּלאַץ נישט געהאַט. איך מוז זאָגן אַ דאַנק דעם חבר ווײַנער, אָבער איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז יהודית ווײַנער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק אַ וואַרעמע, ליבע שילערין, אַן אויסגעשולטע אין יידיש, און זי האָט עס ביי אונדז נישט געלערנט. וואָס זי האָט ביי אונדז יאָ געלערנט, קען איך אייך נישט זאָגן. אויב זי האָט זיך נאָך מער דערוואַרעמט, זאָג איך אַ דאַנק גרשון ווײַנער

פֿאַרן קאָמפּלימענט, אָבער צו אונדז איז זי נישט געקומען לערנען וואָרעמקייט. זי איז געקומען מיט דער וואָרעמקייט, אפֿשר פֿון דער היים, אפֿשר פֿון אוני־ווערסיטעט. איך ווייס נישט. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר.

עס זענען הײַנט אײַנגעשטעלט געוואָרן עטלעכע גאָר וויכטיקע פּראָב־לעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן. און איך ווייס נישט צי דאָ איז דאָס אָרט די ענינים אַרומצורעדן. אָבער איך וואָלט געוואָלט נאָך אַ זאַך באַטאָנען.

מיר מוזן פֿאַרהיטן די אוניווערסיטעטן פֿון די סיכסוכים, פֿון די פּערזענלעכע רייסערייען, וואָס מען דערפֿילט אין אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן, ווען מיר רעדן וועגן דעם ענין ייִדיש און ייִדישן לעבן, צוקונפֿט פֿון ייִדיש א.אַ.וו. מיר קע־נען חס וחלילה קאַליע מאַכן דאָס וואָס מיר האָבן שוין ביז אַהער דערגרייכט, אויב מיר וועלן נישט אָפּהיטן די גרענעצן, די וויכטיקע גרענעצן, צווישן דעם אַקאַ־דעמישן לימוד פֿון ייִדיש, פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג, און פֿון אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן. וואָס אונדזערע ליבשאַפֿטן זאָלן נישט זײַן צו ייִדיש, איז פֿאַראַן אַ גרענעץ צווישן אונדזער קהלישן לעבן, אונדזערע אידעאָלאָגישע אינטערעסן און דער לימוד ייִדיש און ייִדיטע לימודים אין די אוניווערסיטעטן.

און דאָס איז פּשוט, מײַן אָפּיל, אַז וואָס עס זאָל נישט אַרויס פֿון אונדזער קאָנפֿערענץ — און מיר זענען דאָך דאָ נישט ווײַל מיר האָבן פֿײַנט ייִדיש, נאָר ווײַל מיר האָבן ליב ייִדיש — איז צו ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן זאָל מען צוגיין אויף אַ זייער דעליקאַטן אופֿן און פּשוט אַרײַנגעמען עס אין אונדזער אַלגעמיינער ייִדיש־זאָרג און ייִדישע אַקטיוויטעטן אין ייִדישן לעבן.

איך דאַנק אײַך פֿאַר דער מעגלעכקייט. איך באַטאָן נאָך אַ מאָל אַז איך פֿיל זיך זייער באַוּמרואיקט פֿון דעם טאָן, פֿון דעם סיכסוך, זאָ פֿון דעם סיכסוך צווישן פּראָפֿעסאָר שמערוק און חבר לאַנדיס, כאָטש ער האָט דערמאָנט מײַן נאָ־מען — דאָס מאָל צום גוטן — און דעם טאָן וואָס גרשון ווײַנער האָט דאָ אַרײַנ־געפֿירט.

די זיצונגען פון די אַרבעטס־קאָמיסיעס

מיטוואָך דעם 25סטן אויגוסט, אַ גאַנצן טאָג, זענען אין די זאַלן פון מכון יהדות בת זמננו, „בית שפרינצאַק", פאָרגעקו־מען די זיצונגען פון די קאָמיסיעס וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך דעם קאָנגרעס.

דאָ ווייטער ברענגען מיר די רעפעראַטן וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין די אַרבעטס־קאָמיסיעס. ליידער איז אונדז נישט מעגלעך צו ברענגען די דיסקוסיעס אַרום די רעפעראַטן וועל־כע זענען אויך געווען זייער אינטערעסאַנט.

די קאָמיסיע פאַר דערציונג

די קאָמיסיע פאַר דערציונג, פאָרזיצער יצחק הרכבי, וויצע־פאָרזיצערס: ד"ר בערל פרימער, ש. דונסקי, ד"ר גרשון ווײַנער און אַ ריי צוקאָאָפּטירטע מיטגלידער פון קאָנגרעס, האָט אויסגעהערט די רעפעראַטן פון חיים בעז, ניו־יאָרק און פון חיים פינקלשטיין, ירושלים, וועגן דעם מצב פון אונדזער דערציונג־וועזן, אירע פּראָבלעמען און אונדזערע אויפגאַבן:

חיים בעז (ניו־יאָרק)

די יידישע דערציונג אויפן שיידוועג

אויף דער היינטיקער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין ירושלים פילן מיר גאָר אַ באַזונדערע אחריות ווען מיר באַהאַנדלען דעם ענין יידישע דערציונג. דאָ זענען מיר זיך צונויפגעקומען פון פאַרשיידענע ישובים, ווו מיר לעבן אונטער פאַרשיי־דענע פּאָליטישע אָרדענונגען מיט אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען, אָבער דאָך מיטן ווילן אויפצוהיטן דעם המשך פון אונדזער נאַציאָנאַל לעבן.

אין איין אָרט איז די צוקונפט פון אונדזער פאָלק באַזירט אויף די יסודות פון אַ סוווערענעם פּאָליטישן לעבן אין אַ מדינה מיט אַן אייגענער עקאָנאָמיע און

נייע פֿאָרמען פֿון אַ קולטור וואָס אַנטוויקלט זיך אויפֿן אייגענעם באָדן. אין אַנדערע ערטער, אין די תפוצות, שטיצט זיך אונדזער קיום אויף דעם געפֿיל פֿון היסטאָרישער גורל־פֿאַרבונדנקייט אויף אַנאַדערע פֿאַקטאָרן: קולטור, לעבנשטייגער, שפּראַך און רעליגיע. דער יידישער מענטש פֿון צווייטן און דריטן דור, וואָס איז געבוירן אין אַזעלכע לענדער ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע און מסתמא אויך אַרגענטינע, איז אַ ראַנד־מענטש. אַ טייל פֿון זײַן פּסיכישן לעבן, פֿון זיין גייסטיקער אויסגעשטאַלטונג איז פֿאַרבונדן מיט דער מערהייט־קולטור פֿון לאַנד. נאָר אַ חלק פֿון זיין נשמה־לעבן געהערט אונדז. עס קומט פֿאַר אַ גע־ראַנגל ווי אַזוי די יידישקייט צו מאַכן פֿאַר אַ דאָמינירנדיקן פֿאַקטאָר אין לעבן פֿון דעם יונגן מענטשן וואָס פֿאַרמאָגט מער נישט די אַטמאָספֿער פֿון יידישן שטעטל אָדער פֿון דעם יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין די גרויסע שטעט פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט דעם יידן באַשיצט גייסטיק און אים פֿאַרהיט פֿון דעם געפֿיל, אַז ער איז אַלע מאָל אַ מינדערהייט.

דאָס האָט זיך אַלץ געביטן אין דער צייט ווען די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע באַהערשט אַזוי שטאַרק אונדזער לעבן, ווען אַזאַ גרויסער פּראָצענט יונגע מענטשן טרעטן אַריין אין די אוניווערסיטעטן און שפּעטער אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס, ווען אַזוי פֿיל יידן פֿאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג, אין דער אינ־דוסטריע און אויך אין דער אַקאַדעמישער וועלט.

עס זענען געווען בלויז עטלעכע תקופות אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק ווען מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַזאַ מצב. מיר ווייסן נישט מיט וואָס די עקספּערימענטן פֿון פֿאַרבינדן יהדות מיט אַ פֿרעמדער קולטור וואָלטן זיך אויס־געלאָזט. דער חורבן פֿון יידישן לעבן אין אַלעקסאַנדריע של מצרים, גירוש שפּאַ־ניע און די אויסראָטונג פֿון דייטשן יידנטום האָבן בלויז איבערגעלאָזט אַן אָנונג וואָס פֿירט טייל היסטאָריקער צו דעם סאַמע פּעסימיסטישן אויספֿיר, אַז נאָך פֿינף דורות פֿון אַזאַ סינקרעטישער קולטור גייען מיר אונטער און מיר ווערן אָפּגע־ווישט ווי אַן עדה יידן אויף אַ באַשטימטן שטח אָדער אין אַ באַשטימטן לאַנד. די אויספֿירן זענען נישט נייטיק כדי אָנצוזאָגן אַ פּעסימיזם אָדער שטאַרקן די אחריות וואָס ליגט אויף אונדז, נאָר כדי צו ווייזן דעם פֿאַרנעם פֿון די אויפֿגאַבעס, וואָס זענען פֿון אַ גלאָבאַלן כאַראַקטער. די מאָדערנע נאַציאָנאַלע אָדער וועלט־לעך־הומאַניסטישע דערציונג שטויסט זיך אָן אויף די זעלבע שוועריקייטן ווי די רעליגיעזע.

שוין אין די צייטן פֿון בית שני האָט דער יידישער דענקער פֿילאָן, שרייבנ־דיק אויף גריכיש און פֿאַר יידן וואָס זענען דורכגענומען מיט דער גריכישער פֿי־לאָזאָפֿיע און קולטור, אַזוי פֿאָרמולירט דעם ענין: פֿאַרוואָס זענען מיר יידן צע־שפּרייט איבער דער וועלט? דאָס איז דערפֿאַר ווייל אונדזער לאַנד איז קליין און דעריבער באַווינען מיר אַ סך אינדזלען און מיר לעבן אין פֿאַרשיידענע לענ־דער, אָבער מיר קוקן אויף ירושלים ווי אונדזער מעטראָפּאָליע; נאָר אויך אין די

ערטער, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן, פילן מיר זיך ווי אייגענע. מעטראָפּאָליע וואָס שייך ירושלים באַטייט, לויט פילאָנען, אוודאי גייסטיקע היים, אפשר אויך העגעמאָניע. פילאָן מוז אָבער דערקלערן, אַז אויך די פאַרשיידענע ערטער, ווו ייִדן איז באַשערט צו לעבן, באַטראַכטן זיי ווי זייער היים. איך וואָלט גיכער געזאָגט פאַרוואַנדלען אין אַ היים, און דאָס מיינט אַ היים וואָס פאַרמאָגט ייִדישקייט, דעם שטעמפּל פון היסטאָרישן ייִדישן גורל, די קולטור וואָס ציט זיך דורות, און ירושלים איז איר אָנהייב. קורץ, אַ מאָדערנער דערציער וואָלט עס אָנגערופן די בייטיקייט פון אינטעגראַלער ייִדישער דערציונג, וואָס פאַרפליכט דעם יחיד אויפצונעמען די קולטור־ווערטן פון אַלע ייִדישע דורות, וואָס אָנערקענט די רעליגיעזע און די וועלטלעך־הומאַניסטישע עלעמענטן פון אונדזער קולטור, וואָס אָנערקענט, אַז אונ־דזער קולטור־ירושה האָט באַקומען איר פורעם אין פאַרשיידענע לשונות — העברעיש, אַרמיש און אין די לעצטע טויזנט יאָר אין ייִדיש. צי הייסט עס נישט, אַז מיר זאָגן ביים סאַמע אָנהייב פון אונדזערע באַטראַכטונגען, אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ ייִד? אוודאי מוזן מיר עס זאָגן קעגן אַלע טענדענצן פון מאָדערנער דער־ציִונג וואָס האָבן אונדז כלומרשט געוואָלט איינריידן, אַז ס׳איז גאָרנישט שווער אויסצוואַקסן אַ מענטש אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַז ס׳איז גרינג איינצו־אָרדענען אַ גערעכטע געזעלשאַפט, אַז ס׳איז גרינג צו בויען אַ ניי ייִדיש לעבן אויף די יסודות פון פּאָליטישער סוווערעניטעט. דאָס איז איינע פון די אילוזיעס מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט אַ האַלבן יאָרהונדערט. נאָר ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז די אַלע פריער־דערמאָנטע אַטריבוטן פון דער מענטשלעכער און ייִדישער עקזיסטענץ איז ביז גאָר שווער צו דערגרייכן און אויפצוהיטן, וועלן מיר בעסער פאַרשטיין אונדזער אחריות אויך לגבי ייִדישער דערציונג, לגבי דער ייִדישער מדינה און לגבי די ייִדישע תפוצות.

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט דער באַוווּסטער ייִדישער היסטאָריקער און קדוש שמעון דובנאָוו געעוסמען דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען וואָס זענען שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרעם א. ב. „בריוו וועגן אַלטן און נייעם ייִדנטום". זיינע פאָר־שלאָגן ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דעם דעמאָלטיקן חדר זענען היינט נישט אַקטועל, אָבער איין גרונט־געדאַנק זיינער איז נאָך גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. שמעון דובנאָוו האָט קריטיקירט די אַלטע ייִדישע דערציונג, אַז זי האָט דערצויגן בעיקר דעם ייִד, אָבער נישט דעם מענטש. די מאָדערנע שולן און אוניווערסיטעטן, ווו די ייִדישע יוגנט האָט אָנגעהויבן זיך לערנען ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן אינגאַנצן פאַרלייקנט דעם ייִד און האָבן דערצויגן בלויז דעם בירגער, דעם מענטש. דובנאָוו וויַיזט אָן אויף דער פאַלשקייט פוןביידע דרכים, ווען דאָס ייִדישע לעבן איז געשטאַנען פנים־אל־פנים מיט די גרויסע דאגות און די גרויסע שינויים וואָס דער 20סטער יאָרהונדערט האָט אַריינגעטראָגן. ער האַלט, אַז די אוניווערסאַלע מענטשלעכע ווערטן זענען אוודאי וויכטיק, אָבער זיי מוזן אַרויסוואַקסן פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. אַ ייִד קען ניט לעבן מיט צוויי נשמות, וואָלטן מיר

דאָס הייסט פאַרמולירט, מיט איינער זאָל ער זיך שאַפן ווען ער האָט צו טאָן מיט די אַנדערע בירגער פון לאַנד ווו ער לעבט. פון דער אַנדערער זייט, זאָל ער אויפ־היטן אַ יידישע נשמה, די נשמה יתירה. די קאָנפליקטן זענען צו שווער, אַז דער יחיד זאָל זיי אַליין קענען אויסגלייכן. די יידישע שול מוז אָנערקענען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ דיסאָנאַנס צווישן צוויי קולטורן אין וועלכע דער יונגער מענטש וואַקסט אויס. אין זייערע אינטעלעקטועלע פאָרמולירונגען קענען זיך די קולטורן ווי־ניט־איז פאַרשטענדיקן. אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט צום אינטימען לעבן: משפחה, געזעלשאַפטלעכקייט ,אינטימע באַציונגען פון מענטש אדג״ל. אָבער נאָך אַ וויכטי־קערן אויספיר דאַרף מען מאַכן פון דובנאָווס פאָרמולירונג: אַז בלויז אַ יידישע טאָגשול אָדער אַ כמו־טאָגשול ווי אין אַרגענטינע וואָס קען שאַפן אַן אַטמאָספער פון יידישקייט, אַן אַטמאָספער וואָס גיט אָפּ גענוג צייט פאַר יידיש וויסן; ווו דער תלמיד פילט זיך ניט ווי אַ מיטגליד פון אַ מינאָריטעט — בלויז אַזאַ שול קען באַשאַפן די באַזע פאַר אַנטוויקלען ביים קינד און יוגנטלעכן די יידישע ווערטן, די צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און צו ישראל, וואָס אויף זיי זאָל קענען אויפ־געבויט ווערן דער אַלגעמיינער הומאַניסטישער קוק אויפן לעבן און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

מען מערקט, צום באַדויערן, געוויסע נעגאַטיווע אַנטוויקלונגען אין די יידישע אָדער העברעישע טאָגשולן, בעיקר אין אַ צאָל לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. די אַלגעמיינע לימודים, וויסנשאַפט, ספּאָרט און לאַנד־קענטעניש הייבן אָן צו פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט און די יידישע לימודים ווערן דערפירט צו אַ מינימום סיי אין צייט, סיי אין פּעדאַגאָגישן אָנשטרענג. אַזאַ טאָגשול פאַרראַט אירע אייגענע אידעאַלן. זי איז פּונקט אַזוי אַ פאַלסיפיקאַט לגבי דעם היסטאָרישן לשון־קודש אָדער מאָדערנעם עברית ווי לגבי אונדזער פאָלקסשפּראַך יידיש. געוויינלעך פּאַסירט, אַז ווו יידיש פאַרלירט, פאַרלירט אויך עברית. די גאַנצע אַטמאָספער האָט ווייניק צו טאָן מיט דער זאָרג פאַר דעם היסטאָרישן המשך פון אונדזער פאָלק און מיט פאַר־וואָרצלען די קינדער אין אַ יידישן לעבענשטייגער און אין דעם אייביקן געראַנגל פון אונדזער פאָלק פאַר זיין קיום.

פּונקט אַזוי איז געוועזן אַ פאַלשע שטרעבונג אין טאָגשולן, וואָס זענען לכתחילה געגרינדעט געוואָרן ווי יידישע טאָגשולן, צו דערפירן דעם לימוד פון יידיש צו מינימום און דאָס נאָר צוליב פאַרשיידענע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע סיבות. די סיסטעם פון שולן מיט אַ רעליגיעזער אָריענטירונג און די שול־סיסטעם וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף עברית איז גענוג גרויס און גענוג באַדייטנדיק אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז שולן וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אויפצוהיטן בעיקר יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע פאָלקסטימלעכקייט — הגם מיט אַ היפּשער צאָל שעהען פאַר עברית און ישראל־קענטשאַפט — זאָלן קענען ווייטער אויפהיטן זייער לכתחילהדיקן כאַראַקטער. יעדער פּרווו אויסצוגלייכן אַלע פאָרמען פון יידישער דערציונג איז נאָר צום שאָדן פון אַ נאָרמאַל יידיש קולטור־לעבן. דעריבער מוזן

מיר אַנערקענען אויף אַ גלאָבאַלן אופן עפּעס וואָס מיר האָבן אַנערקענט אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן — דעם פּרינציפּ פון אַן אייגענעם קולטור־פּלוראַליזם.

דאָ קען אונדזער אייגענע קאָנפערענץ שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע, אויב זי וועט דווקא פון ירושלים, פון דער שטאָט פון אייביקע יידישע ווערטן, פּראָקלאַמירן די חשיבות פון אונדזער פאָלקס־לשון, וואָס זיין גורל איז אַזוי נאָענט אויסגעבונדן געוועזן מיטן גורל פון אונדזער פאָלק. ערב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט דער יידישער בעלעטריסט מ. ספּעקטאָר געשריבן אַז נאָר דער יידישער שרייבער קען פילן דעם צער און די פריידן פון יידיש, וואָרעם פאַר אַ זאַך פאַר וואָס מ׳האָט געליטן ווערט אויפגעוועקט גאָר אַ באַזונדערע ליבשאַפט און געטריישאַפט. אין 1908 האָט עס געקענט שרייבן אַ פאָרשטייער פון דער יידישער שרייבער־משפחה. אָנגעהויבן פון 1912, 1914 קען עס מיט שטאָלץ אויך זאָגן דער יידישער דערציער און דער יידישער כלל־טוער, וואָס האָבן געמאַכט יידישן חינוך פאַר זייער שליחות און זייער אחריות.

שוין פון מיטן פון 19טן און אַוודאי פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען די יידישע שרייבער געוועזן די ערשטע מאָנער פון אַ נייער דערציונג פאַרן יידישן קינד. ווי אויף אַנדערע געביטן איז אויך אין דעם פאַל י. ל. פּרץ געוועזן דער פאָרויסגייער, דער מאָנער און וועקער.

צום ערשטן מאָל האָט אַזוי געטראָפן, אַז אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון אַ היסטאָרישער תקופה זאָל מען דערהערן די שטים פון פּראָטעסט אין די אינטערעסן פון קינד. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט פאַר דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט אָנגעשריבן די נאָוועלע „עמיל״ און געפאָדערט אַ נייע דערציונג. ס׳האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. רוסאָס אַרויסטריט איז אָבער געוועזן אַן אינדיווידועלער אַקט, אַן איינציק־אַרטיקער אַרויסרוף צו דער געזעלשאַפט. אין דער יידישער ליטעראַטור סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ מין קאָלעקטיווע מאַני־פעסטאַציע. עס באַווייזן זיך י. לינעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל״, דינעזאָנס „יאָסעלע״, שלום־עליכמס קינדער־מעשיות. דער געפיל פון מיטלייד צום יידישן קינד, פאַר־וואָס עס געניסט אַזוי ווייניק פרייד אין לעבן, פאַרוואָס זיינע קינדער־יאָרן און יוגנט פאַרגייען אָן גליק, פילט אויס די ווערק פון מענדעלע, י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק, אברהם רייזען און אַ סך אַנדערע.

דער מצב פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַרום 1908 איז געוועזן אַזאַ: ס׳איז שוין געוועזן אַן אַקטיווע פּאָליטישע באַוועגונג וואָס איז טיף אַריינגעדרונגען אין די פאָלקסמאַסן; ס׳איז געוועזן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ד״ר הערצלס זאָג „אויב איר ווילט נאָר, איז דאָס נישט קיין חלום״ האָט ווייט און ברייט אָפּגעקלונגען אין דער יידישער וועלט. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908) האָט אויך אָנגעצייכנט די ריכט־ליניעס פון אַ יידישער קולטור־באַוועגונג. מ׳האָט אָבער געפעלט אין יידישן לעבן די נייע שול פאַרן יידישן קינד און יוגנטלעכן. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ שול וואָס זאָל ברענגען צום אויסדרוק דעם נייעם לעבנס־קוק,

די נייע האָפענונגען און אחריותן וואָס עס האָבן אַרויסגעשטעלט די געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונגען אין יידישן לעבן.

וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט דער יידישער חינוך סוף 19טן יאָרהונדערט קען מען זען אין „דאָס קליינע מענטשעלע" פון מענדעלע מוכר־ספרים: „וואָס אַ תּלמוד־תּורה איז, ווייסט איר זייער גוט", שרייבט מענדעלע. „איך פאַרשפּאַר עס אייך צו שילדערן. דאָס איז אַ קבר אויף צו באַגראָבן אָרעמע יידישע קינדער, צו פאַר־שלאָגן זיי די קעפּ און אָפּצורייסן זיי פון דער וועלט. דאָס איז אַ פאַבריקע אויף צו פאַבריצירן טויגעניכטסן, לײדיק־גייער, בידנע, פאַרוואָרלאָזטע, אומגליקלעכע נפשות".

די רעליגיעזע יידישע דערציונג, וואָס האָט געהאַט אירע גלאַנץ־פּעריאָדן, וואָס האָט במשך פון דורות אַרויסגעגעבן גאונים, רבנים, תּלמידי־חכמים, האָט איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס, ווי עס האָט בכלל איבערגעלעבט דער מזרח־אייראָפּעישער ישוב אין מיטן 19טן יאָרהונדערט. י. ל. פּרץ כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן מעמד. ער שרייבט אין 1905:

„אַלץ איז טאַנדעט: דאָס לעבן, דער האַנדל, די אַרבעט...
אָן ליבשאַפט, אָן זיכערקייט — אָן מאָרגן...
אַלץ איז נע־ונד; דער ייד, זיין אַרבעט, זיין לעבן, זיין פּאָליטיק...
אויסגעלערנט אַ שטאָך מיט דער נאָדל, חתונה געהאַט, אַ ווערקשטעל געעפנט — אָפּן שטייט די גרוב און וואַרט!"

עס האָט געמוזט אויפקומען אין דער יידישער סביבה פון רוסלאַנד, פּוילן, און שפּעטער אין די קאָלאָניעס, וואָס דאָס רוסישע און פּוילישע יידנטום האָבן אויפגעבויט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, מעקסיקע אאַז"וו, אַ בייער טיפּ יידישע שול וואָס זאָל העלפן אין דעם שווערן פּראָצעס פון מאָדערניזירן און רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע לעבן.

דער אידעישער באַפרוכפּערער פון דער נאַציאָנאַלער אויסגעשטאַלטונג פון נייעם יידישן מענטשן איז אין דער ליטעראַטור געווען י. ל. פּרץ. וואָס זענען די עלעמענטן פון פּרצישן געדאַנקען־גאַנג וואָס קענען אונדז נאָך היינט אינספּירירן?

א) דער יידישער באַוווסטזיין און שטאָלץ מיט דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן עבר. „מען האָט אַמאָל געמיינט — שרייבט פּרץ — אַז אַ מענטש ווערט געבוירן אַ לײדיקער טאָוול און דאָס לעבן קומט מיט זיין גריפל און שרייבט". פּרץ זאָגט, אַז „דער מענטש קומט אויף דער וועלט שוין מיט אַ גרייטער ירושה פון אייגנ־אַרטיקער קראַפט, מיט זיין לעבנס־ און קאַמפּס־פעאיקייט, צי ער וועט זיגן, צי ער וועט פאַלן".

ב) דער באַוווסטזיין פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט באַוועלטיקט פּרצן אין יענער צייט זייער שטאַרק. ער זוכט די אַלגעמיינע פאָלקס־אידייע.

ג) פּרץ איז קעגן „ווינקל־בויערײ".

ד) ביי פּרצן פילט איר שוין דעם באַוווסטזיין פון יידישער אַליינקייט אין

דער וועלט. פּרץ ווייסט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט זיין דאָס לעצטע אין דער ריי פון פעלקער־באַפרייונג. אַזוי ווי די וועלט וואָלט צום יידן געזאָגט: „דו גיי און בלוטיק ווייטער. דו ביסט דער שוואַכסטער און דער מינדסטער און וועסט אויסגעלייזט ווערן צו אַלער־לעצט... אַזוי לאַנג ווי עס וועט בלוט פאַרגאָסן ווערן, אַ ווילן — אונטערדריקט, אַ פליגל — אונטערגעשניטן, וועלן עס זיין דיינע פליגל, דיין ווילן, דיין בלוט". פּרץ זעט אין זיין גאַנצער האָפענונגפולקייט אויך די טראַגישע וויזיע פון יידישן קיום. ער ווייס, אַז ס'איז שווער צו זיין אַ ייד.

איצטער מוזן מיר זיך אומקערן און באַטראַכטן נעענטער אונדזערע היינט־צייטיקע דאגות און זאָרג אין יידישער דערציונג.

עס זענען פאַראַן תקופות ווען אַ באַוועגונג מוז אונטערנעמען נייע און גרויסע שריט. דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע שינויים אויף וועלכע זי מוז זיך באַשליסן, נאָר זייער גרונטיקע און עיקרדיקע. פאַרשטייט זיך, קען מען נישט דערוואַרטן, אַז די אַלע נייע אַנטשיידונגען זאָלן באַלד האָבן אַ קאָנטיקע פעולה. איין שריט, אויף וועלכן די יידישע שול־באַוועגונג מוז זיך אַנטשיידן, איז צוריק אומצוקערן די אידייע פון יידיש און פון יידישן המשך צו דער קאַטעגאָריע פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פאַרמעסט. פאַר דעם וועלן זיין נייטיק שותפים און ניט דווקא די וואָס מיר האָבן היסטאָריש באַטראַכט ווי אונדזערע מיטגייער אין דעם יידישן קהלשן לעבן. למשל, די קאָנפערענץ מוז אַרויסלאָזן אַ רוף און מאַכן שטאַרקע באַמיונגען אַז מען זאָל לערנען יידיש אין רבנישע סעמינאַרן פון אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען — קאָנסערוואַטיווע, אָרטאָדאָקסישע, רעפאָרמירטע. מען קען נישט אויסוואַקסן קיין רעליגיעזער מנהיג ביי יידן אויב מען קען נישט די טויזנט־יאָריקע טראַדיציע פון אַשכנז און די גרויסע מייסטער פון דער יידישער ליטע־ראַטור.

אַ זיבן־אַכט הונדערט יאָר איז די יידישע ליטעראַטור געווען פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן יידישן לעבן. די ערשטע פאַרצייכנטע תפילה אויף אַלט־יידיש זאָגט, אַז ווער עס טראָגט אַט־דעם מחזור אין בית־מדרש אַריין זאָל זיין געבענטשט (אין דעם וואָרמסער מחזור פון יאָר 1272). פּראָפעסאָר חנא שמערוק האַלט, אַז די פאָר שורות זענען אַ שפּראַצונג פון ליטעראַטור, ווייל זיי גראַמען זיך און בכן האָבן זיי אַן עסטעטישן ווערט. יידיש מוז אויך פאַרנעמען אַן אָרט אין ישיבות קטנות, וואָרעם די טראַדיציע פון לערנען אַ בלאַט גמרא איז תמיד געווען צו לערנען דעם שיעור אויף מאַמע־לשון און פּילפּולען זיך אויף מאַמע־לשון. הקיצור, אין קיין שום ליטעראַטור איז נישט אָפּגעשפּיגלט דער פרומער יידישער לעבנשטייגער — אונדזערע יום־טובים — ווי אין דער יידישער.

פון זינט דעם אויפקום פון דער בערלינער השכלה האָבן זיך אָנגעהויבן אומ־פאַרשטענדלעכע און היסטאָריש אומבאַרעכטיקטע רדיפות אויף דער יידישער שפּראַך כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון אַ פרעמד פאָלק וואָס וועט אונדז אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרטיליקן אויף דער ערד פון מזרח־

אייראָפּע. ממשיך זיין אָט־די דאָזיקע טראַדיציע ביים היינטיקן טאָג מיינט איגנאָרירן נישט באַנעמען די גרויסע טראַגעדיע וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק.

כדי אונדזער אַפּעל צו אַנדערע קרייזן אין יידישן לעבן, למשל רעליגיעזע, זאָל האָבן אַ ממשות, מוזן מיר אויפהיטן אונדזערע אייגענע שול־ריכטונגען און שול־באַוועגונג, אונדזערע אייגענע אינסטיטוציעס. זיי קענען פאַרשטעלן אַלערליי וואַריאַנטן מיט אַנדערשקייטן אין דער פּראָגראַם, אָבער דאָך האָבן זיי זיך שוין היסטאָריש אויסגעפורעמט און זיי האָבן געשאַפן זייער לעקטור און לערן־שטאָף, וואָס נעמט אַריין יידישן לשון, יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, עברית, תנ״ך און יידישן לעבנשטייגער. די שול איז אַ הומאַניסטישע, און אין דעם גרויסן היסטאָרישן פאַרמעסט צווישן דעם אַלטן יידישן שטייגער לעבן, וואָס האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם קאַמף מיט די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און מיט דער נייער טעכנאָלאָגיע, און דעם נייעם יידישן וועלט־באַנעם, האָט זיך די שול אָריענטירט אויף מאָדערנקייט, דאָס הייסט, אויף יענעם קולטור־שטייגער וואָס איז אויפגעקומען אין די העכערע שפּיצן פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט אין דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע און וואָס האָט דעם טראָפּ געשטעלט אויף דעם באַגריף מענטש. דאָס איז די קולטור וואָס האָט פאַקטיש כאַראַקטעריזירט דאָס בעסטע פון די מערב־אייראָפּעישע פעלקער. ווען מיר וואָלטן געבליבן אין דרויסן פון דער דאָזיקער קולטור, וואָלטן מיר נישט געקענט קעמפן פאַר איינגלידערן זיך אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, אין דער אינדוסטריע, אין די פּראָפעסיעס. מיר וואָלטן נישט געקענט אָנהייבן דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר יידישער מדינהשאַפט, פאַר צוריק עטאַבלירן זיך ווי אַ פּאָליטיש־סוווערן פאָלק. מיר וואָלטן געבליבן נישט קיין פאָלק צווישן די פעלקער פון 20סטן יאָרהונדערט, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע. אין תוך האָט די יידישע וועלטלעכקייט געווירקט, אַז אויך אַלע רעליגיעזע באַוועגונגען זאָלן אָננעמען וועלטלעכע פאָרמען, זאָלן זיך לערנען ווי צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף, זיי זאָלן קענען פאַרבינדן געטריישאַפט צו אמונה מיט דער נייטיקייט פון אַ נייער עקזאַקטער סיסטעם פון וויסן, פון פאַרשטיין וואָס די היינטיקע סכנותדיקע וועלט שטעלט מיט זיך פאָר.

במשך פון פופציק יאָר, בעת די רעליגיעזע וועלט איז פאַרוועלטלעכט געוואָרן, איז די יידיש־וועלטלעכע קולטור נאָך מער איינגעפעסטיקט געוואָרן אין טראַדי־ציאָנעלן יידישן לעבן, אין די ווערטן פון אַ פּילטויזנט־יאָריקער קולטור. די יידישע פּאָעזיע איז געוואָרן אַ מאָדערנע פּאָעזיע ווען זי האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט אין אירע אימאַזשן און שטימונגען צו דער וועלט פון חסידות פון תנך און פון אַלטן יידישן שטייגער.

די דאָזיקע גרויסע ענדערונגען מוזן מיר וויסן ווי אָפּצושאַצן איצט, ווען מיר שטייען אויף אַ שיידוועג, ווען די יידישע דערציונג לעבט־דורך אַ גלאָבאַלן קריזיס. ס'איז שווער אויפצוהאַלטן אַ יידישן מענטשן, וואָס אין אַ קאָנפראָנ־טאַציע מיט דער אַלגעמיינער גרויסער קולטור זאָל ער נישט אָנהייבן ספקן אין

דעם וואָס זיין יידישע דערציונג האָט אים געלערנט. מיר ווייסן פון דער געשיכטע, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע פאַרבלענדעניש צו מיינען אַז מיטן נצחון פון די חשמונאים זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן די רעשטן פון דער גריכיש־סירישער קולטור אין יידישן לעבן אָדער אַז אין דער היינטיקער צייט זענען מיר מיטן זיג פון יידישן נאַציאָנאַליזם געבליבן די זעלביקע יידן ווי ביים אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן. דאָס איז שייך דער־עיקר אונדזער יוגנט.

די פרעמדע קולטור, צי ס'איז אַן אַמעריקאַנישע, צי אַ שפּאַנישע, צי אַ פראַנצויזישע זוכט פון גרונט אויס איבערצוואָריענטירן דעם מענטשן. דער אַמעריקאַנער ייד וואָס מוז שטייגן אין געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און אינטעלעקטואַלן לעבן פון לאַנד, מוז אויסזען ווי אַן אַמעריקאַנער, האָבן די מאַניערן פון איינעם וואָס געהערט צום העכערן מיטל־קלאַס. כדי צו שווימען אין דעם ים פון דער אַרומיקער קולטור מוז ער סוף־כל־סוף איבערנעמען הן דאָס פּאָזיטיווע, הן דאָס נעגאַטיווע. פּראָפעסאָר האָרעס קאַלען פלעגט זאָגן, אַז אַמעריקאַנער יידן זענען בלויז „שבת־יום־טובדיקע יידן”. ער האָט עס אויך געמיינט ערנסט וועגן זיך. בלויז אין די יום־טובדיקע טעג גילט זייער יידישקייט. אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך איז ער אַ מענטש פון 20סטן יאָרהונדערט, ער געהערט צום הויפּט־שטראָם פון דער קולטור פון לאַנד. דער מאָדערנער יידישער לעבנשטייגער אין פוילן און רוסלאַנד, אַפילו אין דער מאָדערנער תקופה, האָט פאַרמאָגט אַ יידישן מאָנטיק און מיטוואָך. די טאָג־טעגלעכקייט איז געווען אַ יידישע, און אין דעם האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע דער פאַקט וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגן לשון. אַן דעם שפּראַכן־פאַקטאָר איז דער מענטש אַזוי ווי אַ נפש וואָס איז אָפּגעשונדן פון זיין הויט. די שפּראַך גיט דעם מענטשן אַ געוויסע גייסטיקע זיכערקייט, מנוחה, אַ גלויבן וואָס האָט גאָר קיין דאָגמעס נישט. ווייניק האָט מען אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, אַז איידער מענטשן האָבן געלערנט פילאָסאָפיעס, האָט די שפּראַך באַשאַפן פאַר זיי די לעבנס־פילאָסאָפיע, די עטיק, די פסיכישע לעבנסזיכערקייט.

די שפּראַך האָט אויך באַשאַפן געוויסע מאָראַלישע קאָנצעפּציעס וואָס האָבן דעם מענטשן געלערנט וואָס איז רעכט און אומרעכט, אָבער דאָס זענען אַלץ אַספּעקטן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ ווען מיר באַטראַכטן זי פון קוק־ווינקל פון דער געזעלשאַפט. מיר מוזן זיך אויסלערנען צו קוקן אויף דעם מענטשן און דעם יחיד פון זיין אייגענער טובה וועגן, אויף אַזאַ אופן וואָס וועט אים באַשיצן אין אַזאַ שווערער וועלט, וואָס וועט אים געבן גייסטיקע רו און אינטימע פאָרמען פון אַ דיאַלאָג ווו דער מענטש שמועסט זיך דורך מיט זיך אַליין, מיט זיין פאַרווירטן געוויסן, מיט זיינע מחשבות וואָס אַ בהלהדיקע תקופה אין יידישן לעבן האָט אויף אים אַרויפגעצוווּנגען. מיר מוזן זאָגן אַז אויך היינט, נאָך הונדערט זיבעציק יאָר עמאַנציפּאַציע, נאָך יידישער מדינהשאַפט, איז שווער צו זיין אַ ייד. עס איז גוט צו זיין און עס איז שווער צו זיין. עס איז גוט ווען

ס'איז אויסגעבונדן מיטן פֿאָלקס לעבן, ווען מען פֿרייט זיך מיט נאַציאָנאַלע דער־גרייכונגען, ווען מען האָט פֿרייד אין דער משפּחה, ווען מען טראָגט שטאָלץ דעם נאָמען ייד. אָבער ס'איז שווער צו זיין אַ ייד, ווייל אונדזער פֿאָלק האָט נאָך קיינמאָל נישט דורכגעלעבט אַזויפֿיל גרויסע שינויים און עס זענען קיינמאָל נישט געווען אַזויפֿיל אידעאָלאָגיעס און ס'איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צעשפּליטערונג אין יידישן לעבן. מיר זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען נאָך אַזאַ גרויסן אומגליק ווי חורבן־אייראָפּע און פֿאַר אַזאַ גרויסער אחריות ווי צוריק אויפֿבויען אַ פּאָליטיש־סוווערען לעבן. דאָס פֿאָדערט אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע כוחות. צו פֿאַרשטיין צוערשט אינטואיטיוו, דורך מיטבאַטייליקונג און ערשט שפּעטער צו באַנעמען אינטעלעקטועל וואָס מיר זענען, ווער מיר זענען. צו דעם קומט נאָך צו די נייטיקייט צו קענען אַריבערטראָגן יידישע אַליינקייט אין דער וועלט. ערשט מיט פֿיר צענדליק יאָר צוריק זענען אַלע פֿאַרגעשריטענע כוחות געווען מיט אונדז, מיט ישראל, מיטן יידישן פֿאָלק און מיטן יידישן מענטשן. און היינט לעבן מיר אין אַ וועלט וואָס צערודערט אונדזער יוגנט, מאַכט זי „ניי־לינק”, מאַכט זי ספֿקן אין אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן, אונדזער עטיק, אונדזער רעכט אויף יידישן המשך.

אַפֿריקאַנער האָבן אַ רעכט אויף זייער נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט און קולטור, נאָר דאָס פֿאָלק פֿון תנ"ך איז היינט כלומרשט אַן אימפּעריאַליסטישע מחנה. קורץ גערעדט, אויף אַלע שטאַפּלען פֿון דערציונג — עלעמענטאַרע, מיטעלע, העכערע — מוז אונדזער חינוך באַקעמפֿן דורך געווער פֿון נאַציאָנאַלער קולטור די דעזאָריענטירנדיקע אידעען פֿון אונדזער צייט. עס פֿלאַקערט אין דער וועלט אַ שריפֿה און מיר קענען זיין די ערשטע קרבנות. מוז אונדזער דערציונג שטיין אויף דער געהעריקער הייך און געפֿינען די פּאַסיקע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן צו שטאַרקן דעם יידישן יחיד.

אין דעם פּראָצעס פֿון שטאַרקן דעם יידישן יחיד מוזן שפּילן אַ ראָלע. סיי די יידישע ישובים אין חוץ לארץ, סיי מדינת ישראל. די מדינה איז היינט דער קנין פֿון גאַנצן פֿאָלק און דאָס פֿאָלק מוז שטיין אין שוץ פֿון דער מדינה. ביז דער יידישער מדינהשאַפֿט איז די אידייע פֿון אַ היימלאַנד געווען די פּלאַטפֿאָרמע פֿון אַ פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן לעבן, אָבער מיט דער גרינדונג פֿון דער מדינה האָט זיך דער מצב געביטן. היינט טראָגט די מדינה די אחריות, אַז אַלע נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע ווערטן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן במשך פֿון זיין געשיכטע, זאָלן אַריינגעבויט ווערן אין דעם בנין הארץ. די ווערטן מוזן געפֿינען אַן אָפּשפּיגלונג אין די קולטור־אינסטיטוציעס וואָס די מדינה בויט, אין דער לערן־פּראָגראַם פֿאַר דער יוגנט, אויף די אוניווערסיטעט־קורסן און אין פֿאַרש־אינסטיטוטן, אַפֿילו אין די קינדערגאָרטן־לידער.

און וואָס קען זיין באַדייטפֿולער אין פּרט פֿון נאַציאָנאַלע ווערטן ווי די אַשכּנזישע קולטור אויף יידיש, די פּרעכטיקע מאָדערנע יידישע פּאָעטן און פּראָזע־

שרייבער, די ווונדערלעכע ווערק פון י. ל. פרץ, אברהם רייזען, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע, איציק מאַנגער, אהרן צייטלין.

מיר האָבן זיך צוגעווינט צו באַווייִנען איין מאָל אַ יאָר די זעקס מיליאָן אומגעקומענע, אָבער די קולטור, די ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן געשאַפן, בלייבט פרעמד אונדזער העלדישער יוגנט פון ישראל, וואָס מיר טראָגן איר אַנטקעגן אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט. אָט די קרומקייט מוז אויסגעגליכן ווערן.

צי קענען מיר ווייטער בויען אונדזער פאָלקס־לעבן אויפן יסוד פון אַלטע קריוודעס — קריוודעס וואָס געהערן צו אַן אַנדער יאָרהונדערט און אַן אַנדער וועלט ?

ניין ! מיר מוזן פּראָסט־און־פּשוט זאָגן, אַז די נייע היסטאָרישע ווירקלעכקייט פאָדערט פון אונדז, אַז צוזאַמען מיט לשון־קודש, אונדזער היסטאָרישע שפּראַך פון תנך, וואָס האָט אויפגעלעבט און אויפגעבליט ווי דאָס לעבעדיקע עברית אין ירושלים, תל־אביב און חיפה, מוז אויך אונדזער נאַציאָנאַלע פאָלקסשפּראַך יידיש באַקומען איר פאַרדינטן, רעכטלעך־אָנערקענטן אָרט פון חשיבות אין דעם קולטור־לעבן פון דער מדינה.

מיר טאָרן נישט פאַרמשפּטן יידיש צו בלייבן בלויז אַ שפּראַך פון זיידע־באָבע — זי מוז געהערן צום יידישן קינד פון ישראל, ווי זי האָט געהערט צום פּיאָנערן־דור וואָס האָט געבויט ארץ־ישראל און שפּעטער מדינת ישראל. עס קען מער נישט זיין קיין אהבת־יידיש וואָס זאָל גיין מיט שנאת־ציון, און מ׳קען נישט זיין קיין אהבת־ישראל וואָס זאָל גיין מיט שנאת־יידיש.

אַוודאַי ווייסן מיר, אַז די ענדערונג אין קולטור־לעבן פון דער מדינה וועט נישט געשען איבער נאַכט. מען מוז אין ישראל מאָביליזירן פאַר דעם אַקאַדעמיקער און שרייבער, מענטשן פון דער פּאָליטישער וועלט און מענטשן פון פאָלק. עס וועט נייטיק זיין אַ סך אויפקלערונג און אַ מין נייער דיאַלאָג פון פריינד, נישט פון קעגנער כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן. עס איז וויכטיק, אַז פון דער טריבונע פון דער היינטיקער קאָנפערענץ זאָל די נייע אידייע פון קולטור־פאַרברידערונג דער־קלערט ווערן, ווייל שוין הונדערטער יאָרן איז אונדזער קולטור געווען אַ צוויי־שפּראַכיקע : יידיש און לשון־קודש. שוין בעל־מחשבות און שפּעטער שמואל ניגער האָבן אָט־די אידייע צענדליקער יאָרן פאַרטיידיקט און אהרן צייטלין און אַנדערע האָבן זי פאַרווירקלעכט אין זייער שאַפן.

דער אָנהייב, די ערשטע טריט צו באַווייזן אַז אין דער מדינה איז מען גרייט צו דער דאָזיקער נייער פאַרברידערונג, איז דאָס איינפירן יידיש ווי אַ פרייוויליקן לימוד אין דער שול־סיסטעם פון ישראל. זאָל דאָס זיין דער ערשטער טראָט אין דער נייער אָריענטאַציע. זאָל מען אויך זען אַ יידיש בוך אויסגעשטעלט אין די פענצטער פון אַ ביכער־געשעפט אין תל־אביב. זאָלן די יידיש־קאַטעדרעס אין ישראל צוגרייטן אויך לערער פאַר די נייע קורסן און נישט בלויז פאָרשער. זאָל מען אויך איינאָרדענען פּריוואַטע קורסן פאַר קינדער און יוגנט צו לערנען יידיש.

עד כאַן פאָרשלאָגן — איך וויל קומען צום סוף־פסוק.

פון די אַלע רייד קען אפשר אויסקומען, אַז אונדזערע פאָדערונגען זענען מאַקסימאַליסטישע, אַז זיי שטימען נישט מיט דער גרויער רעאַליטעט. אויב מיר זאָלן אין ירושלים נישט אַרויסשטעלן קיין מאַקסימאַליסטישע פאָדערונגען, האָבן מיר לכתחילה נישט פאַרשטאַנען דעם זינען פון אונדזער היינטיקן וועלט־ צוזאַ־מענפאָר. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן צו באַשווערן איינע די אַנדערע צו טאָן אַ סך מער ווי מיר טוען, צו זוכן נייע כוחות וואָס זאָלן אונדז אויפטרייסלען פון דער רוטין, צו מאָנען ביי די, וואָס אַרבעטן שוין מיט מסירת־נפש, נאָך מערער.

יעדער היסטאָרישער קאָלעקטיוו פאַרווירקלעכט אַזוי פיל וויפל גייסטיקע כוחות ער פאַרמאָגט און נוצט אויס. „אויב איר ווילט נאָר, איז דאָס נישט קיין חלום", האָט הערצל געזאָגט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויף דער ערד פון ישראל זענען אַ סך חלומות מקוים געוואָרן. אויך מיר, יידישע דערציער, האָבן אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, נאָר מיט אונדז איז געשען דער נישט־פאַרויסגעזעענער אומגליק, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד זענען ליקווי־דירט געוואָרן די יידישע שולן מיט 120 טויזנט תלמידים; אַז אין חורבן־פוילן איז אומגעקומען די נעץ פון „צישאָ"־שולן מיט 25,000 תלמידים, אַז די כוואַליעס פון אַסימילאַציע אין אַמעריקע האָבן אָפּגעהאַקט דעם שפּיץ פון דער גרויסער שול־נעץ וואָס האָט אין די דרייסיקער יאָרן אויך דערגרייכט אַ וועלכע 25,000 קינדער. טראָגן מיר יידישע דערציער אין זיך די גרויסע וווּנד, וואָס מיר זענען פון אַ מאַיאָריטעט־באַוועגונג געוואָרן אַ מינאָריטעט־באַוועגונג אין יידישן חינוך. פונ־דעסטוועגן האָט די פּראַקטיק, אָנגעהויבן פון די אומלעגאַלע אַרבעטער־אָוונט־שולן אין 1910, אונדז קלאָר געוויזן אַז די נייע יידישע שול האָט אַריינגעשריבן אַ נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דערציִונג ביי יידן.

איך וואָלט פאַרענדיקט אויף אַן אופן וואָס איז מסתמא זייער פאָלקסטימלעך און נישט מאָדערן. מען דערציילט, אַז ווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פלעגט אַליין מחבר זיין זיינע תפילות, פלעגט ער זיך אויסטענהן מיטן בורא עולם אויף פּראָסט מאַמע־לשון. מיין תפילה אויף דער היינטיקער אסיפה איז אַזאַ: רבונו דעלמא, זע, טאַטע־פאָטער, אַז ביי דעם טיש, ווו מיר זיצן אינאיינעם מיט אונדזער הויז־געזינד, זאָל אונדז פאַרייניקן נישט נאָר דאָס ברויט וואָס מיר עסן, נאָר אויך דער גייסט פון אַלטער יידישער משפחהדיקייט און נאָענטקייט, און נישט אַזוי, אַז די, וואָס מיר האָבן ליב, זאָלן טראָגן קעגן אונדז שנאה. מיר האָבן אַרויס־געשטעלט די שענסטע מענטשלעכע אידעאַלן ווי די גרויסע האָפענונגען פאַר דער נייעם דור און פאַר דער וועלט, נאָר אונדזער ליבשאַפט צו דער וועלט ווערט באַגעגנט מיט שנאה, מיט סם־המוות. און לסוף זע, אַז אונדזער וועלט זאָל נישט אַלט ווערן, אַז מען זאָל הערן אין איר די קולות פון יונגע קינדער און יוגנטלעכע, וואָס ציען ווייטער דעם דורותדיקן יידיש־יידישן ניגון.

חיים פינקלשטיין (ירושלים)

יידישער חינוך, יידיש לשון און יידישע ווערטן

א. די ראָל פון יידיש אין דער יידישער דערציונג — דאָס איז אייגנטלעך די צענטראַלע טעמע וואָס די קאָנפערענץ האָט אַוועקגעשטעלט אויף איר סדר היום. וואָס שייך דער חשיבות פון יידיש — הן פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפונקט און הן פון איר ווערטיקייט פאַר דער יידיש־גייסטיקער יצירה — פאַרשפּאָר איך מאריך צו זיין באַזונדערס אויף דער קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען פאַרזאַמלט מענטשן פאַר וועמען דער ענין איז נישט בלויז באַקאַנט און אייגן, נייערט זיי לעבן אים דורך ממש מיט אַלע זייערע רמ״ח אברים. איז צוליב וואָס איבערצייגן איבערצייגטע?

די פראַגע וואָס שטייט פאַר אונדז הײַנט איז דעריבער — נישט די חשיבות און ווערטיקייט פון יידיש, נייערט וואָס צו טאָן כדי צו פאַרשטאַרקן יידיש און דורך יידיש — פאַרטיפן דאָס יידיש־גייסטיקע לעבן; עס מאַכן וואָרצלדיקער און שלימותדיקער.

ב. אַוודאי, גלויב איך, דווקא ביים סאַמע אָנהייב, קלאָר צו מאַכן, אַז לויט מיין באַשיידענער מיינונג איז שפּראַך נישט קיין כלי אין וועלכער מען גיסט אַריין — ווי מען זאָגט — דעם ווײַן. די שפּראַך איז אַליין אַ טייל פונעם ווײַן. זי איז אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון דער קולטור פון אַ פאָלק. נאָך מער: זי איז, אויב מען קען אַזוי זאָגן, דער מאַטעריאַליזירטער אויסדרוק פונעם פאָלקס כאַראַקטער, פון זיין טראַכטן און פילן. קלאָר דעריבער, אַז אין דער שפּראַך גופא קומט צום אויסדרוק די פערזענלעכקייט פונעם פאָלק, זיין אייגנאַרטיקייט, אָריגינעלקייט און נאַציאָנאַלער „איך״.

דער כלל איז חל אויף אַלע שפּראַכן פון אַלע פעלקער. און וואָס שייך דעם יידישן פאָלק איז ער חל סיי לגבי העברעיש און סיי לגבי יידיש.

ג. די צוקונפט פון יידיש — ווי פון יעדער שפּראַך איז אָפּהענגיק אויף וויפל זי וועט זיין אינעם מויל פון קינדער. אויך העברעיש האָט אויפגעלעבט און זיך פאַרוואָרצלט אינעם לעבן פון מדינת ישראל ווען זי איז געוואָרן די שפּראַך פונעם ישראלדיקן קינד. דאָס געזאָגטע פאַרמינערט נישט די ראָל פון שפּראַך־אַקאַדעמיעס און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פלעגן און פאָרשן די שפּראַך. אָבער מיר ווילן דאָך נישט אַז יידיש זאָל זיין אַ שפּראַך בלויז פאַר פאָרשונגען אין לאַבאָראַטאָריעס און אַקאַדעמיעס, נייערט אַ לעבעדיקע שפּראַך, וואָס זאָל אויך אויף להבא, ווי אינעם עבר, זיין שעפעריש. כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף זי, ווי געזאָגט, אַריין אינעם מויל פון יידישן קינד.

דאָס מיינט, אַז זי דאַרף ווערן אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון דער יידישער דערציונג און יידישער בילדונג.

ד. די פראַגע פון יידישער דערציונג אין אונדזער תקופה איז פיל קאָמ־פליצירטער ווי בלויז די פראַגע פון שפּראַך אַליין. שפּראַך, ווי געזאָגט, איז זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אָבער די פראַגע איז נישט בלויז שפּראַך ווי אַן איזאָלירט פּראָבלעם פאַר זיך. די פראַגע וואָס שטייט פאַר אונדז היינט אין איר גאַנצער שאַרפקייט איז: וואָס ווילן מיר פון דער יידישער דערציונג? וועלכע צילן שטעלן מיר פאַרן יידישן לערער און דערציער? אין דער מאָס וואָס אונדז וועט געלינגען צו געבן אַן ענטפער אויף די אויבן געשטעלטע פראַגן וועלן מיר, גלויב איך, פיל בייטראָגן צו דער לייזונג אויך פון דער פראַגע פון שפּראַך.

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין אַ תקופה אין וועלכער עס קומען פאָר גרויסע און טיפע ענדערונגען אינעם לעבן פון פעלקער, און נאָך אין אַ פיל שטאַרקערער אינטענסיווקייט — אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. אָט די נאָכאַנאַנ־דיקע ענדערונגען, וואָס ביי אונדז נעמען זיי אָפט אָן אַ דראַסטישן כאַראַקטער, באַווירקן אַלע געביטן פונעם לעבן און האָבן, נאַטירלעך, גאָר אַ שטאַרקע און טיילמאָל דעצידירנדיקע ווירקונג אויך אויפן יידישן חינוך.

חינוך — ווי באַוווסט — איז נישט קיין איזאָלירטע דערשיינונג פאַר זיך אַליין, נייערט אַ פונקציע פונעם לעבן. און וויל מען פאַרשטיין וואָס דער חינוך דאַרף זיין און קען זיין, כדי צו זיין ווירקזאַם ביים דערפילן די פונקציעס זיינע, דאַרף מען אים שטעלן אונטערן פּראָזשעקטאָר פון די פאַרשיידענע פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אינעם לעבן פון פאָלק.

ה. די יידישע דערציונג און בילדונג אין די תפוצות האָט נישט — ווי באַוווסט — קיין אוטיליטאַרן ציל פאַר ריין פּראַגמאַטיש־מאַטעריעלן כאַראַקטער. שוין דערמיט אַליין איז זי אַנדערש פון אַלע באַקאַנטע שול־סיסטעמען אין דער וועלט. איר עקזיסטענץ און פונקציע זענען דעריבער באַרעכטיקט נאָר דעמלט ווען שטאָט דעם פּראַגמאַטיש־אוטיליטאַרן ציל שטעלט זי דעם דגש אויף דערציונג צו ווערטן; ווערטן — יידישע און הומאַניטאַרישע; סאָציאַלע, עטישע און קול־טורעלע, וואָס גיבן דעם תלמיד גייסטיק־נשמהדיקע איבערלעבונגען, קענטענישן, באַוווסטזיין און געפילן, וועלכע באַווירקן די פאָרמירונג פון דער יידיש־מענטש־לעכער פערזענלעכקייט זיינער.

פאַראַן דערציערישע ווערטן אַלגעמיין מענטשלעכע אוניווערסאַלע צו וועלכע אויך יידן האָבן אַ שייכות, מחמת יידן האָבן גאָרנישט ווייניק בייגעטראָגן צו זייער געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג. נאַטירלעך זאָגן מיר זיך נישט אָפּ פון דעם אַלעמען וואָס איז פּאָזיטיוו פאַרן מענטשן בכלל, אַזוי פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל. אָבער פאַראַן ווערטן וואָס זענען ספּעציפיש יידישע, וואָס אָן אונדז וואָלטן זיי בכלל נישט געשאַפן געוואָרן, מחמת אין זיי אַנטפּלעקט זיך דער יידישער

שטייגער, יידישע טראַדיציעס און די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק; זיין כאַראַקטער און לעבנס־פילאָסאָפיע.

ו. די פריער דערמאָנטע ווערטן קומען צום אויסדרוק אין דער עכטער גייס־טיקער יצירה פונעם פאָלק, אָנהייבנדיק פון תנך און ש"ס און פוסקים און קבלה און אַזוי ווייטער, און פאַרזעצנדיק מיט יידישער פילאָסאָפיע, מיט דער גאָלדענער קייט פון שאַפונגען אין מערב און אין מזרח־אייראָפּע ביז צו אונדזערע טעג — אין ישראל און אין די תפוצות. מיט איין וואָרט: יידישקייט וואָס איז געשאַפן געוואָרן און ווערט געשאַפן אין אַלע דורות, אָן אונטערשייד פון צייט און פּלאַץ. צום ביישפּיל: תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי. ביידע פאַרמאָגן די זעלבע חשיבות אינעם אוצר פון גייסטיקן געניוס אונדזערן, נישט געקוקט אויפן פּלאַץ וווּ זיי האָבן דערזען די ליכטיקע שיין. דער זעלבער כלל איז גילטיק וועגן אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער יידיש גייסטיקער יצירה. דאָס איז אייגנטלעך דער פּרינ־ציפּ פון אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס שליסט איין אַלץ וואָס איז פּאָזיטיוו און שעפעריש אינעם יידישן לעבן.

פון דעם איז אויך קלאָר די באַציונג צו ביידע שפּראַכן אונדזערע.

וואָס שייך העברעיש, איז היינט נישטאָ קיין ויכוח אַז אָן דער שפּראַך און די ווערטן וואָס זענען אין איר געשאַפן געוואָרן, איז נישטאָ קיין יסוד פאַר יידיש־נאַציאָנאַלן חינוך. און ווען ס'איז ליב ישראל דאַרף אינעם באַנוצן די שפּראַך זען דעם שענסטן אויסדרוק פון קולטורעלער אידענטיפיקאַציע מיט דער יידישער מדינה און אירע שאַפונגען.

דער כלל פון אינטעגראַלער יידישקקייט, ווי ס'האָט אים אַמאָל פאָרמולירט ר' צבי שוואַרץ ע"ה איז חל אויך אויף יידיש. און ווער עס נעמט אָן דעם דאָזיקן פּרינציפּ מוז פאַרשטיין, אַז אָן יידיש איז די יידישקייט נישט אינטעגראַל, נישט גאַנץ און נישט שלמותדיק. דער פּועל יוצא דערפון איז אַ קלאָרער:

וויל מען עכטע אינטעגראַלע יידישקייט; וויל מען דערציונג צו יידישע ווערטן ווי מיר האָבן זיי פריער פאָרמולירט, דאַרף יידיש פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אינעם יידישן קולטור־לעבן און אין דער יידישער דערציונג.

ז. מיר האָבן פריער געשטעלט די פראַגע: וואָס ווילן מיר פון דער יידישער דערציונג? און מען קען צוגעבן: וואָס פאַר אַ טיפּ יידן ווילן מיר דערציען?

די פראַגע איז נישט קיין פשוטע. אָבער אָן צו געבן אַן ענטפער, קען מען נישט פאַרשטיין די ספּעציפישע שליחות פון דער יידישער שול אין דער היינ־טיקער תקופה.

ווי געזאָגט, איז קענען העברעיש און יידיש און האָבן ידיעות וועגן יידישקייט אַ גאַר וויכטיקע זאַך. אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוג אין די באַדינגונגען אין וועלכע יידן לעבן היינט אין די תפוצות. אויך גויים קענען העברעיש און אַפילו יידיש און מאַנכע ווייסן וועגן יידישקייט. דאָס מאַכט זיי אָבער נאָך נישט פאַר יידן. כדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען טראַכטן יידיש, פילן יידיש און לעבן ווי אַ ייד.

אַ פּאַסיווער צושויער איז נישט קיין פולער ייד. יידישקייט מיינט אַן אַקטיוו יידיש לעבן. אָן דעם ווערט די יידישקייט אַטראָפּירט, מחמת זי פאַרמאָגט נישט דעם כוח פאַר גייסטיקער אינספּיראַציע. דערפון די מסקנה, אַז די יידישע שול דאַרף זיין מער ווי אַ שול אינעם פּשוטן זין פון וואָרט. די יידישע שול דאַרף לערנען און דערציען נישט בלויז צו יידיש וויסן, נייערט צו יידישן געווייסן; נישט בלויז צו געבן דעם תלמיד אַ באַשטימטן סכום קענטעניש, נייערט אים צוגרייטן צו לעבן ווי אַ ייד.

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, איינע פון די וויכטיקסטע און אפשר טאָקע די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער יידישער דערציונג אין דער היינטיקער תקופה. דער דאָזיקער כלל איז וויכטיק אומעטום, אויך אין ישראל. אָבער נאָך שאַרפער דאַרף געשטעלט ווערן דער אַקצענט אויפן דאָזיקן כלל אין די תפוצות, מחמת דאָרט פעלן אַלע אַנדערע אַטריבוטן, ווי היים און **סביבה** — אין יידישן זין פון וואָרט — וואָס דאַרפן באַגלייטן די דערציערישע פונקציעס פון דער שול.

ח. מען מוז אָנערקענען, אַז ס׳עקזיסטירט אַ קאָנפליקט צווישן דער יידישער חינוך־פילאָסאָפיע ווי מיר פאַרשטייען זי און דער קלאַסישער חינוך־פילאָסאָפיע, אויף וועלכער אַ סך פון אונדז האָבן זיך דערצויגן. די לעצטע איז געבויט אויפן פּרינציפּ אַז די שול דאַרף צוגרייטן דעם תלמיד צו קענען זיך איינגלידערן ווי אַ ווערדיקער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט.

וואָס מיינט איינגלידערן זיך אין דער געזעלשאַפט? דאָס מיינט פּשוט — אריינוואַקסן אין דער נישט־יידישער קולטור פונעם לאַנד, איינזאַפּן אין זיך דעם פרעמדן שטייגער, גיין מיטן שטראָם. מיט איין וואָרט: זיך אַסימילירן, אַפילו ווען דאָס געשעט בהדרגהדיק.

אונדזער אויפגאַבע שטייט אָבער אין פולער סתירה צום דאָזיקן פּרינציפּ. און כדי צוצוגרייטן דעם תלמיד אַז ער זאָל זיין אַ ווירדיקער ייד, דאַרפן מיר אים צוגרייטן אַז ער זאָל קענען גיין קעגן שטראָם.

אייגנטלעך איז די גאַנצע יידישקייט אַ כסדרדיקער גאַנג קעגן שטראָם. ווען נישט דאָס וואָלטן מיר שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען.

אָבער כדי צו וועלן גיין קעגן שטראָם און דעם נייטיקן כח דערצו, דאַרף דער מענטש וויסן פאַרוואָס און פאַר ווען?

מיטן שטראָם איז לייכט. כדי צו גיין קעגן שטראָם דאַרף דער מענטש פאַרמאָגן גלויבן, אינהאַלט, אַן אידעאַל און אַ ציל אין לעבן. נאָר דעמלט ווען דער מענטש פאַרמאָגט די נייטיקע מאָטיוואַציע איז ער באַרופן צו גיין קעגן שטראָם.

ט. ווער ס׳פאַרשטייט נישט דעם זין פון גיין קעגן שטראָם, קען אויך נישט פאַרשטיין די גבורה וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין פאַרשיידענע תקופות פון דער יידישער געשיכטע.

אמת, יידן האָבן אַ סך געליטן, געליטן פיל מער ווי אַנדערע פעלקער. אָבער אויך אין דעם כוח צו ליידן אַנטפּלעקט זיך די גבורה פון מענטשן. און אַזאַ גבורה

פאַרמאָגן בלויז מענטשן מיט אַ גרויסער מאָראַלישער קראַפט; מענטשן מיט גלויבן, מיט אינהאַלט; מיט איין וואָרט, מענטשן וואָס ווייסן פאַרוואָס.

און יידן האָבן נישט בלויז געליטן און פאַסיוו געדולדט דעם ביטערן גורל. יידן האָבן אויך געקעמפט און אויך אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע גבורה.

אָן צו פאַרשטיין דאָס דאָזיקע, קען מען נישט פאַרשטיין די יידישע געשיכטע און די מענטאַליטעט פונעם יידישן פאָלק. אָן דעם איז אויך שווער צו פאַרשטיין די גבורה וואָס יידן האָבן אַנטפּלעקט און אַנטפּלעקן ביז היינט אין דער באַנייטער מדינת ישראל.

י. דאָ קומען מיר אייגנטלעך צו איינער פון די עיקרדיקסטע פראַגן פון דער יידישער דערציונג:

וועלכער דאַרף זיין איר אינהאַלט, איר ציל און דער אידעאַל אירער?

פאַראַן אַלגעמיינע חינוך־ווערטן: הומאַניטאַרע, עטישע, סאָציאַלע, וועלכע זענען אייגן דער יידישער דערציונג, פּונקט ווי דער נישט־יידישער, באַזונדערס אין דער פרייער און דעמאָקראַטישער וועלט. אָבער אין ערגעץ איז נישטאָ קיין דער־ציונג אָן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און אָן אַ באַגער איינצוגלידערן דעם תלמיד אינעם נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק. קלאָר דעריבער, אַז אויך די יידישע דערציונג פאַר־מאָגט נישט קיין זין אויב זי איז נישט דורכגעדרונגען מיט טיפער נאַציאָנאַלער מאָטיוואַציע. דער דאָזיקער תנאי איז חל אויף אַלע ריכטונגען און זרמים אינעם יידישן לעבן, איינשליסלעך אויך די רעליגיעזע ריכטונגען. מיר זאָגן קלאָר:

מיר ווילן דערציען דעם תלמיד צו פולער אידענטיפיקאַציע מיטן פאָלק. און דאָ דאַרף איך צוגעבן, אַז עכטע אידענטיפיקאַציע מיטן פאָלק מיינט אויך פולע אידענטיפיקאַציע מיט מדינת ישראל, וואָס אין לעצטן סך הכל דערגאַנצן זיי זיך איינע דער צווייטער.

איך רעד נישט, חלילה, וועגן פאַרטייאישע אַנשויאונגען, נייערט וועגן יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלע געפילן וואָס מדינת ישראל איז באַרופן צו אַנטוויקלען און צו פלעגן ביים תלמיד.

קען דען, היינט צו טאָג זיין אַ גרעסערער קוואַל פון נאַציאָנאַלער אינספּי־ראַציע און פון יידיש־מענטשלעכער ווערדע ווי דאָס געפיל צו זיין אַ שותף צו דער סאַמע אייגנאַרטיקסטער רעוואָלוציע ווי די וואָס קומט פאָר אויפן באָדן פון ישראל? דאָ ווו דער מלוכהש־סוווערענער ווידערגעבורט פון אונדזער פאָלק גייט האַנט ביי האַנט מיט טיפע סאָציאַלע און הומאַניטאַרע ווערטן, וועלכע האָבן כמעט נישט קיין ביישפילן אין דער גאַרער וועלט?

ווו נאָך איז פאַראַן אַ ביישפיל ווי דער קיבוץ, דער מושב און ענלעכע לעבנס־פאָרמען, וואָס זענען געבויט אויף פרייען ווילן און עכט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן?

קען דאָס נישט דינען ווי אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, ווי אַן אתגר, אַן אַרויס־רוף פאַר יונגע מענטשן וואָס זוכן אין לעבן מענטשלעכע ווערטן?

דאָס דאַרף, לויט מיין מיינונג, זיין דער לייט־מאָטיוו אין דער יידישער דערציונג אין אונדזער תקופה. און דער ציל דאַרף זיין צו דערציען נישט קיין פּאַסיווע צושויערס, נייערט אַקטיווע מיטבויערס, וואָס זענען באַרופן צו באַווירקן דעם גאַנג פון אויבן דערמאָנטן פּראָצעס.

אויף וויפל די יידישע דערציונג אין דער וועלט — אויך די וואָס גלידערט איין יידיש ווי אַן אינטעגראַלן באַשטאַנדטייל פונעם קוריקולום — וועט זיין דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע ווערטן, וועט זי זיין באַרופן צו געשטאַלטיקן דעם פּראָטאָטיפּ פון היינטיקן נאַציאָנאַלן ייד און אַ דאַנק דעם — פאַרטיפן איר השפעה אויף דער געשטאַלטונג פון די גייסטיקע ווערטן אין ישראל און אין די תפוצות.

יאָ, די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס זעט אין דער אויפלעבונג פון העברעיש אַן אומצעטיילבאַרן פאַקטאָר אין דער נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער און גייסטיקער באַנייאונג פון פאָלק, האָט נישט — לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג — היינט צו טאָג קיין שום סיבות צו זיין קעגן יידיש. דער אַלטער וויכוח וועגן העברעיש אָדער יידיש געהער שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. היינט איז קלאָר פאַר יעדן דענקענדיקן יידן און ערנסטן ציוניסט, אַז מיט פאַרמינערן יידיש וואַקסט נישט העברעיש. עס ווערט בלויז פאַרמינערט נאָך אַ דאַמבע קעגן דעם פאַרפלייצנדיקן שטראָם פון אַסימילאַציע און עם הארצות.

יידיש איז וויכטיק נישט בלויז צוליב איר אַלטן דורות־לאַנגן יחוס־בריות. נייערט אויך ווי אַן אומאָפּשאַצבאַרער קולטור־פאַקטאָר אין דער פאַרמירונג פונעם אינטעגראַלן יידן, אין די תפוצות און הן אין ישראל.

מעגלעך, אַז דאָ אָדער דאָרטן האָט אַ שליח געהאַנדלט אין סתירה צו דער דאָזיקער אויפפאַסונג. דאַרף מען עס טאַדלען ווי אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּערזענלעכע האַנדלונג, מחמת די פירנדיקע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן דערויף קיינעם קיין מאַנדאַט נישט געגעבן.

צום באַדויערן זענען אויך היינט פאַראַן אין פאַרשיידענע לענדער קעגנערס פון יידיש. בדרך כלל איז עס אָבער אַ לאָקאַלער פּראָבלעם, און זיי רעקרוטירן זיך, די קעגנערס, פון די וואָס באַנוגענען זיך מיט „לייכטער יידישקייט". די זעלבע זענען אָפט גרייט צו פאַרמינערן אויך דעם לימוד פון העברעיש, כדי צו מאַכן „לייכטער דעם וואָגן"...

לאָמיר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אויך אין חינוך־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, ווו קיין פול פון אַ שליח איז קיין מאָל נישט אַריבערגעטראָטן, האָט יידיש ליידער פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס.

סיבות — אָביעקטיווע און סוביעקטיווע — זענען פאַראַן פאַרשיידענע. און קלאָר אַז דאָס פּראָבלעם וועט נישט געלייזט ווערן מיט וואַרפן סתם באַשולדיקונגען אויף ישראל, אָדער אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, נייערט דורך געמיינ־

זאַמע קאָנסטרוקטיווע מעשים פון אַלע וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך.

יב. די וויכטיקייט פון דער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור באַשטייט, לויט מיין מיינונג, דער עיקר דערין וואָס דאָ זענען צום ערשטן מאָל באַטייליקט מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אָרגאַניזאַציעס, פאַקטאָרן און אידעישע איינשטעלונגען, וואָס ביז אַהער זענען זיי — ווייניקסטנס אויף דעם געביט — קיין מאָל נישט געגאַנגען צוזאַמען. דאָס איז אַ גרויסע, אומאַפּשאַצבאַרע דערגרייכונג פאַר יידיש, און אין דעם — די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ.

ביים צוגרייטן די טעזיסן פאַר דער טעטיקייטס־פּראָגראַם אויפן געביט פון יידיש אין יידישן חינוך, וואָס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן נאָך מיט מאָנאַטן פריער ערב דער קאָנפערענץ, האָב איך גענומען אין באַטראַכט אָט דעם אויבן דערמאָנטן פאַקט. דעריבער איז די פּראָגראַם געבויט אויפן פּרינציפּ פון פולער קאָאָפּעראַציע פון אַלע פאַקטאָרן וועלכע זענען דירעקט און אומדירעקט פאַראַנטוואָרטלעך [sic]

פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ. און די טעזיסן זענען:

א) אָנהייבן אַ געהעריקע אויפקלערונג אין די יידישע קהילות איבער דער וועלט און באַזונדערס צווישן די עלטערן, לערערס און שול עסקנים, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין די לערנפּראָגראַמען פון די נאַציאָנאַלע חינוך אַנשטאַלטן אין די תפוצות.

ב) סטימולירן צו לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור — ווייניקסטנס ווי אַ פּריוויליקן לימוד — אין די מיטלשולן אין מדינת ישראל. פאַר דעם צוועק אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיטן משרד החינוך און אַלע אַנדערע בילדונגס־פאַקטאָרן אין לאַנד.

ג) פלעגן די פאַראַנענע קאַטעדרעס פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור. און סטימולירן צו דערעפענען נייע אין די אוניווערסיטעטן אין ישראל און איבער דער וועלט.

ד) אויסבילדן לערערס פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור פאַר די ישובים אין די תפוצות. פאַר דעם צוועק דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער מדור ביי איינעם פון די אוניווערסיטעטן אין לאַנד, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, מיטן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, מיטן יידישן קולטור־קאָנגרעס און דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

ה) די מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע דערקלערט אַז זי אָנערקענט די זעלבע זכויות און סטאַטוס פאַר לערער־שליחים פון ישראל וואָס זאָלן אונטערריכטן יידיש און יידישע ליטעראַטור אין די תפוצות,ווי פאַר לערער־שליחים וואָס אונטערריכטן די העברעישע לימודים.

ו) שאַפן אַ פּעדאַגאָגישן צענטער וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט צו־גרייטן לערן־פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער און דידאַקטישן מאַטעריאַל פאַר די אויבן דערמאָנטע לימודים. דער פּעדאַגאָגישער צענטער וועט זיין טע־טיק אונטער דער אויפזיכט פון אַ געזעלשאַפטלעכן ראַט אין באַשטאַנד פון פאָרשטייערס פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, פון דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און יידישן קולטור־קאָנגרעס.

ז) אונטערזוכן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ ספּעציעלן דעסק ביי דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פאַר די לימודים פון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די יידישע שולן אין די תפוצות.

ח) די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס ווערן באַאויפטראַגט צו גרינדן אַ ספּעציעלן פאָנד (קרן) וואָס זאָל פינאַנסירן די טעטיקייטן וועלכע זענען דערמאָנט אין די פּונקטן ג׳, ד׳, ו׳ און ז׳.

יג. פון דעם געזאָגטן איז קלאָר אַז מיר גייען אונטערנעמען אַ גרויסע בשותפותדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס איז באַרופן צו זיין אַ ווענד־פּונקט אין דער באַציונג צו יידיש; אין דער מערכה פון דער יידישער קולטור און פון יידיש אין דער יידישער דערציונג.

דער פאַקט וואָס די קאָנפערענץ קומט פאָר אין ירושלים איז פון גרויסער באַדייטונג. עס איז מער ווי אַ סימבאָל. עס איז אַ וויכטיקער אָנהייב פון אַ קעגנ־זייטיקער דערנענטערונג — פון ישראל צו יידיש און פון ליבהאָבערס פון יידיש — אויך אַזעלכע וואָס זענען נישט שטענדיק געווען אידענטיפיצירט מיט ציוניזם — צו ישראל. די דערנענטערונג איז נישט בלויז קיין טעכנישע. אָן אַן אי־דעישער באַזע; אָן אַ טיפער פאַרשטענדעניש אַז דווקא ישראל איז באַרופן צו עפענען פאַר יידיש נייע האָריזאָנטן, וואָלט די דערנענטערונג נישט מעגלעך גע־ווען. דאַרף דאָס דאָזיקע קומען צום אויסדרוק אין דעם אינהאַלט פון דער קול־טור־ און חינוך־טעטיקייט אויך אין דער יידישער שפּראַך. וואָס טיפער דער אינהאַלט, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט, אַלץ פעסטער וועט זיין דער בונד פאַר דער שותפותדיקער אַרבעט.

ווי יעדער טעטיקייט וואָס איז געבויט אויף פרייוויליקייט און גוטן ווילן, קען אויך די דאָזיקע אַרבעט האָבן דערפאָלג אויב אין איר יסוד וועט זיין אָפּ־געהיט דער פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ און רעספּעקט פון מיינונגס־פאַרשיידנקייטן אינערהאַלב דער ראַם פון נאַציאָנאַלער אחריות.

יד. ביי מיין פולן גלויבן, אַז די שותפות פון די באַטייליקטע פאַקטאָרן אין דער קאָנפערענץ און באַזונדערס די ראָל פון ישראל אין אָט דער שותפות, איז פון קאָלאָסאַלער באַדייטונג, טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז אָן דער אַקטיווער און מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון די פריינד פון יידיש אויף די ערטער, וועלן מיר ווייט נישט אַוועק.

איך צווייפל נישט, אַז די יידישע קולטור־טעטיקייט אין אירע פאַרשיידענע אָפּצווייגונגען און באַזונדערס די יידישע דערציונג גייטיקן זיך אין צענטראַלע אינסטאַנצן וואָס זאָלן אינספּירירן און אָריענטירן די אַרבעט. אָבער קולטור און חינוך וואַקסט נישט פון אויבן אויף אַראָפּ. זיי וואַקסן פונעם באָדן, און וואָס טיפער דער בוים פון יידישער קולטור און דערציונג וועט זיין איינגעוואָרצלט אינעם באָדן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין יעדן לאַנד און אין יעדן ישוב, אַלץ קערנדיקער וועלן זיין די פרוכטן וועלכע מיר דערוואַרטן פון אים.

פרעסע־קאָמיסיע

די קאָמיסיע פאַר דער יידישער פרעסע, פאָרזיצער ש. ל. שניידערמאַן, וויצע־פאָרזיצערס: יוסף פרענקל, א. צימוקי, עקספערטן: משה רובינשטיין, שלמה שווייצער, וו. רוסו, י. ציפעל און אַ גאַנצע ריי מיטגלידער פון צווישן די קאָנ־גרעס־דעלעגאַטן, האָבן אויסגעהערט דעם רעפעראַט פון שמעון וועבער.

שמעון וועבער

די לאַגע פון דער יידישער פרעסע אויף דער וועלט

די אָנגעצייכנטע טעמע פאַר דעם רעפעראַט איז, „די לאַגע פון דער יידישער פרעסע אויף דער וועלט". איך האַלט אַז קודם איז נויטיק אַ שטיקל דעפיניציע פון דעם טערמין יידישע פרעסע.

אין ניו־יאָרק דערשיינט אַן ענגליש וואָכנבלאַט וואָס רופט זיך „דזשואיש פרעס", וואָס דער טייטש דערפון איז יידישע פרעסע. נישט געקוקט אויף דעם נאָמען, פיגורירט די דאָזיקע שריפט אינגאַנצן נישט אין מיין טעמע, פונקט ווי איך האָב נישט בדעה איינצושליסן די צענדליקער אַנדערע ענגליש־יידישע וואָכנ־בלעטער אין אַמעריקע — בעסערע און ערגערע פון דער „דזשואיש פרעס". דאָס מיינט אַז איך וועל אויך וועגן אַנדערע יידישע צייטשריפטן אויף ענגליש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע לשונות, נישט רעדן.

ווי איך פאַרשטיי מיין טעמע איז דאָס וועגן דער יידישער פרעסע אויף יידיש. און אַפילו דאָ וויל איך גלייך קלאָר מאַכן, אַז נישט אַלע צייטונגען און צייטשריפטן וואָס דערשיינען אויף יידיש קאָנען פאַררעכנט ווערן ווי אַ טייל פון דער יידישער פרעסע, דהיינו:

אין בירואָבידזשאַן דערשיינט אַ טאָגבלאַט אויף יידיש, „בירואָבידזשאַנער שטערנ", וואָס האָט אַזאַ שייכות צו יידישער פרעסע ווי די „זקני ציון פּראָטאָקאָלן" האָבן צו יידישע געשיכטע. די צייטונג ווערט טאָקע געדרוקט מיט יידישע אותיות — אָן די סוף־אותיות — אָבער עס איז אויף אירע זייטן נישטאָ קיין סימן פון יידישקייט.

איך וועל אויך נישט אַריינגעמען „סאָוועטיש היימלאַנד" און די יידישע אויס־גאַבעס אין פוילן און רומעניע צוליב אַ סך טעמים; איינע פון זיי איז וואָס זיי

טיילן נישט דעם גורל פון דער יידישער פּרעסע אין דער פרייער וועלט, דאָס זענען מלוכה־אויסגאַבעס פאַר ספּעציעלע פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן.

„סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס האָט אָנגעהויבן ווי אַ ליטעראַרישער זשורנאַל, איז ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַגרעסיוון קעמפּער קעגן מדינת ישראל און קעגן יידישע אינטערעסן אומעטום.

מיין טעמע וועט זיין באַגרענעצט צו דער יידישער פּרעסע אויף יידיש, אין דער שפּראַך און אין דעם תוכן. דאָס מיינט פּאַקטיש די יידישע פּרעסע וואָס דערשיינט אין דער מערב־וועלט, כאָטש אויך דאָ געפינען זיך צייטונגען און צייטשריפטן וואָס דינען און באַדינען דעם קאָמוניסטישן אָפּגאָט.

נאָך אַ וואָרט וועגן דער דעפיניציע פון דעם באַגריף יידישע פּרעסע.

אַמאָליקע יאָרן האָט יידישע פּרעסע געמיינט בלויז די טאָג־צייטונגען. די וואָכנבלעטער — און זיי זענען געווען גאָר אַ סך — האָט מען באַצייכנט „פּעריאָדיק". היינט קאָן מען נישט ציען אַזאַ שאַרפע ליניע. וויפל טאָג־צייטונגען זענען דען פאַרבליבן? אין די צוואַנציקער יאָרן זענען אין ניו־יאָרק, אָדער אין וואַרשע, דערשינען כמעט אַזוי פיל טאָג־צייטונגען ווי מיר האָבן היינט אין דער גאַנצער יידיש־וועלט. צוליב דעם, האַלט איך, מוז מען איצט אַרייננעמען אין דעם חשבון נישט בלויז די יידישע טאָג־צייטונגען, נאָר אויך די וואָכנשריפטן און צייטשריפטן.

אָט איז אַ ביסל סטאַטיסטיק:

אין די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר — שוין נאָכן חורבן — האָבן זיך געשלאָסן אַרום אַ צענדליק יידישע טאָג־צייטונגען אין וואַרשע, פּאַריז, לאָנדאָן, מאָנטעווידעאָ, בוענאָס איירעס, מעקסיקאָ, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און ניו־יאָרק. אין פאַרלויף פון דער צייט, און עטוואָס פריער, האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען דריי יידישע טאָג־צייטונגען אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און קליוולאַנד. דאָס זענען געווען לאָקאַלע יידישע טאָג־צייטונגען און נישט די ספּעציעלע אָפּטיילונגען וואָס די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען האָבן אַרויסגעגעבן פאַר די דערמאָנטע און אויך פאַר אַנדערע שטעט אין אַמעריקע. דער „פאָרווערטס" האָט אַפילו געהאַט אַ רעדאַקציע און אַ דרוקעריי אין שיקאַגאָ ווו מען האָט אַרויסגעגעבן די צייטונג פאַר דעם מיטל־מערב און פאַציפישן ברעג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס דערשיינען איצט צייטונגען אויף יידיש אין פּאַריז, „אונדזער וואָרט", און די אַזוי־גערופענע „פּראָגרעסיווע" „נייע פּרעסע" (פיר מאָל אַ וואָך); אין סאַן פּאולאָ, בראַזיל, „דער מאָמענט" (דריי מאָל אין וואָך); די „פּראָגרעסיווע" „מאָרגן פרייהייט" (פינף מאָל אַ וואָך, חוץ לעגאַלע יום־טובים), ניו־יאָרק; „די פּרעסע" אין בוענאָס איירעס; „היינט" אין מאָנטעווידעאָ; „לעצטע נייעס", אין ישראל, און דער „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק.

כאָטש די לינקע אָדער „פּראָגרעסיווע" צייטונגען אין פּאַריז און ניו־יאָרק זענען נישט אַקוראַט אַזוי ווי דער „ביראָבידזשאַנער שטערן", איז זיי פרווון זיך לעצטנס צו דערווייטערן פון מאָסקווע אונטערן איינפלוס פון די איטאַליענישע,

שפּאַנישע און אַנדערע מער זעלבסשטענדיקע קאָמוניסטן, בין איך נישט גרייט זיי אַריינצונעמען אין דעם כלל פון יידישער פּרעסע, וועלכע דאַרף דינען יידישע אינטערעסן — נאַציאָנאַלע צי קולטורעלע, רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע.

וואָס שייך די אַנדערע יידישע צייטונגען, שטייען זיי, פאַרשטייט זיך, נישט אַלע אויף דעם זעלבן ניווא. פון די אַלע פריער־דערמאָנטע טאָג־צייטונגען זענען פאַראַן בלויז דריי וואָס ווערן נישט געמאַכט מיט אַ שער, וואָס האָבן אייגענע מיטאַרבעטער וועלכע ציען זייער חיונה פון דער צייטונג — ווער בעסער, ווער נישט אַזוי גוט. אָן די דריי — אָדער אַפילו בלויז אָן דעם „פאָרווערטס" — וואָלטן אַ סך אַנדערע צייטונגען און וואָכנבלעטער געשטאַנען אין געפאַר ווייל עס וואָלט נישט געווען פון וואַנען צו שניידן.

במשך פון די דרייסיק יאָר נאָכן חורבן זענען אונטערגעגאַנגען אויך אַ היפּשע צאָל יידישע וואָכנבלעטער — מעגלעך אַז אַרום פערציק — כאָטש איך בין אין דעם ציפער נישט אינגאַנצן זיכער. טייל פון זיי האָבן איבערגעלאָזט רעשטלעך.

עס דערשיינען אָבער נאָך אַלץ אַ באַדייטנדיקע צאָל וואָכנבלעטער, חודש־זשורנאַלן און צייטשריפטן אין דער יידיש וועלט. איך וויל מיך נישט אונטער־נעמען זיי אַלע אויסצורעכענען ווייל איך קאָן בשוגג אויסלאָזן אַ נאָמען. איך האָף אַז אין דער דיסקוסיע וועט יעדער דעלעגאַט דערציילן וועגן דער פּעריאָדיק אין זיין לאַנד.

וואָס עס דאַרף אָבער דערמאָנט ווערן איז אַ זייל פון דער יידישער פּעריאָדיק, דער „אידישער קעמפער", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסט. אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, און וואָס איז געבענטשט מיט אַ רעדאַקטאָר וועלכער איז אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל — אונדזער ליבער חבר מרדכי שטריגלער. דער „אידישער קעמפער" „שפּייזט" אַ היפּש ביסל יידישע צייטונגען און צייטשריפטן מיט זיבן־אַכט אַרטיקלען אַ וואָך פון שטריגלערס „סטעף"; איך מיין זיינע פען־נעמען.

איך קאָן אויך נישט פאַרבייגיין אָן צו דערמאָנען, אַז אין ניו־יאָרק דערשיינט די עלטסטע יידישע צייטשריפט, שוין העכער 85 יאָר, „פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער גרעסטער עקשנות און אַפילו מסירת נפש, און דער עלטסטער יידישער חודש־זשורנאַל, „די צוקונפט", העכער 80 יאָר, וואָס ווערט מיט שווערער מי אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

נאָך דעם ווי דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" איז אונטערגעגאַנגען, האָט אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן צו דערשיינען די וואָכנשריפט „אַלגעמיינער זשורנאַל", אַרויס־געגעבן אין צייטונג־פאָרמאַט, דאָס הייסט, מיט גרויסע זייטן. די דאָזיקע שריפט באַדינט די ישיבות און דעם רעליגיעזן סעקטאָר בכלל און בפרט דעם ליובאַוויטשער הויף. דאָס דאָזיקע בלאַט איז געבויט אויף רעקלאַמע פאַר די אָרטאָדאָקסישע רבנים און אויף אַ קאַמף קעגן וועלטלעכער יידישקייט, און לעצטנס ווערט דאָרט אָפּגעחוזקט פון יידישער קולטור און אַפילו פון אונדזער קאָנפערענץ.

אַזעלכע זשורנאַלן ווי „די גאָלדענע קייט", „דווקא" און „די צוקונפט", כאָטש זיי זענען וויכטיקע באַשטאַנדטיילן פון דער יידישער קולטור, געהערן נישט צו מיין טעמע. דאָס זעלבע איז אויך וועגן אַזעלכע צייטשריפטן ווי עס גיבן אַרויס אין אַמעריקע דער אַרבעטער־רינג און דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, כאָטש זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ טייל פון דעם יידישן קולטור־פּראַנט. חוץ דער „אַלגעמיינער זשורנאַל", זענען אויך פאַראַן אַנדערע רעליגיעזע אויסגאַבן אויף יידיש אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איינע פון זיי איז „דער ייד", וואָס דער סאַט־מאַרער הויף גיט אַרויס צו קעמפן קעגן מדינת ישראל, קעגן דעם ירושלימער הויפּט־ראַבינאַט און קעגן די ליובאַוויטשער, געווער און נאָך אַזעלכע „אַפּיקורסים".

און אַזוי ווי איך האָב שוין דערמאָנט דעם רעליגיעזן סעקטאָר, וויל איך באַ־טאָנען אַז איך האָב נישט געמיינט צו מינימיזירן אויף דאָס מינדעסטע די וויכטיקייט פון די פרומע עלעמענטן ביים אויפהאַלטן דאָס יידישע לשון. מיר, אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, האָבן פון סאַמע אָנהייב פון די צוגרייטונגען צו דער איצטיקער קאָנפערענץ געמאַכט באַמיונגען צוצוציען אַלע דריי רעליגיעזע שיטות אין דעם אַמעריקאַנער יידנטום. די אָרטאָדאָקסישע שיטה האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן און, ווי געזאָגט, האָט זייער אָרגאַן, „דער אַלגעמיינער זשורנאַל", חוזק געמאַכט פון דער קאָנפערענץ און פון דער גאַנצער וועלטלעכער יידישקייט, לעצטנס, האָט די זעלבע וואָכנשריפט געדרוקט אַן אַרטיקל פון אַ רב, וועלכער האָט גראָד אַרויס־געוויזן אַ ביסל מער דרך ארץ צו דעם וואָס מיר טוען דאָ ווי דער געוועזענער רע־דאַקטאָר פון אַ גרויסער יידישער צייטונג אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט אונדז אין גאַנצן אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. אָבער אויך דער רב רעדט וועגן אַ שידוך בלויז מיט איין צד. מיר זענען דאָך גרייט אַריינצונעמען די ישיבות ווו מען לערנט גמרא און חומש־רש"י אויף יידיש. די צרה איז דאָך אָבער וואָס יענער צד וויל נישט. מיר זאָגן זיך דאָך נישט אָפּ פון דער אַלטער יידישער קולטור — פון תנ"ך און תלמוד. ביי יענעם צד, ספּעציעל טאָקע ווו מ'לערנט אויף יידיש, ליגט דאָך אָבער אין חרם די וועלטלעכע יידישע קולטור. דאָס האַלט זיי פון דעסטוועגן נישט אָפּ פון באַ־וואָרפן די יידישע צייטונגען און צייטשריפטן מיט זייערע בילדער און רעקלאַמע, וועגן זייער גרויסקייט און וועגן זייערע גרויסע אויפטוען.

קומען מיר צום תוך פון דער טעמע וועגן דער לאַגע פון דער יידישער פּרעסע אויף דער וועלט, און מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז די לאַגע איז גאַנץ ווייט פון צו זיין גוט. יעדע טאָגצייטונג לעבט איבער אַ שווערן קריזיס. דער קריזיס איז גע־וואָרן דער נאָרמאַלער צושטאַנד. עס איז אָבער פון דעסטוועגן כדאַי צו אונטער־שטרייכן, אַז נישט געקוקט אויף דעם פאַקט וואָס די צאָל יידיש־ריידער און לייע־נער ווערט קלענער, איז אָבער יידיש נאָך אַלץ די איינציקע שפּראַך אויף וועלכער יידן גיבן אַרויס טאָגצייטונגען. בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערשיינען אַרום 200 יידישע אויסגאַבעס אויף ענגליש און קיין איינע האָט זיך נישט פאַר־מאָסטן אויף אַ טאָגצייטונג.

זינט חורבן־פוילן, ווו עס זענען פאַר דער מלחמה יאָ געווען יידישע טאָג־צייטונגען אויף פויליש, איז אין די אָנהויב זעכציקער יאָרן געמאַכט געוואָרן איין פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַ יידישע טאָג־צייטונג אין שפּאַניש, אין בוענאָס איירעס. די צייטונג האָט אָבער קיין לאַנג לעבן נישט געהאַט. לעצטנס רעדט מען וועגן שאַפן אַ העברעישע טאָג־צייטונג אין ניו־יאָרק. כאָטש עס זענען ביי אונדז פאַראַן געניג יורדים צו קענען געבן אַזאַ צייטונג אַ היפּשן טיראַזש, ווייסט מען נאָך נישט צי עס וועט דערפון עפּעס ווערן.

די איינציקע לעבעדיקע וואָכנשריפט אין דער גאָרער וועלט — חוץ מדינת־ישראל — „הדואר", וואָס דערשיינט שוין דאָס זעקסטע יאָר־צענדליק אין ניו־יאָרק, קאָן זיך אויך אַליין נישט אויסהאַלטן און מוז אָנקומען נאָך קהלישער שטיצע.

אויפן אָרט פון די אונטערגעגאַנגענע יידישע צייטונגען און וואָכנבלעטער אין מער ווי צען לענדער איז נישט אויפגעקומען קיין איין נייע העברעישע אויסגאַבע. אדרבא, עס זענען אויך אונטערגעגאַנגען אַ קנאַפּע צענדליק העברעישע צייטשריפטן אין פאַרשידענע לענדער. דאָס מיינט אַז די אַסימילאַציע האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן זיג. דאָרט ווו עס איז נישטאָ קיין יידישע אָדער העברעישע אויסגאַבע אויף אַ צייטונגס־קיאָסק זעט מען קיינמאָל נישט אין דער עפנטלעכקייט דעם יידישן אלף בית.

וואָס איז די ראָלע פון דער יידישער פּרעסע ?

וואָס זענען אירע פּראָבלעמען ?

וואָס קען געטאָן ווערן צו פאַרזיכערן איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ ?

כדי צו געבן אַן אויסשעפּלעכן ענטפער בלויז אויף דער ערשטער פראַגע אַליין וועגן דער ראָלע פון דער יידישער צייטונג, וואָלט זיך געפאָדערט אַ לאַנגער רעפעראַט. איך וויל בלויז אָנוואַרפן אַ פּאָר שטריכן.

די אַנטוויקלונג פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָט געביטן דעם כאַראַקטער פון דער טעגלעכער פּרעסע אין כמעט אַלע הויך־אַנטוויקלטע לענדער. דער טראָפּ ווערט שוין מער נישט געשטעלט אויף דעם נייעס־בולעטין וואָס יעדער האָט שוין סיי־ווי געהערט איידער די צייטונג קומט אַרויס אויף דער גאַס. די צייטונג מוז זיך דערפאַר אָפּגעבן מיט אַריינגיין אַ ביסל מער אין דער טיף פון דער ידיעה, אויסטייטשן און אויפקלערן.

די יידישע פּרעסע האָט דאָס געטאָן כמעט פון דעם סאַמע אָנהייב פון איר עקזיסטענץ, לאַנג פאַר דער ראַדיאָ און אוודאי פאַר טעלעוויזיע. געטאָן האָט זי דאָס אָבער נאָר אויף דעם ספּעציפיש־יידישן געביט. אין דעם דאָזיקן זין קאָן מען די העברעישע צייטונגען אין ישראל נישט אַריינרעכענען אין דער טראַדיציע פון דער יידישער פּרעסע. די העברעישע פּרעסע באַטראַכט זיך פונקט ווי די אַלגעמיינע צייטונגען פון אַנדערע לענדער, כאָטש זיי ווערן געדרוקט אויף איינער פון די צוויי יידישע לשונות. מיט אַנדערע ווערטער, זיי שטעלן נישט דעם טראָפּ

אויף יידישע נייעס און אויף אויסטייטשן ספעציפיש־יידישע געשעענישן אין דער גאַרער וועלט (זעט אַרטיקל פון גרשון הענדעל, „די פּאַפּירענע בריק צו די תפוצות איז נאָך אַלץ אין איין ריכטונג", אין דעם נומער 4 פון „דער זשורנאַליסט", אַרויסגעגעבן פון וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן, ירושלים, פעברואַר 1976).

די יידישע צייטונג פּרוווט אַפילו נישט מאַכן אַן אָנשטעל פון אָביעקטיווקייט. זי איז אַן אַקטיווער צד און דעה־זאָגער אין יידישן לעבן. קאָן זיין אַז זי וואָלט געדאַרפט זיין מער אַגרעסיוו אויף דעם געביט. דער עיקר איז אָבער וואָס זי שטייט אויף דער וואַך פאַר יידישע אינטערעסן און זי מאָביליזירט די יידישע עפנטלעכע מיינונג, און אַמאָל דורך דעם אויך די אַלגעמיינע עפנטלעכע מיינונג, סיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער לאָקאַלער געמיינדע, סיי וועגן מדינת ישראל, סיי וועגן יידישע וועלט־פּראָבלעמען. איר השפעה שטייגט וויט אַריבער איר טיראַזש. קיין שום פּרעסע אויף דער וועלט האָט נישט אַזאַ איבערגעגעבענעם לייענער ווי דאָס האָט די יידישע צייטונג. די יידישע צייטונג איז אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע וואָס איז אַזוי אויך גרויס געננג און רייסט פון אונדז לעבעדיקע שטיקער. אָבער דאָרט ווו עס איז נישטאָ קיין יידישע צייטונג איז די אַסימילאַציע אַ סך גרעסער.

נאָך יידישער דערציונג, איז די יידישע צייטונג דער וויכטיקסטער צווייג פון דער גאַנצער יידישער קולטור. קיין שום פּרעסע אויף דער וועלט האָט זיך נישט פאַרנומען, און פאַרנעמט זיך נישט, מיט בויען די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. די יידישע פּרעסע, איבערהויפּט אין אַמעריקע, האָט געבויט די יידישע ליטעראַטור, אַנטוויקלט כסדר נייע שרייבער, און עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין איין גרויס ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע וואָס איז נישט דערשינען פריער אין דער יידישער פּרעסע.

די פּראָבלעמען פון דער יידישער פּרעסע קאָנען זיין פאַרשידן אין פאַרשידענע לענדער. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן ליידן מיר פון דער זעלבער מכה פון וואָס עס ליידט די גאַנצע פּרעסע און צוליב וועלכער הונדערטער ענגלישע צייטונגען האָבן זיך געשלאָסן, טייל פון זיי מיט אַ ריזיקער צירקולאַציע. איין ניו־יאָרקער צייטונג האָט געהאַט אַ טיראַזש פון 800,000 ווען זי איז אונטערגעגאַנגען. די מכה איז: די ריזיקע קאָסטן, וואָס שטייגן כסדר, פון אַרויסגעבן אַ צייטונג. ווי אַ יידישע צייטונג ליידן מיר אויך פון געפאַלענער הכנסה.

מיר ליידן פון נאָך אַ פּראָבלעם: מאַנגל אין זשורנאַליסטן. הלל ראָגאָף ע"ה האָט נאָך מיט פערציק יאָר צוריק געשריבן, אַז די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע וועט אונטערגיין נישט צוליב מאַנגל אין לייענער, נאָר ווייל עס וועלן נישט זיין קיין שרייבער. נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער וואָרנונג, האָט מען קיין זאַך נישט געטאָן צוצוגרייטן אַ רעזערוואַר פון יידישע זשורנאַליסטן ווען דאָס איז נאָך מעגלעך געווען. ווער עס איז שולדיק אין דעם? עס זענען נישטאָ קיין אומ־שולדיקע. מען האָט נישט געגלויבט אַז עס וועט קומען צו אַן אַכציק יאָריקן יובילייַ

פון „פאָרווערטס". מען האָט געהאַלטן די יידישע צייטונג ווי אַ דערשיינונג וואָס וועט אונטערגיין צוזאַמען מיט דעם אימיגראַנטן־דור וואָס האָט זי געבויט. איז צו וואָס זיך נאַריש מאַכן און צוגרייטן יונגע, אַמעריקאַנער־געבוירענע יידישע זשורנאַליסטן ?

איצט האַלט זיך די יידישע פּרעסע אויף שרייבער וואָס זענען אין דורכשניט עלטער ווי די לייענער. איינע פון די אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ, און פון דער קערפּערשאַפט וואָס זי וועט שאַפן, דאַרף זיין צו זוכן מיטלען ווי אַזוי מען קען נאָך פּרוּוון צוגרייטן יונגע יידישע זשורנאַליסטן.

וואָס שייך דער דריטער פראַגע וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט, וואָס מען קאָן טאָן צו פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער יידישער פּרעסע אומעטום, איז דאָס מער נישט קיין ענין בלויז פאַר יידישע עסקנים נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די יידישע פּרעסע איז מער נישט קיין רשות היחיד. אַפילו די מערסטע ענגליש־יידישע וואָכנבלעטער אין אַמעריקע זענען מער נישט אין פּריוואַטע הענט. די יידישע געמיינדעס האָבן זיי איבערגענומען און זיי דעקן די בודזשעטן.

די יידישע צייטונג איז נישט קיין פּריוואַט געשעפט פאַר פּראָפיט, נאָר איינע פון די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס וואָס מיר פאַרמאָגן. קולטור־אינסטיטוציעס קאָנען זיך אַליין נישט אויסהאַלטן ביי קיין שום פאָלק. אָפּערעס, סימפאָנישע אָרקעסטערס, נאַציאָנאַלע טעאַטערס, מוזעאומס, ביבליאָטעקן דערלייגן ריזיקע סומעס וואָס ווערן גוטגעמאַכט פון רעגירונגען, פון פונדאַציעס און פון פּריוואַטע מנדבים.

ווען די יידישע שפּראַך און די יידישע פּרעסע ווערן אַטאַקירט אויף אַ בייזוויליקן אופן אין דעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע מיט אַ וואָרנונג מען זאָל נישט פאַרשווענדן קהליש געלט אויף יידיש, איז עס אַ טאָפּלטער סקאַנדאַל ווייל דאָס ווערט געשריבן, געדרוקט און פאַרשפּרייט פאַר קהליש געלט.

אוודאי מוזן מיר זאָרגן וועגן צוגרייטן לייענער און שרייבער פאַר דער יידישער צייטונג. מיר קומען אויך נישט דאַ אַהער שלאָגן על חטא אויף יענעמס ברוסט. מיר אַלע, וואָס זענען זיך מתעסק מיט יידיש, טראָגן אַ גרויסן טייל, אָדער דעם גרעסטן טייל פון דער שולד פאַר דעם איצטיקן צושטאַנד און פאַר דערלאָזן צו דער ביטול־באַציונג אין געוויסע קרייזן. עס ליגט אָבער דער חוב אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע קערפּערשאַפטן איצט צו נעמען אויף זיך די אחריות צו פאַרזיכערן פינאַנציעל די עקזיסטענץ פון דער יידישער פּרעסע. ווען עס זאָלן חלילה אונטערגיין די פאַרבליבענע יידישע טאָג־צייטונגען און וואָכנשריפטן, וואָלט געוואָרן אַ חושך אין דעם יידישן לעבן. אויב מיר ווילן נישט עס זאָל אין דער יידיש וועלט פאַרשווינדן דער געדרוקטער יידישער אות, ווי דאָס איז געשען אין ענגלאַנד, וועלן מיר דאָס נישט דערלאָזן.



דעלעגאַציע פון דער וועלט־קאָנפערענץ אינעם מרתף־השואה פון יד־ושם אין ירושלים, דעם 25סטן אויגוסט 1976

קאָמיסיע פאַר איבערזעצונגען

פאָרזיצער: ק. א. ברתיני, וויצער־פאָרזיצערס: א. רובינשטיין, מ. חלמיש און עקספּערטן: דב סדן, שלמה שנהוד, און משה יונגמאַן, ביי אַ צאָל צוקאָאָפּטירטע מיטגלידער פון צווישן די קאָנגרעס־דעלעגאַטן האָבן אויסגעהערט די אַריינפיר־ווערטער פון פאָרזיצער און דערנאָך דעם רעפעראַט פון מ. ליטווין.

ק. א. ברתיני

איבערזעצונגען פון און אויף יידיש

האַלטן אַן אַריינפיר־וואָרט צו די זיצונגען פון אונדזער קאָמיסיע איז נישט קיין לייכטע זאַך. ערשטנס, איז עס פאַרבונדן מיט דער עצם טעמע: איבערזעצונגען בכלל. ס׳איז אַ מסכתא, וואָס פון זינט ליטעראַטורן און שפּראַכן עקזיס־טירן, האַלט מען זי אין איין לערנען און צו קיין סיום קומט עס נישט. צווייטנס, די ספּעציפישקייט פון איבערזעצן יידיש אין עברית און עברית אין יידיש; אין פלוג צוויי שוועסטער־ליטעראַטורן און צוויי שפּראַכן מיט קעגנזייטיקער השפעה, און דערצו אַ יידישע לעקסיק, וואָס איז באַרייכערט מיט אַזאַ גרויסן קאָמפּאָנענט פון עברית־עלעמענטן — און כאָטש אַזוי, און אפשר טאַקע דערפאַר, זענען די איבערזעץ־שוועריקייטן נאָך גרעסערע. און דריטנס, דער הויפּט רעפערענט אונדזערער, ליטווין, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע ליטעראַרישע איבערזעצערישע אַרבעטן, און אין אָנוועזנהייט פון עקספּערטן בראש מיט אונדזער מורה־מורינו פּראָפ׳ דב סדן.

אָבער פּטור בלא כלום קען מען דאָך נישט, וויל איך נאָר אָנרירן און דער־מאָנען די ערנסטע שוועריקייטן וואָס שטייען פאַר אונדז וועגן איבערזעצן בכלל — פון תמיד אָן האָט דער מענטשלעכער גייסט געפילט דעם דראַנג פון דורכ־זעצן די צוימען צווישן שריפטן פון פאַרשידענע שפּראַכן, און טאַקע באַלד זיך אָנגעשלאָגן אין דער פּראָבלעמאַטיק: ווי מאַכט מען עס? אייגנטלעך איז עס געווען און איז נאָך עד היום, פאַרבונדן מיטן צוועק, דהיינו, וואָס וויל דער אי־בערזעצער דערגרייכן, צוליב וועמען און צוליב וואָס זעצט ער איבער. דאָס האָט שוין במילא געפירט דערצו, אַז דער איבערזעצער האָט געמוזט זוכן וועגן, מיט־לען, ווי אַזוי איבערזעצן. וויל איך דאָ נישט מרחיב זיין און וועל נאָר דערמאָ־נען, אַז די אָנגענומענע שטיפעריש־סאַרקאַסטישע פאָרמול אין איטאַליעניש

Traduttore־traditore, דער איבערזעצער איז אַ פאַררעטער, אַ פעלשער, האָט שוין איר פיל עלטערע פאָרמול פון אונדזערע קדמונים: המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי, ווער סע זעצט איבער אַ פסוק ווי אין זיין פאָרעם, איז אַ ליגנער. און באמת, האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די גאָר עלטערע איבערזעצונגען ביז אין די נאָענטסטע יאָרן, אַז אייגנטלעך איז יעדער איבערזעצער אַ מין קאָמענטאַטאָר, אַ פאַרטייטשער.

מען מוז אָבער תיכף מוסיף זיין, אַז אַ חוץ די כלל שוועריקייטן פון איבערזעצן, זענען פאַראַן ספּעציפישע, אַ סך שווערערע, אין שייכות מיט איבערזעצונגען פון פּאָעזיע, מחמת דאָ האָסטו צו טאָן נישט נאָר מיט לעקסיק, מיט סעמאַנטיק און מיט סינטאַקס, נייערט אויך מיט פּראָזאָדיע. און ווי שטאַרק דו זאָלסט נישט מאַכן דעם שעפערישן אָנשטרענג, קענסטו קיין מאָל נישט דערגרייכן די פּינקטלעכקייט בעתן איבערפירן פּאָעטישע ווערק פון שפּראַך צו שפּראַך. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן הערשן אין דער וועלט־ליטעראַטור־פאָרשונג־טעאָריעס, וואָס זענען גורס, אַז איבערזעצן אַ פּאָעטיש ווערק איז בכלל אוממעגלעך, און דערפאַר זענען געמאַכט געוואָרן אַנדערע פּרוון, וואָס שטרעבן צו מער פּינקטלעכקייט פון בילדערישקייט און מעטאַפאָריק און פאַרציכטן אויף פּראָזאָדישע מיטלען; אָבער דערמיט פאַרלירט דאָס פּאָעטישע ווערק זיין לחלוחית.

דער צווייטער אַספּעקט פון אונדזער טעמע — דער מצב פון איבערזעצונגען פון יידיש אין עברית און פון עברית אין יידיש. כדי נישט צו פאַרברייטערן צו־פיל דעם היסטאָרישן איבערבליק, איז גענוג צו באַטאָנען און נאָך אַ מאָל דער־מאָנען דעם פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזערע קלאַסיקער זענען געווען צוויי־שפּראַכיקע, געשריבן העברעיש און יידיש, ווי, למשל, מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, ביאַליק, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, נאָמבערג, יעקב שטיינבערג, אַנוכי, זלמן שניאור, סטאַווסקי, בערקאָוויטש. צווייטנס, איבערזעצונגען פון יידיש אין עברית האָבן געמאַכט ס׳רוב העברעישע שרייבער־קינסטלער, וואָס האָבן געהאַט אַ וואָרעמע באַציונג צום איבערזעצטן, און די איבערזעצונגען זענען דערפאַר געווען גוטע, שיינע. דריטנס, אין משך פון גאַנצן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט עד היום זענען די איבערזעצונגען פון יידיש אין עברית נישט צום פאַרגלייכן מער פון די איבערזעצונגען פון עברית אין יידיש. אייגנטלעך, זענען די איבערזעצונגען פון עברית אין יידיש די לעצטע צענדליקער יאָרן זייער ווייניקע, און סע זענען דאָ, מן הסתם, סיבות דערצו.

ווי שוין דערמאָנט, שלאָגט זיך אָן דער איבערזעצער פון יידיש אין עברית און פון עברית אין יידיש אין דער ספּעציפישקייט פון די שוועסטער־ליטעראַטורן און שפּראַכן, וואָס אייניקע מקורות פון זייער יניקה זענען געמיינזאַמע, און כאָטש אַזוי ווייסט יעדער וואָס האָט אַ מאָל איבערזעצט, ווי שווער די אַרבעט איז, און ווי זהיר וזהיר מע דאַרף זיין ביי איבערזעצעריש־קינסטלערישער עבודה.

אָבער אַן עיקר גדול איז פעסטשטעלן אייניקע פונקטן פון אונדזער אַרבעט: ערשטנס, באַטאָנען און באַגרינדן די עצם נויטווענדיקייט פון איבערזעצן היום יום יידישע ווערק אין עברית און עברית ווערק אין יידיש; צווייטנס, מאַכן אַן אינווענטאַר פון דעם יש: וואָס איז געטאָן געוואָרן ביז איצט, הן פון יידיש אין עברית, הן פון עברית אין יידיש, און אויך אָנצייכענען די ווערק וואָס מע מוז איבערזעצן; דריטנס, באַזאָרגן די נייטיקע כלים פאַר די איבערזעצערס; פערטנס, פאַרזיכערן דאָס דערשיינען פון די איבערזעצונגען און זיי פאַרשפּרייטן.

כ׳האָב דאָ אָנגערירט אייניקע פונקטן פון אונדזער טעמע, און כ׳טאָר נישט מסיג גבול זיין אונדזער רעפערענט, פריינד ליטווין; ער איז דאָך באמת דער בר־סמכא, און ער וועט באַלייכטן פאַרשידענע פונקטן און אויך מאַכן זיינע פאַרשלאָגן.

איך וויל נאָר מקדים זיין מיט איין הנחה:

וואָס איז דער מיין, וועלכער איז דער ציל פון דער איצטיקער קאָנפערענץ — וועגן דעם האָט מען געשריבן, וועגן דעם האָט מען גערעדט, וועגן דעם האָט מען דעבאַטירט. ס׳איז אָבער קלאָר איין זאַך, אַז די איניציאַטאָרן האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויך, און אפשר דער עיקר, אויף דער נייטיקייט פון איינשטעלן אַ פעסטערן קאָנטאַקט און התקרבות צווישן יידישן און העברעישן שאַפן — אויב אַזוי איז אונדזער קאָמיסיע אַ מין הויפּט־מחותן פון דער איצטיקער שמחה, און מיר דאַרפן האָפן, אַז די פאַרשלאָגן און באַשלוסן וועלן זיין אַ וויכטיקער ביישטייער צום דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ.

מרדכי ליטווין (פּאַריז)

איבערזעצונגען פון און אויף יידיש

א.

ווען מען האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט דעם ענין איבערזעצונגען פון און אויף יידיש ווי אַ באַזונדערן פונקט אויפן סדר היום, האָט עס דאָ און דאָרט געהאַט אַרויסגערופן ספיקות, אָפּפרעגענישן אַפילו, עלעהיי אַן ענין בלויז אַ שרייבערישער. פאַרוואָר אָבער איז עס נישט געווען קיין צופעליקייט, אַ צוטראַכט, צי גאָר אויסטראַכט. אין גערעם פון אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור האָט אָט דער ענין געמוזט אָרגאַניש אויפקומען. מחמת ער שרייבט זיך אַריין אין איינעם פון די יסודותדיקע פּראָצעסן פונעם יידישן גייסטיקן גאַנג. ער דערשיינט דאָ דעריבער פאַר אונדז נישט אין זיין לינגוויסטישן, אויך נישט ביבליאָגראַפישן, צי בכלל שרייבערישן אויסמעסט, אלא קודם־כל אין זיין קולטור־היסטאָרישן — ובכן קולטור־פורעמדיקן באַטייט אויך פאַר די היינטיקע און מאָרגנדיקע שטרעבונגען אינעם יידיש־זיין־און־ווערן.

אַלע ווייסן, אַז איבערזעצונג איז אַן אומבאַדינגט נייטיקער, אומבאַגײַלעכער טייל פון מענטשלעכער גייסטיקער טואונג; פון קדמונים אָן אַן אימפּעראַטיוו פאַרן מענטשן־מין, כדי גובר צו זײַן די קללה פון דור הפלגה. די קללה? און אפשר איז עס גאָר די ברכה, דער אורבאַדינג פאַרן פילגעשטאַלטערישן און צוליב דעם טאַקע פּרוכטיקן באַנעם פונעם זײַן? וואָרעם מיר ווייסן דאָך היינט, אַז איט־לעכע שפּראַך איז נישט פּשוט אַ נאָמענקלאַטור פאַר איין און די זעלביקע פּע־נאָמענען פון דער הוויה, אַ צוזאַמענשטעל פון באַצייכנס, תמיד באַלאַדענע מיט זעלביקע באַצייכנטע. נייערט — אַ ספּעציפישע סימבאָליזאַציע, אַן אייגענע סטרוקטוראַציע פון דער וועלט. דעריבער, נישט אַרײַנפּאַלנדיק אינעם לינגוויס־טישן סאָליפּסיזם פון אַ ווילהעלם פאָן־הומבאָלדט, מוז מען פאָרט זאָגן, אַז איט־לעכע שפּראַך איז אַ באַזונדערע „וועלט מיט וועלטעלעך", ווי מאַקס ווײַנרײַך האָט עס איין מאָל געהאַט פאָרמולירט. דערבײַ אָבער איז אויפן פּלאַן פון דער לעקסיק, פונעם וואָרט־אוצר די שפּראַך־סטרוקטור אַן אָפענע, מסוגל כּסדר זיך אויסצובריייטערן, באַרײַכערן מיט נײַע באַצייכנס, השגות, ניואַנסן און אַסאָציאַ־ציעס. פונעם דאָזיקן דואַליסטישן כאַראַקטער: אויסערגעוויינלעכע באַשטענדי־קייט פון איין זײַט און כּסדרדיקע דיספּאָנירלעכקייט פון דער אַנדערער דרינגט אַרויס די פּראָבלעמאַטיק פון איבערזעצן — אין לשער טיפער ווי דאָס בלויזע פאַרשטענדעניש. ס'איז אַ באַגעגעניש צווישן צוויי וועלטן, צוזאַמענשטויס און דורכדרינגג, צוצי און אָפּשטויס. ס'איז קלאָר, אַז אַ קולטור, וואָס לעבט זיך אויס אין דער פאַרשלאָסענער וועלט, באַשאַפן אויסשליסלעך דורך דער אייגענער שפּראַך, וועט זיך אַנדערש אַנטוויקלען ווי אַזאַ, וועמענס שפּראַך האָט איבערגע־נומען אויך אַנדערע וועלטן. אַזוי אַרום ווערט די איבערזעצונג אויף אַ באַשטימטן ניוואָ פון גייסטיקער עוואָלוציע אַ גורם פון ערשטראַנגיקן באַטייט און באַווירק.

איבערזעצונגען פאַרנעמען היינט אַלץ מער און מער אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור. זייער ממש ריזיקע צאָל וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אײַנצייטיק פאַר־נעמען אויך די פּראָבלעמען פון איבערזעצונג אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין דער מאָדערנער לינגוויסטיק. דער עיקר ווען עס גייט וועגן קינסטלערישער איבער־זעצונג. אירע טעאָרעטישע פּראָבלעמען ווערן היינט באַטראַכט ווי איינס פון די מיטלען אויסצופאָרשן באַשטימטע אַספּעקטן פונעם קינסטלערישן שאַפן בכלל; ווי אַ מין בריק צווישן אומוויסיקן און וויסיקן, צווישן קונסט און וויסנשאַפט.

אין אונדזער תקופה, ווען דער וועלט־שטח ווערט אַלץ מער צונויפגעשרומפּן און דער אַנטוויקל פון פעלקער און קולטורן אײַנצייטיק סײַ צענטריפּעטאַלער, צומצענטרישער, און סײַ — און אפשר נאָך שטאַרקער — צענטריפוגאַלער, פונ־צענטרישער, באַקומט די איבערזעצונג באַזונדערע חשיבות, וואָס שטייגט ווײַט אַריבער דאָס בלויז אוטיליטאַרע. צוליב וואָס איבערזעצט מען? צו פאַרגרעסערן דאָס וויסן פון מענטשן? אַוודאי. באַקענען זיי מיט ווערק נישט צוגענגלעכע אין אָריגינאַל? אַוודאי. כדי צו באַרײַכערן די אייגענע ליטעראַטור? זי באַ־

קאַנט מאַכן ביי אַנדערע? אוודאי און אוודאי. נאָר איבער דעם אַרויס איז דאָ דער פּאַרזיכיקער און אינזיכישער גורם פון איבערזעצונג ווי אַ שאַפערישער פּראָצעס מיט אַלץ, וואָס דאָס איז כולל. איטלעכע שפּראַך וואָס לעבט, וואָס וויל לעבן, כל־זמן זי לעבט, צווינגט ממש אויף איבערזעצונגען; ציט שיער נישט מיט כוח אַריין אין איר געשטאַלטיקונג־שטח פרעמדשפּראַכיקע יצירה, און שטרעבט פון איר זייט איר שאַפונג צו פאַרכפּלען אין נייע שפּראַכיקע ובמילא געשטאַל־טערישע גילגולים.

נאָר הויך איבער דעם — אויב נישט נאָך העכער — זענען, ווייזט אויס, פאַראַן נאָך גורמים. אפשר זענען עס די פאַרהוילענע כוחות אינעם מענטש און אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס קערעווען מיט דער געשיכטע? און אפשר בלויז צוזאַמענשפּיל פון געשיכטלעכע צופאַלן? כ׳ווייס נישט. נאָר כ׳ווייס, מיר אַלע ווייסן, אַז ס׳זענען געווען איבערזעצונגען, וואָס האָבן ממש משפּיע געווען אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס דעם וועלט־גורל. אַזוי זענען ביידע וואָרצ־לען פון דעם, וואָס מען רופט היינט אָן — אינעם סכום פון איר פילגעשטאַל־טיקייט — די מיטללענדיש־אייראָפּעישע ציוויליזאַציע, ענג פאַרבונדן מיט אי־בערזעצונגען. אָן זיי וואָלט זי מסתמא אויך געווען. נייערט זי וואָלט געווען אַן אַנדערע. אָן שום ספק אַן אַנדערע!

אַלע ווייסן מיר וואָסער געוואַלטיקן אויסווירק עס האָבן געהאַט די אי־בערזעצונגען פון דער גריכישער ליטעראַטור. און כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען מען הייבט אָן איבערזעצן ווערק פון גריכיש אויף לאַטייניש; ווען ליוויוס אַנדראָניקוס טרעט צו אין 3טן י״ה פאַר אונדזער צייטרעכענונג צו זיין ערשטן פּראָזאַאישן איבערדערצייל פון דער „אָדיסייע״, הייבט זיך אָן אַן איבער־זעצונג אַ נאָך וויכטיקערע אויף גריכיש — די עלטסטע איבערזעצונג פונעם תנ״ך, דעם תרגום השבעים, די סעפּטואַגינטאַ. די ערשטע גרויסע איבערזעצונג אין דער וועלט־געשיכטע בכלל. „די גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל — שרייבט פּראָפעסאָר קאַלע, איינער פון די בעסטע נישט־יידישע ספּעציאַליסטן אויפן דאָ־זיקן אָפּשניט — איז תמיד באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זאַך אַ יחיד במינו. ס׳איז געווען דער ערשטער פּרווו אַריבערצוטראָגן אַ לאַנגן טעקסט אין אַ פרעמדער שפּראַך״. היסטאָריש געזען איז אָט די איבערזעצונג געוואָרן איינע פון די טיפ־ווירקנדיקסטע מיט ווייטגייענדיקסטע קאָנסעקווענצן. נישט אומזיסט האָבן זיך פאַרקניפּט אַזוי פיל אגדות אַרום דאָזיקן תחילתדיק ריין יידישן ענין, מאָטיווירט דורך אינעוויניקסטע אומשטאַנדן אין יידישן קולטורקרייז. דער תרגום השבעים, פּונקט ווי שפּעטער תרגום אונקלוס און אַנדערע, זענען דאָך געמאַכט געוואָרן לכתחילה נישט פאַר פרעמדע, נאָר פאַר אייגענע. די צוערשט פאַרזיכיקע, צו־פעליק־זייטיקע, וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס האָבן לפי ערך שוין גאַנץ פרי אין אונדזער געשיכטע אונדז געמאַכט צו אַ פאָלק אַ פילשפּראַכיקן, במילא צו אַ פאָלק פון איבערזעצונגען par excellence, האָבן

זיך אומגעריכט אַרויסגעוויזן ווי גרונטיקע, מכריעדיקע גורמים אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט בכלל.

די איבערזעץ־קונסט איז בכן איינע פון אונדזערע אוראַלטע טראַדיציעס. זי איז באַדינגט דורך דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וועמענס לעבן האָט זיך במשך פונעם גרעסטן טייל פון זיין דויער אָפּגעוויקלט אין צוויי ספערעס, אין יידישער און אויסעריידישער; און אין אַ שפּראַכלעכן פּלוראַליזם, וואָס האָט סטרוקטורירט זייערע פאַרשידענע שטאַפּלען און מיטאַנאַנדיקע שייכותן: לשון־קודש, צו וואָס ס'איז שוין זייער פרי צוגעקומען אַראַמיש, ביידע שפּראַכן וואָס האָבן אויף פאַרשידענעם אופן אָבער תמיד און אומעטום אונדז באַגלייט; די אַרומיקע שפּראַכן מיט זייער באַווירקונג־כוח, צו מאָל אַ גרעסערן, צו מאָל אַ קלענערן, נייערט תמיד אַ פאַראַנענעם. און צווישן ביידע האָבן מיר אומעטום געשאַפן אונדזערע אייגענע נייע לשונות וואָס האָבן געשטאַלטיקט אונדזער פאָלקסלעבן, אַרייננעמענדיק עלעמענטן פון ביידע ספערעס, פאַרבינדנדיק — ביים יחיד און ביים כלל — דאָס אַלטע מיטן נייעם, דאָס פנימיותדיקע מיטן אַרום, מיט איין וואָרט — די יידישקייט מיט דער טאָג־טעגלעכער טואונג; אַי־בעראַנדערשנדיק זיי אין הסכם מיט דער יעמאָליקער קאָנסטעלאַציע. אַזוי האָט זיך געשאַפן איטלעך מאָל אַ גייסטיק געוועב און געהאָלפן אויפצוהאַלטן אין תמיד נייע אַרומען דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות און זיין המשך. דערפון אויך די ספּעציפישע און דערהויבענע פונקציע פון איבערזעצן נישט בלויז פון צי אויף פרעמדע שפּראַכן, אלא און אפשר טאַקע קודם־כל פון און אויף אונדזערע אייגענע. דער גאַנג איז דערביי געווען, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרשידענער ווערליק דעם געבאָט פון די תקופות. אין דער צייט. למשל, פאַר און נאָך חורבן בית שני — איבערצוזעצן פון העברעיש אויף אַראַמיש, צי גריכיש. טויזנט יאָר שפּעטער — פאַרקערט, פון אַנדערע שפּראַכן, קודם־כל פון אַראַביש, אויף העברעיש, ד"ה אויף דער שפּראַך, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס גאַנצע פאָלק און געשאַפן די באַזע פאַר דער גייסטיקער קאָמוניקאַציע צווישן זיינע פאַרשידענע טיילן און נאָכאַנאַנדיקע דורות. אַזעלכע ווערק ווי „הכוזרי", „מורה נבוכים", צי „חובות הלבבות" האָבן גע־קאָנט ווערן אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונדזער גייסטיקער געשיכטע ערשט אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געוואָרן איבערגעזעצט. ערשט דורך דעם זענען זיי און אַזוי פיל אַנדערע געוואָרן אַ טייל פון יענע אונטערערדישע שטראָמען, פון וואַנען עס ציט איר יניקה יעדע לעבעדיקע קולטור. מען קאָן אפשר נאָך מער פאַראַלגע־מיינערן: איבערזעצונגען האָבן אַ נישט קיין קליינעם חלק אין דעם, וואָס אונדזער נוסח אשכנז האָט געקאָנט אויפנעמען און פאַראַרבעטן אויף זיין שטייגער די עשירות אויך פון נוסח ספרד. אָט דעם דרך — פון אַ כסדרדיקן איבערזעצערישן באַוועג — געפינען מיר, צו מאָל בולטער און שטאַרקער, צו מאָל אָפּגעשוואַכט, נאָר תמיד ווי אַ קאָנסטאַנטע, אַן אומבאַגיילעכן עלעמענט פון אונדזער גייסטיקן לעבן.

דער דאָזיקער קאָנסטאַנטער כוח האָט אינעם תחום פון יידיש דערגרייכט זיין

העכסטן אויסלאַד. דאָס גיט דעם פּראָבלעם איבערזעצונגען פון און אויף יידיש אַן אייגנדיקן צוגאָבלעכן אויסמעסט.

ב.

מען דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגן נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן. בעת איינעם פון זיינע טורנעס איבער די איינגענומענע שטעט פון ריינלאַנד האָט מען אים אומעטום באַגעגנט מיט אַ סאַלוט פון האַרמאַטן. אחוץ אין איין שטאָט. אויך דאָרט האָבן אים די פּני העיר באַגעגנט ווי עס געהערט זיך, אַרויסגעטראָגן אויף אַ טאַץ די שטאָט־שליסלען, נאָר אָן אַ סאַלוט. נאָך דער צערעמאָניע האָט דער קיסר נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט ביים בירגערמייסטער די סיבה. „מיר, האָט דער בירגערמייסטער געענטפערט, מיר האָבן איין און צוואַנציק סיבות נישט אָפּצוגעבן קיין סאַלוט. די ערשטע סיבה איז, וואָס מיר האָבן נישט קיין האַרמאַטן. די צווייטע...״

— ס׳איז גענוג, האָט נאַפּאָלעאָן אים איבערגעשלאָגן די רייד, די ערשטע איז גענוג...

אין פלוג וואָלט מען געקאָנט אויך בנוגע אונדזער ענין אַזוי ענטפערן: צו וואָס דאַרף מען נאָך עפּעס אַן אויסמעסט? גענוג, וואָס יידיש לעבט. במילא זענען איבערזעצונגען אַ זאַך אַ נאַטירלעכע, אַ פון זיך גופא פאַרשטענדלעכע, ווי ביי איטלעכער לעבעדיקע שפּראַך. פון דעסטוועגן איז כדאַי אויסצורעכענען נאָך אַ מאָל לכל הפחות די ליכטיקסטע מאָמענטן, וואָס הייבן אַרויס דעם באַטייט און ראָל פון איבערזעצונג פאַר יידיש און יידיש־ליטעראַטור.

א) פון אַלע יידישע שמעלצשפּראַכן איז יידיש נישט בלויז די לעבעדיקסטע, נאָר אָן שום ספק די וויכטיקסטע, איינע פון די יסודותדיקע נישט בלויז קולטור — נאָר אויך פאָלק־פורעמענדיקע כוחות. בכן האָבן איבערזעצונגען פון איר און אויף איר נישט בלויז קולטור־היסטאָרישן אלא אויך אַקטועל־שאַפערישן באַטייט. זיי זענען איינער פון די עלעמענטן, וואָס באַשטימען די פּאָטענציאַליטעט ווי אויך דעם אויסשטראַל פון יידיש און יידיש־ליטעראַטור אין אונדזער היינטיקער צייט. ב) צוליבן גענעזיס פון דער יידיש־ליטעראַטור, ווו פון אָנהייב אָן האָבן שיער נישט דאָמינירט איבערזעצונגען: ווערטערלעכע צי פּאַראַפראַזירנדיקע, פּשט צי דרוש, פון תפילות, מגילות, הפטרות, צוערשט פון אויסצוגן, דערנאָך פון גאַנצן תנ״ך; שפּעטער פון מוסר־ספרים, מעשה־ביכער, היסטאָרישע ביכער א״א. דער באַהעפט צווישן איבערזעצונגען, ריכטיקער איבערטראָגונגען פונעם לשון־קודשדיקן תחום און די וועלטלעכע עלעמענטן, סיי אייגענע, סיי אַיינגעדרונגענע פון דרויסן, זייער אָט פאַרשמעלץ און אָט אָפּוואָרף, האָבן געפורעמט און רעגירט די געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור דורך יאָרהונדערטער.

ג) דער באַזונדערער אויסמעסט פון איבערזעצונג אויף יידיש קומט אָבער אַמבולטסטן צום אויסדרוק אינעם גרוואַלטיקן אַרט, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרנומען אינעם אַלגעמיינעם פונאַנדערבלי פון יידיש און יידיש־ליטעראַטור צום סוף

פון 19טן און אָנהייב פון 20סטן י״ה. די מייסטן פון אונדזער דור האָבן נאָך באַוויזן אין זייערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן צו זיין עדות און אין אַ געוויסער מאָס באַ־ווירקטע פון אָט דעם אומגעהייערן שלל איבערזעצונגען. נישט בלויז פון שיינער ליטעראַטור, נאָר אויך פון כל המינים וויסנשאַפטלעכע, פילאָזאָפישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמישע, היינט ווער רעדט נאָך פּאָליטישע און ווער ווייסט נאָך סאָרע ביכער. דאַרווין און מאַרקס, באָקל און קאַנט, רוסאָ און קראָפּאָטקין, אַלעמען האָט מען גע־קאָנט לייענען אויף יידיש. גאָרקי, טשעכאָוו, און אויב איך האָב קיין טעות נישט אויך איבסען, זענען געווען באַקאַנט דעם לייענער פון יידיש פריער ווי דעם פון ענגליש. אָט די לאַווינע איבערזעצונגען איז געווען אַן אָרגאַנישער, נאַטירלעכער און אומ־באַדינגלעך נייטיקער עלעמענט פון דעם, וואָס מען רופט אָן ביז היינט ,,דער נס יידיש״ ד״ה יענער קפיצת־הדרך, איינצייטיק אויסווירק און באַווירקער פון די טיפע שינויים אין דער יידישער געזעלשאַפט. און וואָס איז פון זיין זייט געוואָרן איינער פון די הויפּטיקע אינסטרומענטן פאַר איר טראַנספאָרמאַציע און פאַרוועלט־לעכונג, איר פאַרוואַנדל פון אַ רעליגיעזן ציבור אין אַ פאָלק, אַ נאַציאָנאַלן איינס. כ׳וויל, מען זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין: כ׳מיין נישט, אַז די יידיש־ליטעראַטור האָט אַליין גורם געווען אָט דעם פּראָצעס. ס׳זענען געווען פאַר דעם ווי תמיד נישט איינער אלא אַ גאַנצע ריי גורמים: עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, גייסטיקע, פּאָליטישע. נאָר די יידיש־ליטעראַטור איז אָן ספק געווען נישט בלויז זיין טיפסטער אַנטפּלעקער נאָר אויך זיין אַקטיווסטער און וויסיקסטער טרעגער. און אין איר גערעם האָבן איבער־זעצונגען אויסגעפירט אַן ערשטראַנגיקע עובדה: דער פאַקט וואָס יידיש האָט גע־בראַכט וועלטלעך וויסן און די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור צו די יידישע מאַסן נישט אין קיין פרעמדשפּראַכיקן אלא נאַציאָנאַלן לבוש, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר איי־נעם פון די קאַרדינאַלע מאָמענטן אינעם דאָזיקן פּראָצעס. בפרט נאָך ווען מען נעמט און מען מוז עס נעמען אין באַטראַכט דעם פּאַראַלעלן אויפוווקס פון איבערזעצונגען אויך אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור. דאָס זעט מען באַשיימפּערלעך ווען מען פאַרגלייכט די רעזולטאַטן צ״ב מיט די יידישע גרופּעס צי עדות, צו וועמען די פאַרוועלטלעכונג מיט איר גאַנצער סוויטע פון אייראָפּעישע קולטור און ליטעראַטור איז געקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פרעמדער נישט־יידישער שפּראַך.

די איבערזעצונג־כוואַליע אויף יידיש האָט דערגרייכט איר קוואַנטיטאַטיוון הויכפּונקט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביסלעכווייז האָט זיך אויך געענדערט בייטן איר כאַראַקטער: פּראָדוקט צוערשט פונעם מאַכטיקן ספּאָנטאַנעם דראַנג פון די יידישע מאַסן, ווערט זי בהדרגהדיק רעזולטאַט פון אַ וויסיקן נאַציאָנאַלן ציל — דאָס אַריבערטראָגן און אינטעגרירן אין יידיש נישט בלויז די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור, אלא אויך און אפשר קודם־כל די יידישע גייסטיקע אוצרות. דער דאָזיקער באַשטרעב, פאַרמולירט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ צוריקקער צו דער אַלטער יידישע טראַדיציע. אָבער נאָכן שטורעם־און־דראַנג־פּעריאָד, וואָס די איבערזעצונג אויף יידיש האָט געהאַט דורכ־

געמאַכט במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, אַ צוריקקער נישט קיין פּשוטער, נייערט אויף אַן אַנדערן העכערן שטאַפּל. קוואַנטיטאַטיוו האָט עברית אין דער אויבן דערמאָנטער כוואַליע פון איבערזעצונגען אויף יידיש פאַרנומען אַ רעלאַטיוו באַשיידן אָרט. נייערט קוואַליטאַטיוו האָבן מיר דאָ געהאַט אַ ביז גאָר וויכטיקע און פּרוכטיקע טענדענץ. פּרץ האָט זיך גענומען צום איבערזעצן די מגילות און אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער וועלן מיר האָבן דאָס פונדאַמענטאַלע און גראַנדיעזע ווערק פון יהואש׳ס תנ״ך־איבערזעצונג.

די זעלביקע טענדענצן פאַרשטאַרקן זיך אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות. אויב די קוואַנטיטעט פון איבערזעצונגען אויף יידיש גייט אפשר צוריק, וואַקסט די קוואַליטעט, סיי פונעם אָפּקלייב, סיי פון דער איבערזעצערישער אַרבעט גופא. עס שטייגט אויך דאָס אַריבערפירן די גרויסע ליטעראַטור פון העברעיש אויף יידיש, ווי צ״ב דאָס פאַרטייטשן פון „ספר האגדה״ פון ביאַליק און ראַווניצקי, די איבערדיכטונגען פון י. י. שוואַרץ א״א. אויף אַ גאַנץ אַנדערן תחום און מיט אַ להלוטין אַנדערן כאַראַקטער קומט אויף אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה 14־18 און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַ כוואַליע איבערזעצונגען פון פּאָליטישער ליטעראַטור. די רעוואָלוציע רופט אויך אַרויס אַ שלל איבערזעצונגען פון דער נייער רוסישער ליטעראַטור, נישט בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין פּוילן, פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע מדינות. דאָס אויפקומען אין אַ ריי לענדער פון אַ יידישער שולנעץ ברענגט מיט זיך אויך איבערזעצונגען און איבערזעצערישע קאָמפּילאַציעס פון לערנביכער און באַרייכערנדיק יידיש מיט כל המינים טערמינאָלאָגיעס, העלפט עס פון זיין זייט ביי אַנדערע איבערזעצונגען.

ווי האָט אויסגעזען אין די זעלביקע פעריאָדן די איבערזעצערישע טואונג פון יידיש ? פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי געווען — אַחוץ דאָס איבערזעצן אָדער זעלבסאיבערזעצן די יידישע קלאַסיקערס אויף עברית — אין אַנדערע שפּראַכן אַ ביז גאָר קאַרגע. איינצלנע ווערק בלויז פון אונדזערע קלאַסיקערס האָבן זוכע געווען צו אַן איבעזעצונג אויף רוסיש, פּויליש אָדער דייטש. אויף פראַנצייזיש איז די יידיש־ליטעראַטור געווען אַ טעראַ אינקאָגניטאַ. אויך אויף ענגליש איז כמעט ווי גאָרנישט נישט געווען. דאָס ערשטע בוך איז געווען לעאָ ווינערס פּראָזאַישע איבערזעצונג פון אַ צאָל לידער פון מאָריס ראָזענפעלד. אין דעם פּרט האָט די יידיש־ליטעראַטור געהאַט אַ סך ווייניקער מזל ווי די העברעישע. דער מצב בייט זיך צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווען עס שיינט אויף אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַטור דער שטערן פון שלום אַש. באַלד וועט דער נאָמען שלום־עליכם נעמען קלינגען אויף צענדליקער שפּראַכן. אַן אינטענסיווע איבערזעצערישע אַרבעט אַנטוויקלט זיך אויף רוסיש, דייטש, אַ ביסל שפּעטער אויף ענגליש. אָבער די צאָל איבערזעצונגען אויף יידיש שטייגט נאָך אַלץ ווייט אַריבער די צאָל איבערזעצונגען פון יידיש.

נאָך 1945 איז דער מצב, פאַרשטייט זיך, ראַדיקאַל אַן אַנדערער. די צאָל

איבערזעצונגען אויף יידיש פאַלט קאַטאַסטראָפאַל, כמעט ביז צום פאַרשווינד. אין דער זעלביקער צייט הייבט זיך אָן אַ באַוועג פאַר איבערזעצן פון יידיש, וואָס ווערט כסדר אַלץ גיכער און שטאַרקער.

ג.

מען וואָלט געדאַרפט אָט די אַלגעמיינע באַטראַכטן אילוסטרירן מיט גענויע צאָלן. ליידער האָבן מיר נישט אויף יידיש קיין אויסשעפּלעכן אינדעקס טראַנסלאַציאָנוס, בלויז טיילפאַרשונגען. די צאָלן, וואָס זענען דאָ צונויפגענומען פון פאַרשידענע קוועלן און מיט „בעל־מלאכהשע" פשוטע מיטלען, פרעטענדירן נישט בשום אופן נישט אויף אויסשעפּלעכקייט און נישט אויף אַבסאָלוטער פרעציזקייט. זיי קאָנען בלויז דינען ווי אַ מין אילוסטראַציע, אַן אָריענטיר פאַר די אַלגעמיינע טענדענצן. זיי זענען נוגע בעיקר די לעצטע יאָרן און בלויז ביכער, נישט קיין איבערזעצונגען אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

די פולסטע רשימה האָבן מיר פאַר איבערזעצונגען פון יידיש אויף ענגליש צונויפגעשטעלט דורך דער פאַרדינסטפולער ביבליאָטעקאַרין פון „ייוואָ", פרוי דינה אַבראַמאָוויטש. זי ווייזט אָן, אַז אין 50 יאָר ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די צאָל איבערגעזעצטע ביכער פון יידיש אויף ענגליש דערגאַנגען בסך־הכל צו 80. בעת פון 1945 ביז 1968 זענען שוין דאָ 248 איינסן. אין אַ צוגאַב־רשימה פאַר די יאָרן 1969 ביז אָנהייב 1974 געפינען מיר ווייטערדיקע 28 איינסן. ד""ה צוזאַמען 276 איינסן, צווישן זיי נישט ווייניקער ווי 28 אַנטאָלאָגיעס, דערפון 6 פון פּאָעזיע. ס'איז אָנצונעמען, אַז ביז היינט האָט די צאָל איינסן איבערגעשטיגן 300.

אויף פראַנצייזיש זענען מיר, נאַטירלעך, אומפאַרגלייכלעך אָרעמער. אויפן סמך פון קוועלן, וואָס פרעטענדירן נישט אויף אויסשעפּלעכקייט, האָבן מיר געהאַט ביז 1939 אין גאַנצן 7 ביכער איבערגעזעצט פון יידיש. פון 1945 ביז 1960 שטייגט די צאָל אויף 13; און אין די יאָרן 1960 ביז 1975 אויף 44, דערונטער 7 פון פּאָעזיע.

אינטערעסאַנט איז די סטאַטיסטיק פון יידישע איבערזעצונגען אויף רוסיש, וואָס כ'האָב געפונען אינעם ביבליאָגראַפישן האַנטבוך פון סטאַרצעוו. די דאָזיקע סטאַטיסטיק בלויז פון קינסטלערישער ליטעראַטור נעמט נישט אַרום די צוואַנציקער יאָרן. זי גיט אָן: (נישט רעכענענדיק איבערדרוקן פון די זעלביקע ווערק):

פאַרן פּעריאָד 1934—1941 — 78 איינסן; 1941—1945 ד"ה די מלחמה־יאָרן — 14 איינסן; 1945—1948 — 9 איינסן; 1948—1954 — 3. נאָך 1956 הייבט עס ווידער איינסן; 1945—1948=9 איינסן; 1948—1954=3. נאָך 1956 הייבט עס ווידער אָן אַ ביסל צו שטייגן און פון 1951 ביז 1959 פאַרצייכנט סטאַרצעוו שוין 69 איינסן, דערונטער אַ נייע זעקסבענדערדיקע אויפלאַגע פון שלום־עליכם נאָך 8 איינסן פון אים און 10 איינסן פון לייב קוויטקאָס קינדער־לידער. דער אָקעגנגעשטעל פון די צאָלן און יאָרן רעדט פאַר זיך און נייטיקט זיך נישט אין קאָמענ־

טאַרן. פאַר די ווייטערדיקע יאָרן דאַרף מען דערמאָנען דאָס דערשיינען אין 1960 פון אַ צווייבענדיקער אויסגאַבע און אין 1969 פון אַ נייעם באַנד (פון איבער 600 זייטן) מיט איבערזעצונגען פון פּרץ מאַרקישעס לידער; אַ בוך איבערזעצונגען פון קולבאַקס לידער (1969); פון עזרא פּינינבערג (1965); פון שמואל האַלקין (?); פון אַ נייער זעקסבענדיקער אויפלאַגע פון שלום-עליכמס ווערק אין 1971 און פון אַן איינבאַנדיקער אויסגאַבע פון שלום-עליכם פון 45 דרוקבויגנס. לעצטנס אין 1976 איז אַרויס אַ באַנד געקליבענע שאַפונגען פון י. ל. פּרץ (400 זייטן). צו דעם דאַרף מען נאָך צורעכענען בערך 8 ווייטערדיקע איינסן פאַרשידענע איבערזע־צונגען פון יידיש. לויט די רשימות פון ירושלימער אוניווערסיטעט „קרית ספר" זענען פון סוף 1965 ביז 1971 דערשינען אין ראַטנפאַרבאַנד 47 איינסן איבער־זעצונגען פון יידיש אויף רוסיש. מיר ווייסן נישט וויפל דערפון זענען איבער־זעצונגען פון דערשינענע ביכער, צי פון כתב־ידן.

איך לאָז דורך די איבערזעצונגען פון יידיש-ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן. אויף דייטש, למשל, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר נישט ווייניק, דערונטער אַ פּאָר ווערטפולע אַנטאָלאָגיעס פון פּאָעזיע; אויף שפּאַניש אאַ"וו. כ'וויל בלויז דערמאָנען, אַז נישטערנדיק אין די קאַטאַלאָגן, למשל, פון דער ניו-יאָרקער פּאַבליק-לייבערערי און פון דער וואַשינגטאָנער קאָנגרעס־לייבערערי; קאָן מען געפינען צענדליקער אַנטאָלאָגיעס פון יידיש-פּאָעזיע, דער־שינענע זינט בערך 60 יאָר אין פאַרשידענע לענדער: אויף דייטש, ענגליש, פראַנ־צייזיש, רוסיש, פּויליש, שפּאַניש אונגאַריש, רומעניש, טשעכיש, שוועדיש און אַפילו יאַפּאַניש. אמת, די לעצטע נישט פון פּאָעזיע, נאָר פון מאָדערנע יידישע דראַמעס, אַרויסגעגעבן אין טאָקיאָ אין 1922. וואָס שייך שלום-עליכם איז ער ממשיך זיין טריאומפאַלן גאַנג דורך צענדליקער, אויב נישט הונדערטער לשונות, דערונטער אויף יאַפּאַניש, כינעזיש, צולעצט אויף סוואַהעלי אאַ"וו.

אַ פּאָר ווערטער נאָך וועגן פּוילן. אַמאָל האָט מען פאַרהעלטענישמעסיק נישט ווייניק איבערגעזעצט פון פּויליש אויף יידיש, דער עיקר קינסטלערישע פּראָזע. מען האָט געקאָנט לייענען אויף יידיש די ווערק פון סיענקעוויטש, אָזשעזשקאָ, זשעראָמסקי, קאָנאָפּניצקאָ, פּשיבישעווסקי א"אַ. דאַקעגן האָט מען פון יידיש אויף פּויליש ווייניק געהאָט איבערגעזעצט. אין דער יידישער פאַרלאַג-טעטיקייט, וואָס איז אויפגעקומען אין פּוילן אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר נאָך 1945, האָבן איבערזעצונגען פאַרנומען אַ רעלאַטיוו אָנגעזען אָרט. פּלענער זענען געווען נאָך גרעסערע. אָבער זיי האָבן זיך כמעט פון אָנהייב אָן אָנגעשטויסן אויף געוויסע גרענעצן.

לויט מער ווייניק גענויע אָנגאָבן זענען פאַר דער גאַנצער צייט פון 1945 ביז 1970 דערשינען אויף פּויליש 16 איינסן איבערזעצונגען פון יידיש; דערונטער 5 איינסן פון שלום-עליכם, איין באַנד געקליבענע ווערק פון פּרצן (איבערגעזעצט דורך אַננאַ דרעזנער), 5 איינסן פּאָעזיע. אַ טייל פון די פּובליקאַציעס פון יידישן

היסטאָרישן אינסטיטוט זענען דערשינען צווייִשפּראַכיק. עטלעכע גרעסערע פּראָ־יעקטן, צווישן זיי אַ גרעסערע אויסגאַבע פון שלום־עליכמס ווערק צו זיין 50סטער יאָרצייט אין 1966, און אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע, וואָס אויף איר האָבן געאַרבעט אַרנאָלד סלוצקי און יאַן שפּיעוואַק, זענען קיין מאָל נישט געוואָרן רעאַליזירט.

מער מזל האָבן געהאַט איבערזעצונגען אויף יידיש. אַחוץ מאַטעריאַלן פון דער חורבן־צייט, ווי למשל דאָס טאָגבוך פון דוד רובינאָוויטש, איז געוואָרן איבערגעזעצט נישט ווייניק שיינע ליטעראַטור. קודם־כל דאַרף מען דערמאָנען דעם אויפטו פון לייב אָליצקי ע״ה, וואָס האָט לעבן זיינע אייגענע ווערק אַרויס־געגעבן נישט ווייניקער ווי 8 ביכער איבערזעצונג פון פּאָעזיע, פון פּויליש, רוסיש און העברעיש; צווישן זיי מיצקעוויטשעס „קרימער סאָנעטן״, קרילאָווס משלים, צענדליקער לידער און פּאָעמעס פון דער העברעישער פּאָעזיע, אָנגעהויבן פון ר׳ משה אבן־עזרא ביז אברהם שלאָנסקי, אַלטערמאַן און גאָר מאָדערנע. אין גאַנצן זענען פאַרן דאָזיקן פּעריאָד דערשינען איבער צוויי צענדליק ביכער איבערזעצונגען פון פּראָזע און פּאָעזיע פון פאַרשידענע שפּראַכן אויף יידיש.

דאָס אַלץ האָט זיך איבערגעריסן זינט 1967 און געהערט היינט צום עבר.

מיר זענען אַזוי אַרום געקומען צו איבערזעצונג אויף יידיש. די וויטער־דיקע צאָלן וועגן דעם זענען נאָך פראַגמענטאַרישער און אויסשליסלעך אילוס־טראַטיווע. ווי מאַטעריאַל פאַר זיי האָבן געדינט די קאַטאַלאָגן פאַר שיינער ליטע־ראַטור (פּאָעזיע און פּראָזע) פון דער ספריה לאומית אין ירושלים און פון דער „ייוואָ״־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק, נעמענדיק דערביי צו הילף אויך די קאַרטאָטעקן פון די ביידע אויבן דערמאָנטע ביבליאָטעקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין ירושלימער קאַטאַלאָג האָבן מיר געפונען 309 איינסן איבערזעצונגען אויף יידיש פון 15 שפּראַכן + 25 פון עברית. אין ניו־יאָרק — 355 איינסן פון 11 שפּראַכן + 32 פון עברית. דערפון אין ניו־יאָרק: דערשינענע פאַר דער צייט ביז 1918 — 169 איינסן (פון עברית 7); צווישן ביידע וועלט־מלחמות — 175 (61); נאָך 1945 — 43 איינסן (9).

ס׳איז קלאָר, אַז ביידע ביבליאָטעקן האָבן און קאָנען האָבן בלויז גאָר אַ קליינעם טייל פון אַלע דערשינענע איבערזעצונגען. ווי אַ פאַרגלייך איז גענוג אַ קוק צו טאָן, למשל, אין אַ פאַרקויף־קאַטאַלאָג פונעם באַקאַנטן פאַרשפּרייט־צענטער, געשאַפן דורך די גרויסע יידישע פאַרלאַגן אין וואַרשע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטערן נאָמען „צענטראַל״. דער קאַטאַלאָג, וואָס געפינט זיך אין דער ירושלימער ספריה לאומית, טראָגט דעם נומער 26, איז, הייסט עס איינער פון אַ סך. דאָס יאָר איז נישט אָנגעגעבן, נאָר ווערדליק די פּרייזן קאָן מען זיך משער זיין, אַז ער געהערט צו די צוואַנציקער יאָרן, ד״ה צו אַ צייט, ווען דער גרויסער יידישער ביכערמאַרק פון דער רוסלענדישער אימפּעריע איז שוין געווען צעטיילט. אינעם דאָזיקן קאַטאַלאָג פיגורירן אויף 422 איינסן 102 ד״ה רונד 25%

איבערזעצונגען. אמת, נישט בלויז פון שייגער ליטעראַטור. טשעקאָווע, אַז ביי קינדער־ליטעראַטור שטייגט אַט דער פּראָצענט אויף כמעט 77 — (32 אויף 43 איינסן !).

אינטערעסאַנט זענען די טענדענצן: קודם־כל דאָס קוואַנטיטאַטיוו באַשיי־דענע אָרט, וואָס עס פאַרנעמען איבערזעצונגען פון עברית: אינעם קאַטאַלאָג פון „צענטראַל" 3 אויף 102; פון ספריה לאומית — אויף 334 איינסן בלויז 25 ד"ה רונד 7%; אין דער „ייוו"א"־ביבליאָטעק אויף 387 — 32 ד"ה 8%. ווען מען זאָל צונעמען די אַנדערע איבערזעצונגען — וויסנשאַפט, געשיכטע, ווער רעדט נאָך סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן, וואָלט דער פּראָצענט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סך אַ נידעריקערער.

דאָס צווייטע איז נוגע איבערזעצן פּאָעזיע. אינעם קאַטאַלאָג פון „צענטראַל" געפינען מיר 1 (איין) איינציקע אַזאַ איבערזעצונג. אינעם קאַטאַלאָג פון „ייוואָ" — פאַר 1918 בלויז 8 איינסן; בעת צווישן ביידע וועלט־מלחמות שטייגט שוין די צאָל אויף 10 און בלייבט אַפילו נאָך 1945 ביי 18 איינסן. דאָס אַליין ווייזט שוין די קוואַליטאַטיווע שינויים, די אַנדערשדיקע סטימולאַציע. איבערזעצונג פון פּאָעזיע אויף יידיש ווערט אַלץ מער סטימולירט נישט דורכן לייענערישן אלא דורכן שרייבערישן אינטערעס (אַט אַזוי ווי אַמאָל איז עס געווען אין העברעיש !) מען איבערזעצט נישט מער קיין פּאָעזיע פאַר אַ לייענער, וואָס זיין צאָל ווערט אַלץ קלענער, נאָר לשמה, צוליבן שאַפערישן אינטערעס פאַרן דיכטער־איבער־זעצער און זיין קינסטלערישער הנאה. ווי אַן אינטערעסאַנטע באַשטעטיקונג פאַר דעם איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין 1954 איז דערשינען אין ניו־יאָרק דער פינישער עפּאָס „קאַלעוואַלאַ" אין דער יידישער איבערזעצונג פון הערש ראָזענ־פעלד.

אין פראַנקרייך זענען פאַר דער גאַנצער צייט פון 1945 ביז 1972 מיר באַקאַנט בלויז 6 ביכער, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש און 4 פון אַנדערע שפּראַכן, (דערונ־טער 2 פון רוסיש), אָבער דערשינענע אין פראַנקרייך.

די איבערזעצונגען פון רוסיש אויף יידיש האָבן אין די ערשטע ביידע אויבן באַצייכנטע פּעריאָדן געהאַט פאַרנומען איינס פון די ערשטע, אין באַשטימטע צייטן אַפילו דאָס ערשטע אָרט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געקאָנט מיט זיי קאָנקורירן, צוליב כמה וכמה טעמים, בלויז די פראַנצייזישע ליטעראַטור. אויך זיי זענען נאָך 1945 כמעט ווי פאַרשוווּנדן. אַוודאי זענען איבער פּעריאָדישע אויסגאַבעס צעוואָרפן נישט ווייניק איבערזעצונגען. אָבער קיין ביכער דערשיינען כמעט נישט מער. פון וויכטיקערע ווערק קאָנען מיר בלויז אָנרופן „אויסגעוויילטע ווערק" פון מ. יו. לערמאָנטאָוו, דערשינען אין מאָסקווע אין 1946. מען דאַרף אָבער דערמאָנען עטלעכע, הגם ספּאָראַדישע, איבערזעצונגען פון רוסישע ווערק, איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד. אַזוי צ"ב אַ ביכל לידער פון יעווטושענקאָ, אַרויסגעגעבן אין די פּ"ש; סאָלזשעניצינס „אַ טאָג פון איוואַן

דעניסאָוויטש״ און נ. ריבאַקס „דער טעות פון אַנאַרע דע־באַלזאַק״, איבערגעזעצט אין פראַנקרייך; און — סימפּטאָמאַטיש. — עטלעכע וויכטיקע איבערזעצונגען, געמאַכט און אַרויסגעגעבן אין ישראל און וואָס כ׳וועל שפּעטער דערמאָנען.

מען וואָלט ווייטער געדאַרפט דערמאָנען אַ ריי ווערק איבערגעזעצט פון שפּאַניש, אָבער אויך פון רוסיש, אין אַרגענטינע. צווישן זיי די מאָנומענטאַלע איבערזעצונג פון „דאָן קיכאָט״ דורך פּיניע קאַץ. מען וואָלט אפשר אויך געדאַרפט ברענגען נאָך מער פּרטימדיקע צאָלן לויט זשאַנערן, מחברים או״וו. אָבער שוין פון די געגעבענע קאָן מען מאַכן עטלעכע גרונטיקע אויספירן:

די סיבות פאַרן פאַרהעלטענישמעסיק שטאַרקן וווּקס פון איבערזעצונגען פון יידיש זענען קלאָרע: נעגאַטיווע — די אַלץ גרעסערע צאָל יידן, פאַר וועמען די יידיש־ליטעראַטור איז נישט מער צוגענגלעך אין אָריגינאַל. פּאָזיטיווע — דער דראַנג פון פאַרשידענע טיילן פון אונדזער פאָלק זיך בעסער צו קענען, צו פאַר־שטיין. דער וואַקסנדיקער דראַנג פון טיילן יידישע יוגנט צו אידענטיפיקאַציע, צו באַקענען זיך מיט די אייגענע וואָרצלען און אויך צו געפינען אפשר אין די יידישע גייסטיקע אוצרות אַן ענטפער, צי אַ טיילענטפער אויף די אַלגעמיינע ספקות, אַרויסגערופענע דורכן קריזיס פון אונדזער ציוויליזאַציע ביי דער יוגנט בכלל און ביי דער יידישער בפרט. מען דאַרף אויך געדענקען דעם געוואַקסענעם אינטערעס פונעם ניט־יידישן לייענער פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן און יידישקייט.

דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן, די חיצונעדיקע, מחוץ ליטעראַרישע גורמים. צו דעם קומט נאָך צו דער נישט ווייניקער שטאַרקער באַשטרעב פון דער יידיש־ליטעראַטור גופא. ווי מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעוויזן, שטרעבט איטלעכע ליטע־ראַטור צו צעשפּאַרן די אייגענע גרענעצן, בפרט אַ ליטעראַטור מיט שוואַכן אויס־שטראַל־ראַדיוס. אין דער יידיש־ליטעראַטור, וואָס גראַוויטירט צווישן וויסיקייט איבער איר הויכווערטיקייט און כוח פון איין זייט און דעם געפיל פון נישט־זיכערן המשך פון דער אַנדערער, איז אָט דער דראַנג באַזונדערש שטאַרק. זי רייסט זיך צום אויסווירק און אויסשטראַל, וואָס קומען איר אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אין דער זעלביקער צייט אויך צום אייגענעם פאָלק; צו די טיילן זיינע, וואָס קענען נישט איר לשון; צו דער יוגנט, וואָס איז אַזוי שפּירעוודיק צו כל־המינים אוצרות און וואָס פאַרזעט דערביי אָפּט — מחמת שפּראַך־מחיצה — די אייגענע. דאָס אַלץ פאַרשטאַרקט דורך אַ געפיל — אַ ריכטיקן צי נישט — וועגן דער דרינגעוודיקייט פון אַ טואונג, וואָס מען טאָר זי נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער, אויף אַ קומענדיקער עפּאָכע, צי פאַר אַ צווייטן דור. אַזוי אַרום באַקומט דאָס איבערזעצן די בעסטע ווערק פון דער יידיש־ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן סיי זיין געזעלשאַפטלעכע, סיי זיין אינטראַ־ליטעראַרישע סטימולאַציע.

לחלוטין אַנדערש איז עס מיט איבערזעצונגען אויף יידיש. זייער כמעט פאַרשווינדן איז איינער פון די בולטסטע סימפּטאָמען פאַרן מצב פון דער יידיש־

ליטעראַטור בכלל. די סיבות זענען באַקאַנטע: די טראַגעדיע, וואָס האָט פאַר־שניטן אַזוי פיל יידיש־לייענערס און די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע. און די יידיש־לייענערס, געבליבענע אין די תפוצות (וועגן ישראל וועט אויסקומען צו רעדן באַזונדערש), זענען שוין אויך אַ ביסל אַנדערע. נישטאָ שוין קיין סך צווישן זיי, וואָס זאָלן נישט מער ווייניקער באַהערשן לכל הפחות די לאַנדשפּראַך. ובמילא איז פאַר זיי צוגענגלעך נישט בלויז איר ליטעראַטור, נאָר אויך אַנדערע אין איר איבערגעזעצטע. אויב אַזוי קאָן מען דאָך פרעגן, און מען טוט עס טאַקע גאַנץ אָפט, צו וואָס־זשע דאַרף מען אין אַ צייט, ווען אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן יידיש־ביכער קומט אָן מיט אַזוי פיל שוועריקייטן, נאָך פאַרנעמען זיך מיט איבער־זעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן? צי איז עס נישט לוקסוס און פאַרשווענד? מען קאָן באַטירלעך זאָגן, אַז פאַר אַ סך לייענערס איז עס פאָרט נישט די זעלביקע זאַך צו לייענען אַ קינסטלעריש ווערק אין זייער מאַמע־לשון ווי אין אַן אַנדער שפּראַך, זאָל זיין פונעם אָריגינאַל. נאָר נישט דאָס אַליין איז מכריע. אלא ווידער אַ מאָל די אינטראַ־ליטעראַרישע גורמים: פונקט ווי איטלעכע לעבעדיקע ליטע־ראַטור אַזוי קאָן זיך אויך די זדיש־ליטעראַטור נישט באַגיין אָן איבערזעצונגען. זי דאַרף עס כדי צו בלייבן אַן אָפענע, מחמת אָן איבערזעצונג, אויב זי האָט נאָר אַ באַשטימטע קוואַליטעט, ווערט אַ קנין פון דער ליטעראַטור וואָס אויף איר שפּראַך איז עס איבערגעזעצט. זי ווערט אַ טייל פון איר, זי באַרייכערט זי, שטויסט און סטימולירט צום אייגענעם וואַקסן, צום שפּראַכיקן און קינסטלערישן אויסברייט און פאַרטיף. און שפּראַכיקער אויסברייט הייסט אויסברייט פון דער נאַציאָנאַלער אַפּערצעפּציע, פון גייסטיקן לעבנס־שטח.

ביי יידיש קומט נאָך צו דער שוין אָפּט דערמאָנטער ספּעציפישער אינטער־יידישער סטימול, וואָס גייט דורך אונדזער גאַנצע געשיכטע און ווירקט צום טייל אויך היינט, קאָן זיין אין אַנדערע פאָרמען, ווייטער. דהיינו אין די איבערזע־צונגען פון משניות (זאַלקינד, פּעטרושקאַ), צי אין די מדרשים־איבערזעצונגען פון ש. דונסקי א״א.

ד״ר אליהו שולמאַן האָט מיר דערציילט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז איצט דאָ אַ גרויסער נאָכפרעג אויף אַזעלכע ביכער. ער האָט מיר אויך דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אויפלעב פון איבערזעצן רעליגיעזע ליטעראַטור בכלל, וואָס ווערט איצט אויסגעטראָגן דורך באַשטימטע קרייזן, קודם־כל דורך די ליובאַוויטשער. ס׳איז אַרויס אויף יידיש דער „תניא״, דער דרוש פון ליובאַ־וויטשער רבין אויף חומש, אַ צווייישפּראַכיק חסידיש ווערק „חוק בישראל״ א״א. ס׳ווערן איבערגעדרוקט פריערדיקע ספרים, למשל חומש מיט רש״י־איבערזעצונג אויף יידיש אאַ״וו.

אוודאי האָבן מיר דערביי צו טאָן מיט אַ ספּעציפישן לייענער־קרייז. ער נעמט אָבער אַרום נישט בלויז עלטערע און מיטליאָריקע, נאָר אויך יוגנטלעכע און קינדער. דער פּראָבלעם איז אָבער אויף וויפל און ווי אַזוי דאָס שרייבט זיך אַריין

אינעם כוללדיקן באַוועג פון יידיש און יידיש־ליטעראַטור; צי עס שליסט זיך אַריין אין זייער גרויסן שליאַך, אָדער בלייבט אַ זייטיקער אָפּגעטיילטער וועג. נאָר דאָס איז שוין אַ פּראָבלעם, וואָס גייט אַריבער דעם גערעם פון מיין רעפעראַט.

געטריי אָט דעם גערעם האָב איך, רעדנדיק וועגן איבערזעצונג, אויסגעמיטן קוואַליטאַטיווע אַנאַליזן און כמעט ווי נישט באַרירט אויך איר אינעווייניקסטע פּראָבלעמאַטיק. בלויז אַ פּאָר קורצע, זייער אַלגעמיינע באַמערקן: די טעאָ־רעטישע פּראָבלעמען פון איבערזעצן בכלל, פונעם צונויפטרעף צווישן צוויי פאַרשידענע וועלט־סטרוקטוראַציעס פון דער קאָמוניקירלעכקייט צווישן זיי אאַ"וו זענען, פאַרשטייט זיך, חל אויך אויף יידיש, סיי ווי אַן אויסגאַנג — און סיי ווי אַן אָנקום־שפּראַך. זיי דערשיינען אָבער אין איטלעכן פאַל מיט אַן אַנדערן פּאָרויסצייכן: ביי יידיש ווי אַן אָנקום־שפּראַך זענען די דאָזיקע פּראָב־לעמען נישט קאָמפּליצירטער ווי ביי אַנדערע שפּראַכן. ווי אַן אויסגאַנג־שפּראַך קומען אָבער אויף אַ ריי באַזונדערקייטן, צו מאָל שווער גובר צו זיין. בדרך כלל איז דעריבער, ביים גלייכן איבערזעצערישן קענען כמובן, דאָס איבערזעצן פון אַנדערע לשונות, לכל הפחות פון אייראָפּעישע, לייכטער ווי אומגעקערט. מחמת, ווי כ'האָב עס שוין געהאַט אַ מאָל געשריבן, „יידיש מיט אַלץ, וואָס עס האָט איבער־ און אַריינגענומען פון לשון־קודש און פון אַראַמיש, פון תנכישע און תלמודישע, פאָלקלאָריסטישע און חסידישע עלעמענטן, געהערט דאָך פּאָרט צו דער אַלגעמיין־אייראָפּעישער פסיכישער ספערע. טאַקע אין אָט דעם אייגנ־אופנדיקן און זעלטענעם צונויפשמעלץ פון מזרחישן און אייראָפּעישן ליגט אפשר זיין באַזונדערער טעם און חן". ביי יידיש ווי אַן אָנקום־שפּראַך גייט עס אין איבערגעבן, פאַרקערפּערן דאָס אַלגעמיינע, בשותפותדיקע; דאַקעגן ווי אַן אויסגאַנג־שפּראַך — די ספּעציפיק, דאָס וואָס טיילט אָפּ פון יענער אַלגעמיינער ספערע, מיט איין וואָרט — די „יידישקייט".

און דאָ ווייזט זיך אַרויס אויפן ערשטן בליק אַ פּאַראַדאָקסאַלע, אין תוך אָבער פילזאָגנדיקע דערשיינונג: דווקא אַ ריי ווערק, וואָס זענען אין זייער פורעם־אינהאַלטערישער נישט־צעטיילעוודיקייט און גאַנצקייט געדיכט פאַרקנאָטן אין פילשיכטיקער דורותדיקער יידישקייט, דערגייען אויך אין איבערזעצונג. מען קאָן פּאַר דעם ברענגען באַלערנדיקע ביישפּילן.

מען קאָן פאַר דעם ברענגען באַלערנדיקע ביישפּילן פון דער הייניקער ליטעראַטור. דאָס באַלערנדיקסטע איז און בלייבט שלום־עליכם וואָס איז מסתמא אַממייסטן געוואָרן איבערגעזעצט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אויף צענדליקער שפּראַכן. שלום־עליכם, וואָס ער איז דאָך כולו לשון, ספּעציפיש לשון: אַמשווערסטן, מען וואָלט געקאָנט זאָגן, באמת אוממעגלעך צו איבערזעצן. נאָר ווי ס'ווייזט אויס, איז טאַקע אין דעם פאַל חל דאָס וואָרט פונעם באַרימטן רוסישן פּאָעט און גרויסן איבערזעצער וואַלערי בריוסאָוו: „אַ ווערק, וואָס ס'איז אוממעגלעך צו איבערזעצן. נאָר וואָס ס'איז אויך אוממעגלעך עס נישט צו

איבערזעצן". די גאונישקייט פון שלום-עליכם איז, ווייזט אויס, אַזאַ, אַז וויפל ס'זאָל אין דער אָנקום-שפּראַך נישט פאַרלאָרן גיין, דאָס וואָס בלייבט איז תמיד נאָך גענוג, מענטשן זאָלן לאַכן און זאָלן וויינען, און שפּירן דאָס אייביק-מענטשלעכע אינעם אייביק-יידישן פון זיינע העלדן. אין דעם אָפּקלאַנג, אַפילו בלויז אינעם ווייטן אָפּקלאַנג פון זייער לשון. דאָס זעלביקע באַווייזט אין אַנדערן צוזאַמענהאַנג איציק מאַנגערס פּאָעזיע. (ווען ס'וואָלט נישט געווען מחוץ פון דער טעמע, וואָלט מען דאָ געקאָנט ציען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע מסקנות).

אַנדערש זענען, נאַטירלעך, די פּראָבלעמען פון יידיש ווי אַן אויסגאַנג- און אָנקום-שפּראַך כלפּי עברית. און מיט דעם קומען מיר צום לעצטן וויכטיקסטן קאַפּיטל, צום איבערזעצערישן באַוועג צווישן די ביידע שפּראַכן אונדזערע.

ד.

ס'וואָלט אַוודאי געווען כדאי צו באַטראַכטן די קאָמפּלעקסע און קאָמפּליצירטע, קולטור-היסטאָריש אָבער אויך לינגוויסטיש פילבאַטייטנדיקע געשיכטע פונעם דאָזיקן באַוועג צווישן ביידע לשונות במשך פון די יאָרהונדערטער; בפרט אינעם אויבן דערמאָנטן מכריעדיקן פּעריאָד פון טראַנספאָרמאַציע און איבערוואַנדל פון דער יידישער געזעלשאַפט. אויך דאָס גרויסע און ביז גאָר חשובע קאַפּיטל פון אונדזערע קלאַסיקער, וואָס האָבן זיך אַליין איבערגעזעצט, ריכטיקער „איבערגעשאַפן"; אָדער ווען בלויז עמענס איבערזעצונגען דורך אַנדערע זענען שוין לאַנג געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער העברעישער ליטעראַטור. וועגן די דאָזיקע ענינים איז שוין אַ סך געפאָרשט און געזאָגט געוואָרן. כ'וויל זיך דעריבער דאָ באַגרענעצן אויף דער „ריין-איבערזעצערישער", אַזוי צו זאָגן, טואונג צווישן עברית און יידיש פאַר די לעצטע יאָרן אין גערעם פון דער בייער יידישערווירקלעכקייט, געשאַפן דורך מדינת ישראל.

אויך דאָ ראשית כל עטלעכע צאָלן. אויך זיי פּרעטענדירן נישט אויף אויסשעפּלעכקייט און אַבסאָלוטער פּרעציזקייט:

אויפן סמך פון די ביבליאָגראַפישע האַנטביכער פון ירושלימער ספריה לאומית „קרית ספר" זענען אין ישראל פאַר די לעצטע צען יאָר פון 1965 ביז 1975 פון יידיש אויף עברית געוואָרן איבערגעזעצט 112 ביכער. דערפון 40 פּאָעזיע, 54 קינסטלערישע פּראָזע, 6 ביכער פון היסטאָרישן צי געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. 12 ביכער עסייען, ליטעראַטור-קריטיק וכדומה.

פאַר דער גלייכער צייט ווערדליך די זעלביקע קוועלן זענען פון עברית אויף יידיש געוואָרן איבערגעזעצט אין ישראל 6 ביכער, דערפון פּאָעזיע 2 אייגסן; קינסטלערישע פּראָזע, 6 ביכער פון היסטאָרישן צי געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער,

אינעם קאַטאַלאָג פון שיינער ליטעראַטור (ד"ה אויסשליסלעך בעלעטריסטיק און פּאָעזיע) פון דער ספריה לאומית אין ירושלים האָבן מיר געפונען איבערגעזעצטע ביכער:

פון יידיש אויף עברית	192	פראָזע	66	פּאָעזיע	258	צוזאַמען	
פון עברית אויף יידיש	18	„	7	„	25		(10%)

שוין אויפן סמך פון די עטלעכע צאָלן קאָן מען ציען באַשטימטע מסקנות: פּאָזיטיווע — דאָס כסדרדיקע, הגם נאָך ווייט נישט גענוגנדיקע וואַקסן פון אי־בערזעצונגען פון יידיש אויף עברית. פון דער אַנדער זייט דאָס דערשיינען אויף יידיש פון עטלעכע זייער וויכטיקע איבערזעצונגען (ווי למשל פון אברהם שלאָנ־סקיס פּאָעזיע דורך משה יונגמאַן; פון עגנונס ווערק דורך אליעזר רובינשטיין, פונעם בוך „שיח לוחמים״). אַ וויכטיקע און דערפרייענדיקע דערשיינונג איז דאָס אַלץ אָפטערע אַרויסגעבן פון פּאָעזיע צווייִשפּראַכיק, יידיש און איבערזעצונג אויף עברית זייט קעגן זייט (ווי למשל לידער און פּאָעמעס פון חיים גראַדע, רחל קאָרן, פון פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע „צו אַ יידישער טענצערין״, לידער פון געבירטיג, אַלמי, אַשעראָוויטש, רחל פישמאַן א״א). אַ פּאָזיטיווער און פּילאָויסזאָגנדיקער פאַרן אינעווייניקסטן לעבן פון יידיש אין ישראל איז דער פאַקט, אַז ס׳איז כמעט דאָס איינציקע לאַנד, ווו עס דערשיינען אויך פון צייט צו צייט איבערזעצונגען אויף יידיש פון אַנדערע שפּראַכן, צווישן זיי וויכטיקע. צו דערמאָנען: פון רוסיש — יוסף פּאַפּירניקאָווס איבערזעצונג פון יעסענינס פּאָעזיע; פון פּאַסטערנאַקס „ד״ר זשיוואַגאָ״; פון פראַנצייזיש — פון אַנדרע שוואַרצבאַרדס „דער לעצטער למדוואָוניק״; און פון עטלעכע אַנדערע.

נעגאַטיווע — די נאָך נישט גענוגנדיקע צאָל איבערזעצונגען בכלל, זייער צו מאָל צופעליקער כאַראַקטער און די דיספּראָפּאָרציע צווישן איבערזעצונגען אויף עברית און פון עברית אויף יידיש.

נאָר אַלע צאָלן און אַ קוואַנטיטאַטיווער צוגאַנג בכלל דעקן נישט דעם עצם ענין וואָס האָט דאָך אַ פּרינציפּיעל אַנדערן און העכערן אויסמעסט ווי ביי יידיש און אַנדערע שפּראַכן. ביים איבערזעצן פון יידיש אויף עברית זענען מיר דאָך ממשיך די אוראַלטע יידישע טואונג פון איבערזעצן זיך גופא, איטלעך מאָל אין הסכם מיט די היסטאָרישע געבאָטן. אין היינטיקער תקופה איז עס איינער פון די וועגן — נישט וויכטיק צי אַ הויפּטיקער, צי אַ זייטיקער — פונעם מזוג רוחני, ד״ה אַ טייל פונעם סתירותדיקן, זיגזאַגישן, אָבער גורלדיק דעטערמינירנדיקן מזוג גליות! דאָ גייט מער ווי וועגן ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז דאָ אפשר איינס פון די מיטלען, אַ טיילמיטל צו אינטעגרירן דעם נוסח אשכנז, זיינע בעסטע פּאָ־זיטיווע עלעמענטן אינעם נייעם נוסח, וואָס קומט בהדרגדיק אויף אין ישראל. דער נוסח, וואָס וועדליק מיין איבערצייגונג, וועט עס זיין נישט סתם נוסח ספרד, נאָר אַ סינטעז צווישן ביידן פּלוס נאָך עפּעס נייס, עפּעס אַנדערש, אָריגינעלס, ספּעצי־פיש ישראלדיקס. די השפּעה פון איבערזעצונגען אויף עברית איז דאָך אַ טאָפּלטע: דירעקט אויף די לייענערס; און אומדירעקט דורכן פּאַרמיטל פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. די צייט ווען די מייסטן עברית־שרייבערס אין ישראל האָבן געהערט

צום צוויישפּראַכיקן דור, וואָס האָט געקענט יידיש און יידיש־ליטעראַטור, גייט דאָך ביסלעכווייז פאַרביי. די נייע העברעישע ליטעראַטור, באַהערשט אַלץ מער דורך יונגע, שטייט אונטער אַ שטאַרקער אויסלענדישער, קודם־כל אַנגלאָ־זאַקסישער השפּעה. פאַרשטאַרקן די השפּעות פון דער יידיש־ליטעראַטור דורך אַ מאַסע פון גוטע, הויך־קוואַליפיצירטע איבערזעצונגען קאָן זיין אַ רעלאַטיוו וויכטיקער פאַקטאָר אינעם גאַנג פון דער עברית־ליטעראַטור ובכן פאַרן גייסטיקן דרך אין ישראל בכלל.

היינו הך דאָס איבערזעצן פון עברית אויף יידיש. אויב בנוגע אַנדערע שפּראַכן קאָן מען נאָך פרעגן: צו וואָס? פאַר וועמען? איז אין דעם פאַל און וואָס שייך ישראל, די תשובה אַן אומאָפּפרעגלעכע. אַפילו דאָס ריין אוטיליטאַרע, ביי איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן נישט אַזוי קאַנטיק, איז דאָ אָפּנוואָר און באַשיימפּערלעך. כ׳מיין, ס׳וועט נישט זיין קיין טעות צו זאָגן, אַז אַ טייל פון די, וואָס לעבן זיך אויס אויף יידיש אין ישראל, כ׳ווייס נישט צי אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער, אויב זיי זענען אַפילו מסוגל צו לייענען אַ העברעישע צייטונג, איז אָבער די עברית־ליטעראַטור בכלל און די מאָדערנע בפרט אין אָריגינאַל פאַר זיי נישט צוגענגלעך. אַוודאי קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז נוגע בלויז דעם עלטערן טייל. אָבער דאָס איז נישט קיין טענה. עס בלייבט, אַז אָן איבערזעצונגען אויף יידיש לעבט, הייסט עס, אַ באַשטימטער טייל פון דער ישראל־געזעלשאַפט אין אַ מין איזאָלאַציע. און דאָס איז אַ פּראָבלעם, כ׳ווייס נישט, צי אַ גרעסערער, צי אַ קלענערער, נישט בלויז פון זיי נאָר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, פון דער מחיצה צווישן די דורות און צווישן די עדות. איבערזעצונגען אַליין קאָנען אים, פאַרשטייט זיך, נישט באַשיידן, אָבער צוהעלפן צו זיין באַשייד — אפשר.

פאַר די יידיש־לייענערס אין די תפוצות שטייט דער פּראָבלעם נאָך שאַרפער. דאָס דאַרף מען דאָך נישט באַווייזן. ווי פאַרבונדן דאָס רוב יידן שפּירן זיך נישט מיט ישראל, די ישראלדיקע ליטעראַטור בלייבט זיי מייסטנס אומבאַקאַנט און פרעמד. איבערזעצונגען קאָנען אַ סך מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן דעם גייסטיקן בונד צווישן ישראל און די תפוצות.

און לסוף — איבערזעצונגען אין ביידע ריכטונגען זענען אַן אומבאַדינגט נויטיקער עלעמענט פאַרן קעגנזייטיקן גייסטיקן און שאַפערישן פאַרבינד און באַווירק צווישן די יידיש־ און עברית־שרייבערס ובכן פאַרן ווייטערדיקן אַנטוויקל פון אונדזער צוויישפּראַכיקער ליטעראַטור לטובת ביידן; פאַר איר כאַראַקטער און ריכטונג; פאַר איר צווישנאַנאַנדיקער דערגענטערונג צי דערווייטערונג.

דער הכרח פון אונדזער געשיכטע, וואָס האָט געמאַכט פון אינטערייִדישע איבערזעצונגען אַזאַ ליכטיקן גורם, איז מיטן אויפקום פון מדינת ישראל נישט פאַרשוווּנדן. ער האָט בלויז באַקומען אַן אַנדערן פאַרויסצייכן און נאָך העכערע פאַרמען. אין דעם באַשטייט, לפי ענית דעתי, די נאַציאָנאַלע עובדה פון איבערזעצן צווישן עברית און יידיש.

ה.

די פּראָבלעמען פון אַט דער עוברה זענען פון גרויסן אינטערעס פאַר טעאָ־רעטיקער און פּראַקטיקער פון איבערזעצונג און פאַר ליגנוויסטן בכלל. דאָס פאַר־העלטעניש צווישן אויסגאַנג־ און אָנקום־שפּראַך ביי יידיש־עברית איז נישט און קאָן נישט זיין דאָס זעלבע ווי ביי יידיש און אַנדערע, פרעמדע שפּראַכן. יידיש און עברית זענען טאַקע זייער פאַרשידענע, פון לגמרי אַנדערן שורש, אָבער גע־שאַפן דורכן זעלביקן פאָלק, וועמענס גייסט זיי ביידע האָבן פון זייער זייט פאַסאָ־נירט און מאָדיפיצירט. יעדע איז טאַקע אַ באַזונדערער אופן אויפצובויען אַ וועלט. נאָר אין דעם פאַל איז עס דער זעלביקער אַרכיטעקטאָר אין פאַרשידענע, גרונט־פאַרשידענע סיטואַציעס. אַזוי אַרום זענען זיי ווי שטאָקן פון איין און דעם זעלביקן בנין. אויף די טרעפּ צווישן זיי האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט אַ כסדרדיק אַרויף־ און אַראָפּגיין, אַ לעבעדיקע קאָמוניקאַציע. דער צווייטער שטאָק איז טאַקע געווען געבויט צום גרעסטן טייל פון אַן אַנדערן מאַטעריאַל, אָבער אין זיין סטיל זענען תמיד געווען בולט גרונטשטריכן פון ביידן...

ס'איז אַוודאי פאַרכאַפּנדיק אינטערעסאַנט נאָכצוגיין די מאָדיפיקאַציעס, וואָס דאָס כסדרדיקע קאָמוניקירן האָט געהאַט אַרויסגערופן ביי איטלעכן פון די צוויי לשונות און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זייערע באַנוצערס אינעם גאַנג פון די דורות. צו מאָל פלעגן זיי זיך טרעפן אָפטער, צו מאָל זיך אַ ביסל אָפּפרעמדן, אָפילו פּרווון פון צייט צו צייט שפּילן אַ ברוגז. נאָר לאַנג אָנהאַלטן האָט עס נישט געקאָנט. נישט אומזיסט האָט יידיש, הגם אַרומגעוואַקסן מיט אייגענעם לייב, געטראָגן תמיד אין זיך אַ לשון־קודשדיקן ריפּ, וואָס האָט געקערעוועט זיין געשטאַלט. ביי אַזאַ אינטי־מען צוזאַמענלעבן האָט איינער אויפן צווייטן אָפּגעפאַרבן, דעם אַנדערן און זיך גופא כסדר פאַרוואַנדלט. יידיש האָט אינעם שטרענגן, פייערלעך־הייליקן לשון פון די כוהנים און נביאים אַריינגעטראָגן היימישקייט און פאָלקישקייט; און לשון־קודש אין יידיש — דערהויבנקייט און נשמה יתירה. אוריאל וויינרייך האָט טרעפ־לעך באַשריבן דעם פענאָמען, ווען צוויי לשונות זענען אין קאָנטאַקט אין דער נאָכאַנאַנדיקער פּראַקטיק פון זעלביקן מענטשן. מען געפינט אין זיין לשון אָפּ־בייגן פון די נאָרמעס פון ביידן. אַזעלכע אינטערפערענצן, זאָגט וויינרייך, טרעפן זיך תמיד ביים אינדיווידועלן ריידער אין אַלע שפּראַכן. מכל שכן דאָ, ווו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ספּעציפיש יידישן, היסטאָריש באַדינגטן דויערנדיקן פע־נאָמען אין אונדזער דורותדיקן שאַפן, וואָס אונטערשיידט זיך פּרינציפּיעל פון געוויינלעכן בילינגוויזם. דער רעזולטאַט האָט געמוזט זיין נישט אָפּנייג פון דער נאָרמע, אלא אַ נייע נאָרמע ביי ביידן. מען האָט אַגב אים שוין גוט אויסגעפאָרשט אין שייכות מיטן יחיד במינודיקן און יסודותדיקן פענאָמען פון דער צוויי — און צו מאָל אָפילו דרייַשפּראַכערישער שאַפערישקייט (מיטן טראָפּ טאַקע אויף שאַ־פערישקייט) פון די מייסטן גרויסע שרייבערס אונדזערע, די גרונטלייגערס פון דער נייער סיי העברעישער און סיי יידישער ליטעראַטור. זיי אַלע האָבן ווערליק

דעם באַקאַנטן און אָפּט ציטירטן זאַג פון מענדעלע „געאַטעמט דורך בײדע נאָז־לעכער" (און נאָך אַ מין אָטעמען!) אין זײערע אָריגינעלע שאַפונגען און אין זײערע זעלבסאיבערזעצונגען. אין דער אמתן דאַרף מען זאָגן „איבערבאַשאַפן", פּראָדוקט פון אַ סובטילן אײגנדיקן פּאַראַלעליזם, לחלוטין, פּרינציפּיעל אַן אַנדערן װי בײ יענע זעלטענע שרײבערס אין אַנדערע ליטעראַטורן, װאָס האָבן אין אַ געװיסער מאָס און אין פאַרהעלטנישמעסיק ענגע גרענעצן געקאָנט שאַפן אין צװײ שפּראַכן. נאָך מער: אפשר איז טאַקע אָט די צװײשפּראַכיקײט געװען אײנע פון די גרונט־הנחות פאַר זײער טואונג און אױפטו. (זע למשל בײ ביאַליקן די תנכיש־נביאישע שפּראַך אין „דאָס לעצטע װאָרט" און דעם פאָלקסטימלעך־פּאָמילערן לשון אין „שירי עם"). װי װײט די שפּראַכן זאָלן נישט זײן פון אַנאַנדער, עס גײט תמיד װעגן פאַרשידענע עלעמענטן און סיטואַציעס פון אײן און דער זעלביקער װעלט. נישט װעגן צװײ שפּיגלען, אלא װעגן אײן טאָפּלשפּיגל, װוּ דאָס בילד־אָפּבילד אײנס און אומגעטײלט דערשײנט אײנציײטיק אױף צװײ פּלאַכן.

אין ישראל זענען בײדע לשונות מיט אײן מאָל אַראָפּ אין גאַס און האָבן זיך גענומען צו גלײכע עסקים. די קאָרעלאַציעס צװישן טראַכטן, רײדן און שרײבן, װי אױך דער אױבן באַשריבענער פענאָמען פון צװײשפּראַכיקײט בײ אַ יחיד זענען דאָ פּלוצעם אױסגעװאַקסן צום פּראָבלעם פון אַ טאָג־טעגלעכער כוללדיקער קאָמוניקאַציע פון אַ גרופּע. און דערצו נאָך צװישן צװײ לשונות, װאָס איטלעכער פון זײ איז אין אַ געװיסער מאָס אַ פּראָדוקט פונעם זעלביקן באַנעם און האָט פון זײן זײט אַ חלק אין זײן געשטאַלטיקונג. מיר דוכט זיך, אַז דאָס ברײטערט נאָך װײטער אױס דעם װײנרײכישן פּאָסטולאַט און שאַפט אַ ספּעציפישע סיטואַציע נישט בלױז אינעם געשריפט, אין דער ליטעראַטור בכלל און אין דער איבערזעצערישער ליטעראַטור בפרט. ײדיש און עברית בײטן זיך אַלץ אָפטער און ראַדיקאַלער מיט די ערטער פון אַ גערעדטער און אַ געשריבענער שפּראַך, אַרױסרופנדיק אין דער ליטעראַטור און באַזונדערס אין דער איבערזעצונג אַ גאַנצע רײ פון נישט זעלטן דיאַמעטראַל היפּוכדיקע טענדענצן. בפרט בײ אַ שפּראַך אין אַזאַ אײליקער טראַנספאָרמאַציע און כסדרדיקן װערן און בײי־װערן װי עברית, װאָס באַשטײט װעדליק דעם זאָג פון עמוס עוז „צו העלפט פון אַ האַרטן פעלדז און צו העלפט פון אַ באַװעגלעכן זאַמד". אין ײדיש האָבן מיר פּאַראַלעלע נאָר קאַפּױערדיקע באַװעגן: פון אײן זײט װערט עס אַלץ מער אַ סטיליזירטער שרײבערישער לשון; פון דער אַנדערער — נעמט אױף דאָס ליטעראַרישע ישראל־ײדיש בײ אַ רײ שרײבערס אַלץ מער און מער דעם קאָלאָריט פונעם לאַנד און פון זײן גאַנצן פאָלק אין זײן פּילפּנימדיקײט און פאַראַנדערשטקײט: אונטער נײע הימלען, אָבער אױף זײן אַלטער ערד. אױף זײן אַלטער ערד טאַקע, אָבער אונטער נײע הימלען.

די אינטערפערענצן, סײ פאָרמירנדיקע, סײ דעפאָרמירנדיקע, װירקן, נאַטירלעך, בײם איבערזעצן צװישן ײדיש און עברית אױף זײער אַן אײגנגנדיקן אופן. אַ טיפּישער בײשפּיל, װאָס כ'האָב אָפּט געהערט פון איבערזעצערס, דאָס אַריבער־

טראַגן אויף עברית דעם לשון־קודשדיקן קאָמפּאָנענט אין יידיש. טשיקאַווע איז, ווי זעט עס אויס אינעם אומגעקערטן פאַל. צ״ב ביים איבערזעצן אויף יידיש דעם נזעם העברעישן סלענג. אָט איז גאָר לעצטנס אויפגעקומען אַ דיסקוסיע, ווי אַזוי זאָל מען היינט איבערזעצן שלום־עליכמען, וואָס איז דאָך כולו „גערעדטע שפּראַך״? אינעם עברית דעם געשריבענעם פון זיין צייט, צי אינעם גערעדטן פון אונדזערער? און ווי אַזוי זאָל מען איבערזעצן דעם צברישן עברית? אינעם גערעדטן יידיש פון אַמאָל מיט זיין גאַנצער רייכער אידיאָמאַטיק? צי אינעם סטיליזירטן פון אַ טייל יידישע שרייבערס היינט? מען זעט תיכף, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סך אַ ברייטערן איבערזעצערישן פּראָבלעם: ווי אַזוי איבערצוגעבן אויף יידיש דאָס טיפּישע געררייד פון יידן, וואָס טראַכטן און ריידן אָבער ניט יידיש. הכלל מיר האָבן דאָ אַ ספּעציפישע פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז נוגע אָבער די יסודות גופא פון דער איבערזעצערישער טעאָריע און פּראַקטיק. כ׳וואָלט געעצהט אַלע לינגוויסטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט איבערזעץ־פּראַגן, זיך וואָס גיכער אויסצולערנען עברית און יידיש. ווער ווייסט וואָסערע טשעקאַווע מסקנות זיי וואָלטן געצויגן און אויפגעשטעלט מי יודע וועלכע גייסטרייכע און... מאָדנע טעאָריעס!

נאָר טעאָריעס אַהין, טעאָריעס אַהער — דער רויטער פאָדעם דורך אַלע מיינע אויספירן, און די אונטערשטע שורה איז: איבערזעצונג = שאַפונג (הגם פון אַ באַזונדערן מין). הייסט עס, אַלץ הענגט אָפּ פון דער קוואַליטעט, אין לעצטן סך־הכל פונעם איבערזעצערס טאַלאַנט. צום גליק האָבן מיר נאָך טאַקע אין ישראל אינעם תחום פון יידיש־עברית נישט ווייניק גלענצנדיקע איבערזעצערס, וואָס זענען נישט בלויז איבערזעצערס, נאָר אין הסכם מיט אונדזער טראַדיציע — און דאָס איז פון זייער גרויסן באַטייט! — צווייִשפּראַכיקע שאַפערס. און זיי וועלן בלתי ספק נאָך זייער אַ סך אויפטאָן ביים רעאַליזירן די עובדה, וועמענס דרינגענדיקייט און נאַציאָנאַלע חשיבות ס׳איז מיר, האָף איך, געלונגען צו ווייזן.

— —

כ׳קום צום סוף פון מיין לאַנגן לויבגעזאַנג פאַר דער איבערזעצונג. אַוודאי ווייסן מיר, אַז איבערזעצונגען אַליין וועלן ניט און קאָנען ניט ענטפערן אויף אַלע שווערע אויסערלעכע און אינעווייניקסטע פּראָבלעמען פון דער יידיש־ליטעראַטור. זיי זענען ניט קיין אוניווערסאַלע סגולה. אָבער זיי זענען, ווי מיר האָט זיך האָפנטלעך איינגעגעבן צו באַווייזן, אַן אַבסאָלוט נייטיקער און פּרוכטיקער טייל פון איטלעכער ליטעראַטור און נאָך מער פון דער יידישער צוליבן גאַנצן אויסטערלישן, יחיד במינודיקן פאַרפלעכט אירן. דאָ באַקומט די ליטעראַרישע טואונג איר נאַציאָנאַלן אויסמעסט; די הנאה פון שאַפן — גרונטבאַדינג פון יעדער קינסטלערישער, במילא אויך איבערזעצערישער הצלחה — שרייבט זיך אַריין אין אַ העכערער און פולדיקער גאַנצקייט. סוף כל סוף איז דאָך איבערזעצן ליטעראַטור איינער פון די אַספּעקטן פון אַ סך אַ ברייטערן פּראָבלעם: אויב איטלעכע שפּראַך איז אַ „וועלט

מיט וועלטעלעך״, איז די ליטעראַטור פֿאַרבינד און קאָמוניקאַציע צווישן זיי. דורך דעם גופֿא באַשיידט זי, צום טייל לכל הפּחות, די אַנטינאָמיע צווישן נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן אין אַ העכערן צואַמענווירק. די מעגלעכקייט גופֿא די שפּראַכלעכע יצירה, ד״ה דאָס סאַמע שבסאַמע נאַציאָנאַלע און ספּעציפֿישע אַריבערצוטראָגן אין אַ צווייטער ספּערע איז דאָך דער אויסדרוק פֿון אַ צד השווה שבינם, ד״ה פֿונעם אוניווערסאַלן טאַקע. צי איז נישט אין דעם אַ מאָל דער זינען אויך פֿון דער אגדתא איבערן תרגום השבעים, וואָס דערציילט, ווי אַלע איבערזעצערס, אָפּגעטיילט און איזאָלירט פֿונאַנאַנדער, זענען געקומען צום זעלביקן אויסדרוק ?

זינט דעמאָלט און ביז הײַנט, 2000 יאָר שפּעטער. זענען די איבערזעצערס טאַקע נישט געקומען צום זעלביקן אויסדרוק. פֿאַרקערט — די מעגלעכקייט צו איבערזעצן דעם זעלביקן טעקסט אויף ווער ווייסט וויפֿל אופֿנים איז דאָך דער גרונט־פּענאָמען פֿון אונדזער טוּאונג בכלל. אָבער איטלעכער איבערזעצער זוכט מיטן זעלביקן נישט־געשטילטן לעכצנדיקן דראַנג, מיטן זעלביקן געפֿיל פֿון אַ „מוז״, צווישן די אַנצאָליקע ווערטער תמיד אָט דאָס איינציקע, איינמאָליקע, אומפֿאַרבײַטלעכע וואָרט.

אַזוי שטייט אונדזער איבערזעצערישע טוּאונג סײַ וואָס שייך צו אירע איינעוויניקסטע פּראָבלעמען, סײַ צו איר נאַציאָנאַלער עובֿדה תמיד אונטערן צייכן פֿון די זיבעציק, די עלטסטע און ערשטע איבערזעצערס אונדזערע. זאָל זייער זכות אונדז בײַשטיין אין אונדזער אַרבעט. הײַנט און מאָרגן. כן יהי רצון!

די קאָנפֿערענץ וועגן יידיש טעאַטער

פּאַרזיצער: מ. צאַנין, וויצע־פּאַרזיצערס: מאיר מעלמאַן, יצחק בראַט, שמעון פּינקעל, עקספּערטן: שמעון דזשיגאַן, יאָשאַ שער, פּייוול זיגעלבוים און אַ גרויסע צאָל צוקאָאָפּ־טירטע מיטגלידער פון צווישן די דעלעגאַטן, האָבן אויס־געהערט דעם רעפעראַט פון ישראל בעקער.

ישראל בעקער (ישראל)

אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער

חשובער פּאַרזיצער פריינד מרדכי צאַנין, טייערע דעלעגאַטן פון גאַר דער וועלט און טייערע חברים.

ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר די אויפגאַבע צו האַלטן אַ קורצן רע־פעראַט אויף דער טעמע „יידיש טעאַטער". יאָרן לאַנג וואַרט מען אויפן וואָרט פון יידישן שוישפּילער און טעאַטער־מענטש. מען וואַרט מיט אַ האַרצקלאַפּן אויף דער רגע ווען דער יידישער טעאַטער־מענטש וועט אָנהייבן רעדן נישט מיט ווערטער פון ביכלעך, נישט פון פּיעסן, נישט פון אויסגעלערנטע ראָלן נאָר פון זיך. וועגן זיינע קונסט־דאגות, ווייען און פריידן. אַז דער יידישער שוישפּילער זאָל דערציילן וואָס עס דריקט אים און וואָס מאַכט וואָכעדיק זיין שבת. יידישע טעאַטער־מענטשן טוען עס צווישן זיך, בזם קאַפּע־טישל, מערסטנטייל ביי זיין אייגענעם טישל און דאָרט, שמועסן, פון איינעם מיטן אַנדערן, וועגן אַנטוישונגען, וועגן אַראָפּגעלאָזטע הענט, האָפענונגסלאָזיקייט, אַ רבנן קדיש... היינט רעדן מיר נישט צווישן זיך... מיר רעדן, קען מען זאָגן, צו דער גאַנצער יידישער וועלט. מיר רעדן היינט וועגן די סיבות פון קריזיס און צוזאַמענברוך פון יידישן טעאַטער און פון טעאַטער ביי יידן.

חברים, דאָס יידישע טעאַטער אין דער ברייטער וועלט געפינט זיך אין אַ גסיסה־געראַנגל און ס'איז אַן ערנסטע סכנה אַז איינס פון די הערלעכסטע קאַפּיט־לען אין אונדזער קולטור זאָל בקרוב טאָטאַל אָפּגעמעקט ווערן. וווּנדערלעכע טעאַ־טער־אינסטיטוציעס, אַנסאַמבלען וואָס האָבן פאַרשאַפט פרייד און שטאָלץ די יידישע ישובים אין גאַר דער וועלט, זענען נעלם געוואָרן. אַ גרויסע צאָל קינסטלערס, שעפער אויפן טעאַטער־געביט, ווי דראַמאַטורגן, רעזשיסערן, שוישפּילערס, מוזי־קערס, זינגערס, מאָלער — זענען אַוועק פון אונדז. ברייטע יידישע מאַסן פאַר ווע־מען דאָס יידישע טעאַטער איז געווען אַלעמאָל אַ בריק און אַן אויסדרוקס־מיטל פאַר זייער נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט האָבן זיך דערווייטערט פון יידישקייט

און זייער נאָנטקייט צו יידיש לשון ווערט אַלץ קלענער און קלענער. די ליקווידאַ־ציע פון אַ יידישן טעאַטער איז אין אַ סך פאַלן אַ צייכן פון אַ כסדרדיקער איינגע־שרומפּנקייט אין דער טעטיקייט פון יידישע קהילות און יידיש לעבן פון די יידן אין אַלע לענדער.

100 יאָר יידיש טעאַטער. פון 1876 ביז היינט. לאָמיר עס צעטיילן אין דרייען. פון 1876 ביז 1917. פון 1918 ביז 1940־1945 און פון דאַן ביז היינט. די ערשטע תקופה — אברהם גאָלדפאַדען און זיין פּיאָנערישער וועג. דער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער יעקב גאָרדין און זיין ביישטייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון טעאַ־טער; די בשורה וואָס עס האָט געטראָגן מיט זיך די מאַמע פון יידישן טעאַטער אסתר רחל קאַמינסקאַ, די דריי גרויסע אַנהייבערס און מיט זיי הונדערטער און הונדערטער שוישפּילערס אין דער גאָרער וועלט זענען געווען די אַנזאָגערס און פאָנען־טרעגערס פון דעם אָנהייב. אין די יאָרן שפּאַנט דאָס יידישע טעאַטער זיינע ערשטע טריט נאָך דעם, ווי ס׳איז אים געלונגען צו באַפרייען פון פאַרבאָטן און עקסצעסן אין וועלכע ער האָט געלעבט.

די יאָרן 1918—1940 קאָנען פטרערכנט ווערן פאַר דעם גלאַנץ־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אַנטוויקלונג פון טעאַטער ביי יידן. אויף אַ ווונדערלעכן אופן שטייען אויף דאַן די ווילנער טרופּע, די הבימה, דער מאָסקווער גאָסעט, דער וויקס, מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער, שפּעטער דער יונג־טעאַטער, אַראַראַט, די איפּט־טעאַטערן, פריער נאָך די פאָלקסבינע אין ניו־יאָרק, שטערנבערגס טעאַטער אין רומעניע און נאָך פיל, פיל אַנדערע וועלכע האָבן אָן שום צווייפל דערוויזן אַז די יידישע טעאַטער־קונסט איז דערגאַנגען צו זעלטענע קינסטלערישע דערגרייכונגען. דאָס איז געווען די תקופה פון זוכענישן נאָך אייגענע יידישע טעאַטראַלע אויס־דרוקס־פאָרמען און אַ ווילן צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַ נחלת הכלל. דאָס אַלץ, פאַר גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן וועלכע האָבן פאַרוויילנדיק זיך אין טעאַטער, גע־שעפּט וויסן מיט דער הילף פון און דורך דער יידישער טעאַטער־קונסט.

אָט דער אומגעוויינלעכער אַנטוויקלונגס שוווּנג איז איבערגעהאַקט געוואָרן דורכן חורבן וואָס איז געקומען אויפן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. זעקס מיליאָנען יידישע קרבנות פון דער נאַצי־תקופה פון איין זייט און די אכזריותדיק בייזוויליקע ליקווידאַציע פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און מיט זיי די שרייבערס און קינסטלערס, פאָרשערס און וויסנשאַפטלערס אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן איבערגע־לאָזט די שרעקלעכסטע השפּעה אויף דעם יידישן קולטור לעבן אין דער גאַנ־צער וועלט.

אין וואָס איז געלעגן באַהאַלטן דער ווונדערלעכער כוח פון דער טעאַטער־תקופה? דאָס איז געווען אַ צייט פון אמתן יידישן טעאַטער מיט זיינע אַלע שאַטי־רונגען. דאָס איז געווען אַ טעאַטער־תקופה מיט אַ רוקן־ביין. מיט אַ וועלט־אַנ־שויאונג. דאָס טעאַטער האָט געצויגן זיין ערשטע יניקה פון דער יידישער אמונה און

האָט זיך אַנטוויקלט פאַר יידיש־גייסטיקע אייביקייטן און נישט נאָר פאַר אָרטיקע צופעליקייטן.

מיר שטייען ביזן היינטיקן טאָג איבערראַשט פאַר דער אינטואיטיווער גענִיאַ־ליטעט פון פאָטער פון יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען. ס'איז צו באַוואונדערן דעם גאָלדפאַדן־אויפטו וועלכער איז פול מיט עכטע און טיפע באַגריפן אין טעאַ־טער־קונסט. גאָלדפאַדען איז דער ווילן צו פירן דאָס יידישע טעאַטער אויף אַ ברייטן קינסטלערישן וועג, אַ וועג פון גרויסע פאָרמען און טיפן אינהאַלט.

„שולמית" און „בר־כוכבא", „די כישופמאַכערין" און די קוני־לעמלעך זענען קינסטלערישע טעאַטראַלע רעבוסן, פול אָנגעשטאָפּט מיט יידישער לעגענדע און אינהאַלטן וואָס בליצן אויף ביי דער באַרירונג פון רעזשיסאָר און שוישפּילער. אָן שום ספק עקזיסטירט אָן אייגנאַרטיקע אָריגינעלע יידישע טעאַטראַלישקייט. זי איז דאָ אין יידישן לעבן און קינסטלער. מיט אַ חוש פאַר מאָס און וואָג ווייסן זיי צו געפינען. גאָלדפאַדן האָט זיי נישט געזוכט אין גאַסן־געטומל, ער איז אַוועק צום אמתן קוואַל, צו דער יידישער אמונה, דאָרט האָט ער געפילט אַ דערהויבנקייט, אמתע באַהעפטונג און ווען איך רעד פון יידישער טעאַטראַלישקייט זאָלט איר מיך חס ושלום נישט באַשולדיקן אין שמאָלקעפלדיקייט. מיטן אַרויספירן אויף דער בינע טליתים, מזוזות און אתרוגים מאַכט מען נאָך נישט קיין יידישע טעאַטער־קונסט.

טעאַטער־קונסט דאַרף מען זוכן אין דער טיף. ריכטיק... אין די אַלטע בתי מדרשים. דאָרט ליגן אונדזערע וואָרצלען, דאָרט הערן מיר דעם אָטעם פון יידיש־קייט. דאָרט ליגט דער יידישער זשעסט, דער עכטער יידישער ניגון. נישט די גאַסן־גרויקייט נאָר די וועלט פון יידישער לעגענדע איז דער קוואַל פון אונדזער שאַפן. דאָס האָט געזוכט די „הבימה", די „ווילנער טרופּע", דער וויקט. דאָס האָט געזוכט דער גרעסטער גאון פון יידישן טעאַטער־לעבן י. ל. פּרץ.

ווער ס'האָט נאָר אין זיך כוח זיך קעגנשטעלן און באַקעמפן די פאַרלאָקונ־גען פון נאָכמאַכעריי און כלומרשטן אינטערנאַציאָנאַליזם דערנענטערט זיך צו די עכטע יידישע קינסטלערישע אמתן.

צעזייט און צעשפּרייט איז דאָס פאָלק איבער אַלע זיבן ימען. די שארית הפליטה האָט געפונען פאַר זיך אַ מקום מקלט און אַלט איינגעזעסענע יידישע ישובים אין דער וועלט און איבערהויפּט אין מדינת ישראל. יידן האָבן אַלע מאָל געזוכט זייער טעאַטער אין די נייע מקומות. די טעטיקייט פון דראַמאַטישע קרייזן איז אָן שום ספק אַ באַווייז פון דער פאָלקס בענקעניש צו טעאַטער קונסט. זיי ווילן טעאַטער און האָבן ליבן טעאַטער.

אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע, ווי געשיקט זיך דאָס, אַז אָנלעגענדיק זיך אויף די פּלייצעס פון אַזאַ פאָלקס־ווילן האָט דאָס יידישע טעאַטער נאָכן חורבן אייראָפּע פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און האָט נישט קיין ממשותדיקע עקזיסטענץ מער, איז קיין מאָל נישט זיכער מיט זיין קיום ? ווו איז אַהינגעקומען דער ענטוזיאַזם און

ברען פון זיינע ערשטע צוויי תקופות ? פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרמסחרט און אויף דער נידעריקסטער שטופע ? פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַזוי גרוי און פרימיטיוו, עם הארציש ? ווי איז עס געקומען אַז יידישע טעאַטער־קונסט איז אַזוי אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע פאָלקס־אויפטוען און ווייט פון נאַציאָנאַלע זוכענישן און פריידן ?

דאָס יידישע טעאַטער האָט נישט מער קיין רעוואָלוציאָנערע פערזענלעכקייט, דאָס יידישע טעאַטער האָט נישט קיין קינסטלערישע אידעע און אַ טעאַטער־קולטור וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פערזענלעכקייטן און איז נישט באַהויכט פון אידעען איז אַ קינדערלאָזע טעאַטער־קולטור. און מיטן אָפּשטאַרבן פון איצטיקן דור וועט ער נישט האָבן נאָך זיך קיין יורש, קיין נאָמען.

און איך זאָג דאָס אויף אַלץ וואָס טוט זיך אין אונדזער יידישן לעבן אויף דעם געביט. אַלץ איז איינגעשלאָסן אין דעם מצב, אויך דאָס טעאַטער אויף עברית. אַלע צוזאַמען... איין סך הכל. אַזוי פיל פעיקע מענטשן אין יידישן און העברעישן טעאַטער און אמתע קינסטלער אַזוי ווייניק.

אַן אמתער קינסטלער איז און וועט זיך נישט מקריב זיין פאַר סתם אַבסטראַקטע אידעען. ווו האָט איר געזען אַן אמתן קינסטלער וואָס שלאָגט זיך סתם ווייל ער האָט ליב געשלעגן ? אמתע קינסטלער ליידן נאָר דאַן ווען זיי קאָנען נישט זיין קיין אַנדערע ווי זיי אַליין.

נייע אידעען און צוגאַנגען ווערן נישט באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ס'איז נישט לייכט צעברעכן אַלטע געטער און אַוועקשטעלן אויף זייער אָרט אַ נייעם, האָב איך געלערנט ביי מוקדוני — איינעם פון אונדזערע טיפסטע יידישע טעאַטער־קענער.

ער זאָגט : „קינסטלער סתם עקזיסטירן נישט. זיי קענען נאָר אויסוואַקסן פון אַ קאָנקרעטער סביבה פון אַ פאָלק, אַן אמתער קינסטלער קאָן נישט פאַרלייקענען זיין קינסטלערישן איך און דינען עבודה זרה".

מיר זעען עס אַזוי באַשיינפּערלעך אין דער ליטעראַטור, מאָלעריי, ביי די אומות העולם... און ביי אונדז ? ביי יידן ? היינט צו טאָג ? אַ יידישער שוישפּילער שפּילט היינט יידיש, העברעיש און מאָרגן גיט ער אַ פאַרדריי דעם דאַשעק און ווערט אַ דייטשער שוישפּילער, אַן ענגלישער, אַ טערקישער... ווי לייכט איז עס איבערשפּרינגען פון תל־אביב קיין מינכען, פון חיפה קיין טשיטשעסטער אָדער טאָראָנטאָ און דערווייזן דער וועלט דעם גוואַלטאָווגעם קונסט...

איך קען אויך !

כ'מיין, אַז כ'האָב אין גאַנצן נישט איבערגעפּעפערט און איבערגעזאַלצן, מאָלנדיק מיט טונקעלע פאַרבן אונדזער היינטיקע ווירקלעכקייט. אַזוי איז עס ביי אונדז. אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט און אין מדינת ישראל.

ביי דער זייט פון דעם גרעסטן ווונדער פון אונדזער תקופה — דאָס אויפשטיין פון דער מדינת ישראל, מיט איר אַנטוויקלונג און וווקס אין אַלע שטחים, פּרוּוון איינצעלנע יידישע טעאַטער־קינסטלער ווייטער ציען דאָס דינע פעדימל פון עקזיס־

טענץ פון יידישן טעאַטער. זיי טוען עס מיט איבערמענטשלעכע באַמיונגען. יידישע אַקטיאָרן האָבן ווידער געזומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און גייען פון איין יידישן ישוב צום אַנדערן. די איינציקע און וויניקע ערטער פון כמעט סיסטעמאַטישער טעאַטער־טעטיקייט, וועלכע קענען דינען ווי אַ באַווייז פון מסירת־נפשדיקן קעגנשטעלן זיך דעם פאַקט פון אויפהערן עקזיסטירן זענען, די היברו עקטאָרס יוניאָן אין ניו־יאָרק, די פאָלקסבינע, דאָס יידישע נאַציאָנאַלע פאָלקס־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, די „קדימה״־געזעלשאַפט אין מעלבורן, דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אין בוקאַרעשט. באַדויערנסווערט און טרויעריק איז דער פאַקט וואָס אַזעלכע גרויסע יידישע טעאַטער־שעפער ווי קאַמינסקאַ, בולאָוו און דזשיגאַן שטייען אַליין, איינזאַם אין שווערן און פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר יידישער טעאַטער־קונסט.

און נאָך באַדויערנדיקער איז דער פאַקט, אַז מען קוקט מיט אַ געוויסן גלייכגילט אויף דעם שקיעה־פּראָצעס, וואָס קומט אַלץ שנעלער און שנעלער. יידישע טעאַטער־קינסטלער זענען לעצטע מאָהיקאַנער.

מיר לעבן איצט אין אַ מאָדנער צייט. עפּעס ווייסן מיר נישט גענוי, ווי גיט מען זיך מיט איר אַן עצה. וואָס פאַר אַ פּנים האָט געדאַרפט האָבן אונדזער טעאַטער־קולטור נאָך דעם וואָס עס איז מיט אונדז געשען ? ווען מיר געפינען פאָרמען און ווערטער זיך אויסצודריקן אין אַ תקופה וואָס פון איין זייט ליגט אויף איר דער שאָטן פון אומקום און חורבן און פון דער צווייטער זייט דאָס ליכט פון וווּנדערלעכן אויפקום פון מדינת ישראל ? וואָס פאַראַ אויפגאַבן האָט געדאַרפט נעמען אויף זיך דאָס יידישע טעאַטער ? וואָס האָט געדאַרפט זיין זיין רעפּערטואַר־פּאָליטיק, ווי אַזוי האָט מען געדאַרפט הײַנט שפּילן טעאַטער ? אַנשטאָט געפינען און געבן אַ קלאָרע און דרייסטע תשובה אויף דעם פּראָבלעם, האָבן מיר דערלעבט אַ מאַסיוון אַנטלויפן און אַוועקוואַרפן פון אונדזערע קינסטלער אונדזער אייגנס און אַוועקגיין איבער די פּרוכט־גערטנער פון דער וועלט. ס׳איז גאָר נישט שווער געווען זיך אויסלערנען די פרעמדע שטיפערייען, פאַרקרימענישן און צעלאָזנקייטן וואָס דער וועלט־טעאַטער האָט פאַרגעלייגט פאַר ביליקע פּרייזן. ווי שנעל זענען פאַרטאַכליעוועט געוואָרן באַגריפן ווי געוויסן, גלויבן, יושר, רחמים, מענטשלעכקייט, וועלכע זענען געווען די הויפּט־טעמע פון אונדזער שאַפן. אויפן אָרט פון דעם אַלעם האָבן באַקומען זייער בכבודיקן פּלאַץ דער סקאַנדאַל, די גראָבקייט, דאָס טריפהס, דער ממזרישער אויפטו און שפּיצל. די דעוויז איז געוואָרן „מיט וואָס וועלן מיר הײַנט איבערראַשן ?״ און אויב איבערראַשונג איז אַלץ כשר און געווונטשן. נישטאָ מער קיין גרענעצן און פאַרבאָטן. די צען געבאָטן דאַרפן אויפסניי געשריבן ווערן. מען דאַרף פון זיי אויסמעקן דעם לאָ ! דעם ניין ! און ביי אַזאַ מצב וואָס האָבן יונגע יידן צו זוכן אין יידישן טעאַטער ? אַז דער טעאַטער ביי די גויים וועט דעם גאַנצן ווירוואַר פון ניבול פּה און אויסגעלאַסנקייט מאַכן בעסער, ראַפינירטער, חוצפּהדיקער און אַן איבערבלייבעניש פון מענטשלעכער חרפּה.

אָט די ביטערע ווירקלעכקייט האָב איך געזען אַמקלאָרסטן אין דעם פאַריקן

יאָר ביי מיינע באַזוכן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין דרום אַמעריקע, מיטאַר־בעטנדיק מיט די יידישע טעאַטער־קאָלעקטיוון וועלכע זעצן פאָר זייער עקזיסטענץ אַ דאַנק דער געזעלשאַפטלעכער שטיצע און שוץ. ווי אַ טעאַטער־מענטש וואָס איז פאַרבונדן מיטן יידישן און העברעישן טעאַטער העכער 45 יאָר און וואָס האָט מיט־געלעבט און געדענקט דעם יידישן טעאַטער אין זיין בלי־פּעריאָד לאָזט עס מיך נישט צורו. אַלע ווייסן מיר וואָס פאַר אַ שווערע קאָנסעקווענצן וועלן זיך אויסווירקן פון דער כמעט האָפענונגסלאָזער סיטואַציע אין וועלכער עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט די יידישע טעאַטער־מענטשן אויף דעם יידישן לעבן אין די פאַרשידענע לענדער און איך בין זיכער אַז אָט די קאָנסעקווענצן וועלן האָבן אַן אויסווירקונג אויף די פאַרבינדונגען פון יידן אין דער וועלט מיט מדינת ישראל.

טעאַטער האָט זיין אייגענע וועלט. עס איז אַן אַנדער וועג ווי דער וועג פון ליטעראַטור, פון דערציונג פון דער מוזיק אָדער מאָלעריי. טעאַטער מוז אַלעם ערשטן זיין טעאַטער און אַלץ וואָס קומט צו צום טעאַטער ווי ליטעראַטור, מוזיק און מאָלעריי מוז זיך אונטערוואַרפן דעם געזעץ פון טעאַטער. דאָס טעאַטער האָט אַ שותּף און אָן אים, נאָר אָן אים קען ער נישט עקזיסטירן. דער שותּף איז דאָס פּובליקום. אַ בוך קען געדולדיק וואַרטן אויף זיין לייענער, אַ געמעל אויף אַ באַזוכער אין מוזעאום. אַ שוישפּילער אָן פּובליקום איז נישט מער ווי אַ יבשה־קאָמיקער. אָן פּובליקום עקזיסטירט נישט דאָס טעאַטער.

געוועזן צייטן ווען די ליטעראַטור איז געווען דער איינציקער קינסטלערישער אויסדרוק ביי יידן און איר השפּעה איז דערגאַנגען צו די העכסטע קינסטלערישע שטאַפּלען. זייענדיק פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע טרוימען און האָפענונגען פונעם פאָלק איז זי געווען דער עסטעטישער אויסדרוק פון אויפלעבונגס חלום. צו וואָס פאַראַ וווקס איז זי דערגאַנגען ווען זי האָט געפונען דאָן איר צווילינגס־ברודער — דעם יידישן בינע־קינסטלער, איר אויסטייטשער, פּאָפּולאַריזאַטאָר און גלייכבאַ־רעכטיקטן יצירה שותּף. וווהין האָט זי זיך דערקייקלט אונדזער ליטעראַטור וואָס האָט געדאַרפט שטיין אין דער פאָדערשטער טראַנשיי דינענדיק אַלס וועגווייזער, אַלס אַ מורה נבוכים אין אונדזער תקופה.

מדינת ישראל שטייט היינט אין צענטער פון יידיש לעבן. זי איז דער באַראָ־מעטער פון טרוימען און פאַרצווייפלונג, התלהבות און זאָרגן, נאַציאָנאַלן שטאָלץ און געפאַלנקייט. דאָס איז די עובדה פון אונדזער לעבן נאָכן חורבן. און עס איז די נאָרמאַלסטע זאַך אַז אַלץ וואָס קומט פאָר דאָ, ווירקט אויס זיין השפּעה אויפן לעבן פון יידן אויף דער גאַנצער וועלט. ווי עס ישראלט זיך, אַזוי יידלט זיך. אַלץ וואָס געשעעט אין ישראל איז אַ פאַן, אַ לאָזונג, אַן אָנצינענדיקע אידעע, אַלץ וואָס ישראל טוט און וואָס טוט זיך אין ישראל האָט איר באַלדיקן אָפּקלאַנג אויף יעדן ווינקל אויף אונדזער ערד־קיילעך און אויב די יידיש־קאָנפערענץ האָט נישט צופעליק זיך פאַרזאַמלט אין ירושלים — די הויפּט־שטאָט פון מדינת ישראל, וועלן און קענען די באַשלוסן, ווונטשן און רעקאָמענדאַציעס וועלכע וועלן אַרויס פון דאַנען דינען

ווי אַ באַלדיקע שטויסקראַפט פאַר טעטיקייטן און מעשים אין דער גאַנצער וועלט.

אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און בטחון, לייגנדיק פונדאַמענטן פאַר אַלע געביטן פון ישראלדיקן לעבן דאַרף דאָ געזאָגט ווערן אַז מדינת ישראל און יידן אין ישראל זענען נישט פרעמד די זאָרגן פון די יידן אין די תפוצות. דאָס וואָס קומט פאָר אין דער יידישער וועלט קלאַפּט זיך אָפּ אין די מעמבראַנעס פון נישט פאַרשטאָפּטע אויערן און אויף דער הויט פון נישט פאַרהאַרטעוועטע הערצער. נישט איך בין דער וואָס דאַרף צוגעבן צו דעם וואָס עס איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן דורך וויכטיקע פירער און טוער דאָ אין לאַנד.

איין פאָלק — דאָ און דאָרטן.
נישט קיין קאַמף צווישן לשונות נאָר
אַ שותפות־געפיל פאַר קיום.

אַלץ וואָס ברענגט נוץ און איז קאָנסטרוקטיוו דאַרף און מוז אויסגענוצט ווערן פאַר דער אויפגאַבע פון פאָלקס־קיום. יעדער וואָס קען העלפן און טאָן און וויל העלפן און טאָן איז אונדז אַ קאַמפס־ברודער — פאַרן זעלבן ציל — קיום פון יידישן פאָלק.

אַ ביסל איז געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט וואָס באַשעפטיקט און אינטע־רעסירט אונדז דאָ היינט — אָבער ווייניק! אומעטום ווייניק. און מען האָט געקענט טאָן מער. אָבער עס זענען געווען פרוון, אָנהויבן, מער געלונגענע און ווייניקער. זיי זענען נישט געמאַכט געוואָרן דאָ אין ישראל פון יוצא וועגן. דער נישט געלונ־גענער פרווו מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק צו שאַפן אַ יידישן קונסט־טעאַטער אין ישראל געבויט אויף כמעט מלוכהשע יסודות האָט טראָץ זיין דורכפאַל נישט מיד געמאַכט די הענט פון די וואָס ווייסן די נויטווענדיקייטן פון אַזאַ אונטערנעמונג. מדינת ישראל און איר רעגירונג ווילן זען דעם אויפקום און נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אַזאַ אינסטיטוציע און ווילן טאָן אַלץ כדי פאַרזיכערן דעם קיום און שאַפונגס־מעגלעכקייטן.

פון וואַנען וועט און קען קומען די הילף און אפשר די ישועה? דער נס פון ווידעראויפבלי קען געשען ווען מיר וועלן זיך פאַרטראַכטן וואָס פאַר אַ פנים דאַרף קריגן דאָס יידישע טעאַטער היינט צו טאָג. צי ווילן מיר אַ טעאַטער פון דער שאַמע־רישער צייט, צי באַנוגענען מיר זיך מיט אַ טעאַטער פון דער אָנפאַנגס־תקופה, צי טראַכטן מיר אין קאַטעגאָריעס פון נאָסטאַלגיע אין ראַמען פון אַ פאַרנעפּלט בילד פון אונדזערע קינדער־יאָרן, צי ווילן מיר פאַרשטאָפּן מיט ביליקע מאַכערייקעס די לעכער פון אומוויסן, לאָזן ווייטער דעם חרפה־צושטאַנד פון וואַנדערנדיקע יידישע קינסטלער וועלכע שטרעקן אויס נדבה־הענט?

עס דאַרף און מוז אויפשטיין באַלד אַ טעאַטער־אַנסאַמבל דאָ אין מדינת ישראל ביי דער זייט פון אַ טעאַטער־צענטער וועלכער וועט זיין דורך און דורך יידיש און איז אָנגעלענט אויף התלהבות. אַ טעאַטער וואָס איז אַ קעגנזאַץ צו דעם וואָס מיר האָבן היינט. דער צוגאַנג צו דער בינע־קונסט דאַרף זיין ווי עס איז געווען דער

צוגאַנג פון די "הבימה"-אַנהויבערס, פון די גרינדער, פון דער ווילנער טרופּע, פון דעם יונג-טעאַטער, פון בראָדערזאָנישן אַראַראַט און פון דעם מיכאַעלסישן גאָסעט. די מיטלען דאַרפן צו דערגרייכן דאָס זיין נאָכאַנאַנדיקייט און חסידישקייט. אַנטלויפן פון לייכטע נצחונות. לערנען און נישט איילן זיך אויפטרעטן פאַרן עולם. דאָס דאַרף זיין אַ טעאַטער פון פאַנאַטישער עקשנות און נישט קיין פלאַץ פאַר לייכטע נצחונות. אַ טעאַטער מיט אַ יידישער אַנשויאונג און טיפן יידישן באַוווסטזיין. יידישע העכסטע טעאַטער-קונסט איז אַלעם ערשטן — די ענדערונג — נייע פאָרמען. נייער בליק. אַ טעאַטער וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער טאָג-טעגלעקייט, פון צופעליקייט — פון נאַטוראַליזם און שפּאַנט אין אַ קינסטלערישערווירקלעכקייט וואָס איז אייביקייט.

ביי דער זייט פון אַזאַ טעאַטער-אַנסאַמבל מוז גלייך אויפשטיין אַ יידישע טעאַטער-שולע פאַר בחורים און מיידלעך פון דער גאָרער וועלט וועלכע ווילן זיך לערנען און באַוואָפענען זיך מיט וויסן און טאָן אַלץ כדי ווערן די רעזערוו פון צוקונפטיקע טעאַטער-טוער אין דער יידישער וועלט.

דאָס מיניסטעריום פאַר קולטור און דערציונג אין מדינת ישראל צוזאַמען מיטן ראַט פאַר קונסט ביים דאָזיקן מיניסטעריום שטיצן מיט התלהבות דעם פּלאַן פון אויפשטעלן אַזאַ טעאַטער-אַנסאַמבל אין יידישן טעאַטער לערן-אַנשטאַלט אין ישראל און באַגריסן די וויכטיקייט פונעם באַשלוס פון דער אָנפירערשאַפט אין ישראלדיקן נאַציאָנאַל-טעאַטער „הבימה" צו העלפן ביי דער רעאַליזירונג פון דאָזיקן פּלאַן. דער נאַציאָנאַל-טעאַטער „הבימה" האָט צו דעם צוועק באַפרייט פון זיינע „הבימה"-פאַרפליכטונגען איינעם פון אירע שוישפּילער און רעזשיסאָרן און האָט צוגעזאָגט אים געבן אַלע נויטיקע הילף און שטיצע אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן.

די טעטיקייט פון דעם נייעם אַנטשטייענדיקן אַנסאַמבל וועט נישט קומען מבטל צו מאַכן אָדער פאַרמינערן דעם ווערט פון אָרטיקע אַקטיוויטעטן אין אַלע לענדער פון יידישע ישובים. פאַרקערט! די אָרטיקע טעאַטערן און גרופּן וועלן געשטאַרקט ווערן דורך דער פאַרבינדונג צווישן דעם צענטער וואָס וועט אויפשטיין אין ישראל מיט די קולטור-דעפּאַרטאַמענטן ביי די קהילות, טעאַטער-געזעלשאַפטן און קאָמי-טעטן אין די פאַרשידענע לענדער.

דער „פאָלקסבינע"-טעאַטער דאַרף געשטאַרקט ווערן... און גלייך. קענענדיק די באַדינגונגען און טעטיקייט פון דער פאָלקסבינע ביים אַרבעטער רינג, ניו-יאָרק, און אונטערציענדיק אַ סך הכל פון אירע דערפאָלגן אין לעצטן יאָר. ווען איך האָב געהאַט דעם כבוד מיט זיי צו אַרבעטן, שטעל איך פעסט די העכסטע נויטווענדיקייט פון אַ יידישער טעאַטער-שולע אין ניו-יאָרק פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע. אויסנוצנדיק דעם גרעסטן רעזערוואַר אין דער וועלט פון פּעדאַגאָגישע און פּראָפעסיאָנעלע קרעפטן וועט אַזאַ שולע זיין דער אינקובאַטאָר פון דעם צוקונפטיקן דור יידישע קינסטלער וואָס וועלן און ווילן זיך ווידמען דער יידישער-טעאַטער-פּראָפעסיע.

מיט וואָס קען מען העלפן דעם יידישן אַקטיאָרן-פאַריין אין ניו-יאָרק — דעם

צאָלרייכסטן יידישן ישוב אויף דער וועלט וועלכער ראַנגלט זיך יעדן יאָר מיט אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן כדי פאַרזעצן זיין טעטיקייט? דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע ניו־יאָרק דאַרף שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון דער היברו אַקטיאָרס יוניאָן אַ טעאַטער־זאַל פון העכסטער קוואַליטעט. יידיש טעאַטער מוז געשפּילט ווערן אין גערוימע און אויסגעפּוצטע טעאַטער־זאַלן. דאָס אַראָפּנעמען דעם עול פון פאַרקויפן זיך צו טעאַטער־אימפּרעסאַרן אַפילו צו די בעסטע פון זיי און אַוועקשטעלן די טעאַטער־אַרבעט אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות און זאָרג וועט זיין אַ שטויסקראַפט פאַר נייע אונטערנעמונגען און דערגרייכונגען פון דער רומפולער אַקטיאָרן יוניאָן אין ניו־יאָרק וועלכע איז געווען דאָס שיינדל און קרוין פון געוואַלדיקער טעאַטער־טעטיקייט אין יידישן אַמעריקע אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דער פאַרבאַנד פון די יידישע קהילות פון דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט דאַרף אונטערנעמען אַ באַלדיקע אַקציע צוריקצובאַקומען פאַר דעם נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער אין בוענאָס איירעס די הערלעכע טעאַטער־זאַלן וועלכע זענען געבויט געוואָרן דורך יידיש געלט. די „אַמיא" פון בוענאָס איירעס דאַרף טאָן אַלץ כדי דעם דערפאָלג וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דעם לעצטן יאָר, און די דערפרייענדע דערשיינונג פון טויזנטער יידישע יוגנטלעכע וועלכע האָבן באַזוכט די פאָרשטעלונגען פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער זאָלן נישט בלייבן אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע. דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע, אורוגוואַי, בראַזיל ווענעצועלאַ, קאָלאָמביאַ און מעקסיקע האָט ליב און וויל יידיש טעאַטער און גלויבט אַז אין בוענאָס איירעס זענען געלייגט געוואָרן יסודות פאַר יידיש טעאַטער פון הויכן ניוואָ.

דאָס יידישע טעאַטער און טעאַטער־טעטיקייט דאַרף געניסן פון די זעלבע באַדינגונגען אין שאַפונגס־מעגלעכקייטן מיט וועלכע ס'איז אויסגעבעט דאָס אָפיציעלע העברעישע טעאַטער און ס'קאָן נישט זיין פּלאַץ פאַר צווייט־ראַנגיקייט אָדער חלילה דיסקרימינאַציע, אויב די טעטיקייטן זענען אין קלאָרן נאַציאָנאַלן יידישן כאַראַקטער און פאַרמעסטן זיך מיט העכסטע אָנגענומענע קונסט־קאַטעגאָריעס.

דער נייער ישראלדיקער קונסט־טעאַטער וועט ציען זיין יניקה פון יידישע קולטור־מקורות און ווערטן און דאַרף זיין אַ בריק אויף וועלכער ס'וועט זיך באַגעגענען און צוריקגעפינען אַלץ וואָס איז יידיש אין ברייטסטן זין פון וואָרט. דער נייער טעאַטער וועט פּאָפּולאַריזירן און נאָענט מאַכן די מקורות פון פאָלקס־שאַפן, ברענגען צו דער יידישער וועלט דעם קינסטלערישן הויך פון אונדזער איצטיקער ווירקלעכקייט און שאַפן אַ נאָענטקייט צווישן די פאַרשיידענע שבטים פון אונדזער זיך ניי־געפונענעם פאָלק.

ביי דער זייט פון אונדזערע קלאַסיקער וועלן נאָענט און באַקאַנט ווערן עגנון און מגד, ניסים אלוני און יזהר, בן ציון און אַשמאַן, מיט דער הילף פון יידישן

קונסט־טעאַטער וועלן מיר אַריינקוקן און באַקענען זיך מיט די טיפּעניִשן פון אַרט לעבן פון אונדזערע ספרדישע ברידער און אַנטדעקן אַז מיר זענען איין פאָלק.

אויב מיר וועלן זיך אונטערגאַרטלען און אויפהייבן דעם אָנהויב־פּלאַן, און מיר וועלן געדולדיק און זאָרגפעליק שטיצן די וואָס ווילן טאָן די עבודה, אויב דער חלום וועט מקויים ווערן וועלן מיר מעגן זאָגן זיך אַליין אַז מיט רעכט האָבן מיר אָפּגעמערקט די דאַטע פון „הונדערט יאָר יידיש טעאַטער און טעאַטער ביי יידן״. דאָס ווערט אַ דאַטע נישט פון סך־הכלען נאָר אַ בליק פאָרויס. נישט אין קאַטעגאָריעס פון געציילטע יאָרן נאָר אַ דאַטע פון גלויבן אין נצח ישראל!

אין אַלע קאָמיסיעס זענען נאָך די רעפעראַטן פאָרגעקומען פאַרצויגענע דיסקוסיעס וועגן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. לסוף זענען אין יעדער קאָמיסיע באַשטימט געוואָרן עטלעכע חברים פון פּרעזידיום וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט אַ רעזאָ־לוציע און זי געבראַכט, אויף צו מאָרגנס, פאַרן פּלענום.

אַלגעמיינע פּלענאַרע סעסיע

דעם 26סטן אויגוסט אין דער פרי איז די פּלענאַרע־סעסיע, אין אולם וויז, געווידמעט געוואָרן די באַריכטן פון די קאָ־מיסיעס און די דעבאַטן וועגן די צוגעשטעלטע רעזאָלוציעס. די סעסיע איז פּרעזידירט געוואָרן דורך ד״ר יהודה שפּיראָ פון ניו־יאָרק און וויצע־פּאַרזיצער איז געווען ד״ר יצחק וואַרשאַווסקי פון פראַנקרייך.

ד״ר יהודה שפּיראָ עפנט די סעסיע און זאָגט:

ד״ר יהודה שפּיראָ (ניו־יאָרק)

מיר וועלן היינט הערן באַריכטן פון אַלע קאָמיסיעס. היינט נעמען מיר נישט אָן קיין רעזאָלוציעס. די באַריכטן וועט מען איבערגעבן דעם פּרעזידיום און זיי וועלן נאָטירט ווערן. מיר וועלן אויסהערן אַלע באַמערקונגען און אויסבעסערונגען וואָס דעלעגאַטן ווילן מען זאָל זיי נעמען אין באַטראַכט. שפּעטער וועט דאָס פּרעזידיום אָננעמען דעם ענדגילטיקן טעקסט פון די רעזאָלוציעס.

זאָל קלאָר זיין אַז מיר פירן היינט נישט קיין דעבאַטעס. די דעבאַטעס זענען שוין געווען אין די פאַרשידענע קאָמיסיעס און יעדער איינער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו זאָגן זיין וואָרט.

מיר וועלן הערן איין באַריכט נאָכן אַנדערן. איר וועט האָבן די געלעגנהייט צו באַמערקן וועגן פאַרבעסערונגען, אָדער ענדערונגען, און אַזוי וועלן מיר איבער־גיין פון איין קאָמיסיע צו דער צווייטער.

איידער מיר הייבן אָן זענען נאָך פאַראַן אַ ריי באַגריסונגען פון גאָר דער וועלט. אַ באַגריסונג פון ירוחם משל, דאָ אין לאַנד, דעם מזכיר כללי פון הסתדרות. פון שר משה קול, דער מיניסטער פאַר טוריזם. פון לאָרד פּישער, פון לאָנדאָן, וווּ ער איז דער פאָרזיצער פון דער באָארד אָף דזשואיש דעפּיוטיס. פון מעלבורן, אויסטראַליע, פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און נאָך און נאָך אַ סך.

און איצט וועל איך רופן צו דעם ערשטן באַריכט דעם חבר שניידערמאַן, ער זאָל באַריכטן וועגן דער קאָמיסיע פאַר דער פּרעסע.

ש. ל. שניידערמאַן (ניו־יאָרק)

זייער חשובער פאָרזיצער, חשובע קאָלעגן, פריינד, דעלעגאַטן, איך וויל קודם כל אויסדריקן אַ דאַנק די מיטגלידער פון דער פּרעסע־סעקציע, ישראל גורטמאַן,

משה לבני, יצחק לודען, שלמה שווייצער, פאַר צוגרייטן און אויסאַרבעטן די פאַר־שלאָגן אויף דער פרעסע־קאָמיסיע.

דאָס איז די רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך די נעכטיקע פאַר־האַנדלונגען. (זע די רעזאָלוציע זייט 237).

שמעון וועבער (ניו־יאָרק)

איך בין זייער צופרידן מיט דעם באַריכט וואָס די קאָמיסיע האָט געגעבן פון אונדזער פרעסע־פאַנעל און אַזוי ווי דאָרט ווערט זייער שטאַרק באַטאָנט אַ פאַר־לאַנג אַז די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור זאָל שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו יידישע נייעס, וויל איך צוגעבן דערצו נאָך אַ פונקט, אַז די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט, אַז די ישראלדיקע העברעישע פרעסע זאָל שענקען מער אויפמערקזאַמקייט נישט בלויז צו געשעענישן אין דעם יידישן קולטור־לעבן, נאָר אין דעם יידישן לעבן אין די תפוצות בכלל.

חיים לייב פוקס (קאַנאַדע)

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער ספּעציעל וועגן דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור. איר ווייסט מסתמא, אַז איך האָב געשריבן אַ גרויסע צאָל ביאָגראַפיעס פאַרן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער, ביז היינט, איז אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט קיין שום טויט־פאַל פון יידישע שרייבערס, און אויב איך פיר אַליין, אויף מיינער אייגענער אחריות, אַ ספר זיכרון, עס זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן די דאַטעס פון די יידישע שרייבערס, געפין איך נישט קיין מאָל קיין שום ידיעה אין דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור.

ס. ליפשיץ (קאַנאַדע)

אין וויל מאַכן צוויי אויסבעסערונגען, זייער קורץ: אין דעם פונקט 2, וואָס חבר שניידערמאַן האָט פאַרגעלייענט, וועגן פאַרלאַנגען פון אַלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן אין ישראל, — און איך בין אַ גרויסער אַנהענגער פון פאַרלאַנגען אַלעס פון ישראל, אָבער איך דענק אַז מען דאַרף דאָ צוגעבן אַז מען זאָל אויך פאָדערן פון אַלע יידישע צענטראַלע און לאָקאַלע קערפּערשאַפטן אין די תפוצות, פאָדערן פון זיי זיך צו באַנוצן מיט דער יידישער פרעסע, פאַר אַלע זייערע מעלדונגען, ספּעציעל פאַר זייערע באַצאָלטע אַנאָנסן. איך בעט אַז די „בני ברית", דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטי, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, אָפּטמאָל אויך דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס זאָלן זיך באַנוצן מיט דער יידישער פרעסע, פאַר זייערע באַצאָלטע אַנאָנסן.

צווייטנס, וואָלט איך געוואָלט אַז מען זאָל אַריינשטעלן אין דער רעזאָלוציע

אַ רוף צו די יידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן אין די תפוצות, אַז זיי זאָלן באַשעפּ־טיקן אָנגעשטעלטע וואָס קענען רעדן יידיש. ווייל זייער אָפט קומט אַריין אין אַ ביוראָ פון אַ צענטראַלער יידישער קערפּערשאַפט, אַ ייד וואָס קען נישט קיין ענגליש, און מען קען אים דאָרט נישט פאַרשטיין. ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן.

נומער דריי, וויל איך צוגעבן צום פונקט 14, וואָס זאָגט וועגן פאַרלאַנגען פון דער ראַדיאָ אינסטאַנצן אין ישראל, אַז זיי זאָלן העכערן דעם ניוואָ פון די יידישע פּראָגראַמען אין ישראלדיקן ראַדיאָ, אַז מען זאָל אויך צוגעבן אַז מען זאָל פאָדערן פון די ראַדיאָ פּראָגראַמען אין די תפוצות ,אַ שטייגער, ביי מיר אין טאָראָנטאָ, אַז מען זאָל העכערן דעם ניוואָ און עס זאָל זיין אַ בעסערער יידיש־פּראָגראַם אויף דעם ראַדיאָ.

נחמן ראַפּפּ (ישראל)

חשובע פריינד, לויט מיין מיינונג דריקט אויס די רעזאָלוציע פון דער פּרעסע־קאָמיסיע אַלץ וואָס די קאָנפערענץ האָט געקענט און געדאַרפט זיך ווינטשן, ווען זי ריכטעט זיך אין איר וויטערדיקער אַרבעט און די פאָדערונגען וואָס זי שטעלט אַרויס צו די באַרופענע אינסטאַנצן. זיי זענען ריכטיקע און ס'איז פּשוט אַ מצווה זיי צו אָקצעפּטירן.

די יידישע פּרעסע און די קאָנפערענץ דאַרף קעמפן קעגן פאַרשווייגן דאָס יידישע וואָרט אין אַלע געביטן. די יידן אין די תפוצות דאַרף מען וואָס מער דער־ציילן וועגן ישראל און אין ישראל דאַרף מען וואָס מער פּובליקירן וואָס עס קומט פאָר אין דעם יידישן לעבן אין דער וועלט.

משה פרידמאַן (פאַר. שטאַטן)

שלאָגט פאָר אַז מען זאָל געבן מעלדונגען אין די אל־על אַוויאָנען אויך אויף יידיש.

ל. סעגאַל (פאַר. שטאַטן)

מיר האָבן געהערט אַ גרויסן צעטל פון פאָדערונגען און קלאָגערייען וועגן דער לאַגע פון יידיש אין ישראל. ווען אָבער איר ציט אונטער אַ סך הכל, דוכט זיך מיר, אַז דאָ אין ישראל איז פאַראַן מער טעאַטער און מער יידישע לייענער און מער צייטונגען ווי אין דער גרויסער ניו־יאָרק.

דאָס אַלץ וואָס מיר פאָדערן, אָדער איר פאָדערט, פאָדערט גרויסע בודזשעטן. לאָמיר שאַפן דעם ערשטן מיליאָן דאָלאַר, וועט איר זען אַז איר וועט האָבן אַ גאַנצע שעה אין יידיש אויף דער ישראל־ראַדיאָ, איר וועט האָבן צוויי שעה אין יידיש, דאָ. שאַפט דעם ערשטן מיליאָן דאָלאַר און איר וועט זען אַז איר וועט האָבן

אַלץ וואָס איר פֿאָדערט דאָ. פֿאָדערט נישט פֿון ישׂראל, ווען די יונגלייט שטייען דאָ מיט די ביקסן און זייערע פֿאַמיליעס דאַרף די רעגירונג אויסהאַלטן.

ווען מען פֿאָדערט פֿון אַנדערע, דאַרף מען זען אַז עס זאָל זיין אין אָרדענונג ביי זיך אין הויז.

שרה פעדער (ירושלים)

איך בין געווען די פֿאָרזיצערין פֿון די פּיאָנערן פּרויען אָרגאַניזאַציע. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן אײַנגאַנצן דער מאָמענט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט פּרויען־אָרגאַניזאַציעס. איך שלאָג פֿאָר אַז אין די רעזולטאַטן, אין די רעזאָלוציעס זאָל אויך אַרײַנגיין אַן אויסבעסערונג, אַז מען זאָל זיך ווענדן צו אַלע פֿרויען אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן פּובליקאַציעס, אַז זיי זאָלן אַרײַנפֿירן סיי יידיש און סיי אינפֿאָרמאַציע וועגן יידיש.

און איך וועל דאָ זאָגן, מיט שטאָלץ, מיר די פּיאָנערן פּרויען אָרגאַניזאַציע, האָבן אַ גאַנצע סעקציע פֿאַר יידיש. די אַלע יאָרן, מער ווי 50 יאָר, אָבער דערמאָנט און פֿאַרגעסט נישט די פּרויען וועלכע דאַרפֿן נאָך אַלעמען העלפֿן פֿירן אונדזער וועלט, ספּעציעל אין יידיש.

א. גורלי (בוענאָס־איירעס)

איך לייג פֿאָר אַן אויסבעסערונג צום ערשטן פּונקט אויפֿצולעבן דעם פּראָיעקט וועגן אַ פֿאָנד פֿאַר דער יידישער פּרעסע פֿון דער וועלט. אין אַרגענטינע איז געשלאָסן געוואָרן די „יידישע צייטונג" וועלכע האָט עקזיסטירט 58 יאָר, צוליב אַ פֿאַרנאַכלייסיקונג צוליב אַ קליינער סומע. די איינציקע צייטונג „די פּרעסע", איז אויך באַדראָט געשלאָסן צו ווערן. אין דעם רייכן אַמעריקע איז באַדראָט דער „פֿאָרווערטס", נאָך 80 יאָר עקזיסטענץ. דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן.

פֿאָרזיצער: איך רוף דעם חבר מרדכי צאַנין צו באַריכטן וועגן דער טעאַטער־קאָמיסיע:

מרדכי צאַנין

חשובער פֿאָרזיצער, חשובע פֿריינד,

איך דאַרף אייך נישט דערציילן אַז נאָך איידער עס זענען געווען אויף דער וועלט ביכער, צייטונגען, טעלעוויזיע און ראַדיאָ, איז אויף דער וועלט געווען טעאַטער. דאָס זעלבע איז אויך געווען דאָס יידישע לעבן. בשעת אין מזרח אייראָפּע

איז נאָך די יידישע ליטעראַטור געלעגן אין די וויקעלעך, איז שוין געווען יידיש טעאַטער. אייגנטלעך האָט זיך דאָס קולטור־לעבן ביי יידן אין מזרח־אייראָפּע, מחוץ רעליגיע, אָנגעהויבן מיט פאָרשטעלונגען : מכירת יוסף, מיט די פּורים שפּילן ! ווייל טעאַטער איז דער פּרימערער מעדיום פאַר אַ פאָלק. צום גוטן און צום שלעכטן. אַז מען וויל אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ פאָלק, צו זיינע ערנסטע פראַגן. גיט מען אים פאָרשטעלונגען.

דעריבער האַלט איך, אַז אין דער היינטיקער צייט, ווען דער יונגער דור האָט פאַרלוירן זיין לשון — און ווען איך זאָג זיין לשון, מיין איך נישט בלויז יידיש, נאָר איך מיין אויך העברעיש, וואָס איז נישט דערגאַנגען צו דעם דור, צו דעם יונגען, אַזוי ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט 25 יאָר צוריק — איזביים היינטיקן טאָג טעאַטער איינער פון די וויכטיקסטע געביטן אין דעם יידישן קולטור־לעבן.

איך בין געקומען צום אויספיר, נעכטן, אויף דער קאָמיסיע, אַז מען קען נישט שאַפן קיין איינהייטלעכע רעזאָלוציע וואָס זאָל אַלץ פאַרענטפערן. דאָ איז נישט קיין פראַגע פון אייניקן, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום סתירות, יעדער וויל דאָס זעלבע, יעדער וויל יידיש טעאַטער — די פראַגע איז וואָס פאַר אַ טעאַטער.

עס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאַרשלאָגן, די מערהייט פאַר דעם פאָרשלאָג וואָס האָט געבראַכט ישראל בעקער — אין אַן אויספירלעכן מעמאָריאַל וועגן דעם אַז אין ישראל דאַרף אַנטשטיין אַ גרעזעלשאַפטלעכער טעאַטער. דער פאָנד פאַר טעאַ־טער ביי דעם קולטור־מיניסטעריום וועט טיילוויז פינאַנסירן די דאָזיקע אינסטיטו־ציע. דער אָריגינעלער פּראָיעקט איז געווען נאָך אַ ווייטגייענדיקער, אָבער איך וועל איצט נישט אַריינגיין אין דעם, ווייל ער איז נישטאָ מער.

דער פּראַקטישסטער פאָרשלאָג איז דער וואָס האָט געבראַכט ישראל בעקער. אָבער אַזוי ווי עס זענען געווען אויך אַנדערע פאָרשלאָגן, לייג איך פאָר אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן אַן אַלגעמיינע רעזאָלוציע וואָס זאָל זאָגן : שאַפן אַ צענטראַלע אינ־סטאַנץ פאַר יידיש טעאַטער, וואָס זאָל באַטראַכטן פאָרשלאָגן, און צו דער אינ־סטאַנץ זאָלן געהערן פאָרשטייער פון אַלע סעקציעס פון דעם יידישן קלטור־לעבן. אָט די דאָזיקע אינסטאַנץ וועט באַטראַכטן אַלע פאָרשלאָגן וואָס זענען אַריינגע־טראָגן געוואָרן דורך טעאַטער־מענטשן, וואָס האָבן זייער אייגענעם אינטערעס, ווייל איינער קומט, לאָמיר זאָגן, פון אַזאַ טעאַטער, האָט ער זיין אינטערעס. אַ צווייטער קומט פון אַן אַנדער טעאַטער און האָט זיין אינטערעס. דעריבער האַלטן מיר אַז ביי דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם וויכטיקן געביט וועגן שאַפן טעאַטערס, ווייל עס איז אויך דאָ אַ פאָרשלאָג — וואָס איז געווען פון חבר יאַב־לאָקאָוו פון ניו־יאָרק, אַז דווקא אין ניו־יאָרק זאָל געשאַפן ווערן אַן ערנסט יידיש טעאַטער, וואָס זאָל באַדינען די גאַנצע וועלט.

אָבער איך מיין אַז מדינת ישׂראל איז איצט דער גייסטיקער צענטער פון דער יידישער וועלט. דעריבער איז אַלעס וואָס קומט פאַר אין גייסטיקן יידישן לעבן דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אין מדינת ישׂראל. במילא, אויב מיר וועלן אַוועקשטעלן זיך אויף דעם פּרינציפּ, וועלן מיר דאָ, אין אייער נאָמען, קאָנען אויפהייבן אונדזער שטים אויך פאַר בעסערע פּראָגראַמען אין ראַדיאָ פאַר יידיש און אין טעלעוויזיע. נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן באַשטימען אַז דאָ איז אויך אונדזער גייסטיקער צענטער.

די רעזאָלוציע פון דעם טעאַטער־קאָמיסיע געפינט זיך אויף זייט 240.

פאָרזיצער: ד״ר בערל פרימער וועט באַריכטן וועגן דער קאָמיסיע פאַר יידישער דערציאונג:

ד״ר בערל פרימער

די קאָמיסיע פאַר יידישער דערציאונג האָט געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט וואָס ליגט אויף איר, ווייל יידישע דערציאונג איז דאָס האַרץ פון אונדזער גאַנצער קולטור־טעטיקייט אויף יידיש. מיר זענען אַלע געווען באַהערשט פון דעם געפיל, אַז די אָנגענומענע באַשלוסן דאַרפן זיין אָפּיציעל ווייטגייענדיק און גלייכצייטיק רעאַליסטיש. נישט דאָס וואָס עס וואָלט געוואָלט זיך לייגן מיר פאַר, נאָר דאָס וואָס איז מעגלעך אין אונדזער קאָמפּליצירטן יידישן לעבן.

די קאָמיסיע האָט אויך געפילט די טראַגישע סתירה צווישן דעם טייערן, גע־ליבטן „יש״ און דעם גרויסן חלום וואָס הערשט אויף דעם געביט פון דער יידישער דערציאונג.

די קאָמיסיע האָט זיך אויך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז כאָטש זי ווייס, אַז דערציאונג איז אַ טייל פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען, פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, האָט זי זיך אָבער געדאַרפט קאָנצענטרירן אויף דעם, צוליב וואָס די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן: אויף יידישער דערציאונג אין יידיש. דאָס האָט אפשר פאַרקלענערט אַזוי צו זאָגן דעם פאַרנעם, אָבער ס׳האָט פאַרטיפט די צילן און געמאַכט קאָנקרעטער, בולטער און ממשותדיקער די אויפגאַבן.

די קאָמיסיע האָט אויך געזען דערציאונג אין יידיש אין איר ברייטסטן קאָנ־טעקסט. פון קינדערגאָרטן ביז צו דעם אוניווערסיטעט. און ווייל זי האָט באַגריסט דעם געוויסן רענעסאַנס פון לערנען יידיש אין אוניווערסיטעט און געזען אין דעם

נישט קיין אויסדרוק פון אַ צייטווייליקער שטימונג, האָט זי אָבער באַגריפן אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהייב.

מיר האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז בילדונג — און אין ענגליש גייט מען ווייטער און מען זאָגט: דערציאונג פון דערוואַקסענע — איז נישט קיין אָפּגעריסענער ענין פון דעם חינוך פון אונדזערע קינדער. און אַז מיר קענען נישט דערלאָזן אַז קינדער זאָלן קומען פון אַ פרעמדער, עם־האַרצישער יידישער היים.

און דעריבער איז אַ גרויסער שוווּנג אין קולטור אַרבעט צווישן דערוואַקסענע, און איך שטעל אַ באַזונדערן דגש צווישן יונגע עלטערן פון די קינדער, אַ פּאַרבאַדינג פאַר יעטוועדער דערפאָלגרייכער חינוך־אַרבעט אין דער וועלט.

די קאָמיסיע ווייס אַז די פּראָבלעמען פון לערערס און פון תלמידים זענען ענג פאַרקניפּט. איר קענט אַפּילו נישט זאָגן וואָס קומט פריער, דער לערער צי די קינדער. און מיר זענען געשטאַנען פאַר דעם מוראַדיקן פּראָבלעם פון מאַנגל אין קוואַליפיצירטע לערערס אין יידישע לימודים. און דאָס פּראָבלעם פון דערציען, שאַפן אינסטיטוציעס צו פאַרמירן קאַדרען פון יידישע לערערס איז אַזוי דרינגענדיק, אויב נישט נאָך מער ווי גרינדן נייע שולן.

די קאָמיסיע האָט אויך נישט געוואָלט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן טיפּן פון יידישע חינוך־אינסטיטוציעס. אָבער מיר זענען אַלע געווען אייניק אַז די טאָגשולע איז די אידעאַלסטע און געוווּנטשנסטע פאָרם פון יידישן חינוך, די קינדער געפינען זיך דאָ אין אַ יידישער אַטמאָספערע.

אָבער חשובע דעלעגאַטן, אויך דאָס איז נישט דער ציל פאַר זיך אַליין. עס איז געווענדט וואָס עס איז דער תוכן, וואָס איז די צייט וואָס מען גיט פאַר יידישע לימודים אין די טאָגשולן, אָדער ווי מען רופט דאָס אָן אין לאַטיין אַמעריקע: אין די אינטעגראַלע יידישע שולן.

און מיר באַגריסן פונקט אַזוי צוגאָבשולן, אויב עס ווערן דאָרטן געגעבן אייניקע שטונדן לכל הפּחות פאַר יידישע לימודים.

און צום סוף נאָך צוויי פאַרבאַמערקונגען איידער איך גיי צו צו די רעזאָלוציעס: מיר זענען אַלע געווען אייניק אַז מיר לעבן אין אַ פּלוראַליסטישער וועלט, אין אַ פּלוראַליסטישער קולטור־וועלט. מיר האָבן דעם פולסטן דרך ארץ פאַר די רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון די חב״דער און אַנדערע, אָבער נישט דאָס איז דער צוועק פון דער קאָנפערענץ. דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז אונטערשטרייכן מיט דער גאַנצער פילזייטיקייט פון אונדזער קולטור, דאָס יידישע, דאָס העברעישע, די נאַציאָנאַלע ווערטן וואָס מען דאַרף איינפלאַנצן אין די יידישע קינדער.

און צום סוף וועגן די רעזאָלוציעס גופא, אָבער אײדער איך טו עס, וויל איך באַדאַנקען די צוויי חשובע חברים: חבר חיים בעז און חבר חיים פינקעלשטיין, וואָס זענען געווען דער לעבנסקוואַל פון אונדזער קאָמיסיע.

איך וויל באַדאַנקען דעם פּאָרזיצער, דעם חבר הרכבי, דעם אָנפירער פון דער קאָמיסיע. און צום סוף, דוכט זיך מיר אַז די קאָמיסיע האָט געשלאָגן רעקאָרד. עס האָבן גערעדט 51 חברים און האָבן גערעדט צו דער זאַך, ווייל דאָס זענען געווען שול־טוערס, דערציערס, דירעקטאָרן, פּראָפעסאָרן און מיר האָבן געקראָגן אַ קאַליידיסקאָפּישן איבערבליק איבער דעם חינוך אין דער וועלט.

עס זענען דאָ אַזעלכע רעזאָלוציעס, וועלכע מיר לייענען נישט פאָר, אָבער מיר וועלן איבערגעבן דעם פּרעזידיום, למשל אַ זייער ערנסטן פאָרשלאָג וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך ח׳טע וולאַדקע פון ניו־יאָרק, וועגן חינוך, וועגן דעם באַוווסטזיין פון חורבן, וועגן חורבן ליטעראַטור, וועגן אַן אינסטיטוט פאָר חורבן, וועגן לערנען וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע אין די שולן. מיר האָבן געפילט, צוליב געוויסע טעמים, אַז מיר קענען נישט די רעזאָלוציעס פאָרלייגן, אָבער מיר גיבן עס איבער מיטן גאַנצן הארצן צום פּרעזידיום.

עס זענען געווען אויך רעזאָלוציעס דידאַקטישע, פּעדאַגאָגישע, ווי למשל, אַ שיינער פאָרשלאָג וועגן אַ פּרעמיע פאָרן בעסטן בוך פון קינדער ליטעראַטור. עס איז געווען אַ פאָרשלאָג וועגן אַן אינפאָרמאַטיוון ביולעטין פון לערערס, עס איז געווען אַ פאָרשלאָג פון פּראָפעסאָר לאַנדיס, וועגן דער באַזונדערער ראָלע פון פּראָפעסאָרן־פאַרבאַנד אין דער פראַגע פון יידיש אין די אוניווערסיטעטן א.אַ.וו.

(די רעזאָלוציע — אויף זייט 235).

א. שיינעס (קאַנאַדע)

מיינע חברים, פאָרזיצער און פריינד.

איך בין אַ דעלעגאַט פון י. ל. פּרץ שולע אין וויניפּעג, קאַנאַדע. נעכטן, ווי דער חבר פרימער האָט באַמערקט, האָבן מיר געהאַט אַזוי פיל רעדנער, אַז איך האָב נישט געקענט אַריינטראָגן די רעזאָלוציע וואָס איך וויל היינט פאָרשלאָגן.

היות ווי יידישע דערציאונג וואָס איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט, ספּעציעל אין די טאָגשולן, און היות אַז אַ גאָר קלײנער פּראָצענט פון יידישע קינדער באַקומען וועלכע עס איז דערציאונג, ספּעציעל אין די טאָגשולן ,צוליב די גאָר גרויסע אָפּצאָלן פון שכר לימוד וואָס איז פאָר פיל עלטערן אַ לאַסט, דערפאָר שלאָגן מיר פאָר אַז די קאָנפערענץ זאָל אויפפאָדערן די קהילות אין די תפוצות

צו נעמען אויף זיך דעם גרעסטן טייל פון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו געבן אַ מעגלעכקייט יעדן יידיש קינד צו באַקומען אַ יידישע דערציאונג.

אין דער זעלבער צייט וועט איר מיר דערלויבן צו מאַכן איין אַנאָנס: אונדזער פרינציפּאַל, הייליג, האָט אָנגעשריבן אַ בוך „דאָס לעבעדיקע פֿאָלק". דאָס איז אַ לערנבוך פֿאַר יידישער געשיכטע. אויב אימיצער פון אייך איז פֿאַראינטערעסירט צו קריגן דעם בוך פֿאַר אייערע שולעס, לייג איך עס אייך פֿאָר.

טוביה מייזעל (מעקסיקע)

איך וויל זיך ווענדן צו דער אָפּטיילונג פֿאַר דערציאונג און קולטור ביי דער סוכנות, אַז לערערס וועלכע ווערן געשיקט אין די תפוצות, אַפילו פֿאַר העברעישע לימודים, זאָלן אומבאַדינגט קענען יידיש און האָבן אַ באַציאונג צו יידיש.

מען מוז זיך באַמיען אַז אין די גרויסע לערער־סעמינאַרן אין ישראל, זאָל ווערן איינגעפירט און פֿאַרפליכטנדיק דער קורס פון יידיש, ווייל לערערס וועלכע פֿאָרן אין די תפוצות, אַפילו פֿאַר העברעישע לימודים, דאַרפן קענען יידיש.

מיין צווייטע ווענדונג איז אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ גוטע באַציאונג און אַ געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום יידיש אין די יידישע שולן און אַרום די יידישע שולן. צו דעם קאָן ווירקן ישראל. די קאָרעספּאָנדענץ אין די שולן טאָר נישט געפירט ווערן אין פרעמדע שפּראַכן.

דאָ האָב איך געהערט וועגן באַגריסן דעם בילדונגס מיניסטעריום פֿאַר איינפירן יידיש אַלס אַ שפּראַך. איך געהער צו די מענטשן וואָס איך באַגריס יעדערן מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, פון גאַנצן הארצן. דאָ איז אָבער פֿאַראַן אַ גרויסע סתירה: פון איין זייט ווערט דערקלערט יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, און אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך קען נישט זיין קיין אָפּטאַטיווע שפּראַך. אַן אָפּטאַטיווע שפּראַך קען זיין נאָר אַ פרעמדע שפּראַך, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך.

א. זשעלעזניקאָוו (מעלבורן)

חשובע פריינד, איך גלייב אַז מיר האָבן דאָ איבער דער דערציאונגס קאָמיסיע און אויף דער גאַנצער קאָנפערענץ געמאַכט איין פעלער, און איך האַלט אַז מיר האָבן געהאַט אַ רעפעראַט און זייער אַ וויכטיקן רעפעראַט וועגן יידישער דערציאונג אין די אוניווערסיטעטן. איך ווייס און איך פֿאַרשטיי אונדזער אַלגעמיינע פרייד וואָס יידיש פֿאַרנעמט אַלץ מער אַ באַדייטנדיק אָרט אין אַקאַדעמישן לעבן. אָבער איך גלייב אַז מיר באַגייען אַ פעלער וואָס מיר האָבן דאָ נישט גערעדט און נישט געהערט די רעזאָלוציעס וועגן שאַפן יידישע קינדער־גערטנער און יידישע קינדער־היימען.

קיין שום בנין קען נישט געבויט ווערן פון דאַך. אויב מיר מיינען טאַקע ערנסט, און איך בין זיכער אַז מיר מיינען ערנסט. אַלץ וואָס עס איז דאָ געזאָגט

געוואָרן מוז דער ערשטער און דער וויכטיקסטער רוף זיין דאָס שאַפן קינדער־היימען און קינדער־גערטנער. אויב מיר וועלן נישט האָבן דאָס יידישע לשון, אויב מיר וועלן נישט האָבן די יידישע שפּראַך אין מויל פון די קינדער, פון דריי יאָר אָן, זענען אַלע אונדזערע האָפענונגען אויף אויפבויען אַ שטאַרקע יידישע קולטור, צו קריגן נייע לעזער פאַר די ביכער וואָס מיר ווילן איבערזעצן און שאַפן, אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

וולאַדקע מיד (ניו־יאָרק)

איך וויל מאַכן צוויי באַמערקונגען אין שייכות מיט דער דערציאונגס־קאָמיסיע.

אין די צוויי רעפעראַטן וועגן יידיש אויף די אוניווערסיטעטן און אויף דער קאָמיסיע פון יידישער דערציאונג האָט זיך אַרויסגעפילט אַן אינטערעס פון דער יוגנט אין די קאַלעדזשעס פאַר יידישער פּראָבלעמאַטיק. אויף דער דערציאונגס־קאָמיסיע האָט אָבער זיך נישט געהערט ווי אַזוי די דאָזיקע יוגנט איינצוהאַלטן אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס איז אַ מאַנגל ביי אונדז, אין די יידישע קולטור־קרייזן, און געזעלשאַפט־לעכע קרייזן אין אַרבעטער, פּשוט — אין מענטשן וועלכע זאָלן קענען פאַרבע־מען די ערטער פון די וואָס גייען אַוועק. עס איז אַ מאַנגל אין יידיש־געזעלשאַפט־לעכע טוער, אין סעקרעטאַרן אין די ביוראָען, אין די וועלכע קענען זיך פאַרנעמען מיט שול־אַרבעט. וועגן דעם דאַרף מען זאָרגן און מען דאַרף שאַפן דעם קלי־מאַט, אַז די וואָס לערנען זיך אין די אַלע יידישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, זאָלן בלייבן ביי אונדז אין דעם יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ צווייטער פּונקט. דער פאָרזיצער פון דער דערציאונגס־קאָמיסיע האָט גע־זאָגט אַז וועגן חורבן־מאַטעריאַלן דאַרף מען זאָרגן. מיין פאָרשלאָג אויף דער קאָמיסיע איז געווען וועגן שאַפן אַ ראַט וועגן חורבן־ענינים, וואָס דאַרף נישט בלויז זאָרגן וועגן מאַטעריאַלן, ווייל עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן וועלכע זאָרגן און פאַרנעמען זיך היינט מיט חורבן־מאַטע־ריאַלן. מען דאַרף אָבער אויך צוגרייטן לערערס און שאַפן פאַרשידענע אינסטי־טוציעס איבערצוגעבן די אַרבעט דעם יונגן דור.

פאָרזיצער: מרדכי חלמיש וועט באַריכטן וועגן דער קאָמיסיע פאַר איבערזעצונגען.

מרדכי חלמיש

חשובער פאָרזיצער, ליבע פריינד און טייערע געסט, דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, דער דיכטער ברתיני, האָט מיר געבעטן איבערצוגעבן דעם באַריכט.

די קאָמיסיע האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט דעם רעפעראַט פון פריינד ליטווין און אים אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר זיין הויכן וויסנשאַפטלעכן ניוואָ. מיר דריקן אויס דעם ווונטש אַז דער רעפעראַט זאָל ווערן אָפּגעדרוקט, ווייל ער איז אַ חשובער ביישטייער צו דעם עצם פּראָבלעם פון איבערזעצן אויף יידיש און פון יידיש.

דאָס פּרעזידיום האָט צוגעגרייט די רעזאָלוציעס אויסמיידנדיק יעטוועדע מאָמענטן פון דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער, מיינענדיק אַז ערשטנס געהערט עס צום פּלענום און צווייטנס — איז דער ענין פון איבערזעצן פון יידישער ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן, און פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש, בישט קיין ענין פון וויכוחים, ווייל אַלע זענען מיר מסכים אין דער וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן ענין.

זענען אונדזערע רעזאָלוציעס זאַכלעך און פּראַקטיש. און איך וויל צוגעבן נאָך איין באַמערקונג, אַז אויב פאַר אַנדערע ליטעראַטורן איז דער ענין פון איבער־זעצונג זייער לעבנס־וויכטיק, איז עס פאַר דער יידישער ליטעראַטור ספּעציעל וויכטיק, און עס איז איבעריק צו זאָגן עס דאָ. נאָר וואָס? דער ענין דאַרף ווערן פאַר־וואַנדלט פון אַן ענין פון יעדן שרייבער באַזונדער אין אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן ענין סיי פון דער מלוכה פון מדינת ישראל, און סיי פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט אין דער גאַנצער וועלט.

און איך וויל פאַרענדיקן דערמיט אַז די קאָמיסיע האָט אָנערקענט אַז מיר שטייען אין דער סאַמער לעצטער שעה, ווען איבערזעצונגען פון יידיש און אויף יידיש, קענען ווערן געמאַכט דורך איבערזעצערס און שרייבערס וואָס דאָס יידישע לשון, מיט אַלע אירע זאַפטן און טעמים, לעבט אין זייער מויל ווי אונדזער טייערע און האַרציקע מאַמע־לשון. (רעזאָלוציע — 238).

פּאַרזיצער: חבר יוסף מלאַטעק וועט באַריכטן וועגן פּראָיעקטן און פּלענער:

יוסף מלאַטעק

חשובע פריינד, איך גיב אָפּ אַ באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַר פּלענער און פּראָיעקטן. דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער קאָמיסיע איז פריינד ישראל סטאָלאַרסקי, דער סעקרעטאַר — דוד שטאָקפיש.

מיר האָבן זיך באַגעגנט פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 6.30. עס האָבן גערעדט און גע־בראַכט פּראָיעקטן 47 דעלעגאַטן פון אַלע לענדער מארבע פינות העולם. לאָמיר אייך זאָגן אַז ווען נאָר 10 פּראָצענט פון די פאָרשלאָגן און פּראָיעקטן וואָס זע־נען געבראַכט געוואָרן נעכטן צו אונדזער קאָמיסיע, זאָלן דורכגעפירט ווערן, וועלן מיר האָבן געהאַט אַ דערפאָלגרייכע קאָנפערענץ.

מיר האָבן זיך אויך גענומען די פּריווילעגיע ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדער רעזאָלוציע־קאָמיסיע, נישט בלויז צו רעדן וועגן פּראַקטישע פּלענער און פּראָיעקטן, נאָר אויך צו מאַכן געוויסע אַלגעמיינע באַמערקונגען, און די ערשטע איז אַז די קאָנפערענץ דריקט אויס די גרעסטע אָנערקענונג צו דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, מיט איר פאָרזיצער יצחק קאָרן, און אַלע וואָס האָבן אָנטייל גענומעןביים אָרגאַניזירן די דאָזיקע היסטאָרישע פאַרזאַמלונג.

מיר רעקאָמענדירן: די דעקלאַראַציע וואָס וועט אָנגענומען ווערן היינט ביי טאָג פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, זאָל נישט בלייבן אין די שופלאָדן אָדער אויף די טישן פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, נאָר זאָל אַרויסגעגעבן ווערן קודם כל אין יידיש און אין העברעיש, און געדרוקט ווערן אין אַלע צייטונגען וואָס גייען אַרויס און דערגייען צו דעם יידיש יידישן עולם און אויב ס׳איז נייטיק אַז די דעקלאַראַ־ציע זאָל געדרוקט ווערן ווי אַנאָנסן, זאָלן געשאַפן ווערן די פאָנדן, אַז זי זאָל גע־דרוקט ווערן אין די לענדער, כדי זי זאָל דערגיין צום ברייטן עולם.

אויסער דעם רעקאָמענדירן מיר אַז די פאַרהאַנדלונגען און דעקלאַראַציעס זאָלן אויך איבערגעזעצט ווערן אין די לאַנד־שפּראַכן פון וואַנען מיר קומען, כדי זיי זאָלן דערגיין צו די יידן, צו וועלכע מיר ווילן רעדן, מיר ווילן נישט רעדן בלויז צו זיך אַליין. מיר ווילן דערגרייכן צו דעם יונגן עולם און ער לייענט ליידער נישט אונדזער מאַמע־לשון. מוזן מיר צו אים דערגיין מיט די לאַנד־שפּראַכן.

מיר שלאָגן פאָר, אַז די דעקלאַראַציע וואָס איר וועט היינט הערן, ביי דער פייערלעכער שלוס־זיצונג, זאָלן די פאַרטרעטער פון די לענדער ברענגען אַהיים, צו זיך, און זאַמלען אויף איר אונטערשריפטן פון פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן אין די באַזונדערע לענדער. פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן אַ ווירקונג אין יידישן לעבן און זיי זענען נישט אידענטיפיצירט מיט אונדזער טאָג־טעגלעכער יידישער אַרבעט, זאָלן אונטערשרייבן די דאָזיקע דעקלאַראַציע און זי זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן מיט די אונטערשריפטן פון די דעלעגאַטן, צוזאַמען מיט די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון די באַזונדערע לענדער.

די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו די באַטרעפנדיקע אינסטאַנצן אין מדינת יש־ראל, אַז יידיש זאָל אַרויסגענומען ווערן פון דער קאַטעגאָריע פון פרעמדע שפּראַכן. אַז די יידישע אוידיציעס אויף דער ישראל ראַדיאָ זאָלן פאַרלענגערט ווערן און אַז עס זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן און אויסצופירן קינסטלערי־שע פּראָגראַמען אויף דער ישראלדיקער טעלעוויזיע.

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער יידישער שרייבער, איז דער שעפער פון נייע קינסטלערישע ווערטן, וואָס דאַרפן דערגיין צו וואָס ברייטערע קרייזן, באַשליסן מיר צו שאַפן אַ געהעריקן פאָנד וואָס זאָל העלפן יידישע שרייבערס אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. דער חבר סטאָלאַרסקי האָט צוגעגרייט אַ גענויעם פּראָיעקט פון דעם דאָזיקן פונקט. די פון אונדז וואָס זענען געווען נעכטן פרי ביי דער סעסיע ווו עס

האָבן גערעדט יידישע שרייבערס, האָבן געהערט דעם ווײ־געשריי וועגן דעם, אַז נישט נאָר דאַרף מען אַריינלייגן גרויסע געלטער אויף אַרויסצוגעבן אַ בוך, נאָר מען דאַרף אויך נאָך דעם אַרומגיין און פּעדלען און פאַרקויפן דאָס בוך. זיי ווייסן ווי וויכטיק עס איז אַ סוף צו מאַכן צו דער דאָזיקער הפקרות.

מיר רעדן, פאַרשטייט זיך, וועגן אַרויסגעבן גוטע קינסטלערישע ביכער. מיר ווייסן, ס'ווערן אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער וואָס מעגן נישט אַרויסגעגעבן ווערן. מיר ווילן שאַפן אַ צענטראַלן פאָנד, וואָס זאָל אַרויסגעבן יעדן יאָר אַ צאָל קינסטלערישע יידישע ביכער. און די ביכער זאָלן דערגיין צו וואָס ברייטערע קרייזן.

און פאַר דעם צוועק, חברים, רעקאָמענדירן מיר אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ביכער־קלוב פאַר אַבאָנענטן, און יעדע דעלעגאַציע פון דעם לאַנד דאַרף זיך היינט פאַרפליכטן — נישט בלויז צו פּאַטשן בראַוואָ, נאָר צו קומען אַהיים און זאָגן צו אונדז, צו דעם קאָמיטעט וואָס וועט זיך מיט דעם פאַרנעמען: מיר פאַרפליכטן זיך צו שאַפן ביי אונדז אין לאַנד הונדערט, צוויי הונדערט, דריי הונדערט שטענדיקע אַבאָנענטן, וואָס זאָלן צאָלן 30 דאָלאַר אַ יאָר און זיי זאָלן האָבן די רעכט זיך אויסצוקלייבן אַ צאָל ביכער וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן.

מיר האָבן, אין דעם פּראָיעקט פון חבר סטאָלאַרסקי, געזאָגט אַז מיר ווילן 2500 אַבאָנענטן. ווען מיר האָבן אויסגערופן אויסטראַליע, 150 ביכער, האָט אַ דעלעגאַט פון אויסטראַליע געזאָגט: מיר וועלן קענען פאַרקויפן מער. דעריבער איז אונדזער ציל אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ שטענדיקער ביכער־קלוב, אַ יערלעכער פון 5000 אַבאָנענטן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן אונדזערע קינסטלערישע ווערק.

מיר ווילן אויך זאָגן, אַז גלייך ביי דער דאָזיקער זיצונג, האָבן זיך געמאָלדן צוויי דעלעגאַטן: איינער פון באַהאַיאַ (בראַזיל), מאַרקוס קערצמאַן, וועלכער האָט געזאָגט: איך טראָג צו 3000 דאָלאַר צו דעם פאָנד און אויך פאַר פּרעמיעס פאַר דעם בעסטן יידישן בוך וואָס דערשיינט, יעדן יאָר, ביז 120 יאָר. איז געקומען אַ צווייטער דעלעגאַט, סטוטשינסקי פון ניו־יאָרק און האָט געזאָגט: איך טראָג צו 1000 דאָלאַר פאַר דעם דאָזיקן פאָנד.

און דער פאָנד איז אָפן פאַר אייך אַלעמען ווייטער.

עס איז מעגלעך אַז מיר וועלן האָבן געוויסע רעקאָמענדאַציעס, וואָס וועלן זיך איבעררופן מיט אַנדערע קאָמיסיעס. אָבער איך בין מחויב אויף צו באַריכטן וועגן זיי: כדי צו פאַרזיכערן דעם המשך פון דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קול־טור, איז נייטיק אויסצובילדן לערערס, וואָס זאָלן צוזאַמען מיט העברעיש קענען לערנען יידיש און די מזרח־אייראָפּעישע יידישע ליטעראַטור און קולטור.

פאַר דעם צוועק דאַרפן אויסגענוצט ווערן די שוין עקזיסטירנדיקע העברעישע און יידישע לערער־סעמינאַרן אין ישראל און אין אַלע אַנדערע לענדער.

אין ישראל זאָל אויך געשאַפן ווערן אַ צענטראַלער לערער־אינסטיטוט, צו

באַדינען די שולן אין די תּפוצות, און די סטודענטן זאָלן אַרויסוויזן ליבשאַפט צו די מזרח־אייראָפּעישע יידישע קולטור־ווערטן און צום יידישן לשון.

מיר האָבן אויך באַהאַנדלט אַ צווייטע ווייטיקדיקע פּראָבלעם, און דאָס איז: ביכער וואָס בלייבן, נאָך 120 יאָר, ביי יידיש לייענערס, און די זין און טעכטער ווייסן נישט וואָס מיט זיי צו טאָן. און דאָס איז אַ ווייטיקדיקע פּראָבלעם, וועגן וועל־כער עס האָבן אָנגעוויזן לייוויק און אַנדערע אין דער יידישער פּרעסע, און מיר דאַרפן קומען צו דער וועלט מיט פּאָזיטיווע זאַכן, און מיר קענען נישט קומען און רעדן וועגן דעם. אָבער דאָ, צווישן זיך, דאַרפן מיר וועגן דעם דערמאָנען.

דעריבער לייגן מיר פאָר אַז אין יעדן לאַנד זאָלן געשאַפן ווערן צענטראַלעס, וואָס זאָלן אויפזאַמלען די דאָזיקע ביכער און זיי זאָלן זיך נישט וואַלגערן אין די גאַסן. און די דאָזיקע ביכער, נאָך אַ געהעריקן איבערקוק, זאָלן געשיקט ווערן צו עקזיסטירנדיקע שטאָטישע ביבליאָטעקן אין זייערע לענדער און שטעט, און אויך האָבן מיר געהערט נעכטן אַז אין די קיבוצים און אין די יידיש־קלובן, און אין די קלובן פון די פּענסיאָנירטע, דאָ אין ישראל, איז פאַראַן אַ הונגער נאָך יידישע ביכער.

יידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך פאַרפליכטן די דאָזיקע ספרים איבערצושיקן אין די ביבליאָטעקן און אין די קיבוצים, אַז זיי זאָלן דאָרטן האָבן אַ נוץ.

היות יידיש און יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ לימוד וואָס ווערט איצט גע־לערנט אין פיל אוניווערסיטעטן אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט, האָבן אונדז צוויי חשובע פּראָפעסאָרן, חנא שמערוק און מיכאל הערצאָג, דערקלערט אַז עס איז וויכטיק אַרויסצוגעבן אַן אַרומנעמענדיקע ביבליאָגראַפיע וואָס זאָל וויזן וואָס פאַרא אוצרות זענען געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך. פּראָפ. שמערוק האָט אונדז געוויזן אַז די דאָזיקע אַרבעט איז שוין פּראַקטיש אָנגעהויבן געוואָרן, עס זענען מיקראָפילמירט געוואָרן צענדליקער ביכער פון די ערשטע 200 יאָר פון יידיש שאַפונג, און די אַרבעט דאַרף ווייטער געטאָן ווערן אין פאַרבינדונג מיט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, מיט דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, מיט ייוו״אָ און מיט אַלע אַנדערע וויסנשאַפטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידישער קולטור.

מיר האָבן געהערט צענדליקער פּראָיעקטן און יעדער פּראָיעקט דאַרף האָבן מיט וואָס אים דורכצופירן. דעריבער דאַרפן די דעלעגאַציעס פון די באַזונדערע לענדער אויסאַרבן אַ דרוק אויף די קהלישע פאָנדן פון זייערע לענדער, אַז יידיש און יידישע קולטור טעטיקייטן זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין די בודזשעטן פון זייערע קהילות, כדי צו העלפן פינאַנסירן די פּלענער און פּראָיעקטן וואָס מיר האָבן דאָ אויסגע־אַרבעט, די צו שטאַרקן יידיש און יידישע קולטור.

אָנערקענענדיק דעם פאַקט אַז יידיש ווערט געלערנט אין די אוניווערסיטעטן פון מדינת ישראל און עס מערקט זיך אַן אינטערעס צווישן אַ טייל פון דער ישראל־יוגנט צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, באַשליסט די קאָנפערענץ צו שאַפן

אַן אַרומנעמענדיקן העברעיש-יידישן און יידיש-העברעישן ווערטערבוך וואָס זאָל געבן אַ שליסל צו אונדזערע רייכע קולטור-אוצרות.

מיר באַגריסן דעם ישראלדיקן בילדונגס-מיניסטעריום, פאַר אָננעמען דעם באַשלוס צו אָנערקענען יידיש און אויך לאַדינאָ, ווי צוויי אויסוואַל-שפּראַכן צו די מאַטורע-עקזאַמענס. מיר האָפן אַז דאָס איז נאָר דער ערשטער שריט איינצושליסן יידיש און די מזרח-אייראָפּעישע יידישע קולטור ווי אויך די קולטור פון די מזרח-עדות, אין דעם דערציאונגס-סיסטעם פון מדינת ישראל.

מיר ווענדן זיך צו די דירעקטאָרן פון די מיטלשולן, אַז זיי זאָלן העלפן רעאַליזירן אין זייערע לערן-אַנשטאַלטן די אויבן-דערמאָנטע באַשלוסן פון ישראלדיקן בילדונגס-מיניסטעריום.

פריינד שניידערמאַן איז געקומען מיט אַ פּראָיעקט, אַז עס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן אַ מאָדערנע יידישע איבערזעצונג פון סידור און פון מחזור. חברים, ווידער דאָס זעלבע: מיר מוזן אויפהערן רעדן צו זיך אַליין. און אין די שולן, אין טעמפּלס, אין בתי מדרשים זאַמלען זיך איצט מיליאָנען יידן איבער גאָר דער וועלט. מיר האָבן געזען אַ סידור פון לאָס-אַנדזשעלעס, וווּ אַ רב האָט אַריינגעפירט יעקב גלאַטשטיינס אַ ליד ווי אַ תפילה.

און פריינד שניידערמאַן, וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט פיל שיכטן אין דער יידישער באַפעלקערונג, און אויך מיט די רעליגיעזע, איז געקומען און האָט אונדז געזאָגט: ער האָט גערעדט מיט פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן פון דער רבנישער און פון דער רעליגיעזער וועלט. זיי וואָלטן אויפגענומען אַזאַ איבערזעצונג מיט גרויס פרייד.

פריינד שניידערמאַן האָט אונדז אויך געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּריוואַטן פאַרלעגער וואָס וויל אַרויסגעבן אַזאַ איבערזעצונג פון סידור און מחזור, האָבן מיר געזאָגט: מיר שטימען צו אַז עס זאָלן אַוועקגעזעצט ווערן ספּעציאַליסטן וואָס זאָלן די דאָזיקע אַרבעט טאָן.

חברים, איך האָב אייך געזאָגט אַז 47 רעדנער האָבן פאָרגעשלאָגן פאַרשידענע פּראָיעקטן און יעדער איינער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט ברענגען איין פּראָיעקט, נאָר איינער האָט אַפילו געבראַכט זיבן. מיר וועלן נישט קענען ברענגען אַלע פּראָיעקטן. מיר וועלן זיי איבערגעבן דעם פּרעזידיום, נאָר בלויז נאָך עטלעכע. עס מוזן פאַרענדיקט ווערן די אָנגעהויבענע אַרבעטן וואָס זענען נישט פאַרענדיקט און דאָס איז דאָס אַרויסגעבן דעם גרויסן יידישן ווערטערבוך, דעם לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, און זלמן זילבערצווייגס טעאַטער-לעקסיקאָן, וואָס געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט און ער ווערט נישט אַרויסגעגעבן.

עס איז פאַראַן אַ ווענדונג פון פאַרבאַנד פון עולים פון ראַטנפאַרבאַנד און צו די אינסטאַנצן וואָס פירן די אַרבעט צווישן די עולים, אַז עס זאָל געפירט ווערן מער טעטיקייטן אין יידיש. עס איז פאַראַן אַ פאַרלאַנג אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ צענטראַלע רעפערענטן-ביוראָ צו באַדינען די ישובים פון דער וועלט.

עס איז דאָ אַ פאָרשלאָג אַז די באַזונדערע דעלעגאַציעס זאָלן טראַכטן וועגן דורכפירן אין זייערע לענדער אויסשטעלונגען, וואָס זאָלן ברענגען צום אויסדרוק די יידישע ליטעראַטור און קונסט, פּלאַסטישע קונסט, די יידישע מוזיק, נישט נאָר פון אַמאָל, נאָר די וואָס ווערט איצט געשאַפן, כדי צו באַווייזן אַז יידיש און יידישע קולטור אין אַלע אַספּעקטן איז אַ לעבעדיקע שאַפונג.

חברים, ווי איך האָב געזאָגט, עס זענען פאַראַן נאָך און נאָך פּראָיעקטן, אָבער מיר וועלן זיי איבערגעבן צו דעם פּרעזידיום, מיר ווילן אָבער נאָכאַמאָל ווינטשן אַז מיר אַלע וואָס זענען געקומען דאָ אַהער מיט גרויסע האָפענונגען, זאָלן זיך באַטיי־ליקן ביי דעם רעאַליזירן די דאָזיקע האָפענונגען. אַ שיינעם דאַנק.

(רעזאָלוציע — זע זייט 241)

אין די ווייטערדיקע דעבאַטן איבער די רעזאָלוציעס זענען אַרויסגעטרעטן אַ היפּשע צאָל דעלעגאַטן מיט פאַרשידענע באַמערקונגען און פאָרשלאָגן. צווישן זיי : דעגאַל (פאַראייניק־טע שטאַטן), דער קינסטלער משה בערנשטיין (ישראל), דער דיכטער יוסף קערלער (ישראל), די דיכטערין רחל בוימוואָל (ישראל), דער דיכטער זיאַמע טעלעסין (ישראל), שרה געצאָוו (פאַראייניקטע שטאַטן), חיים וויינשטיין, שמואל מילמאַן (פאַראייניקטע שטאַטן), ב. גוּבינער (פאַראייניקטע שטאַטן), ש. קערנער (פראַנקרייך), קלאַראַ קאַלמאַנאָוויטש (בראַזיל), מענדל גליקסמאַן (פראַנקרייך), יצחק גוטערמאַן (בראַזיל), י. גלוזמאַן (ישראל), ישראל סטאָלאַרסקי, דוד אליהו פישמאַן (יוגנט־גרופּע), יעקב ראַטשטיין און אַנדערע.

שלוש־סעסיע

פאַרזיצער: **יצחק קאָרן,** וויצע־פאַרזיצער: **הערשל אָסטראָוו**

חשובע דעלעגאַטן, געסט,

דער ערשטער טייל פון אונדזער שלוס־סעסיע איז געווידמעט דער פאַרטיילונג פון דעם פּרייז פון ראש הממשלה פאַר אַ יידישן שרייבער. דער פרייז איז געשאַפן געוואָרן דורך גאָלדע מאיר, ווען זי איז געווען ראש הממשלה. איך וויל באַגריסן גאָלדען און באַטאָנען אַז זי איז זייער נאָענט צו דער טעמאַטיק וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט במשך פיר טאָג. איך גלויב אַז מיר וועלן אויך הערן איר מיינונג וועגן אונדזערע פּראָבלעמען.

וויל איך זאָגן נאָר איין וואָרט וועגן דער פּערזענלעכקייט פון גאָלדע מאיר. ס'איז אפשר סימבאָליש, וואָס אָט די פיגור האָט אַ גוואַלדיקן אָנזען נישט נאָר אין ישראל, נאָר אויך אויסער מדינת ישראל און אין דעם גאַנצן יידישן פאָלק. איך מוז זאָגן אַז אַסך מאָל פרעג איך מיר: פאַרוואָס איז דער בוים אַזוי צעבליט און צעוואַקסן? און איך ענטפער מיר: ווייל די וואָרצלען פון דעם בוים זענען שטאַרקע און טיפע. גאָלדע איז טיף פאַרבונדן מיט יידישער קולטור, מיט יידישקייט, מיט נאַציאָנאַלער גייסטיקייט. פאַר אונדז איז גאָלדע אַ גוואַלדיקע דערשיינונג.

דעריבער האָבן מיר זייער געוואָלט אַז צום שלוס פון אונדזער וועלט־קאָנפערענץ זאָל גאָלדע זיין מיט אונדז. איך מיין אַז די זשורי, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי באַקאַנטע שרייבער — יאַנאַסאָוויטש, יונגמאַן און מיכלי — האָט געמאַכט אַ וווּנדערלעכן אויסוואַל, ווען זיי האָבן באַשטימט דעם דיכטער אברהם סוצקעווער אַלס חתן הפרס פאַר דעם דאָזיקן יאָר.

עס איז אַ גרויסע ריזיקע פאַר מיר צו רעדן וועגן דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט פון סוצקעווערן. איר וועט הערן די מאָטיוון און באַשלוסן פון דער זשורי. אָבער איין זאַך מוז מען און מען דאַרף אָנערקענען, אַז די דיכטונג פון סוצקעווערן איז טיף פאַרוואָרצלט אין דעם יידישן לעבן פון נעכטן, אין דער תקופה פון פאַרניכטונג און פון היינט, דער תקופה פון גאולה. דערפאַר איז סוצקעווער אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די פּראָמינענטע פיגורן אין דער וועלט־פּאָעזיע.

מ'האָט נישט לאַנג געשריבן אַז סוצקעווערס פּאָעזיע און די אויפנאַמע וואָס זי האָט באַקומען אויף דעם סימפּאָזיום אין האָלאַנד, איז אַן איינטריטס־קאַרטע צום אַריינגאַנג צווישן די קאַנדידאַטן אויף נאָבעל־פּרייז. ווען עגנון ז״ל האָט באַקומען דעם פּרייז, איז דאָס נישט געווען זיין פּריוואַטער דערפאָלג. דאָס יידישע פאָלק, אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לאַרץ, איז געווען גליקלעך און ווען מען

דערמאָנט די זאַך אַז סוצקעווער איז געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור אין דער אַלגע־מיינער וועלט־שאַפונג, איז דאָס אונדזערס אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דערגרייכונג.

איך וועל בעטן דעם דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַז ער זאָל איבערלייענען די מאָטיוון פון דער זשורי וואָס האָט באַשלאָסן אַז אברהם סוצקעווער זאָל באַקומען דעם פּרייז פון ראש הממשלה פאַרן יאָר 1976.

יצחק יאַנאַסאָוויטש לייענט די מאָטיוון פון דער זשורי אין דער פערטער פאַרטיילונג פון פרס ראש הממשלה דעם דיכטער אברהם סוצקעווער.

די זשורי, וואָס האָט איינשטימיק באַשלאָסן צוצוטיילן דעם הייאָריקן פּרייז פון ראַש הממשלה דעם דיכטער אברהם סוצקעווער, האָט אין איר באַשלוס זיך געשטיצט אויף די פאָלגנדיקע מאָטיוון:

1) אברהם סוצקעווער איז איינער פון די גרויסע און אָריגינעלע יידישע דיכטער נישט נאָר אין אונדזער דור, נייערט אויך אין די דורות ביז צו אונדז. דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז דעם נאָמען פון אַ גרויסן און אייגנאַרטיקן דיכטער האָט ער זיך דערוואָרבן נישט נאָר אויף דער יידיש־ליטעראַרישער גאַס, נאָר אויך צווישן די פּאָעזיע־קענער און פּאָעזיע־ליבהאָבער פון דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, ווי דאָס האָט קלאָר באַוויזן זיין גרויסער דערפאָלג אויף דעם צווישן־פעלקערלעכן פּאָעזיע — יום טוב, וואָס איז הייאָר פאָרגעקומען אין ראָטערדאַם, האָלאַנד.

2) אין דער פּאָעזיע פון אברהם סוצקעווער זענען אויף אַ בולטן אופן פאַרקריצט די איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אינספּירירט זיין שאַפן און היות דער גורל האָט אים באַשערט צו זיין דער איבערלעבער און מיטלעבער מיט די גרעסטע און וויכטיקסטע געשעענישן פון זיין פאָלק אין די לעצטע 50 יאָר, איז זיין פּאָעזיע געוואָרן די אין פּיין און אין פייערן געלייטערטע מגילה, וואָס אין איר איז לדור דורות פאַרפיקסירט געוואָרן אַ קאַפּיטל געשיכטע — און אפשר טאַקע איינס פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע — אויף דער קאַמפּס־אַרענע פון אונדזער געבענטשטער און פאַרשאָלטענער ערד.

3) אויב ס'איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז דער שר של שירה גיט איבער יעדן דיכטער אויסצופירן נאָר איין שליחות פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין ליטעראַטור, מוזן מיר פעסטשטעלן אַז אברהם סוצקעווערן זענען דורך דעם דאָזיקן שר אַנגעטרויט געוואָרן צוויי שליחותן. וואָרים סוצקעווער איז דער קינסטלער וואָס אים איז באַשערט געוואָרן צו פאַראייביקן אין פּאָעטישן וואָרט־בילד דעם טראַגישן אומקום פון יידישן לעבן אין

מזרח־איירָאפּע און אים איז אויך געגעבן געוואָרן די זכיה צו זיין דער אויטענטישער זינגער וועגן דעם הערָאאישן אויפקום פון אַ ניי יידיש לעבן אין דער אויפסניי־אַנטשטאַנענער מדינת ישראל. אמת איז, אַז כמעט אַלע יידישע דיכטער אין דער גאָרער וועלט האָבן אין זייערע שאַפונגען אַרויס־געבראַכט אָט די צוויי ווידעראַנאַנדיקע געשעענישן אין לעבן פון יידישן פאָלק, אָבער אברהם סוצקעווער, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע פון אונדזערע גאָר גרויסע, איז געווען דער, וואָס האָט די שליחות אויסגעפירט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט, טיפקייט און שלימות, אַז ער איז באמת געוואָרן דער מוסטער און די מאָס פאַר דער פּאָעטישער שאַפונג פון אונדזער דור.

4) נישט געקוקט דערויף וואָס דער דיכטער אברהם סוצקעווער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן אַזעלכע שאַרף־קאָנטראַסטיקע געשעענישן און איבערלעבונגען און האָט דערפאַר אויך אין זיין שאַפן געמוזט דורכ־מאַכן אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע טעמאַטישע מעטאַמאָרפאָזעס, איז ער אָבער אין אַלע זיינע גילגולים פון גורל געבליבן דער זעלביקער פעסט־שטאַמיקער פּאָעט וואָס שעפּט די ווערטער פאַר זיינע וויזיעס און די קלאַנגען פאַר זיינע ניגונים פון זיין אייגענעם האַרץ־ברונעם, פון זיין אייגענעם קוואַל — פון אָט דעם אייגענעם אינדיווידועלן, שפרודלדיקן קוואַל, וואָס איז באַזיגלט מיט דער חתימה: אברהם סוצקעווער.

5) קיין שום גרויסער פּאָעט איז נישט קיין זוכה מן ההפקר. אָבער אברהם סוצקעווער געהערט צו די דאָזיקע פּאָעטן, וואָס האָט פון זיין אָנהויב אָן געטרעטן אויף אַן אייגענעם וועג, וועלכער איז געווען לגמרי אַנדערש פון די וועגן אויף וועלכע עס זענען געגאַנגען די פּאָעטן ביז אים און אויך די פּאָעטן פון זיין צייט. סוצקעווער האָט געבראַכט מיט זיך נישט נאָר אַן אייגענע מוזיק, נייערט אויך אַן אייגענעם אינסטרומענט אויף אויסצושפּילן די דאָזיקע נייע מוזיק; נישט נאָר אַן אייגענע וויזיע, נאָר אויך אַן אייגן וואָרט ווי אַזוי די דאָזיקע וויזיע וואָס פולער און וואָס געטרייער צו געשטאַלטיקן. אברהם סוצקעווער האָט דעריבער גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליפאָנישער מוזיק וואָס עס לאָזט אונדז הערן דער פילפאַרביקער אָרקעסטער פון דער יידישער דיכטונג און נישט קיין וואונדער וואָס סיי יידישע סיי נישט יידישע דיכטער באַטראַכטן אים ווי אַ מוסטער און ווי אַ מייסטער. סוצקעווערס באַליבטקייט ביים פּאָעזיע־לייענער נעמט זיך אויך פון דעם, וואָס מען דערפילט דאָס נסתרדיקע וואָס איז פאַראַן אין זיין ניגלה, דאָס איראַציאָנאַלע וואָס ער כאַפּט אויף אין דער רעאַליטעט און דאָס געהיים־מיסטישע וואָס ער בישופט פאַר אונדז אַרויס מיט ווערטער און בילדער, סיי אין זיין ליד און סיי אויך אין זיין פּראָזע.

צוטיילנדיק דעם פּאָעט אברהם סוצקעווער די פּרעמיע פון ראש

הממשלה פאַרן יאָר 1976 ווינטשן מיר אים אַז ער זאָל נאָך אַ סך יאָרן ווייטער שפּאַנען אויף זיין געבענטשטן שעפערישן וועג און זאָל באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור מיט די דאַזיקע ווערטן וועלכע ער איז מסוגל אַרויס־צוברענגען אין זיין שאַפונג.

די שרייבער זשורי
(—) יצחק יאַנאַסאָוויטש
(—) משה יונגמאַן
(—) ב. י. מיכלי

תל־אביב, מנחם אב, תשל״ו

יצחק קאָרן:

איך וועל בעטן אַז גאָלדע מאיר זאָל איבערגעבן סוצקעווערן דעם פּרייז. אָן ספק איז דאָס אַ רירענדיקער מאָמענט און איך וויל בעטן גאָלדע מאיר זי זאָל זאָגן וואָס זי וויל אונדז לאָזן הערן:

גאָלדע מאיר

מיין גוטער חבר סוצקעווער, חבר קאָרן, חברים פון דער זשורי, חברים און גוטע פריינד.

קודם כל וויל איך אייך זאָגן אַז עס פאַרדריסט מיר זייער וואָס צוליב פאַר־שידענע סיבות וועלכע איך האָב נישט געקענט ענדערן, בין איך נישט געווען דאָ אויף דער קאָנפערענץ און גלויבט מיר אַז איך וואָלט דאָ זייער־זייער געוואָלט זיין.

איך האָלט אַז אייער צוזאַמענקום דאָ אין ישראל אויף דער קאָנפערענץ, דאַרף ברענגען דערצו אַז מיר זאָלן נעמען טראַכטן וואָס עס טוט זיך ביי אונדז, וווּהין גייען מיר און ווי ווײַט זענען מיר שוין פאַרפאָרן. אָט די טראַכטעניש דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן וואָס מיר דאַרפן איצט אין אונדזער לעבן און ווען איך זאָג „אין אונדזער לעבן״, זאָג איך קיינמאָל נישט מיינענדיק בלויז ישראל. פאַר מיר עקזיסטירט נישט ישראל אָן דעם יידישן פאָלק און פאַר מיר עקזיסטירט נישט דאָס יידישע פאָלק אָן ישראל.

איך האָלט אַז דער ייד, סוצקעווער, איז ווי עס זאָגט קאָרן, אַ וויכטיקער פּאָעט, אַפילו ביי די גויים. אָבער פאַר מיר איז ער עפּעס מער. עס גייט אַוועק אַמאָל אַ סך צייט וואָס מ׳טרעפט זיך נישט — און פונדעסטוועגן, זייט 1945, 1946, זע איך אָט דעם ייד אַלס אַ סימבאָל פון דאָס וואָס איז, וואָס איז געווען און וואָס עס וועט זיין.

אָט פּרוּוו איך זיך דערמאָנען: אין 1946, נאָך דער שואה, נאָך דער וועלט־מלחמה, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער הנהלת הסוכנות אין פּאַריז. פאַרוואָס אין פּאַריז? ווייל מען האָט דעמאָלט אַרעסטירט די גאַנצע פירערשאַפט אין לאַנד און בן־גוריון איז געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, און מען האָט געדאַרפט פון דאַנען מיט אַלע כוחות אים איינהאַלטן אין פּאַריז, ווייל מיר זענען געווען זיכער אַז ער וועט גיין גלייך פון עראָפּלאַן אין לאַטרון,

בעת דער פאַרטיילונג פון דער ראש הממשלה־פּרעמיע.

פון רעכטס אויף לינקס: אברהם סוצקעווער, גאָלדע מאיר, יצחק קאָרן, יצחק יאַנאַסאָוויטש, משה יונגמאַן, לייב ראָכמאַן.

און לאַטרון איז שוין דאָן געווען גאַנץ נישט קשה באַזעצט און מען האָט נישט געדאַרפט האָבן דווקא נאָך איינעם.

זענען מיר געפאָרן קיין פאַריז. דאָס איז געווען נאָך דעם וואָס מיר האָבן גערופן „דער שוואַרצער שבת", ווען מען האָט אויפגעקליבן די יידן פון דער הנהלת הסוכנות, פון ועד לאומי — טויזנטער, פון קיבוצים און מושבים און זיי אַוועקגעשיקט אין רפיח, אין לאַטרון, אין עתלית. מיר האָבן דאַמלסט אויך זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון: וואוהין מען גייט און וואָס ס'איז אונדזער כוח? דער שבת האָט געוויזן אַז כאָטש די ענגלישע אימפּעריע איז אָפּגעשוואַכט, אָבער מיט אונדזער „אימפּעריע" קען זי זיך נאָך אַן עצה געבן.

מיר האָבן געזען, ווי זאָגט מען אין אַ גוטן מאַמישן יידיש — באַשיימפּערלעך ווי דאָס אַלץ קען צעשטערט ווערן אין משך פון שעהען אפילו, נישט נאָר פון טעג.

וואָס עס האָט זיך דאָן געפּאַדערט פון דער פירערשאַפט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און בכלל פון יידישע פירער, אפשר אויך יידישע מאַסן, איז געווען אַ סך חוצפּה צו גלייבן אַז מיר קענען שטיין קעגן דער בריטישער אימפּעריע. הונדערט טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן זענען דאָן געווען אין לאַנד. און ווען מען האָט אין יגור דאָן געפונען דאָס באַהאַלטענע געווער אונדזערס, איז דאָס געווען נישט נאָר אַ ווייטיק, נאָר עס איז געווען אַן אָנשטענדיקער פּראַצענט פון דעם כלי זין וואָס מיר האָבן געהאַט אין לאַנד בכלל.

אונדזער „גוטער פריינד" בעווין, זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, האָט אונדז דאָן איינגעלאַדן קיין לאָנדאָן און מיר האָבן געזאָגט: ניין, נישט אונטער אַלע אומשטענדן וועלן מיר גיין, סיידן עס וועט זיך האַנדלען וועגן אַ יידישער מדינה. און אויף דעם פּאָן טרעף איך זיך מיט דעם יידן סוצקעווער אין פאַריז. איך בין זיכער אַז יעדער איינער פון אייך וואָס איז נישט געווען אין דער שואה, לעבט איבער דאָס זעלביקע וואָס איך האָב איבערגעלעבט דאָן, ביים טרעפן זיך מיט אַ יידן, פון דאָרטן, פון יענער וועלט.

שטענדיק איז דאָ אַביסל שרעק! ווי שטייט מען פאַר אַ מענטשן וואָס איז דורכגעגאַנגען אַזאַ גיהנום? וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט מען מיט אים? ווי גייט מען צו צו אים? ווי און וואָס מעג מען אים זאָגן? וואָס טאָר מען נישט זאָגן?

און דאָ טרעף איך דעם יידן וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט און ער גרייט זיך קיין ארץ־ישראל, און אַן אַ טראָפּן פון ביטערקייט, אָן אַ טראָפּן פון יאוש, אָן אַ טראָפּן פון צווייפל, אַז אפשר זאָל ער נאָך דעם אַלעם וואָס ער האָט איבער־געלעבט פאָרן ערגעץ זיך אַביסל אָפּרוען?

סוצקעווער און זיינע חברים האָבן זייער גוט געוווּסט וואוהין זיי פאָרן. עס איז נישט אויף אָפּרוען זיך. ס'איז נישט אַ לאַנד אָן דאגות, אָן געפאַר. און טראָץ דעם — אָן אַ שמץ פון צווייפל. דער וועג איז קלאָר. דאָס דאַרף מען.

סוצקעווער איז דורכגעגאַנגען אַלע עטאַפּן און ווייען פון דער קליטה. כאָטש מען האָט אים אויפגענומען זייער גוט און מען האָט אים זייער ליב געהאַט און

מען האָט געוווּסט ווער ער איז און וואָס ער איז. איך האַלט אַז סוצקעווער איז דער סימבאָל פון צוויי זאַכן: א) נישט פאַרשאַפן קיין נחת־רוח דעם שונא (און ווען האָבן מיר נישט געהאַט קיין שונא?) אַז עס זאָל אים געלינגען אונדז צו ברעכן. קלעפּ, ווייטיקן, פּחד, צרות, געוויין — אַלץ יאָ, אָבער ברעכן אונדז? — דאָס נישט. און ב) וויסן אַז דאָס איז אונדזער גורל און פון אַן אייגענעם גורל אַנטלויפט מען נישט. און דער גורל פון יידישן פאָלק איז הונדערט פּראָצענט, נישט 99 פּראָצענט, נאָר הונדערט פּראָצענט, פאַרבונדן מיט דעם קיום פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט אין אונדזער היימלאַנד.

דאַרף מען צוליב דעם נעמען אויף זיך נאָך יסורים, נאָך צרות, נאָך קלעפּ, אָבער אויב מען בלייבט שטיין און מען ווערט נישט צעבראָכן, איז אויך דאָ דער אַבסאָלוטער גלויבן, אַז סוף סוף וועלן מיר דערגיין. דער עיקר — נישט אַוועקלויפן פון דער מדינה, נישט פון דעם יידישן פאָלק, ווייל פון אַ גורל, פון אַ פאָלק, פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק, פון דער אויפגאַבע פון אַ פאָלק — קען מען נישט אַוועקלויפן. מען קען זיך באַהאַלטן אויף אַ ווײַלע, אָבער נישט אויף לאַנג.

איך האַלט אַז סוצקעווער מיט זיין שאַפן אין יידיש, ווערט דער סימבאָל פון יידישער שאַפונג אין ישראל. דאָס האָט ער, לויט מיין מיינונג, אויפגעטאָן און מען קען עס בכלל נישט אָפּשאַצן. ער און דאָס יידישע שאַפן דאָ אין ישראל האָבן דערמעגלעכט אָט דעם צוזאַמענקום. איך בין זיכער אַז דער גייסט וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון סוצקעווערן און אַנדערע יידישע שרייבער האָבן דאָס דערמעגלעכט.

אַ סך קאָנפערענצן קומען איצט פאָר אין ישראל. אַלע זענען וויכטיק און מיר פרייען זיך מיט אַלע. אין אַזאַ וועלט, אין דער „אַנטשטענדיקער" וועלט אין וועלכער מיר לעבן, וווּ אידיי אַמין איז כשר און ציוניזם און יידיש פאָלק זענען טריף, איז יעדער צוזאַמענקום אין ישראל, אין ירושלים, וויכטיק, פּאָליטיש וויכטיק, מענטשלעך וויכטיק. אָבער דוכט מיר אַז דאָ האַנדלט זיך — און איך האָב נישט ליב קיין מליצות, אָבער איך מיין אַז מען מעג דאָס זאָגן — אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסער, היסטאָרישער געשעעניש.

וואָס איז דער אויפטו פון דעם צוזאַמענטרעף? איך האָף אַז איך מאַך נישט קיין טעות: סיי פאַר אונדז אין ישראל, סיי פאַר אייך אין די גלות לענדער, איז קלאָר געוואָרן אַז קיין צעשיידקייט צווישן אונדז קען מער נישט זיין. נישט אין מעשים, נישט אין דעם ציל צו וועלכן מיר שטרעבן און צו וועלכן מיר דאַרפן דערגיין. נישט היינט און נישט אין דער צוקונפט וועט דאָס יידישע פאָלק קענען לעבן פון און אין איבערזעצונגען...

איך האָב געלייענט אין צייטונג אַז אַ פיינער געלערנטער, אַ ייד וואָס איז געווען אויף דער קאָנפערענץ, האָט געזאָגט: מ׳קען אויך אין אַנדערע שפּראַכן זיין אַ ציוניסט. זיכער קען מען. אַן אינטעליגענטער מענטש מיט פאַרשטענדעניש פאַר געשיכטע, קען זיך אַוועקזעצן, לייענען וויכטיקע ביכער, הערן אינטערעסאַנטע פאַרטראָגן און ווערן אַ ציוניסט.

איך גלויב אַז מען קען אויסלערנען קינדער אַז זיי זאָלן ליב האָבן דער מאַמען. אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַז קליינע קינדער זאָלן לויפן צו דער מאַמען און זיך צוקלעפּן צו איר און שפּילן זיך מיט איר אין אַן איבער־געזעצטער שפּראַך. די פיינסטע איבערזעצונג איז נישט דער אָריגינאַל. איר ווייסט וואָס ? עס קען זיין אַמאָל אַז די איבערזעצונג איז נאָך בעסער ווי דער אָריגינאַל, אָבער דער אָריגינאַל איז עס נישט. עס איז אַ שמחה אַז מיר קענען אין ישראל זיין אויף אַזאַ קאָנפערענץ. איך דערמאָן זיך דעם שפּראַכן־קאַמף מיט 40 יאָר צוריק: יידיש אָדער עברית. איך ווייס נישט צי דאָ זענען פאַראַן חברים פון די לינקע פּועלי־ציון אין ישראל. אויב יאָ וועלן זיי זיך דערמאָנען דעם אַראַבער וועלכער האָט זיך באמת אינגאַנצן אַסימילירט און געוואָרן איינער פון אונדז, אויף אַזוי פיל אַז ער איז אַריין צו די לינקע פּועלי־ציון און ער האָט געקעמפט, צוזאַמען מיט ערעמען פאַר יידיש אין ישראל, און ערעם, קומענדיק אַמאָל קיין אַמעריקע — דוכט זיך פאַר דעם מגבית פון הסתדרות, האָט מיטגענומען האָט דעם חבר, דעם אַראַבער וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש און ער האָט געטענהט צו יידן אין אַמעריקע, אין די דרייסיקער יאָרן, אַז מען פאַרפאַלגט יידיש אין ארץ־ישראל און ער האָט געזאָגט אַז די שפּראַך פון ארץ־ישראל דאַרף זיין יידיש...

איך בין זיכער אַז ער האָט עס געמיינט. ער האָט זיך עס אויסגעלערנט פון ערעמען. ער האָט זיך עס אויסגעלערנט פון אַנדערע גוטע חברים פון פּועלי־ציון. ער האָט געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן, ליב געהאַט זיינע חברים, זיי האָבן זיך גוט באַצויגן צו אים. דער סאָציאַליזם זייערער איז אים געפעלן געוואָרן. האָט ער עס געפּריידיקט. אָבער דאָס איז געווען איבערגעזעצט.

איך בין צופרידן וואָס מיר קענען היינט זיך טרעפן דאָ, און רעדן נישט וועגן פאַרשידענע קולטור־פראַגן, העברעישע און יידישע, נאָר רעדן וועגן קולטור־פראַגן פון יידישן פאָלק.

אונדזער לאַגע איצט איז אַזאַ, אַז עברית האָט זיך באַפעסטיקט. מיר האָבן וועגן עברית קיין מורא נישט. אָבער וועגן יידיש — ציטערט דאָס האַרץ. די קינדער אייערע רעדן יידיש ? די אייניקלעך רעדן יידיש ? די יונגע מענטשן אין אייער משפחה לייענען סוצקעווערן ? מיינע קינדער קענען יידיש. אין מיין צייט איז געווען זייער אַ גוטער חבר, און איך באַדויער וואָס ער איז שוין נישט מיט אונדז. איינמאָל האָט ער מיך געטראָפן און געזאָגט: מען זאָגט אַז דו רעדסט מיט דיינע קינדער יידיש, אָבער קיין עברית רעדסטו נישט. ער האָט נעבעך נישט געוווּסט אַז איך האָב דאַן נאָך נישט געקענט רעדן קיין עברית אַפילו ווען איך וואָלט וועלן. אָבער נישט נאָר דאָס. איך האָב בפירוש געוואָלט אַז מיינע קינדער זאָלן קענען יידיש.

דאָ איז דער מצב אַזוי אַז די יוגנט וואָס קען נישט קיין יידיש, קען עברית, רעדט עברית, לייענט עברית. אָבער אין גלות ווי איז עס ? איך האָב געזאָגט אַ חכמה און עס איז אויף צו וויינען, נישט אויף צו לאַכן: עס האָבן געקעמפט העב־

רעאיסטן מיט יידישיסטן, און דער רעזולטאַט איז נישט יידיש — נישט עברית. אַ פשרה? די פראַגע איז: זענען מיר גרייט אַז דער וועג זאָל זיין אַ גלאַטער פאַר דער אַסימילאַציע און צו אַנטלויפן פון יידישן פאָלק, און גלויבט מיר — עס האָט נישט צו טאָן נאָר מיט רעליגיע. ניין, נישט נאָר מיט רעליגיע. עס האָט צו טאָן מיט דער צוקונפט פון יידישן פאָלק. עס האָט צו טאָן מיט די קינדער פון אַ געמישטער פּאָר. וואָס וועט זיין פון דעם יידישן פאָלק אין נאָך אַ דור, אין נאָך צוויי דורות?

און דאַן פרעג איך זיך, און עס פרעגט זיך מסתמא יעדער ישראלי: וואָס טוט זיך מיט דעם יידישן פאָלק? פינף מלחמות אין 28 יאָר. ענטפער איז גאָרנישט. דאָס איז סתם אַ וועלט־רייזע... איז פאַראַן איין ישראלדיקער וועלכער וועט אייך גאַראַנטירן אַז מער וועט קיין מלחמה דאָ נישט זיין? קענען מיר קוקן אונדזערע קינדער אין די אויגן און זאָגן אַז זיי זענען שוין אַלץ דורכגעגאַנגען? קענען מיר קוקן אין די אויגן פון די אייניקלעך און זאָגן: קינדער טייערע, מלחמות — מער נישט, איר נישט? דאָס וועט דאָך זיין אַ ליגן.

און דאָס אַלץ — צוליב וואָס? צוליב דעם אַז עס זאָל זיין עפּעס אַ ישראל, לאָמיר זאָגן אַז זי וועט זיין אַ שיינע ישראל און אַ פיינע ישראל און מען וועט פון איר הנאה האָבן אַז מען וועט קומען אויף טוריזם. און דאָס אַלץ נאָך דעם וואָס עס איז געווען, נאָך דער שואה?

עס איז דאָ אַ מדינה און יידן קומער נישט און יונגוואַרג גייט אַוועק. דאָס איז געווען דער חלום? און פאַר דעם חלום צאָלן די בעסטע פון אונדזער יוגנט מיטן לעבן, כדאי? מיר דוכט זיך — יעדנפאַלס, איך וויל, פאַרשטיין אָט דעם צוזאַמענקום, אַז דאָס איז אַ סך מער ווי לערנען יידיש אָדער עברית אָדער צוזאַמען אָדער מער עברית אָדער מער יידיש.

איך האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק באַקומען אַ בריוו פון דער מועצה לתרבות ולאמנות במשרד החינוך. מען שרייבט מיר אַז עס איז פאַראַן אַ מחשבה צו עפענען אין ישראל אַ יידיש טעאַטער. און זיי פרעגן מיך וואָס מיין איך וועגן דעם. איך געדענק צייטן ווען קיינער וואָלט נישט געהאַט די העזה וועגן אַזאַ זאַך צו טראַכטן. אָבער אויב איך וויל זיך זאָגן דעם אמת, און נאָר דאָס קען איך זאָגן אייך: יידן — און עס איז דאָ אַ שרעקלעך ליד: דאָס שטעטעלע ברענט. איך זאָג נישט אַז ישראל, חס וחלילה, איז אין סכנה, אַז עס ברענט און איך זאָג נישט אַז פיזיש שטייען יידן אין גלות אין געפאַר, אָבער עס ברענט, עס איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט פון אָט דעם פאָלק וואָס איז נישט צעבראָכן געוואָרן, נישט אין דער אינקוויזיציע, נישט ביים צאַריזם, נישט אין קאָמוניזם פון רוסלאַנד, נישט פון היטלעריזם. פרייווויליק, פשוט פרייווויליק גיט עס זיך איבער צו דער סכנה אַז אין נאָך אַ דור, אפשר צוויי דורות, זאָל זיך ענדיקן די יידישע געשיכטע.

איך האָב געהאַט די העזה צו זאָגן די יונגע בחורים וועלכע זענען געקומען צוריק פון דער יום כיפור מלחמה: חבר'ה, אויב איך האָב אַ תפילה, איז דאָס

איינע: אַז אַ שעה פאַרן טויט זאָל איך קענען זאָגן: איך בין זיכער אַז מער קיין מלחמות וועלן נישט זיין. דערווייל קען איך דאָס נישט זאָגן. עס וואָלט געווען אַ ליגן. איך קען זאָגן: הלוואי עס זאָלן נישט זיין קיין מלחמות. אָבער ווענדט עס זיך אין אונדז? איך האָב זיי געזאָגט: יונגוואַרג, איר זענט איצט דורכגעגאַנגען אַ שרעקלעכע מלחמה. איך קען אייך נישט זאָגן אַז מער וועלן קיין מלחמות נישט זיין, און אויב עס וועט זיין נאָך אַ מלחמה? גייט איר דאָך ווייטער. וויל איך אייך זאָגן איין זאַך: אויב איר גייט אין מלחמה נאָר פאַר דריי מיליאָן יידן, זאָג איך אייך אַז עס איז נישט כדאי. די 6 מיליאָן זענען געווען נישט ערגער פון אונדז. נישט כדאי. אויב איר ווייסט און איר לעבט מיט דעם אַז דאָס וואָס איר קעמפט פאַר ישראל— פאַר גרענעצן, פאַר לעבן, פאַר אַלץ וואָס איז דאָ — דאָס איז וויכטיק און נייטיק, אַבסאָלוט, פאַר דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק, דעמאָלט איז אַלץ כדאי.

וועט איר דאָך פרעגן: וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם פרייז פאַר סוצקעווערן? זאָג איך אַז סוצקעווער פאַרשטייט זיכער וואָס דאָס האָט צו טאָן. איך פרעג אייך: סוצקעווער דאַרף האָבן מיין הסכמה אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער? דאָ זענען פאַראַן גרעסערע און געלערנטערע פון מיר. איך קען זאָגן אַז איך האָב הנאה פון זיינע לידער. אַ גרויסע הנאה פון זיינע לידער. וואָס עס איז וויכטיק איז, אַז די וווּנדערבאַרע לידער שרייבט אַ גרויסער ייד, און כל זמן דאָס גייט צוזאַמען, איז דאָ קולטור, איז דאָ געדאַנק, איז דאָ געוויין. זענען דאָ שמחות און עס זענען דאָ אומגליקן. אָבער עס איז דאָ אַ האַרץ. עס איז דאָ אַ נשמה, עס איז דאָ אַ מוח, און אַז גאָט גיט נאָך אויך אָט דעם כשרון וועלכער איז געגעבן געוואָרן סוצקעווערן — און ער נוצט עס, צו אייער הנאה און צו אונדזער הנאה, זאָל ער געבענטשט זיין. און צענדליקער יאָרן נאָך אונדז געבן דאָס וואָס ער קען. איך גלויב אַז זיין שאַפונג האָט זייער אַ סך צו טאָן מיט די פּראָבלעמען וועלכע איך האָב איצט אויפגעהויבן.

י. קאַרן: אַ גרויסן דאַנק גאָלדע.

איר דערשיינען דאָ און דאָס באַטייליקן זיך אין דעם קולטור יום־טוב גיט צו דעם פייערלעכן מאָמענט די חשיבות פון העכסטער וויכטיקייט און דויער.

גאָלדע האָט גערעדט וועגן יידיש און וועגן דעם צענטער פון אַלע אונדזערע פּראָבלעמען: וועגן דעם קיום פון אונדזער פאָלק, ווי אַ קולטור־שאַפנדיק פאָלק. דערפאַר זאָל זי זיין געבענטשט. מיר האָבן געלערנט עפּעס זייער וויכטיקס פון דעם אַלעס וואָס מיר האָבן געהערט.

און איצט גיבן מיר דאָס וואָרט דעם חתן הפּרס אברהם סוצקעווער.

אַברהם סוצקעווער רעדט אַן עמאָציאָנירטער וועגן יידיש און דער יידישער ליטעראַטור און פאַרענדיקט זיין וווּנדערלעכע רעדע מיטן איבערלייענען זיין ליד „יידיש״.

נאָך אַ קליינע פּויזע ווערט פאַרגעזעצט די שלוס־סעסיע און דער פאָרזיצער יצחק קאָרן זאָגט:

י. קאָרן: מיר טרעטן צו צו דעם צווייטן טייל פון אונדזער סעסיע — צום פייערלעכן שלוס פון דער קאָנפערענץ. דאָס וואָרט באַקומט די אַנטי־נאַצי־קעמפערין בעאַטאַ קלאַרספעלד.

בעאַטאַ קלאַרספעלד

עס איז אַ כבוד פאַר אַ דייטשקע, נישט קיין יידישע, צו קענען באַגריסן, אין דער דייטשישער שפּראַך, דעם קאָנגרעס אין ירושלים.

איך געהער צו דעם דייטשישן פאָלק, וואָס האָט די יידן פון מזרח־אייראָפּע, וועמענס אומגאַנג־שפּראַך איז געווען יידיש, אַזאַ שרעקלעכן קלאַפּ פאַראורזאַכט. דעריבער בין איך היינט ספּעציעל גליקלעך, וואָס האָט דער קאָנגרעס באַדייט דעם ווידערגעבורט פון דער יידישער שפּראַך.

ווי איר ווייסט, בין איך נישט קיין יידישע נאָר אַ דייטשישע און איך באַמי זיך מיין פאָלק מאָראַליש רעהאַביליטירן נישט נאָר מיט ווערטער נאָר מיט מעשים און איך גלייב, אַז דאָס וואָס איך טו דאַרף טאָן יעדער דייטש, אָן אונטערשייד צי ער שטאַמט פון מזרח — אָדער מערב־דייטשלאַנד, צי ער איז פון דער אַלטער אָדער נייער גענעראַציע. זאָל ער נאָכפאָלגן די דאָזיקע מאָראַלישע באַזע, וואָס איך פּרוּוו מיט טאָטן אויסדריקן: ערשטנס, אַז נאָך אָט דער מלחמה זאָל מער נישט מעגלעך זיין אַז אַקטיווע נאַציס זאָלן ווידער קענען זיין טעטיק אין פּאָליטישן לעבן אין דייטשלאַנד; צווייטנס, מוז יעדער דייטש פּראָטעסטירן און פאָדערן אַז די קריגס־פאַרברעכער, וועלכע זענען, ווי איך גלייב, די ערגסטע אין דער וועלט־געשיכטע, זאָלן אין דייטשלאַנד נישט קענען רעהאַביליטירט ווערן און דריטנס, דאַרף יעדער דייטש היינט זיין סאָלידאַריש מיט דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט מיט 30 יאָר צוריק אויסגעליטן. דערפאַר פּרוּוו איך נישט מיט ווערטער, נאָר מיט טאַט אויסדריקן מיין סאָלידאַרישקייט מיטן יידישן פאָלק אין ישראל, למשל, מיט מיין דעמאָנסטרירן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די קאָמוניסטישע לענדער, אָדער מיט מיין פּראָטעסטירן אין די אַראַבישע לענדער, אין דמשק, קעגן דער אַגרעסיווער און אומגערעכטער פּאָליטיק פון די אַראַבישע מדינות, וועלכע זוכן צו פאַרניכטן די ישראל מדינה.

אין די דאָזיקע ריכטליניעס וועל איך ווייטער דעמאָנסטרירן מיין סאָלידאַריטעט מיטן יידישן פאָלק.

אייך וויל איך ווינטשן גליק אינעם אָפּהיטן די יידישע שפּראַך און דער יידישער שפּראַך ווינטש איך אַ לאַנג, לאַנג לעבן.

(שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן)

י. קאַרן: דאָס וואָרט באַקומט דער פּאַרזיצער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע פריינד ישראל ברעסלאַו.

ישראל ברעסלאַו

טייערע דעלעגאַטן און געסט, ארץ ישראל איז אַ לאַנד פון נסים, און די היס־טאָרישע קאָנפערענץ, גלייב איך, איז אַ נס. מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק איז גע־קומען יצחק קאָרן קיין ניו־יאָרק און צוזאַמען מיט דוד ריבלין, דער גענעראַל קאָנסול אין ניו־יאָרק, האָבן זיי פאַרגעשלאָגן צו רופן אַזאַ קאָנפערענץ! עס זענען געווען סקעפּטיקער און עס זענען געווען ציניקער און עס זענען געווען נישט־גלייביקע. אָבער מיר האָבן געגלייבט אַז עס איז מעגלעך צו רופן אַזאַ וועלט־קאָנפערענץ, און יצחק קאָרן האָט געבעטן אַז די קאָנפערענץ זאָל באַשטיין פון 200 דעלעגאַטן און אפשר הונדערט געסט.

האָבן מיר באַוויזן צוזאַמענצוברענגען פון 16 לענדער יידישע לערערס, יידישע שרייבערס, יידישע פּראָפעסאָרן, יידישע קולטור־טוערס, אַריבער 400 דע־לעגאַטן און 200 געסט. אַ היסטאָרישע געשעעניש אין דער שטאָט ירושלים.

יאָ, מיר האָבן געהאַט האַרץ־ווייטיק, מען האָט געפאָדערט ביי אַלע פּאַנעלן, און ווען מיר וואָלטן געקענט נאָכקומען אַלע פאָדערונגען, וואָלט די קאַסע פון ארץ ישראל און די קאַסע פון דעם באָנד־רייז און די קאָסע פון דער אַמעריקאַנער רע־גירונג נישט געווען גענוג. זאָג איך אַז מען דאַרף פאָדערן, אָבער איך גלייב אויך אין זעלבסטהילף — די תפוצות דאַרפן זען צו שאַפן די מיטלען אַז די אַלע פּראָ־יעקטן זאָלן דורכגעפירט ווערן צוזאַמען מיט ארץ ישראל, אָבער נישט פאַרלאָזן זיך בלויז אַז יענער זאָל געבן. מיר דאַרפן געבן צוזאַמען, כדי צו קריגן די גייס־טיקע הילף פון ציון, פון ירושלים.

דעריבער זאָג איך, אַז מיט באַנייטע כוחות, מיט באַנייטער באַגייסטערונג, לאָמיר זיך אויף דאָס ניי נעמען צו דער אַרבעט, צו דער הייליקער אַקטיוויטעט לטובת דער יידישער קולטור, לטובת אונדזער יידיש פאָלק.

י. קאָרן:

אַ גרויסן דאַנק דעם פריינד ישראל ברעסלאַו. די קאָנפערענץ איז צוגעגרייט געוואָרן אין משך פון צוויי יאָר צייט, ערנסט, מיט אַ סך שוועריקייטן און זי איז אַ רעזולטאַט פון דער אַקטיוויטעט פון אַ גרויסער מחנה אידעאַליסטן. איך קען נישט אויסרעכענען אַלעמען, אָבער ווען מען האָט דערמאָנט 16 דעלעגאַציעס פון 16

לענדער, איז דאָס מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דעם וואָס אין יעדן לאַנד זענען גע־
ווען עטלעכע זייער ערנסטע און איבערגעגעבענע טוער פאַר דעם דאָזיקן ענין.

איך וויל אין נאָמען פון דעם צענטראַלן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט דאַנקען יעדן איינעם — נישט אויסרעכענענדיק קיין נעמען. זאָל אָבער יעדער פון די אַקטיוויסטן וויסן אַז מען מיינט אים, אַז מען דאַנקט אים פאַר דעם איבערגעגעבענעם טרייען אַנטייל. מיר זענען געווען עדות פון אַ זאַך וועלכע איז זעלטן. איז גוט אַז גאָלדע זאָל הערן: די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן אויף אַן אופן, וועלכער איז אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן מער נישט בנימצא: דער דעלעגאַט האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר זיין אַוויאָן־בילעט, פאַרן האָטעל, זיך אַליין אויסהאַלטן און הערן רעדעס...

איך קען נישט קיין סך אינטערנאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס קענען צונויפנעמען 400 דעלעגאַטן ווען מען גיט זיי נישט קיין בילעטן. דאָס אַליין האָט אויך באַוויזן די ערנסטקייט פון די מענטשן. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטרענגונג. זיי האָבן געוואָלט זיין מיט אונדז. זיי האָבן געפילט אַז עס איז אפשר אַ ווענד־פונקט אין דער באַציאונג צו דעם אַלעם וואָס הייסט יידישע קולטור, פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל — עפּעס אַ ניי קאַפּיטל.

איך וויל באַגריסן אָט די אַנאָנימע הונדערטער חברים וועלכע האָבן אַריינ־געבראַכט אַ סך לעבן אין דער קאָנפערענץ.

דעריבער זאָג איך, אַז עס קומט ערשטנס אַ גרויסן יישר כוח די אַלע וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט און אַן אַקסל. אין יעדער לאַנד איז געווען אַ קליינער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. די צענטראַלע דאָ אין ישראל איז באַשטאַנען פון דעם קאָ־מיטעט פאַר יידישער קולטור, דעם יידישן שרייבער־פאַראיין און דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. די אַלע האָבן קאָאָרדינירט די צו־גרייט־טעטיקייט. עס וואָלט זיך גאָרנישט איינגעגעבן ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין גרופּן אין צפון־אַמעריקע, אין דרום־אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך איבערגע־געבן דעם געדאַנק מיט גרויסער טריישאַפט.

איך וויל זאָגן גאַנץ אָפן, אַז אויב איר ווילט אַז ס׳זאָל זיין אַ המשך, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיין נישט נאָר אַ שיינער עפּיזאָד, אַ וווּנדערבאַרע יום־טובדיקע שטימונג, דאַרפן מיר פאַרקאַטשן די אַרבל, אָרגאַניזירן די ענינים אין די לענדער און שאַפן אויך מיטלען. אַוודאי וועט ישראל נישט בלייבן הינטערשטע־ליק, אָבער ווי האָט געזאָגט ברעסלאַו — דעם גרויסן שווערן וואָגן דאַרף דער גלות אַליין שלעפּן.

איך וויל נישט צעשטערן די פייערלעכקייט. מיט „דעם גרויסן וואָגן״ מיינט מען די בודזשעט־פּראָבלעמען. מיר וועלן זאָרגן אָבער איר דאַרפט אויך עפּעס טאָן.

מיר קענען זאָגן גאַנץ קלאָר: מיר אין מדינת ישראל האָבן געטאָן אַ זאַך וואָס קיינער האָט נישט געגלייבט אין איר: מיר האָבן צונויפגענומען 400 דעלעגאַטן, וכן ירבו, פון פאַרשידענע שאַטירונגען, ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, בונדיסטן און אַרבעטער־רינג טוער, ווי אויך סתּם ווילע יידן, פון אַלע ניואַנסן. זיי האָבן זיך פאַראייניקט אַרום איין גרויסן געדאַנק: יידיש און יידישע קולטור. מיר האָבן באַוויזן אַז אַרום יידיש קען מען פאַראייניקן פאַרשידענע שאַטירונגען און ניואַנסן אין יידישן לעבן. דאָס איז אַ גוואַלדיקער ענין.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אויף דער קאָנפערענץ איז דאָס וואָס אין איר באַטייליקן זיך עטלעכע און דרייסיק יונגע מענטשן, מיידלעך מיט יינגלעך. מיינע עלטערע קאָלעגן האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן ווען זיי האָבן געהערט די מאָנאָלאָגן פון די יונגע וואָס זענען געווען אַזוי שטורמיש און אַזוי אָפּאָזיציאָנער. איך האָב גאָר געמיינט אַז זיי זענען ישראלדיקע... אָבער עס איז זייער אינטערעסאַנט. דאָס באַווייזט אַז די פראַגן וואָס זענען דאָ באַהאַנדלט געוואָרן זענען שורשדיקע און זיי רירן אָן אויך אַ טייל פון אונדזער יוגנט.

איך וויל זאָגן צו די 30 יוגנטלעכע, אַז זיי זאָלן זיך נישט איבערנעמען... מיינע פריינד, יוגנט איז אַ וווּנדערלעכע קראַפט אין יעדן געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר. ווען יוגנט נעמט אויף זיך מצוות, פליכטן. מיר דאַרפן האָבן מענטשן און מיר ווילן אַז די יוגנט זאָל פאַרמאָגן אימפעט. מיט זיי קען מען שאַפן גרויסע זאַכן. איך גלייב אַז אין דעם זין איז דער אָנטייל פון דער יוגנט געווען אַ דערמוטיקנדיקע דערשיינונג. פאַראַן אויף דער קאָנפערענץ אַ באַדייטנדיקע צאָל פּראָפעסאָרן וועלכע לערנען אין די אוניווערסיטעטן מיט קאַטעדרעס פאַר יידיש און עס איז געווען אין אַן ענגערן קרייז אַן ערנסטע דיסקוסיע וועגן דעם אופן פון לערנען יידיש. דאָס דערמוטיקט און איך גלייב אַז עס איז מחייב.

איך וואָלט וועלן אַז די קאָנפערענץ זאָל זיין נישט נאָר אַ דעקלאַראַטיווע, נאָר זי זאָל אַרויפלייגן אַ סך אחריות אויף דעם יחיד און אויף דעם קאָלעקטיוו אין יעדן לאַנד.

איך וויל אויך דערמאָנען דאָ אַ פּאָר פּראַזאַישע ענינים. בשעת מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ האָבן מיר נישט געטראַכט אַז מען דאַרף האָבן עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע זי זאָל אונדז העלפן. אָבער אַז די אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט האָבן מיר געזען אַז מיר אַליין וועלן עס נישט קענען מאַכן און איך האָב געזאָגט צו איינעם פון מיינע גאָר נאָענטע פריינד, סטאָלאַרסקי, וועלכער האָט געהאָלפן שלעפּן דעם וואָגן: הער אויס, מיט אַלע חכמות, אָן אַן ערנסטער אָרגאַניזאַציע וואָס קען מאַכן די צוגרייטונגען, וועלן מיר עס נישט דורכפירן. האָבן מיר זיך געווענדט צו דער חברה „כנס״, און איך מוז זאָגן אַז זי האָט געמאַכט אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט — טאָמער זענען געווען אַ פּאָר פעלערן, בין איך שולדיק, אָבער אין אַלגעמיין האָט עס אָרגאַניזאַטאָריש „געקלאַפּט״.

איך וויל זאָגן פון דער טריבונע, אַז איך דאַנק דער געזעלשאַפט „כנס" און וויל בעטן אַז מען זאָל אויפנעמען מיין באַמערקונג פון דאַנקבאַרקייט מיט דער פול־סטער אויפריכטיקייט, ווייל איך גלייב אַז זיי האָבן זייער שווער געהאָרעוועט.

איך וויל אויך דאַנקען דעם „היסתור" וועלכער האָט געטאָן דאָס מאַקסי־מאַלסטע, אַז די פאַרשידענע זיצונגען, באַזוכן, אויטאָבוסן־נסיעות א.אַ.וו. זאָלן זיין אין אָרדענונג. איר זענט געקומען יעדן טאָג, דריי מאָל, אַזוי ווי אַ גוטער ייד צום דאַוונען. דעריבער זאָג איך אַז עס קומט דער דאַזיקער געזעלשאַפט אַ גרויסער יישר כוח. איך האָב אַ גרויסע ליסטע פון דאַנק־שולדיקייט און האָב מורא אָנצוהייבן מיט די נעמען, אָבער עס קומט אויך אַ גרויסער יישר כוח די פּאָר צענדליקער יידן, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט אַ שטיק געזונט אין דער אַרבעט.

איך וויל אויך אין מיינע שלוס־באַמערקונגען זאָגן אַז דאָ אין ארץ ישראל לעבט און זאָל מאריך ימים זיין אַ פּראָפעסאָר וואָס האָט אַ גרויסע שייכות צו יידישער קולטור, פּראָפעסאָר סאָל ליפּצין. בכלל זענען מיר אין ירושלים, דער שטאָט פון אַ סך בירגער, פון אַ סך שבטים, אָבער אויך פון אַ סך פּראָפעסאָרן. עס קומט אים אַ באַזונדערע אָנערקענונג און דערצו איז עס גראָד איצט געוואָרן 75 יאָר. דאָס אַליין איז אַ פייערונג. ווינטש איך פּראָפ. ליפּצינען אַז ער זאָל נאָך אַ סך יאָרן אַרבעטן אויפן יידישן קולטור־געביט. ער האָט וואָס צו זאָגן אויף דעם דאָזיקן געביט.

פריער מיט 4 יאָר האָבן מיר געפייערט די ערשטע פאַרטיילונג פון פּרייז פון ראש הממשלה. און איך וויל איצט זאָגן בלויז עטלעכע ווערטער וועגן דעם ווי אַזוי ס'איז געקומען צו דעם דאָזיקן פּרייז. ס'איז געווען אין אָנהייב פון דער טעטיקייט פון אונדזער קאָמיטעט פאַר יידיש אין ישראל. מיר, אין קאָמיטעט, האָבן געפילט אַז מען דאַרף, קודם כל, עפּעס טאָן כדי צו הייבן די חשיבות פון יידיש אין יידישע אויגן. בין איך אַוועק צום דעמאָלטיקן ראש הממשלה, גאָלדע מאיר, און איר געזאָגט, אַז פּונקט ווי עס זענען פאַראַן פּרייזן פאַר העברעישע גרויסע שרייבערס זאָל אויך די רעגירונג געבן אַ פּרייז פאַר אַ יידישן שרייבער. איך האָב געמיינט אַז איך וועל האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט און וועל אפשר דורכפאַלן מיט מיין רעיון. אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פאַרקערט. גאָלדע האָט מיר געזאָגט: דאַרפסט נישט קיין סך רעדן. געוויס ביסטו גערעכט. און איך ווייס נישט צי ווען גאָלדע מאַכט נישט דעם שריט, אָנדערש געזאָגט: ווען זי האָט נישט דעם מוט צו מאַכן דעם שריט, צי אונדזער גאַנצע אַרבעט וואָלט זיך אַנטוויקלט אַזוי ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט ביז צום רופן די דאָזיקע קאָנפערענץ. דעריבער וויל איך אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ איר באַצאָלן מיט אַ סך דאַנקבאַרקייט פאַר דעם וואָס זי האָט געטאָן ביים לייגן דעם יסוד פון אונדזער אַרבעט.

איך וויל שליסן די קאָנפערענץ מיט דאַנק פאַר אייך, מיט דאַנק פאַר די וואָס דאַרפן אויסשטרעקן אַ האַנט און מיטאַרבעטן, אָבער אויך מיט אַ גרויסער האָפע־

נונג, אַז די קאָנפֿערענץ וועט נישט זיין קיין עפּיזאָד. זי איז אַ צונויפֿקום וועלכער דאַרף האָבן אַ המשך און איך ווינטש אייך אַלעמען, אי געזונט, אי אַ פּרוכטיקע טעטיקייט.

דערמיט ווערט די קאָנפֿערענץ געשלאָסן.

דעקלאַראַציע

פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים

פֿון ירושלים, די אייביקע יידישע שטאָט, קומט דער רוף צו די יידן איבער גאָר דער וועלט וועגן שטאַרקן און קרעפֿטיקן די יידישע שפּראַך און קולטור. דאָס איז דער רוף פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר יידיש און יידישער קולטור, וואָס איז אין די טעג פֿון כ״ז־ל באב, תשל״ו (דעם 23—26 אויגוסט, 1976), אין 31סטן יאָר פֿונעם חורבן פֿון דעם אייראָפּעישן יידנטום, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די מויערן פֿון ירושלים, מיטן אָנטייל פֿון ישראלדיקע מלוכה־פּערזענלעכקייטן, שרייבערס, קינסטלערס און קולטור־טוער אין דער יידישער מדינה און די תפוצות — אויסטראַליע, אַרגענטינע, בעלגיע, בראַזיל, דרום־אַפֿריקע, ווענעזועלאַ, מעקסיקע, פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, קאַנאַדע, רומעניע און שוועדן.

ביים אָפּשלוס פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען איז אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדיקע דעקלאַראַציע:

1. די וועלט־קאָנפֿערענץ האָט געבראַכט צום אויסדרוק די ליבשאַפֿט און צוגעבונדנקייט פֿון יידן אין דער גאָרער וועלט צו דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור, וואָס זענען געוועזן און זענען ווייטער די דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און אָפּפֿרעמדונג, ווי אויך אַן אַקטיוו־שעפֿערישער כוח צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין און טריישאַפֿט צום פֿאָלק.

2. די וועלט־קאָנפֿערענץ דעקלאַרירט, אַז די קולטור־אוצרות, וואָס יידיש האָט אָנגעזאַמלט אין איר פֿיל־הונדערט־יעריקער געשיכטע, האָבן געקענט אויספֿירן זייער היסטאָרישע שליחות נאָר דערפֿאַר ווייל יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס האָט אַריינגענומען און נעמט אַריין אין זיך אַלע זאַפֿטן פֿון דער יידישער קולטור בכלל. די קאָנפֿערענץ האַלט דעריבער, אַז עס דאַרפֿן געמאַכט ווערן אַלע אָנ־

שטערונגען, כדי דער יידישער שפּראַך און קולטור צו דערמעגלעכן אַ שעפערישן המשך.

3. מדינת ישראל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרזיכערן נישט נאָר דעם המשך פונעם יידישן פאָלק, נאָר אויך אויפצוהיטן אַלע גייסטיקע ווערטן, וואָס יידן האָבן אָנגעזאַמלט במשך פון דורות אומעטום, ווו זיי האָבן געלעבט, דאַרף העלפן דער שווער־געליטענער יידישער שפּראַך צו רעסטאַווירן אירע כוחות. עס ליגט אויך דער חוב אויף אַלע יידישע קהילות און קולטור־טוער אין דער וועלט צו ווידמען מי און געפינען מיטלען, אַז יידיש צוזאַמען מיט העברעיש זאָל ווייטער זיין דער אויסדרוק פון אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

4. די קאָנפערענץ דעקלאַרירט, אַז יידיש איז נישט בלויז אַ רעזערוואַט פון גרויסע גייסטיקע אוצרות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אַ שעפערישע שפּראַך, אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלע פּאָטענצן און פאַרמאָגט אַ ליטעראַטור מיט גרויסע קינסטלערישע און עטישע ווערטן, וואָס קענען שטאַרקן דעם יידישן באַוווסטזיין פון דעם יונגן דור אין ישראל און אין די תפוצות. צוזאַמען מיט העברעיש דאַרף יידיש אויפגעהאַלטן ווערן אין מויל פון דעם יונגן דור.

5. די קאָנפערענץ שטעלט פעסט, אַז די שווערע לאַגע פון יידיש היינט צו טאָג איז אין דער ערשטער ריי אַ רעזולטאַט פון דעם גענאָסיד מצד נאַצי־דייטשלאַנד און דעם פיזישן און גייסטיקן פּאָגראָם אויף יידיש און דער יידישער קולטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

6. דער שווערער צושטאַנד פון יידיש איז אויך אַ רעזולטאַט פון דעם אַסימילאַציע־שטראָם, וואָס רייסט לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער פאָלק. מ׳טאָר דערביי אויך נישט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן שאָדן כּלפּי יידיש און דעם חינוך אין יידיש בכלל מצד די, וואָס האָבן נישט געזען די סכנה פון אַסימילאַציע און אויסוואָרצלונג ביי יידן נאָך דעם חורבן. מיר דריקן אויס אונדזער פרייד, וואָס ביים יונגן דור אין צפון־אַמעריקע, מערב־אייראָפּע און אין ישראל האָט זיך דערוועקט דער אינטערעס פאַר דעם יידישן לשון און די קולטור־אוצרות אין יידיש.

7. די וועלט־קאָנפערענץ אַפּעלירט צו דער רעגירונג פון מדינת ישראל, צו דער סוכנות, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, צו די יידישע סאָציאַלע פאָנדן אין פאַרשידענע לענדער און בכלל צו אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָרגן פאַר אַ ווייטערדיק נאַציאָ־

נאָל יידיש לעבן, אַז זיי זאָלן העלפן שטאַרקן דאָס יידישע לשון ביים אויספירן די שעפערישע ראָל פאַרן יידישן פאָלק. כדי דאָס צו דער־גרייכן דאַרף יידיש איינגעשלאָסן ווערן אין די פּראָגראַמען פון יידי־שער דערציאונג אין די תפוצות און אין ישראל.

8. די קאָנפערענץ דאַרף ווערן אַ היסטאָרישער מיילשטיין אויפן וועג צו פולער האַרמאָניע צווישן העברעיש און יידיש. אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען אויפן יונגן דור לויערט די סכנה פון אַסימילאַציע, דערווייטערונג און אָפּגעפרעמדקייט, דאַרפן מיר שטרעבן צו שלום און צוזאַמענאַרבעט פאַר דעם קיום און המשך פונעם יידישן פאָלק און במילא מדינת ישראל.

רעזאָלוציעס

וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור באַשליסט אַז אַלס רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער קאָנפערענץ צו שטאַרקן יידיש און יידישע קולטור, זאָלן די עקזיסטירנדיקע קאָמיטעטן וואָס האָבן צוגעגרייט די קאָנפערענץ ווייטער פאַרבלייבן און זאָלן צוציען נייע קרייזן כדי אויס־צוברייטערן די אַרבעט לטובת יידיש און יידישע קולטור.

דאָרט ווו אַזעלכע קאָמיטעטן זענען נישט פאַראַן, דאַרפן זיי געשאַפן ווערן. די לאַנד־קאָמיטעטן דאַרפן שטיין אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אין ישראל און מיט דער צייט דאַרף געשאַפן ווערן אַ שטענדיקער וועלט־ראַט מיט אויסגעוויילטע פאַרטרעטער פון די לענ־דער, וועמענס זיצפּלאַץ וועט זיין אין מדינת ישראל.

פּראָטעסט קעגן דער פאַרניכטונג פון די יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, אָפּגעהאַלטן אין ירושלים, די אייביקע יידישע שטאָט, אין די טעג פון כ״ז באב תשל״ז (אויגוסט 26—23, 1976), דריקט אויס איר שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים פאַר דער שחיטה וואָס ער האָט דורכגעפירט דעם 12טן אויגוסט 1952 איבער די וויכטיקסטע יידישע שריפטשטעלער, קינסט־לער און קולטור־פירער אין דער פאַרניכטונג פון דעם גאַנצן יידישן קול־טור־לעבן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

די קאָנפערענץ רופט אַלע יידישע ישובים איבער דער וועלט אָפּצו־

צייכענען דעם 25סטן יאָרצייט נאָך די קרבנות פון דעם אכזריותדיקן מאָרד דעם 12טן אויגוסט 1977, מיט פאָדערונגען צו דער סאָוויעט־רעגירונג אומצוקערן דעם פאַרשטומטן סאָוויעטישן יידנטום זיינע קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט צו לעבן ווי יידן און די פרייהייט אויסצוואַנדערן קיין ישראל, אויב דאָס איז זייער פאַרלאַנג.

פאָרשלאַגן און רעקאָמענדאַציעס

פון דער קאָמיסיע פאַר חינוך

א. אָנהייבן אַ געהעריקע אויפקלערונג אין די יידישע קהילות איבער דער וועלט און באַזונדערס צווישן די עלטערן, לערער און שול־עסקנים, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זאָל איינגעשלאָסן ווערן אין די לערן־פּראָגראַמען פון די נאַציאָנאַלע חינוך־אַנשטאַלטן אין די תפוצות.

ב. באַגריסן דעם ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטעריום פאַר סטימולירן צו לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור ווי אַן אויסוואַל־שפּראַך אין די מיטלשולן אין מדינת ישראל.

ג. פלעגן די פאַראַנענע קאַטעדרעס פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור, און סטימולירן צו דערעפענען נייע אין די אוניווערזיטעטן אין ישראל און איבער דער וועלט.

ג. א׳ אַרויסלאָזן אַ רוף צו אַלע טעאָלאָגישע סעמינאַרן און אינסטיטוציעס פאַר העכערער בילדונג אַז זיי זאָלן איינשליסן אין זייער קוריקולום די געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, יידישע שפּראַך און ליטעראַטור.

ד. אויסבילדן לערערס פון יידיש און יידישער ליטעראַטור פאַר די ישובים אין די תפוצות. פאַר דעם צוועק, דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער מדור ביי איינעם פון די אוניווערסיטעטן אין ישראל, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, יידישער קולטור־קאָנגרעס און יידישער וועלט־קאָנגרעס.

ד. א׳ אין יעדער געמיינדע קענען עקזיסטירן וועלטלעך־נאַציאָנאַלע שולן, אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און אַנדערע. יידישע געמיינדע־פאַנדן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטערצושטיצן די שולן אויפן זעלבן אופן ווי זיי שטיצן אונטער אַנשטאַלטן, טאָגשולן, יידישע צענטערס, שפּיטאָלן, זומער־קאָלאָניעס, הילף פאַר דעפעקטיווע קינדער אאַ״וו. די קאָנפערענץ שטרייכט אונטער, אַז יידישע שולן פון אַלע מינים קריגן נישט געהעריקע אונטערשטיצונג מצד די געמיינדע־פאָנדן. עס דאַרף אונטערגענומען ווערן אַן אַקציע די דאָזיקע אומגערעכטיקייטן צו באַזייטיקן.

ה. די קאָנפערענץ באַגריסט דעם באַשלוס פון דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָס דערקלערט צו אָנערקענען די זעלבע זכויות און סטאַטוס פאַר לערער־שליחים פון ישראל וואָס זאָלן אונטער־ריכטן יידיש און יידישע ליטעראַטור אין די תפוצות, ווי פאַר לערער־שליחים וואָס אונטערריכטן די העברעישע לימודים.

ו. די קאָנפערענץ ווענדט זיך צום קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, צו דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, צום יידישן וועלט־קאָנגרעס און צום יידישן קולטור־קאָנגרעס, צו שאַפן אַ פּעדאַגאָגישן צענטער וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט צוגרייטן לערן־פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער און דידאַקטישן מאַטעריאַל פאַר די אויבנדערמאָנטע לימודים.

ז. אונטערזוכן די מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ ספּעציעלן „טיש" ביי דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פאַר די לימודים אין יידיש און יידישער ליטעראַ־טור אין די יידישע שולן אין די תפוצות.

ח. די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס ווערן באַאויפטראַגט צו גרינדן אַ ספּעציעלן פאָנד, וואָס זאָל פינאַנסירן די טעטיקייטן וועלכע זענען דערמאָנט אין די פּונקטן ג׳ ד, ו און ז׳.

ט. די קאָנפערענץ רופט אַלע קלענערע יידישע געמיינדעס ווו עס זענען נישטאָ קיין עטאַבלירטע אינסטיטוציעס פאַר יידישער דערציונג, איינצואָרדענען שטודיר־קורסן אין פּריוואַטע היימען, און אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאַראיינען.

י. די קאָנפערענץ האַלט, אַז עס איז וויכטיק, אַז אין די יידישע שולן זאָל מען מיט די קינדער פּראַווען די נאַציאָנאַלע און די טראַדיציאָנעלע יום־טובים. צום ווינציקסטנס באַקאַנען די קינדער מיט דעם היסטאָרישן באַדייט פון די יום־טובים און דעם אָרט וואָס זיי פאַרנעמען אין יידישן לעבנשטייגער. ס׳איז אויך וויכטיק, אַז יידישע קינדער אין חוץ־לארץ זאָלן זיך באַקענען מיטן נייעם שטיי־גער לעבן וואָס אַנטוויקלט זיך אין מדינת ישראל, מיט די קיבוצים, מיט דער גע־שיכטע ווי אַזוי די מדינה איז אויפגעקומען און מיט דעם העראָאישן קאַמף פונעם ישוב צו בויען מדינת ישראל אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע, פרייער עליה און בכלל מיט די וויכטיקע אויפטוען אויפן געביט פון קולטור, וויסנשאַפט און סאָציאַלן צוזאַמענלעבן צווישן די פאַרשידענע עדות יידן. פון דער אַנדערער זייט איז וויכטיק, אַז די יידישע קינדער אין ישראל זאָלן זיך באַקענען מיטן לעבן פון די יידן אין חוץ לארץ, זייער קאַמף אויפצוהיטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און צו פאַרזיכערן דעם קולטורעלן און רעליגיעזן המשך פון אונדזער פאָלק. ס׳איז אויך וויכטיק צו באַקאַנען די יוגנט מיטן לעבנשטייגער פון אומגעקומענעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, מיט די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור און פונעם גייסטיקן שאַפן דורכגעדרונגען מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען און באַוועגונגען פון יידישן פאָלק.

יא. די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט, אַז פון צייט צו צייט זאָלן צונויפגערופן ווערן קאָנפערענצן פון דערציערס כדי אַרומצורײדן פאַרשידענע פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען, צווישן זיי די פראַגע ווי אַזוי אויסצונוצן די מאָדערנע פּעדאַגאָגישע טעכנאָלאָגיע און מעטאָדן לטובת יידישער דערציונג.

יב. די קאָנפערענץ האַלט אַז עס וואָלט בײטיק געווען אַן אינפאָרמאַטיווער ביולעטין וואָס זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן די לערערס פון די העברעישע און יידישע שולן.

פון דער פּרעסע־קאָמיסיע

די פּרעסע אין יידיש, וואָס נעמט אַרום העכער הונדערט פּובליקאַציעס אויף דער גאַרער וועלט און 8 טאָגצייטונגען, דערפילט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות און דינט אַלס וויכטיקער אינסטרומענט פאַר אויפהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק און זיין קולטור.

די יידישע פּרעסע אין דער וועלט, וואָס האָט געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אין אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, פאַרבינדט אונדזער רייכן עבר מיט דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט און דינט אַלס בריק צווישן מדינת ישראל און די יידישע מאַסן אין די תפוצות.

נאָך דעם יידישן חורבן־אייראָפּע און דעם מבול פון אַסימילאַציע אין די תפוצות, געפינט זיך די יידישע פּרעסע אין דער גאַרער וועלט אין אַ קריטישן צושטאַנד. עס איז דעריבער אונדזער חוב צו מאַכן דעם גרעסטן אָנשטרענג צו פאַרבעסערן די מערכה פון דער פּרעסע אין יידיש. אין שייכות דערמיט מאַכן מיר די פאָלגנדיקע פאָרשלאָגן.

1. אויפלעבן דעם פאַרגעסענעם פּראָיעקט וועגן אַ פאָנד פאַר דער יידישער פּרעסע אין דער וועלט לגבי וועלכער עס גייט אָן אַן אָפענע דיסקרימינאַציע מצד די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן, אין פאַרגלייך מיט דער יידישער פּרעסע אין אַנדערע שפּראַכן.

2. פאַרלאַנגען פון אַלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן אין ישראל און זייערע פאַרשטייערשאַפטן אין חוץ לארץ, אָפּצושטעלן די דיסקרימינאַציעס לגבי דער פּרעסע אין יידיש — אין הינזיכט פון קאָנטאַקטן, אינפאָרמאַציע און געצאָלטע אַנאָנסן.

3. פאַרלאַנגען פון מיניסטעריום פאַר טוריסטיק אין ישראל צו זאָרגן דערפאַר, אַז די „אל־על"־אַעראָפּלאַנען, האָטעלן און בכלל אַלע טוריסטישע אַנשטאַלטן זאָלן רעגלמעסיק פאַרזאָרגט ווערן מיט דער יידישער טעגלעכער און פּעריאָדישער פּרעסע פון ישראל און פון די תפוצות.

4. פאָדערן, אַז יידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן אין די תפוצות זאָלן אַנשטעלן יידישע שרייבערס פאַר קאָנטאַקטן מיט דער יידישער פּרעסע. פאַרלאַנגען

פון די מלוכהשע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן איבער גאָר דער וועלט, ווו עס געפינען זיך וויכטיקע יידישע ישובים, צו שטיצן פינאַנציעל און מאָראַליש די טעגלעכע און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש.

5. שאַפן אַ פאָנד פאַר פּענסיע, פאַרגיטיקונג און סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן.

6. פאַרלאַנגען פון די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטערס פון דער יידישער פּרעסע, צו זאָרגן פאַר דער ריינקייט פון דער שפּראַך און פאַר אַן איינהייטלעכער אָרטאָגראַפיע.

7. די אינסטאַנץ, וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן דורך דער קאָנפערענץ פאַר ווייטערדיקע טעטיקייטן, זאָל אויסטיילן אַ ספּעציעלן רעסאָרט פאַר דער פּרעסע אין יידיש. די אינסטאַנץ זאָל באַטראַכטן די פראַגע פון גרינדן אַן אַנשטאַלט פאַר אויסבילדן יונגע יידישע זשורנאַליסטן און פאַרזיכערן זייער באַשעפטיקונג אין דער יידישער פּרעסע.

8. יידישע צייטונגען, וואָס דרוקן איבער אַרטיקלען פון אַנדערע צייטונגען, ווערן אויפגעפאָדערט צו צאָלן שכר סופרים און אָנצוגעבן דעם מקור.

9. שטיצן די אויסגאַבעס פון יוגנט־גרופּעס פאַר יידיש, שטיין אין קאָנטאַקט מיט די יוגנט־גרופּעס פאַר יידיש און מיט דער שטודירנדיקער יוגנט און איינפירן ספּעציעלע ביילאַגעס פאַר דער יוגנט.

10. פאָדערן פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור איינצופירן יידישע ביולעטינען פאַר דער יידישער פּרעסע און בכלל אויסברייטערן איר אָפּטיילונג פון אַקטועלע ידיעות פון יידישן לעבן און יידישן שאַפן אין דער גאָרער וועלט.

11. זיך ווענדן צו דער לייטונג פון „אָרט", אַז עס זאָלן אין זיינע שולן איינ־געפירט ווערן קורסן פאַר יידישע לינאָטיפּיסטן און פאַר דעם לימוד פון יידיש.

12. פאָדערן פון ישראלדיקן ראַדיאָ צו פאַרלענגערן די צייט, און הייבן דעם ניוואָ פון די יידיש־פּראָגראַמען.

13. פאַרלאַנגען פון דער ישראלדיקער ראַדיאָ־אינסטאַנץ זי זאָל אין אירע פּרעסע־איבערזיכטן אין דער העברעישער שפּראַך נישט אויסמיידן די יידישע פּרעסע.

14. פאָדערן איינצופירן יידיש־פּראָגראַמען אין דער טעלעוויזיע, און צו דעם צוועק אויסצובילדן די פּראָפעסיאָנעלע און קינסטלערישע קאַדרן, כדי צו פאַרזיכערן די פּראָגראַמען דעם אַנטשפּרעכנדיקן ניוואָ.

15. זאָרגן פאַר אָפּהיטן די זשורנאַליסטישע עטיק אין דער פּרעסע אין יידיש און אין אַלע אַנדערשפּראַכיקע יידישע אויסגאַבעס.

פון דער קאָמיסיע פאַר איבערזעצונגען

א. אויפשטעלן ביים קאָאָרדינאַציע־אָרגאַניזם, וואָס וועט געשאַפן ווערן אויף דער קאָנפערענץ, אַ באַזונדערע פּערמאַנענטע קאָמיסיע פאַר איבערזעצונגען. צו

דער קאָמיסיע זאָלן צוגעצויגן ווערן יחידים און קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער דאָזיקער אַרבעט און קאָנען צו איר ביישטראָגן, לייגנדיק באַזונדערע חשיבות אויף צו פאַרזיכערן די קוואַליטעט פון דער איבערזעצונג.

ב. אין דער ראַם פון אַלגעמיינעם בודזשעט פון די צענטראַלע קולטור־אָרגאַניזמען אויסטיילן אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר אַנטוויקלונג און סטימולאַציע פון טעאָרעטישע און פּראַקטישע אַרבעטן פאַרן דורכפיר פון וויכטיקע צענטראַלע אויפטוען אויפן אָפּשניט פון איבערזעצונגען פון און אויף יידיש.

גג. דער פּאָזיטיוור באַשייד פון די ערשטע צוויי פּונקטן וועט דערמעגלעכן, באַלד נאָך דער קאָנפערענץ, צוצוטרעטן צו דער רעאַליזירונג פון אַ ריי אוממיטל־דיקע אויפגאַבן. דהיינו:

1. אויסאַרבעטן אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע אָרגאַניזמען און ספּעציאַ־ליסטן דעם פּלאַן פון אַרומנעמענדיקע און וואָגיקע אַנטאָלאָגיעס פון דער נייער יידישער פּאָעזיע און פון דער יידישער פּראָזע אויף עברית און פון נייער עברית־פּאָעזיע און עברית־פּראָזע אויף יידיש, ווי אויך אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פאָלקס־ליטעראַטור (פאָלקס־ליד, פאָלקס־מעשה, ווערטלעך אאַ"וו) אין העברעישער איבערזעצונג.
2. אויפשטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשידענע ביבליאָטעקן און ביבליאָ־גראַפישע צענטערס אַן „אינדעקס טראַנסלאַציאַנום", אַן אַלגעמיינעם קאַטאַ־לאָג פון פאַראַנענע איבערזעצונגען פון און אויף יידיש.
3. באַשטימען אַ יערלעכע פּרעמיע פאַר גוטע איבערזעצונגען פון יידיש אויף עברית און פון עברית אויף יידיש.
4. איניציאירן דאָס באַשטימען פּרעמיעס פאַר איבערזעצונג אויך בנוגע פון יידיש אויף אַנדערע שפּראַכן.
5. צוגרייטן און דורכפירן אין ניט צו ווייטער צייט, אַ קאָנפערענץ, סעסיע אָדער סימפּאָזיום פון שרייבערס־איבערזעצערס און פון לינגוויסטן, צו באַטראַכטן די לינגוויסטישע און ליטעראַרישע פּראָבלעמען ביים איבערזעצן פון און אויף יידיש, ספּעציעל וואָס נוגע עברית.
6. סטימולירן דאָס סיסטעמאַטישע פאַרעפנטלעכן אין די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס איבערזעצונגען קודם כל פון עברית, אָבער אויך פון אַנדערע שפּראַכן און פון אַרטיקלען, רעצענזיעס, איבערבליקן, טעאָרעטישע אָפּהאַנד־לונגען איבערן דאָזיקן ענין, דאָס זעלביקע אויך ביי העברעישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס בנוגע יידיש.
7. באַטראַכטן מיט די יידיש־קאַטעדרעס ביי די ישראל־אוניווערסיטעטן די מעגלעכקייט פון דורכפירן אַ ספּעציעלן קורס וועגן די פּראָבלעמען פון איבערזעצן פון עברית און יידיש.

8. סטימולירן צווישן די פּראָפעסאָרן און סטודענטן פון יידיש און יידישע לימודים אין די תפוצות דעם אינטערעס פאַר איבערזעצונגען פון און אויף יידיש (דורך קורסן, סעמינאַרן און ד. גל.).
9. אויפשטעלן אַ ליסטע פון נאָך נישט איבערגעזעצטע יידישע ווערק, וואָס מען דאַרף איבערזעצן אויף עברית, און אַ ליסטע פון ווערק צום איבערזעצן אויף די וויכטיקסטע וועלט־שפּראַכן. אויסאַרבעטן אַ מוסטער־פּלאַן פאַר אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע, פּראָזע און עסיי אין אַנדערע שפּראַכן.
10 אַ חוץ דעם שאַפן פון דעם גרויסן אַקאַדעמישן ווערטערבוך יידיש־עברית, וואָס ווערט פּלאַנירט און וועמענס רעאַליזאַציע וועט פאָדערן אַ לאַנגע צייט, צוטרעטן שוין איצט צום צוגרייטן און אַרויסגעבן אַ יידיש־העברעישן ווערטערבוך, באַשטימט בעיקר פאַר דער אַרבעט פון איבערזעצער.
11. דורכפירן מיט דער הילף פון די געהעריקע אינסטאַנצן אַן אַנקעטע וועגן פאַרנעם, אויפנעם און באַווירק פון יידיש אויף עברית ביי דער שול־ און אוניווערסיטעט־יוגנט.

פון דער טעאַטער־קאָמיסיע

נאָכן אויסהערן אַ ריי קאָנקרעטע פאָרשלאָגן בנוגע דעם יידישן טעאַטער אין אַלע זיינע ווערסיעס: ערנסט טעאַטער, פאַרוויילונג־טעאַטער און סאַטיריש טעאַטער — איז געוועזן קלאָר דער אויספיר אַז:

1. עס איז דרינגענדיק נייטיק צו שאַפן אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע פון דער קאָנפערענץ פאַר די פראַגן פון טעאַטער, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַלע יידישע קולטור־סעקטאָרן און לענדער.
2. שאַפן אַ צענטראַלע טעאַטער־סטודיע אויסצובילדן און אַנטוויקלען יונגע כוחות פאַרן יידישן טעאַטער. די טעאַטער־סטודיע דאַרף אָרגאַניזירט ווערן מיט ספּעציעלער דרינגלעכקייט.
3. אָרגאַניזירן אַ קונסט־טעאַטער, וואָס זאָל באַדינען די גאַנצע יידישע וועלט. דער זיץ־אָרט איז ישראל ווו עס דאַרף געשאַפן ווערן די טעאַטער־סטודיע.
4. צוזאַמענשטעלן טעאַטערס־טרופּעס אין באַזונדערע ראַיאָנען, ווי פאַראייניקטע שטאַטן, דרום אַמעריקע א״א לענדער.
5. שטיצן און סטימולירן סיי פינאַנציעל און סיי מאָראַליש די עקזיסטירנדיקע יידישע טעאַטערס, סיי פּראָפעסיאָנעלע און סיי וואָלונטערע, דראַמ.־קרייזן און אַנסאַמבלען אין ישראל און אין די תפוצות, לויט דעם באַשלוס פון דער רעקאָמענדאַציע אינסטאַנץ.
6. שאַפן אַ צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר רעפּערטואַר, וואָס זאָל באַדינען אַלע יידישע טעאַטערס, דראַמ.־קרייזן און אַנסאַמבלען. די דאָזיקע אינסטאַנץ דאַרף באַשטיין פון שרייבערס, טעאַטער־קריטיקערס, שוישפּילערס און אימפּרעסאַריאָס.

7. די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר רעפּערטואַר זאָל דינען ווי אַ רעקאָמענדירנדיקע קערפּערשאַפט בנוגע שוישפּילערס, רעזשיסאָרן, זינגערס און אַנדערע קינסט־לער וואָס ווערן געזוכט פון באַזונדערע לענדער און געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין ישראל און אין די תפוצות פאַר אָרטיקע אויפטריטן.
8. די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר רעפּערטואַר דאַרף שאַפן אַ פאָנד צו סטי־מולירן (דורך קאָנקורסן און אַנדערע אופנים) צו שאַפן דראַמאַטורגישע רעפּערטואַר.
9. די קאָאָרדינירן־קאָמיסיע דאַרף מאַכן אַלע באַמיונגען ביים תל־אביבער שטאָט־ראָט, אַז דער טעאַטער־בנין אויף נחמני גאַס זאָל איבערגעגעבן ווערן צו דער דיספּאָזיציע פונעם ניי־געשאַפענעם קונסט־טעאַטער אין ישראל און טעאַטער סטודיע, ווייל אָן אַן אייגענעם בנין ווי אַ היים איז אוממעגלעך די עקזיסטענץ פון אַ טעאַטער.

פּלענער און פּראָיעקטן צו שטאַרקן די יידישע קולטור

דער ערשטער פאָרשלאַג וועגן ביכער־קלוב איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך י. סטאָלאַרסקי, מיט אַ פּלאַן צו שאַפן אַ סטאַבילע צאָל אַבאָנענטן אין די באַזונדערע לענדער; אויפשטעלן אויך לאָקאַלע קאָמיטעטן צו שאַפן אַבאָנענטן און פאַר־שפּרייטער פון יידישן בוך.

פון די אַנדערע פאָרשלאָגן אויף דער זיצונג: שאַפן אַ לערער־סעמינאַר וואָס זאָל אויסשולן לערערס פאַר יידיש און העברעיש אין שולן אין די תפוצות;

- ✶ אַרויסגעבן אַ ביבליאָגראַפיע פון אַלע ביז־איצט דערשינענע ביכער אין דער יידישער שפּראַך.
- ✶ מיקראָ־פילמירן די ווערק אין יידיש פון וועלכע עס זענען פאַרבליבן איינ־צלנע עקזעמפּלאַרן.
- ✶ אויסטיילן פּרעמיעס פאַר די בעסטע ווערק און שרייבערס.
- ✶ יידיש און יידישע ליטעראַטור זאָל ווערן איינגעפירט אין די לערן־פּראָג־ראַמען פון די נאַציאָנאַלע חינוך־אַנשטאַלטן אין די תפוצות.
- ✶ באַגריסן דעם ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטעריום פאַר סטימולירן צו לערנען יידיש אין די שולן און פאַרן אַנערקענען יידיש און לאַדינאָ ווי צוויי אויס־וואַל־שפּראַכן צו די מאַטורע־עקזאַמענס.
- ✶ ווענדן זיך צו די פאַרוואַלטערס (דירעקטאָרן) פון די מיטלשולן זיי זאָלן רעאַליזירן אין זייערע לערן־אַנשטאַלטן די אויבן־דערמאָנטע באַשלוסן פון ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטעריום.
- ✶ די אוניווערסיטעטן אין ישראל זאָלן צוגרייטן לעקטאָרן פאַר דער יידישער שפּראַך פאַר סטודענטן וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם.

* אַרויסגעבן אַ מאָדערנע יידיש־איבערזעצונג פון סידור און מחזור. אויב מעגלעך אויך אין רוסיש. צו דעם צוועק מאָביליזירן אַ 10—15 שרייבערס וואָס זאָלן די אַרבעט אַדורכפירן אין משך פון אַ יאָר צייט.
* די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ אַרויסגעבן אין יידיש און אין העברעיש, ווי אויך אין די לאַנד־שפּראַכן פון וואַנען די דעלעגאַטן קומען.

די אָרטיקע דעלעגאַציעס דאַרפן געפינען פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן צו פאַרעפנטלעכן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ.
* די קאָנפערענץ בעט אויך די בילדונגס־אַנשטאַלטן אין ישראל אייַנפירן לימודים פון דער קולטור־ירושה פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און פון די מזרח־עדות. די רעגירונג ווערט געבעטן צו שאַפן די געהעריקע כלים אויף צו רעאַליזירן די אויבן דערמאָנטע באַשלוסן.
* די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו די אָנטשפּרעכיקע אינסטאַנצן וועגן אַרויס־נעמען יידיש פון דער קאַטעגאָריע לועזית (פרעמדע שפּראַכן); פאַרלענגערן די יידישע אודיציעס אין ישראלדיקן ראַדיאָ; געבן קינסטלערישע פּראָג־ראַמען אין יידיש אין דער ישראלדיקער טעלעוויזיע.
* פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעטן פון איינגעזאַמלטע יידישע שאַפונגען ווי: 1. דער גרויסער יידישער ווערטערבוך. 2. דער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. 3. זילבערצווייגס טעאַטער־לעקסיקאָן.
* ווענדן זיך צום פאַרבאַנד פון עולים פון ראַטנפאַרבאַנד אַז זיי זאָלן זייער אַרבעט צווישן די עולים פירן אויך אין יידיש.
* ווענדן זיך צו די פאַרבאַנדן (לאַנדסמאַנשאַפטן) פון די יידן פון פראַנקרייך, פוילן, אַמעריקע און אַנדערע לענדער, זיי זאָלן זייער טעטיקייט פירן אויך אין יידיש.
* שאַפן אַ צענטראַלן רעפערענטן־ביוראָ צו באַדינען די ישובים אין דער וועלט.
* זוכן קאָנטאַקטן מיט די יידן וואָס רעדן נישט קיין יידיש און זיי דער־נענטערן צו דער יידישער קולטור און ליטעראַטור.
* דער וועלט־ראַט דאַרף זיך פאַרנעמען מיט שאַפן די געהעריקע מיטלען און וועגן ווי אַזוי צו פינאַנסירן די אַלע פּראָיעקטן.
* יעדע קהילה דאַרף אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג פון איר געשיכטע און קעגנוואַרטיקע אויפטוען; אין ישראל אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג פון קול־טור־אויפטוען אין יידיש נאָך דער שואה.
* אָפּהיטן די תקנות פון יידיש־אויסלייג אין דער פּרעסע און אין די ביכער.
* שאַפן אַ פאָנד צו שטיצן יונגע יידישע שרייבערס.
* די וועלט־קאָפערענץ רופט צו שטיצן דעם „יוגנט־רוף״.
* שטאַרקן די פאַראַנענע ביבליאָטעקן און זאָרגן צו פאַרטיילן די פאַרבליבענע נישט פאַרקויפטע ביכער צו פאַרשידענע אינסטיטוציעס, פענסיאָנערן־קלובן, ביבליאָטעקן אאַז״וו.

פּרעזידיום פון דער וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור

יצחק קאָרן, ישראל, פאָרזיצער

מיטגלידער פון פּרעזידיום

ברעסלאַו ישראל — פאַראייניקטע שטאַטן
באַומגאָלד זאב — פאַר. שטאַטן
בעז חיים — פאַר. שטאַטן
גוטערמאַן י. — בראַזיל
וועבער שמעון — פאַר. שטאַטן
ד"ר וואַרשאַווסקי יצחק — פראַנקרייך
וויניק נחום — דרום-אַפריקע
וויינער גרשון — ישראל
טאַבאַק פּסח — בראַזיל
טאַמבור וואָלף — רומעניע
יאַנאַסאָוויטש יצחק — ישראל
פּראָפ. לערמער אַרטור — קאַנאַדע
לענעמאַן ל. — פראַנקרייך
מלאַטעק יוסף — פאַר. שטאַטן
פּראָפ. דב סדן — ישראל
סוצקעווער אַברהם — ישראל
ערעם משה — ישראל
פרענקעל יוסף — ענגלאַנד
פּיליפּס מ. — אויסטראַליע
פּאַפּיערניקאָוו יוסף — ישראל
צאַנין מרדכי — ישראל
שאַרגעל י. צ. — ישראל
שפּרינבערג משה — אַרגענטינע
שער יאַשאַ — אויסטראַליע
ד"ר שפּיראָ יהודה — פאַר. שטאַטן

סעקרעטאַריאַט

סטאָלאַרסקי ישראל — ישראל
בעז מאיר — פאַר. שטאַטן
פּאַלאַטיצקי יעקב — אַרגענטינע

רשימה פון די דעלעגאַטן צו דער וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור

ישראל

י. אברך
ה. אַשעראָוויטש
יצחק אלפסי
י. אייזענבערג
ח. באַביטש
ר. בוימוואָל
י. בורשטיין
פּ. בורשטיין
י. בעקער
ש. בעקער
י. בראַט
א. ק. ברתיני
מ. גאָלדשטיין
ג. גאָרדאָנאָוויטש
מ. גוטענבערג
י. גורטמאַן
י. גלוזמאַן
א. גערצאָוויטש
מ. גערשאָנאָוויטש
ש. דזשיגאַן
ד. דורון
מ. דיאַמענט
ש. הורוויץ
צ. הייניכס
ב. העלער
י. הרכבי
צ. וואַסער
י. וויינגאַרטען
ד"ר ג. וויינער
ז. וויינער
ק. ווייצנער
פּ. זיגעלבוים
י. זינרייך
מ. חרץ
ש. חורש
מ. חלמיש
י. טאַבאַקמאַן
פּראָפ. א. טאַרטאַקאָווער
צ. טודר
ח. טורניאַנסקי

ד. טייטלבוים
ז. טעלעסין
י. יאַנאַסאָוויטש
מ. יווילער
מ. יונגמאַן
י. יקיר
א. לאָוב
יצחק לודען
יוסף לודען
א. לייבאָוויטש
י. לייטמאַן
א. ליס
פּראָפ. ס. ליפּצין
אורי לעסער
י. לערנער
נ. לערנער
אסתּר מאַרקיש
ב. י. מיכלי
י. מענדעלסאָן
א. נאָווערשטערן
פּראָפ. דב נוי
י. ניומאַן
מ. סאַקציער
א. סעגאַל
פּראָפ. דב סדן
א. סוצקעווער
י. סטאָלאַרסקי
ש. סמאָלאַר
ד. ספּאַרד
ס. סקורקעוויטש
א. ענגעלשטערן
מ. ערעם
ל. פּאָדריאַטשיק
י. פּיטלאָוויטש
ח. פינקעלשטיין
ש. פעדער
ע. פעלד

ד״ר ב. פרימער
אליעזר פרענקעל
מ. צאַנין
א. קאַגאַן
י. קאָרן
ז. קאַרפּינאָוויטש
ז. קלוטשקאָווסקי
י. קערלער
ד. קראַטקאָ
מ. קראָשניץ
מ. ראַדזינסקי
ח. ראָזענצווייג
ל. ראַכמאַן
נ. ראָפּפּ
א. רובינשטיין
מ. רעכטמאַן
א. ט. שאַרגעל
י. צ. שאַרגעל
ז. שוואַרץ
ש. שווייצער
י. שושני
ד. שטאָקפיש
ר. שטיינהאַרד
א. שעדלעצקי
מ. שעכטער
פּראָפ. ח. שמערוק
א. שמרי
ש. שנהוד

פאַרטרעטער

א. אהרונסאָן
ק. אַראָנאָוויטש
מ. ביאַליקמאַן
א. בערמאַן
ר. גליק
י. גרין
ש. האַמבורג

וואַלערשטיין
ק. וויין
א. ווייצפעלד
ש. טאָפּ
מ. לוי
ש. לענט
ש. סאַפּראַן
ה. סמאָלאַר
מ. עפּשטיין
פ. פינקעלשטיין
מ. קאָטיק
מ. קאַראַש
ה. קיימאַן
י. ראָדזועלי
י. רובין
ד. שאַרפהאַרץ
י. שפּאַן
י. שפּירא

פאַראייניקטע שטאַטן

י. אלפאסא
ה. אַסטראָך
ש. אַפּטער
ה. באַס
מ. באַס
ז. באַומגאָלד
ח. בעז
ב. בעקער
י. ברעסלאַו
דזשאַז וואַלעי
ד. גילדין
ב. געבינער
י. געפנער
שרה געצאָף
ב. גראָספעלד
שרה דינין
ש. הארוואַט

פ. היימאַן
פראָפ. מ. י. הערצבערג
ד"ר א. הערצבערג
פ. הערשטיין
ב. וואַנאַמייקער
פ. ווײַנזאַפט
ה. ווײַנשל
ש. וועבער
ה. זיגאַס
מ. זעלמאַנאָוויטש
א. טארמאַן
ב. טוגענבערג
פ. טעמפּער
א. טרייסטער
ש. יאַקאַר
פרוי ש. יאַקאַר
ל. יודאָף
י. כהן
פ. כהן
פראָפ. י. לאַנדיס
פרוי לאַנדיס
י. ליטעווקאָ
ד. לייוויק
פרוי לייוויק
ש. מאַלץ
ג. מאָרגענטאַלער
ש. מאַרקאָוויטש
ב. מיד
וו. מיד
ש. מילמאַן
ד. מילער
י. מלאָטעק
י. מלמד
מ. נודעלמאַן
פ. נודעלמאַן
פ. נוימאַן
ל. סילווער

ל. סעגאַל
ש. פּאַלעווסקי
פרוי ס. פּאַלעווסקי
ב. פּופּקאָ
ה. פּיין
ג. פישמאַן
ד. פישמאַן
י. א. פישמאַן
מ. פישער
ה. פלאַווקינס
ה. פלאַט
ז. פרידמאַן
מ. פרידמאַן
פרוי פרידמאַן
א. פרענקעל
ש. צוקער
י. צעלעמענסקי
פרוי ג. קאַהאַן
ד. קאַץ
ה. קאָרע
א. ראַבין
י. ראָטשטיין
ד. ראַפּאַפּאָרט
ב. רעזניקאָוו
י. שאַפּיראָ
ח. שוטשינסקי
ד"ר אליהו שולמאַן
מ. שטיקער
מ. שטריגלער
ש. שלאָסער
פרוי ס. שלאָסער
ש. ל. שניידערמאַן
י. שפּיראָ

קאַנאַדע

ד. אויגענפעלד
ד. אירליכט-מאַרטאָן

ל. באָטווייניק
א. באַש
י. בערמאַן.
י. גאַנשאַר
ט. גלאַסראָד
ס. דאַוואַנג
פעליקס דאָוואַנג
ש. דונסקי
ב. דרעזנער
ד. וואַסערמאַן
פ. ווייסבערג-אַקסלראָד
י. ד. וויקטאָר
י. ב. זאַלצבערג
מרדכי חסיד
ה. טאָפּער
ס. לויטען
וו. ליטווין
מ. ליפשיץ
ס. ליפשיץ
אַרטור לערמער
פ. מיראַנסקי
ה. מעטאַלאָוויעץ
ש. סימכאָוויטש
ה. סרעברעניק
י. עלבערג
א. פּאַרקאַס
ח. ל. פוקס
א. פיינער
פירסטענבערג
מ. פישמאַן
מ. פעדערמאַן
ח. ראָזענפאַרב
ש. ראָזענפעלד
א. שיינעס
ב. שאָקעס
ח. שפּילבערג

פראַנקרייך

י. אָפּאַטאָווסקי
ה. גאָלדפּינגער
מ. גליקסמאַן
א. דערטשאַנסקי
מ. וואַלדמאַן
י. וואַרשאַווסקי
י.ווירצער
ט. זוסמאַן
מ. לבני
מ. ליטווין
ל. לענעמאַן
מ. מילבערגער
י. פּאַזניאַק
י. פינער
ב. פרענקעל
מ. צוקערמאַן
ז. קאָלעשניקאָוו
י. קאַרמאַן
ש. קלינגער
ש. קערנער
י. שאַלאַט
י. שולקלאַפּער
א. שיידענפיש
ב. שלעווין

בעלגיע

אַווערבוך
י. בורשטיין
י. ווייס
א. ועסאָלי
א. סטאַרזשינסקי
ל. שאַפּראַן

רומעניע

וו. טאַמבור
וו. רוסאָ

שוועדן

ה. באַנקיר
ז. בערקאָוויטש

ענגלאַנד

ל. הירשאָוויטש
י. זאַנטאַג
י. פרענקעל
ב. שטענצל
א. י. ליסקי

אירלאַנד

א. ה. אויערבאַך (דובלין)

אַרגענטינע

מ. גראַניצאַ
נחום בורשטיין
אַל. גורלי
י. פּאַלאַטיצקי
משה שפּרינבערג

בראַזיל

א. גאַלפּער
י. גוטערמאַן
ח. געלער
פסח טאַבאַק
ג. יורקעוויטש
בערל פוקס
שמריה לין
ק. קאַלמאַנאָוויטש
מ. קורצמאַן
יאָנאַס רייך

ווענעצועלאַ

ב. קעסטנער
מ. מאַרקוס

מעקסיקע

יעקב גלאַנץ
טוביה מייזעל
משה רובינשטיין

אויסטראַליע

א. אַלבערט
פ. אַלבערט
רוזשקע באַט
י. גלאַנץ
ג. גריפּענבערג
י. דאַפּנער
ב. ווינער
אַ. זשעלעזניקאָוו
ש. מירעלעס-קאַפּע
ש. טיגעל
מ. פיליפּס
א. ציקערט
י. שער

דרום-אַפריקע

ב. וויניק
ר. זיגעלבוים
ז. טאַבאַכאָוויטש
זלמן לעווי
ר. מאַנטי
פ. קרעמער
ל. שיף
פייגעלע קראַמער

ווי אויך 200 געסט
פון אויסלאַנד

אינהאַלט

יצחק קאָרן: אַריינפיר 5

דערעפענונגס־סעסיע (23.8.1976) 7

ערשטע פּלענאַרע סעסיע (24.8.1976) 37

די נאָכמיטיק־סעסיע — באַריכטן (24.8.1976) . 83

די זיצונגען פון די קאָמיסיעס (25.8.1976) . . 139

אַלגעמיינע פּלענאַרע סעסיע (26.8.1976) . . 201

שלוס־סעסיע (26.8.1976) 217

דעקלאַראַציע 232

רעזאָלוציעס 234

פאָרשלאָגן און רעקאָמענדאַציעס 235

רשימה פון פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ . . . 243

רשימה פון די דעלעגאַטן 243